STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03531

DI YUDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יודישע
פאלקס־געשיכטע

נאך דער

„פאלקסטהימליכער געשיכטע דער יודען"

— פון —

פראפעסאר ה. גרעטץ.

ניי איבערדרוקט, אויסגעבעסערט און פערפאלקאמט
ביז צו דער געגענווערטיגער צייט
פון בן־צבי.

ערשטער טהייל.

היברו פאבלישינג קאמפאני
87-85-83 קאנאל סטריט, ניו יארק.

אינהאלטס־פערצייכניס:

נאָר דיא אַלטע צייט.

1. דאָס בעזעצען זיך און ווערען א פאָלק 7
2. אנהויב פון מלכים, שמואל און שאול 19
3. דוד המלך 29
4. שלמה המלך 40
5. דאָס צופאַלעניש פון דער אידישער מלוכה 44
6. דיא לעצטע מלכי ישראל און דיא מפלה פון שמרון 56
7. דאָס רעשטיל יודען 64
8. דיא לעצטע מלכי יהודה 74

דער גלות בבל און דער בית שני.

1. דער גלות בבל 86
2. דאָס אהיים קומען און דאָס נייע ירושלים 92
3. דיא סופרים (אנשי כנסת הגדולה) 103
4. דיא אידען אונטער דיא מלכות מוקדון 109
5. דאָס העלעניזירען מיט געוואלד אין דער צייט פון אנטיאָכוס עפיפאַנעס 120
6. דיא מכבים (מאַקאַבעער) 128

דיא צייט פון חשמונאים.

1. יונתן און שמעון, דיא ערשטע כהנים פון דיא חשמונאים 140
2. דיא נשיאים, שמעון און יוחנן הורקנוס 150
3. אריסתובול דער ערשטער, ינאי אלכסנדר און סלמה אלכסנדרא 162
4. דיא לעצטע מלכים פון דיא חשמונאים 171

דיא צייט פון הורדוס משפחה.

1. הורדוס דער ערשטער 184
2. ארכעלוים און דיא ערשטע רוימישע מנהיגים (פראָקוראַטאָרען) 199
3. אגריפא דער ערשטער 208
4. דאָס פערשפרייט ווערען פון דיא אידען אויף דער וועלט 220
5. אגריפא דער צווייטער 225
6. דיא מלחמה אין גליל געגען דיא רוימער 240
7. חורבן ירושלים 247

פאָררעדע

צו דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע פון היינריך גרעטץ'ס „געשיכטע פון פון דעם אידישען פאָלק".

דאָס היסטאָרישע געפיהל, דאָס בעוואוסטזיין פון אַ היסטאָרישעם פאָלק און דער וואונש צו קענען זיין געשיכטע, איז אַ בעזאָנדערע כאַראַקטעריסטישע אייגענטהימליכקייט פון דעם אידישען פאָלק. שוין אין דיא גאַנץ אַלטע צייטען, ווען די ציוויליזירטעסטע פעלקער פון דער וועלט האָבען נאָך גאָר קיין אידעע געהאַט פון וועלט־געשיכטע, ווען די קונסט פון שרייבען אָדער אויסמאָהלען מענשליכע געדאַנקען דורך געוויסע צייכענס האָט זיך נור וואָס געהויבען צו ענטוויקלען, ריכטיגער נאָך, ווען דיעזע קונסט איז נאָך געגאַנגען אין איהרע קינדער שיכעלעך, האָבען דיא גרויסע אנפיהרער פון דעם אידישען פאָלק שוין געשריעבען וועלט געשיכטע.

דאָס ציוויליזירטעסטע פאָלק פון יענע אַלטע צייטען, די עגיפּטער, האָבען צוואר געשריעבען פיעלע ליעדער, געזענגע און ערצעהלונגען, אָבער זיי האָבען נאָך ניט געטרוימט פון געשיכטע, זאָגאר ניט פון דער געשיכטע פון זייער אייגענעם פאָלק, פון וועלט־געשיכטע, פון דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג און פון דעם פראָגרעס פון דער מענשהייט איז גאָר קיינע רעדע ניט געווען און האָט גאָר ניט געקענט זיין.

דאָגעגען אָבער הויבט זיך אָן תורת משה, דער חומש, מיט דער וועלט־געשיכטע, מיט דער געשיכטע פון דעם ערשטען מענשען און זיינע נאָכקאָמען, דיא דורות נאָך איהם. דער נאָמען תורה בעדייטעט לעהרע, געזעצע, מאָראַל, פאָרשריפטען, ווי זיך אויפצופיהרען אין לעבען. די תורה וואָלט אַלזאָ געדאַרפט זיך אָנהויבען מיט געזעצע, חוקים, משפטים, דינים, דאָס היסטאָרישע געפיהל, ריכטיגער נאָך, דאָס היסטאָרישע בעדירפניס פון דעם אידישען פאָלק אָבער האָט פעראַנלאַסט משה רבינו, ער זאָל אָנהויבען זיין תורה מיט היסטאָרישע ערצעהלונגען און געשיכטליכע בעשרייבונגען פון דער פערגאַנגענהייט.

דאָס גאַנצע ערשטע בוך, ספר בראשית, בעשטעהט נור פון געשיכטע: פון דער געשיכטע פון דעם ערשטען מענשען, אדם הראשון, פון זיינע קינדער,

II.

פון דעם אנפאנג פון אקערבוי, פיהצוכט, מוזיק און האנדוועשקע. יבל איז געווען דער פאָטער פון נאמאדען און פיהציכטער. „אבי כל יושב אהל ומקנה". זיין ברודער יובל איז געווען דער פאָטער פון אלע מוזיקער: „אבי כל תופש כנור ועוגב". תובל קין איז געווען דער פאָטער פון אלע מעכאניקער: „לוטש כל חרש נחשת וברזל". שפעטער דערצעהלט אונז דאָס זעלבע ספר בראשית פון דעם מבול, פון פאָטער נח מיט זיין תיבה. און ווי ער איז געוואָרען דער ערשטער פלאנצער פון דעם וויינשטאָק און ווי ער האָט אויסגעפונען די זאָנ־דערבארע קראפט, וועלכע געפינט זיך אין וויין. ווייטער ווערט דערצעהלט פון דעם דור הפלגה, פון דעם ערשטען גרויסע געביידע, דעם טהורם פון בבל, און פון דעם ענשטעהען דער פערשיעדענע שפראַכען. שפעטער דערצעהלט אונז דאָס זעלבע בוך פון דעם אור־פאָטער פון דעם אידישען פאָלק, פון אברהם אבינו, פון זיינע וואנדערונגען אין פערשיעדענע לענדער, פון די קריעג, וועלכע ער האָט געפיהרט און פון זיינע זיעגע איבער די קעניגע פון ווייטע לענדער. דאָס 14טע קאפיטעל פון בראשית, וועלכעס הויבט זיך אָן מיט „ויהי בימי אמרפל מלך שנער," איז א קאפיטעל פון דער וועלט־געשיכטע. דיא געבורט פון ישמעאל, פון עשו און יעקב, די גרינדונג פון דעם שפעטערען קעניגרייך ארום און פון אנדערע קעניגרייכע און פירסטענטהימער, זיינען קאַ־פיטלעך פון דער וועלט־געשיכטע.

עס איז וואהר, אז ווייטער בעשעפטיגט זיך דאָס בוך בראשית נור מיט דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק, אָבער אימער נור מיט געשיכטע.

דאָס צווייטע בוך פון תורת משה, ספר שמות, הויבט זיך וויעדער אָן מיט דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק און עס ווערט פאָרטגעזעצט ביז צום 20טען קאפיטעל, ווען עס הויבען זיך שוין אָן געזעצע, חוקים, משפטים און מאָראל לעהרען, אָבער אויך דיעזע געזעצע און לעהרען ווערען פון צייט צו צייט אונטערבראָכען מיט היסטאָרישע ערצעהלונגען פון דיא וואנדערונגען פון דעם אידישען פאָלק אין דער מדבר.

אין די פאָלגענדע ביכער: ויקרא, במדבר און דברים, געפינען מיר די־זעלבע אָרדנונג אָהן דעמזעלבען פלאן. געזעצע, פאָרשריפטען און מאָראלישע לעהרען, אונטערבראָכען און דורכגעפלאָכטען מיט היסטאָרישע ערצעהלונגען. מען קען גאנץ פעסט בעהויפטען, אז דער הויפט כאראקטער פון תורת משה איז געשיכטע. אָנפאנגס וועלט־געשיכטע און שפעטער נור די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק. נאָך מעהר, דער הויפט גרונד פון פיעלע מצות, חוקים ומשפטים איז א היסטאָרישער. די הויפט אידישע יומים טובים זיינען היס־טאָרישע עראינערונגען. לא תתעב מצרי, כי גר' הייית בארצו, איז א היסטאָרישע עראינערונג. „לא תתעב אדומי, כי אחיך הוא", איז וויעדער געגרינדעט אויף א היסטאָרישען פאקט.

די הייליגע שריפט נאָך תורת משה, די ביכער יהושע, שופטים, שמואל

און מלכים, זיינען היסטאָרישע ווערק. זיי בעשטעהען אין גאַנצען פֿון דער געשיכטע פֿון דעם אידישען פֿאָלק און פֿון זיינע בעציהונגען פֿון די פֿעלקער ארום. זיי גיבען אונז אַ דאָפּעלטע געשיכטע: די געשיכטע פֿון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע בעגעבענהייטען און די געשיכטע פֿון דעם אינגערען לעבען פֿון דעם פֿאָלק, פֿון זיין וועלט אנשויאונג, פֿון זיינע זיטען און געברויכע און פֿון זיינע געפֿיהלע. זיי דערצעהלען אונז פֿון דעם פּאָליטישען לעבען פֿון דעם אידישען פֿאָלק און דער צייט פֿון דער אידישער רעפּובליק, בימי שפוט השופטים, פֿון זייערע קריעגע און זיעגע, פֿון די וועלטליכע שופטים אָדער פּרעזידענטען און פֿון די גייסטליכע שופטים אָדער פּרעזידענטען, אנפֿיהרער פֿון דעם אידישען פֿאָלק, ווי עלי און שמואל. זיי דערצעהלען אונז פֿון אַ פֿרוי אַלס פּרעזידענט פֿון דער אידישער רעפּובליק — דבורה: „והיא שופטת את ישראל בימים ההם". דאָס איז אַ וואהרע, רעגעל רעכטע פּאָליטישע געשיכטע. זיי שילדערען אָבער אויך דאָס פֿאָלקס־לעבען און דאָס פּריוואט לעבען פֿון דעם אידישען פֿאָלק. די ערצעהלונגען פֿון מיכה מיט דעם שבט דן, פֿון דער פּלגש בגבעה און די ערצעהלונגען פֿון דעם קליינעם בוך ר ו ת זיינען וואהרע, געטרייע בילדער פֿון דעם פֿאָלקס לעבען. די ביכער שמואל און מלכים דער־צעהלען די געשיכטע פֿון דער אידישער פֿעראייניגטער און געטהיילטער מאָ־נאַרכיע.

אז אויסער דיעזע ביכער, האָבען זיך געפֿונען נאָך אַנדערע היסטאָרישע ביכער ביים אידישען פֿאָלק, בעווייזען אונז פֿיעלע נעמען פֿון היסטאָריקער פֿון יענע אַלטע צייטען, ווי ספר גד הנביא, ספר עידו החוזה, דברי הימים למלכי ישראל און דברי הימים למלכי יהודה. דיעזע היסטאָרישע ביכער זיי־נען צוואר פֿערלאָרען געגאַנגען, עס איז פֿון זיי געבליבען נור דער נאָמען, אָבער דאָס בעווייזט דאָס היסטאָרישע בעוואוסטזיין פֿון דעם אידישען פֿאָלק.

ווען מיר זאָלען בעטראַכטען די ציוויליזירטעסטע פֿעלקער פֿון יענע צייטען, די פֿעניציער און די גריכען, וועלען מיר געפֿינען, אז אין דער צייט, ווען עס האָבען געשריעבען היסטאָרישע ווערק שמואל, גד הנביא, עידו החוזת און אַנדערע, האָבען די פֿעניציער און גריכען נאָך קיין אידעע געהאַט, וואָס עס הייסט געשיכטע. דער גרויסער גריכישער דיכטער האָמער האָט געשריעבען נור געדיכטע. ער האָט בעזונגען דעם טראָמאַנישען קריעג, אָבער ער האָט קיין געשיכטע געשריעבען.

פֿון שרייבען געשיכטע, פֿון קענען זייער געשיכטע, פֿון וועלען וויסען זייער געשיכטע, האָבען געוואוסט נור אידען. די בעריהמטע אידישע נביאים, די ערהאַבענע מאָראַל פּרעדיגער פֿון דעם אידישען פֿאָלק: ישעיה, ירמיה, הושע, עמוס, יחזקאל און אַלע אַנדערע האָבען צוואר געפּרעדיגט נור מאָראַל און האָבען געלערענט נור גוטע זיטען, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבען

IV.

זיי אויך געלערנט און געשריבען געשיכטע. פיעלע קאפיטלעך פון ישעיה, הושע, ירמיה, עמוס, מיכה, זכריה און אנדערע נביאים ענטהאלטען נור היס־טארישע ערצעהלונגען. מיר לערנען פון זיי די געשיכטע פון דעם גרויסען ער־אבער ער סנחריב, פרעה נכו, תרהקה מלך כוש, נבוכדנאצר און אנדערע הער־שער. נור פון דער ביבעל, נור פון דער הייליגער שריפט האט די ציוויליזירטע וועלט געוואוסט פון דיזע הערשער און פון זייערע עראבערונגען. ערשט אין דער נייעסטער צייט האבען היסטארישע פארשער אויסגעפונען פיעלע דאקומענטען, וועלכע בעשטעטיגען די היסטארישע פאקטען פון דער ביבעל. ווען ניט די ביבעל, וואלטען מיר ביז אויף היינטיגען טאג ניט געוואוסט פון יענע נאפאלעאנס פון די אלטע צייטען.

די ביבעל האט געוויזען דעם וועג פראנצויז באטהא, דעם ענגלענדער הענרי לאיארד, דזשארדזש סמיטה און אלע אנדערע, וואו צו זוכען און וואו צו געפינען די היסטארישע דאקומענטען און מאנומענטען פון יענע גאנץ אלטע צייטען. דאס אידישע פאלק האט זיך שטענדיג אינטערעסירט מיט זיין אייגענער געשיכטע און מיט דער געשיכטע פון די פעלקער ארום איהם. ביים אידישען פאלק איז עס געווען א וואהרעס בעדירפניס צו קענען זיין געשיכטע און די וועלט געשיכטע.

נאך דעם חורבן בית ראשון איז דיזעס היסטארישע געפיהל צוואר אונ־טערבראכען געווארען אויף א קורצע צייט, אבער קוים זיינען זיי צוריק געקומען פון גלות בבל, האבען זיי ווידער אנגעהויבען זיך צו בעשעפטיגען מיט געשיכ־טע. די ביכער עזרא, נחמיה, דניאל און דברו הימים זיינען היסטארישע ווערק. אויסער דעם זיינען אין יענער צייט אנגעשריבען געווארען פיעלע האלב היס־טארישע, האלב פאנטאסטישע ביכער, וועלכע אידען האבען צוואר ניט אנ־גענומען, אנדערע פעלקער אבער האבען זיי אנגענומען אלס היסטארישע ווערק און האבען זיי גערופען „אפאקריפי", פערבארגענע שריפטען, ניט פערעפענט־ליכע היסטארישע ביכער, ווי דער צווייטער טהייל פון עזרא, די דריי ביכער פון די מכבים אדער מאקאבעער און אנדערע קלענערע ערצעהלונגען.

דאס היסטארישע געפיהל ביי אידען איז קיין מאל ניט פערלאשען גע־ווארען. זאגאר אין די צייטען פון דעם גרעסטען אונגליק פאר דעם אידישען פאלק, נאך דער צושטערונג פון דעם בית שני דורך דעם רוימישען קייזער טיטוס, האט דער געלערנטער יאזעפוס־ פלאוויוס אנגעשריבען די געשיכטע פון דעם אידישען פאלק ביז אין זיין צייט.

עס איז א מערקווירדיגער פאקט, אז אין דער צייט, ווען יאזעפוס פלאוויוס האט אנגעשריבען זיין געשיכטע פון דעם אידישען פאלק, האבען די גריכען שוין לאנג געהאט זייערע פילאזאפען: סאקראטעס, פלאטא, אריסטאטעלעס און אנדערע, אבער קיין געשיכטע. די רוימער האבען געהאט גרויסע הערשער, קלוגע געזעצגעבער, בעריהמטע אדוואקאטען, בעגייסטערטע פערטהיידיגער פון

V.

דעם פאָלק, טאַפּפערע גענעראַלען, גרויסע דיכטער, אָבער קיין געשיכטע און קיינע געשיכטע שרייבער. דער ערשטער רוימישער געשיכטע שרייבער, טיטוס ליוויוס, וועלכער האָט ווירקליך אָנגעשריעבען די געשיכטע פון רוים, האָט געלעבט אין דער זעלבער צייט פון יאָזעפוס פלאַוויוס און עס איז נאָך א פראַגע, וואָר עס האָט פריהער געענדיגט זיין געשיכטע.

מען רופט דעם גריכישען היסטאָריקער העראָדאָטאָס „דער פאָטער פון דער געשיכטע". דאָס איז אָבער גרונד פאַלש. דער פאָטער פון דער געשיכטע איז געווען משה רבינו, וועלכער האָט אָנגעשריבען א וועלט-געשיכטע טויזענד יאָהר פריהער, איידער העראָדאָטאָס איז געבאָרען געוואָרען. דאָס אידישע פאָלק איז געווען א היסטאָרישעס פאָלק פיעלע הונדערטער יאָהרען, איידער עס איז נעקומען אין דעם קאָפּ פון א גריכישען דענקער צו שרייבען געשיכטע.

מיט יאָזעפוס פלאַוויוס איז געשטאָרבען דער לעצטער גרויסער אידישער היסטאָריקער פון די אַלטע צייטען. עס איז אָבער געשטאָרבען נור דער היס־טאָריקער, ניט דאָס היסטאָרישע געפיהל און ניט דאָס בעדירפניס פון היס־טאָרישע קענטניסע. דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק האָט זיך געענדערט. די געגענוואַרט איז געוואָרען דונקעל און טרויעריג. אין יעדען לאַנד האָבען די דאָרטיגע אידען געלעבט אונטער אַנדערע אומשטענדע, אונטער אַנדערע פער־העלטניסע. פון אַן אַלגעמיינער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק האָט קיינע רעדע געקענט זיין. אידען זיינען צו זעעט און צושפּרייט געוואָרען איבער אַלע לענדער פון דער דאַמאָלס בעקאַנטער וועלט. דאָס גייסטיגע לעבען פון דעם אידישען פאָלק האָט זיך קאָנצענטרירט און אויסגעדריקט אין דער שולע, אין בית המדרש, אין דער אַקאַדעמיע פון געזעץ קענטניס און געזעץ וויסענשאַפט, מיט אַנדערע ווערטער, אין דער משנה, אין דער גמרא און אין די מדרשים.

דאָס היסטאָרישע געפיהל פון דעם אידישען פאָלק איז אויך דאַן ניט אַנשלאָפען געוואָרען. עס האָט זיך אויסגעדריקט און עס האָט געקלונגען העלל און לויט אין דיעזער נייער ליטעראַטור. מיר געפינען אין תלמוד און אין די מדרשים. פיעלע היסטאָרישע פאַקטען, פיעלע היסטאָרישע געדאַנק-טעג. פיעלע בעשטימונגען פון דעם תלמוד זיינען געגרינדעט אויף היסטאָרישע בעגעבענ־הייטען. דער חכמי התלמוד האָבען אויסגעפונען פיעלע אַלטע היסטאָרישע דאָקומענטען, וועלכע זיי פלעגען רופען מגלות סתרים, פערבאָרגענע ראָללען אָדער שריפטען. די מסכתא אבות אָדער פרקי אבות הויבט זיך אָן מיט דער שלשלת הקבלה אָדער די געשיכטע פון דער אידישער טראַדיציאָן. „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים". וואו און ווען מען האָט נור געקענט, האָט מען אויסגעפאָרשט און פערצייכענט היסטאָרישע פאַקטען. ווען מען האָט עס ניט געקענט, האָט מען זיך בעשעפטיגט מיט דער אַלטער גע־שיכטע, מען האָט געזאַמעלט לעגענדען, זאַגען און ערצעהלונגען פון די וועלט־צייטען און מען פלעגט זיי איבערגעבען דעם פאָלק אם שבת און אין די ימים

טובים. שפעטער האָט מען זיי פערשריעבען אלס הגדות פון דעם תלמוד און אין די מדרשים.

די גרויסע מענער פון דעם אידישען פאָלק, די חכמי התלמוד, פלעגען אָפט פיהרען דעבאַטען און געזעץ שטרייטינגקייטען איבער היסטאָרישע בענעבענהייטען. יעדער האָט געזוכט מיטלען און וועגען, ווי אזוי די תורה, די אַלטע לעהרע און די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק זאָל ניט פערגעסען ווערען. יעדער האָט געזוכט צו בעשעפטיגען דעם גלויבען, צו פערשטאַרקען דאָס אידישע נאַציאָנאַל געפיהל און אויפרעכט צו האַלטען די אידישע האָפנונגען אויף א בעסערע צוקונפט.

עס האָט זיך געבילדעט א סאָרט אַריסטאָקראַטיע. מען האָט אָנגעשריבען א ספר יוחסין. יעדער איד, וועלכער האָט נור געקענט, האָט געזוכט צו בעקומען א יחוס בריעף, א בעוויז, אז ער קומט ארויס פון בעוואוסטע עלטערן, אז ער איז א היסטאָרישע פערזאָן.

דער תלמוד און די מדרשים גיבען איבער ניט נור היסטאָרישע פאַקטען פון זייערע צייטען, זיי שפּיעגלען אויך אָפּ דאָס אינערע לעבען פון דעם אידישען פאָלק, זיינע פריידען און זיינע ליידען, זיין ווירקונג און זיין שטרעבען, זיינע וועלט אנשויאונגען און זיינע האָפנונגען. דער תלמוד און די מדרשים זיינען וואהרע, עכטע היסטאָרישע ווערק, אויסגעמישט מיט ביבעל ערקלעהרונגען און געזעץ בעשטימונגען. די שול, דאָס בית המדרש, איז געוואָרען דער פּלאַץ, וואו דאָס אידישע פאָלק האָט געקענט בעפרידיגען זיין בעדירפנים פון היסטאָרישע קענטניסע.

דיא צייטען אָבער זיינען אימער ערגער געוואָרען פאר אידען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען פערפאָלגונגען, אונטערדריקונגען, פעראַכטונגען און בעליידיגונגען. אידען האָבען געמוזט אויסוואנדערען פון לאַנד צו לאַנד און ארומוואַנדערען פון פאָלק צו פאָלק. דאָס קריסטענטהום איז געוואָרען אימער מעכטיגער און עס האָט געשטרעבט אָפּצונעהמען די וועלט. דאָס יודענטהום איז איהם געוואָרען א דארן אין אויג. די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק איז געוואָרען די געשיכטע פון זייערע ליידען, שמערצען, פערפאָלגונגען און ערנידערונגען.

דאָס בוך „שבט יהודה“ פון רבי שלמה אבן ווירגא איז דאָס בעסטע היסטאָרישע ווערק פון יענע צייטען פון מיטעל אַלטער. אין דער צייט פון די קרייצציגע זיינען ווילדע, פאַנאַטאַזירטע, באַרבאַרישע באַנדען אָנגעפאַלען אויף פיעלע אידישע געמיינדען אין פערשיעדענע לענדער און האָבען גערויבט און געמאָרדעט אידען אָהן שוינונג און אָהן ערבאַרמען. די לעהר־שולען, די בתי מדרשים, האָבען געמוזט געשלאָסען ווערען. אידען האָבען דערצעהלט די געשיכטע פון זייערע ליידען אין קנות, אין סליחות, און תפלות און פּיוטים.

דער געלערנטער לעאָפּאָלד צונץ האָט אויסגעפאָרשט דיעזע אידישע

VII.

תפלות פון די שפּעטערע צייטען און האָט בעוויזען, ווי יעדע סליחה, יעדע קנה און פיעלע תפלות זיינען פערפאַסט געוואָרען אלס היסטאָרישעם מאָנומענט, אלס עראינערונג פון א טרויעריגער בעגעבענהייט פון דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק. די בעוואוסטע קנה „שאלי שרופה באש לשלום אבליך" איז פערפאַסט געוואָרען פון רבי מאיר מרויטענבורג אין דעם 13טען יאָהרהונדערט איבער די ספרי תורות, וועלכע די קרייצפיהרער האָבען פערברענט אין פיעלע שטעדט אין דייטשלאַנד. די תפלה „אב הרחמים" איז פערפאַסט געוואָרען אין דער זעלבער צייט.

אלס היסטאָרישע עראינערונג פון שפּעטערע צייטען האָבען מיר די סליחות לכ' סיון, וועלכע בעשרייבען דאָס אידישע מאַרטירערטהום אין 1648—1649 אָדער גזירת ת"ח אונטער באָגדאַן כמיעלניצקי.

אידען זיינען איינגעשלאָסען געוואָרען אין געטאָס און זייער איינציגער טרייסט, זייער איינציגע פרייד און האָפנונג איז געבליבען זייער אַלטע ליטע־ראַטור. דאָס היסטאָרישע געפיהל איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אָבער ניט אָפּגע־שטאָרבען. געלערנטע אידען האָבען צוואר געשריעבען ביכער נור איבער גע־זעצע, דינים און מנהגים, אָבער אין די פאָררעדען און איינלייטונגען צו דיעזע ספרים געפינט מען גאַנץ אָפט וויכטיגע היסטאָרישע פאַקטען. מען דאַרף זיי נור זאַמלען. מען דאַרף זיי זוכען, מען דאַרף זיי אויסזיפּען און אויסקלייבען. דאָס איז קיין לייכטע ארבייט. מען מוז זיך גיבען פיעל מיה, מען מוז האָבען פיעל געדולד אום צו זאַמלען אלע דיעזע דאָקומענטען, אלע דיעזע שריפטען, אלע דיעזע פאַקטען און עראינערונגען.

די פערפאָלגונגען און אונטערדריקונגען האָבען נאָך מעהר צו זעעט און צושפּרייט דאָס אידישע פאָלק. דאָס צוזאַמענשטעלען פון א געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק איז געוואָרען נאָך שווערער. די אידען פון יעדען לאַנד האָבען גע־האַט זייער אייגענע געשיכטע.

מיט דעם אָנפאַנג פון דעם 17־טען יאָהרהונדערט איז געקומען א נייע צייט פאַר די מענשהייט. די פעלקער האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערען פריי־הייט און גלייכהייט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן און די קריעג, וועלכע נאַ־פּאָלעאָן דער ערשטער האָט געפיהרט, האָבען פערבריימעט ליכט און פרייהייט אין אלע ציוויליזירטע לענדער. אויך אידען האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערען מענשען רעכטע, און אויך בירגער רעכטע. דאָס היסטאָרישע געפיהל און דאָס היסטאָרישע בעדירפנים פון דעם אידישען פאָלק האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שווערען היפּנאָטישען שלאָף און האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערען א גע־שיכטע, אן אלגעמיינע אידישע געשיכטע פון די אַלטע ביז אין די נייע צייט־טען.

פיעלע אידישע געלערנטע האָבען דאַן פּרובירט אָנשרייבען געשיכטע

VIII.

ביכער אָדער וועניגסטענס געשיכטליכע ביכער, היסטאָרישע שריפטען, פאָלשטענדיג געלונגענע, א גוטע, ריכטיגע, וויסענשאַפטליכע געשיכטע האָט אָבער אָנגעשריעבען נור איינער — ר ב י ה י ר ש ג ר ע ט ץ אָדער פּראָפעסאָר היינריך גרעטץ.

היינריך גרעטץ האָט אם בעסטען געקענט די קוועללען, פון וועלכע מען קען שעפּען מאַטעריאַל פאר די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק. ער האָט אויסגעלערנט און אויסגעפאָרשט אלע גריכישע און לאַטיינישע שריפטען, וואו עס ווערען דערמאהנט פאקטען פון דער אידישער געשיכטע. ער איז געוועזען גוט בעקאַנט מיט דעם תלמוד און מדרשים. ער האָט גוט געקענט די גרויסע אידישע ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט נאָך דעם תלמוד און דערביי האָט ער אויך גוט געקענט די ליטעראַטורען פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען אירגענד וועלכען בעצוג אויף אידען און יודענטהום.

היינריך גרעטץ האָט אָנגעוויזען, ווי צו פערשטעהן דעם תלמוד און די מדרשים, ווי זיי צו „לערנען", ווי זיי צו קענען און ווי אזוי אויסצוגעפינען דעם היסטאָרישען זינן, די היסטאָרישע בעדייטונג און דעם היסטאָרישען ווערטה פון די פערשיעדענע שולען, פערשיעדענע מיינונגען און פערשיעדענע שטרעבונגען פון די חכמי התלמוד, פון די גרויסע גייסטער פון דעם יודענטהום אין די פיער־פינף יאָהרהונדערטע נאָך דעם חורבן בית שני.

ווער עס האָט קיין געשיכטע געלערנט, דער מאכט געוועהנליך צוויי גרויסע פעהלער. ערשטענס, ווען ער לערנט דעם תלמוד און ער געפינט דאָרט: „אמר רבי יהושע", „אמר רבי אליעזר", „בית הלל אומרים", „בית שמאי אומרים", שטעלט ער זיך פאָר, אז דאָס זיינען געוועזען נור „זאָגער", באַנקקוועטשער, אַקאַדעמיקער, וועלכע האָבען געשטעלט געוויסע פראַגען נור אום צו קענען זיך מפלפל זיין, אום צו דעבאַטירען, אום ארויסצואווייזען זייערע קענטניסע. פון דער וועלט, פון דעם ווירקליכען לעבען, פון די פּאָליטישע, רעליגיעזע און סאָציאַלע שטרעמונגען און שטרעבונגען פון זייער צייט האָבען זיי גאָר קיינע אידעע געהאַט. היינריך גרעטץ ווייזט אונז, אז די חכמי התלמוד זיינען געוועזען ניט נור „זאָגער", זאָנדערן מענשען, וואהרע מענשען פון בלוט און פלייש, ווירקליכע אָנפיהרער פון זייער פאָלק, וועלכע האָבען טיעף געפיהלט דאָס וואָהל און דאָס וועה פון זייער פאָלק. די צוויי גרויסע שולען, וועלכע מיר רופען געוועהנליך „בית שמאי" און „בית הלל", זיינען געוועזען די פאָרשטעהער און פערטרעטער פון צוויי שטרעמונגען, פון צוויי אידיש־סאָציאַלע פּאַרטייען. יעדע פּאַרטיי האָט עס געוויס גוט געמיינט מיט דעם פאָלק און האָט געשטרעבט צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון איהר מיינונג דורך געזעץ בעשטימונגען. מיר קענען זאָגען, אז די „בית שמאי", האָבען פאָרגעשטעלט די שטרענג אָרטהאָדאָקסע פּאַרטיי און די בית הלל — די ליבעראַלע פּאַרטיי. דאָס זעלבע קענען מיר זאָגען פון די אַנדערע גרויסע מענער, די בעלי מחלוקת פון דעם תלמוד.

XI.

רבי עקיבא איז געוועזן אַן עכטער רעוואָלוציאָנער. ער איז געוועזן איבער־צייגט, אַז ווען אַלע אידען זאָלען זיך פעראייניגען, קענען זיי לייכט אַראָפוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון רוים. ער האָט אויך געווירקט אין דיעזען זינן און האָט אָנגעזאַמעלט אַן אַרמעע פון אַכט און פיערציג טויזענד מאַן און איז געגאַנגען מיט זיי אָפּנעהמען ארץ ישראל. אַלס גענעראַל האָט ער אויסגעקליבען שמעון בר כוכבא, וועלכער האָט געדיענט אין דער רוימישער אַרמעע און האָט אויס־געלערענט די רוימישע קריעגס קונסט. אין תלמוד אין די מדרשים איז דער־מאָהנט דער פאַקט פון דער רעוואָלוציאָן אונטער דער גייסטיגער אָנפיהרונג פון רבי עקיבא און אונטער דער מיליטערישער אָנפיהרונג פון בר כוכבא, אָבער ערשט היינריך גרעטץ האָט דיעזע פאַקטען בעלייכטעט און וואהר היס־טאָריש בעשריעבען. היינריך גרעטץ האָט אויסגעזוכט די רוימישע קוועללען און די רוימישע בעשרייבונג פון דיעזען קריעג און פון די בלוטיגע שלאַכטען, וועלכע דער טאַפּפערער בר כוכבא האָט געפיהרט. בר כוכבא האָט זיך פער־טהיידיגט ווי א העלד. רבי עקיבא האָט געוואָרבען סאָלדאַטען און האָט בע־שאַפען די נויטהיגע פינאַנסען פאַר דעם קריעג. די רוימער האָבען געמוזט בע־ציהען זייער בעסטען גענעראַל אום צו קעמפּפען געגען בר כוכבא.

ערשט ווען מען לעזט די געשיכטע פון דיעזער רעוואָלוציאָן פון היינריך גרעטץ, קען מען פערשטעהן די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק אין דער ערש־טער העלפט פון דעם צווייטען יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייט רעכנונג.

איך האָב געבראַכט דיעזע רעוואָלוציאָן נור אַלס ביישפּיעל. היינריך גרעטץ בעלייכטעט און ערקלעהרט היסטאָריש יעדע פּעריאָדע, יעדען צייט אבשניט פון דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק. ער דערצעהלט ניט נור פאַקטען, ער ערקלעהרט דיעזע פאַקטען. דער תלמוד און די מדרשים דערצעה־לען נור פון די ליידען און שמערצען פון דעם אידישען פאָלק, היינריך גרעטץ שרייבט זיין געשיכטע.

דער צווייטער, גרויסער פעהלער, וועלכען עס בעגעהען אַלע מענשען, וועלכע קענען ניט די געשיכטע, בעשטעהט דאַרין, וואָס זיי נעהמען פאַק־טען, אויסדריקע און ווערטער פון יענע צייטען און פערגלייכען זיי, ערקלעה־רען זיי מיט די בעגריפע, אידעען און אויסדריקע פון אונזער צייט. איך האָב פריהער געברויכט דעם אויסדרוק פון אַן אָרטהאָדאָקסע און ליבעראַלע פּאַרטיי. דאָס זיינען היינטיגע, מאָדערנע אויסדריקע, זיי פּאַסען קוים פאַר די בית שמאי און בית הלל. ווער עס לעזט דעם תלמוד אין די מדרשים און וויל זיי ער־קלעהרען מיט היינטיגע בעגריפע און מיט היינטיגען שפּראַך־געברויך, דער מאַכט גרויסע פעהלער, דער פערשטעהט ניט דיא געשיכטע. נור ווער עס האָט געלעזען היינריך גרעטץ'ס געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק, דער איז אים

X.

שטאנד צו פערשטעהען די פארטייען, די מיינונגען און די וועלט אנשויאונגען
פון יענע אלטע צייטען.

היסטארישע ווערק האבען געשריעבען פיעלע געלערענטע. דער „צמח דוד" פון רבי דוד גאנז אין 16טען יאהרהונדערט. דער סדר הדורות פון רבי יחיאל האלפערין אין דעם 14טען יאהרהונדערט איז א גאנץ וויכטיגעס היס־טארישעס ווערק. רבי יחיאל האלפערין האט בעזאנדערס געפיהלט דאס היסטא־רישע בעדירפנים פון דעם אידישען פאלק, און דאך איז דער צמח דוד און דער סדר הדורות קיין געשיכטע. זיי זיינען גוטע כראניקען, אבער קיין געשיכטע. דער סדר הדורות בעשטימט צוואר גאנץ גענוי די צייט נאך דער אידישער און נאך דער קריסטליכער צייט רעכנונג, ווען יעדער תנא און יעדער אמורא האט געלעבט, אבער נור היינריך גרעטץ ערקלעהרט אונז, וואס יעדער האט געווירקט, וואס ער האט אויפגעטהאן און וואס עס איז געוועז דער גייסט פון זיין צייט.

היינריך גרעטץ גיט אונז א קלאהרען, דייטליכען בעגריף איבער די פעריא־דע פון דער אידישער געשיכטע אין בבל, איבער דאס ענטשטעהען פון דעם תלמוד ירושלמי. ער ערקלעהרט אונז די פעריאדען פון דער אידישער געשיכטע אין שפאניען, און פראנקרייך, אין דייטשלאנד און אין פוילען. ער ווייזט אונז די לאגע פון אידען אין אלע דיעזע לענדער און זייערע בעציהונגען צו די פעל־קער ארום זיי.

היינריך גרעטץ'ס געשיכטע פון דעם אידישען פאלק איז א גאנצע, א פאלשטענדיגע, א וויסענשאפטליך היסטארישע געשיכטע. זי אומפאסט אלע צייטען אין אלע לענדער, וואו און ווען אידען האבען געוואינט, ווי זיי האבען דארט געלעבט, ווי זיי האבען געליטען און ווי זיי האבען זיך ענטוויקעלט גייסטיג און מאטעריאל. היינריך גרעטץ איז אן אונפארטייאישער היסטאריקער. ער איז א הייסער אידישער פאטריאט, אבער ער שעהמט זיך ניט אויסצוזא־גען, וואו אידען האבען געמאכט פעהלער. ווי דער אלטער ישעיה האט זיך ניט געשעהמט אויסצורופען: „הוי גוי חוטא, עם כבד עון", אזוי ווייזט אויף גרעטץ אויף פיעלע פעהלער, וועלכע אידען האבען בעגאנגען. ער ווייזט אויף אייניגע אידישע מענער, וועלכע זיינען געווארען צו שטאלץ און האבען געהאנדעלט פארטייאיש. דאגעגען האט ער קיין מורא צו טאדלען און אויפצואווייזען די אונגערעכטיגקייטען און ניעדערטרעכטיגקייטען פון די געגנער פון דעם אי־דישען פאלק. ער האט ארויסגעזאגט אזוי פיעל ביטערע וואהרהייטען די קעניגע און פירסטען פון דייטשלאנד פון זיין צייט, אז ער האט זיך צוגעצויגען פראַ־צעסען און אנקלאגען פון אייניגע העררשער אין דייטשלאנד און עסטרייך. דער דייטשער שריפטשטעללער היינריך פאן טרייטשקע איז ארויס געגען היינריך גרעטץ אין די דייטשע צייטונגען מיט געוואלדען און געשרייען, אז אידען קענען ניט זיין טרייע בירגער פון דייטשלאנד. אלס בעוויז האט ער גע־

בראבם גרעטץ'ס געשיכטע פון דעם אידישען פאלק.

פאר היינריך גרעטץ'ס אן ארטיקעל אין א וויענער יאהרבוך: „די פער־איגונג דעם אידישען שטאמעס", האט דער אידישער ארויסגעבער געמוזט צאהלען א שווערע געלד־שטראפע.

היינריך גרעטץ האט געשריעבען זיין געשיכטע גערעכט, עהרליך, אונ־פארטייאיש, אלס פארשער, אלס דענקער, הויפטזעכליך אבער אלס היסטארי־קער. עס איז דארום גאר קיין וואונדער, וואס זיין געשיכטע איז באלד איבער־זעצט געווארען אויף אייניגע אייראפעאישע שפראכען. אויף פראנצויזיש און אויף ענגליש איז זיא איבערזעצט געווארען אין גאנצען. אויף רוסיש נור איי־ניגע טהיילע. די רוסישע צענזור האט מעהר ניט ערלויבט. זיין געשיכטע איז אנערקענט געווארען אלס די בעסטע אידישע געשיכטע פון אלע עהרליכע קריסטליכע געלערנטע. די אקאדעמיע פיר היסטארישע וויסענשאפטען פון שפאניען האט איהם אויפגענומען אלס עהרענמיטגליעד און האט איהם גע־שיקט אן עהרען דיפלאם, אבוואהל גרעטץ האט גאר ניט געשוינט די רעגיערונג פון שפאניען און איהר ווילדען פאנאטיזמוס.

גרעטץ'ס געשיכטע פון דעם אידישען פאלק איז געווארען א האנד־בוך פאר יעדען דענקענדען אידען, א לעהר בוך פאר זיינע קינדער אין א ציערונג פאר זיין הויז. ביי יעדען דענקענדען אידען אין שטוב קען מען יעצט געפינען גרעטץ'ס געשיכטע ענטוועדער אין אריגינאל אדער אין אן איבערזעצונג. זייט עס האט זיך ענטוויקעלט א ליטעראטור אויף אידיש דייטש, האט מען אנגעהויבען צו פיהלען דאס בעדירפניס פון אן איבערזעצונג פון גרעטץ'ס געשיכטע אויף אידיש. אין אמעריקא איז עס געווארען א נויטהווענדיגקייט פאר אידען צו האבען ביי זיך גרעטץ'ס געשיכטע פון דעם אידישען פאלק.

א. טאנענבוים.

גאר די אלטע צייט.

ערשטעס קאפיטעל.

דאס באזעצען זיך און ווערען א פאלק.

א לאנד, וואס ליעגט בא'ם ברעג פונ'ם רוישענדען ים, וואס האט אין זיך אי הויכע בערג, אי טיעפע טהאלען, מוז שאפען ביי די מענשען, וואס וואהנען דארט, גאר איין אנדער מין לעבען, און ווען דאס לאנד האט נאך א פרישע, ריינע, ווארמע לופט, רעגען ווען מען דארף, קעלט און היטץ צו דער צייט, כמעט גאר ניט קיין טומאנען און א גערעטעניש אין פירות און תבואה, מוז שוין דאס לעבען זיין עפּיס פון א העכערער מדרגה. ווער שמיעסט נאך ווען דאס פאלק איז נאך פון דיא קינדערשע יאהרען אויפגעצויגען מיט א געפיהל אז עס איז בעשאפען געווארען צו עפּיס גרויס און דערמיט איז עס אבגעטהיילט פון אלע אנדערע פעלקער, און זיינע פיהרער זוכען מיט אלע כחות נאך מעהר איינצוווארצלען ביי איהם דאס געפיהל און מאכען דערפון א פעסטע איבערצייגונג, מוז אזא פאלק בעקומען זיין אייגענעם חאראקטער, וואס ווערט קיין מאל ניט פעראנדערט.

אזא לאנד איז געוועזן כנען, וואס מען רופט עס איצט פאלעסטינא, א שכנה פון דרום זייט געבען פעניקיען, דאס מיטעללאנדישען ים, און דאס פאלק וואס האט זיך דארט באזעצט איז בעשטאנען פון די בני־ישראל. עהדער זיי זענין געקומען אהין, האבען זיי א סך נסים איבערגעלעבט. זיבציג נפשות זענין זיי אין גאנצען געוועהן ווען א הונגער האט זיי ארויסגעטריבען פון כנען, וואו זייערע

עלטערן האבען געוואהנט, קיין מצרים. וואו זיי האבען זיך בעזעצט אין ג ש ן. געהאט זעהר א פריינדליכע אויפנאהמע און זיך שטארק פארמעהרט. פון זיבציג נפשות איז ניך אויסגעוואקסען זיבציג משפחות. וואס האבען זיך איינגעטהיילט אין צוועלף שבטים. די בני ישראל וואלטען שוין אויף תמיד געבליבען אין מצרים. ווען עס שטעהט ניט אויף א נייער מלך, וואס האט אנגעהויבען פאר זיי מורא האבען. טאמיר פארמעהרען זיי זיך צו פיעל און ווערען צו שטארק. און האט זיי געמאכט פאר קנעכט. וואס האבען געמוזט ארבייטען מיטן ביטערן שווייס. טראגען לעהם און ציעגעל און בויען פיראמידען און גאנצע שטאדט. די שווערע ארבייט וואלט זיי מיט דער צייט געוועהן אזוי פארגראבט. אז זיי וואלטען געווארען גלייך צו ווילדע חיות. ווען ביי די אלטסטע פון זיי לעבט ניט דער זכר פון די הייליגע אבות. פון דעם פרומען און פון גאט אויסגעפריוטען א ב ר ה ם. פון זיין געליעבטען בן יחיד י צ ח ק. פון זיין ענינקעל י ע ק ב. וואס האט זיך גענוג אנגעליטען און בעקומען אויך דעם נאמען י ש ר א ל. און ענדליך פון י ו ס ף. וואס האט געטהון אזוי פיעל נוטס דעם לאנד מצרים. נאר וואס מעהר פרישער דעם זכר פון דעם אלעמען איז ביי זיי געוועהן אין הארצען, מעהר האבען זיי געקרעכצט אונטער דעם יאך פון שקלאווערי און פון דעם וועטהיג וואס מען האט זיי בעצאהלט מיט אזא אונדאנקבארקייט.

איינאיינעם מיט דעם זכר האט אויך געטליעט ביי זיי א פונק פון אמונה אין א גאט וואס האט בעשאפען הימעל און ערד און אלדינג וואס איז דארט דא, וואס איז אליין גערעכט און בעשיצט די גערעכטיגקייט און איז ניט אזוי ווי די אבגאטטער „אזירים" און „איזים", אדער אנדערע רינדער, באק און קעץ, וואס די מצרים האבען צו זיי געדיענט. און ווען דער פונק האט אנגעהויבען א ביסעל זיך אויסצו-לעשען ביא פיעלע, וואס צו ליעב דער שקלאווערי האבען זיי פארגעסען ווער זיי זענען און פון וואנען זייא קומען ארויס, איז דאך געוועזען א קליינער טהייל, און בעזאנדערס דער שבט ל ו י. וואס האט זיך פעסט געהאלטען אין דער אלטער ירושת פון די אבות. פון דעם שבט זענען אויך ארויסגעקומען די צוויי ברידער. קינדער פון ע מ ר ם און יו כ ב ד. וואס האבען ניט דערלאזט די בני ישראל זאלען זיך אין גאנצען אבבייסען פון זייער גאט און האבען מיט זיין ליכטיגער שיין בעלייכטעט דאס פינסטערניש. דער יונגערער איז געוועהן מ ש ה. דער ערשטער נביא און דער גרעסטער פאלקסלעהרער, וואס ביי אלע זיינע מעלות האט זיך קיינער מיט איהם ניט געקאנט פערגלייכען אין ענוות. דער עלטערער ברודער א ה ר ן האט געקאנט שענער רעדען, נאר אויבּיסט האבען זיי ביידע געארבייט ביי פרעהן

ער זאל ארויסלאזען ווייערע ברידער פון מצרים, ערשט אז די מצרים האבען געזעהן די געטליכע האנד און עס זענען אויף זיי געקומען די צעהן מכות, האט מען זיי ערלויבט צו פערלאזען דאס לאנד. דער ארויסגאנג פון מצרים האט מיט א מאל געמאכט פון קנעכט א פאלק און דאס נייע לעבען פון דעם פאלק איז געוועהן פול מיט וואונדער: דאס שפאלטען פון דעם ים־סוף, דאס ארומדרעהען זיך פירציג יאהר אין דער מדבר, וואו משה האט זיי צוגעגרייט און געלערנט צו ווערן א פאלק, דיא היילינגע תורה וואס איז געגעבען געווארען אויפ'ן בארג סיני, דער יונגער דור, וואס איז אין דער צייט אונטערגעוואקסען און איז אין גאנצען אבגעוואהנט געווארען פון אלע פעהלער פון דעם אלטערן דור, — דאס אלצדינג האט אויסגעארבייט פון די געוועזענע קנעכט א פריי פאלק, וואס האט זיך מיט זיין אייגענעם כח צוגעשלאגען צו דער אלטער היים, צום לאנד כנען.

נאך דעם טויט פון משה, וואס זיין קבר איז געבליעבען ניט בעקענט, כדי דאס פאלק זאל איהם ניט מאכען פאר א גאט אדער איין אבגאט, האט זיין תלמיד יהושע בן נון, אריבערגעפיהרט די בני ישראל איבער דעם ירדן און מען האט אנגעהויבען נאהנטער זיך צוצוריקען און ארבייטען מ'זאל קאנען אבנעמען דאס לאנד כנען. דער נצחון איבער די צוויי מלכים, סיחון און עוג, פון דער זייט ירדן, האט געשטארקט דאס פאלק, עס זאל זיך מיט מעהר חשק נעהמען ארויסטרייבען די פעלקער וואס האבען געוואהנט פון יענער זייט. דאס באזעצען זיך אין לאנד איז אבער אנגעקומען א סך שווערער ווי דאס איינגעהמען, וואס איז דוקא גרינגער געוועזן, ווייל די בני ישראל זענען געוועזן גראסער אין די צאהל פון די קליינע פעלקערליך, וואס מען האט בעדארפט מיט זיי האבען צו טהון. דאס לאנד כנען איז דאמאלט געוועזן צושטיקעלט אין די האנד פון איין און דרייסיג מלכים, וואס יעדער האט געהאט צו שאפען איבער א שטאדט מיט א פלאץ ארום און איינער מיט'ן אנדערן האבען שטאנדיג געקריעגט. בא אזא לאגע, אז עס האט זיך נאך אנגעהויבען הארען פון וויטענס וואס פאר א גרויס פאלק עס געהט פון מצרים, וואס פאר א פסק עס האבען געחאפט די מלכי אמורי פון יענער זייט ירדן און מיט וואס פאר א בטחון עפיס אויף א גאט איז דאס פאלק מנצח און קומט אלע מאל נאהנטער, איז גאר קיין וואונדער ניט וואס אויף אלע איז געפאלען א שטארקער פחד און די איינוואהנער פון פיער שטאדט, וואס מע האט זיי גערופען אנשי גבעון, האבען זיך אליין אונטערגעגעבען און געווארען שקלאווען. אזוי האבען די בני ישראל איינגענומען פיעל קליינע

פֿאלקער אונ מלכים אין כנען אונ האבען אנגעהויבען הערשען אין דער מיט פונ׳ם לאנד אונ אויך אין דרום זייט. ריקען זיך ווייטער קיין צפון זייט — איז שוין געווען א ביסעל שווערער, ווייל דארט זענען דיא איינוואוהנער געוועהן זעהר שטארק אונ האבען געהאט גענוג כלי־זין, וואס איז נאר געוועהן אין יענער צייט. עס וואלט אפילו דאס אויך געקאנט געראטהען, ווען די בני ישראל האלטען זיך איינס; עטליכע שבטים האבען זיך אבער אבגעזאגט פון ווייטער מלחמה פיהרען אונ האבען ארויסגעלאזט די שווערד פון דער האנד, כדי זיי זאלען זיך שוין אבּ־רוהען אויף דעם שטיקעל ערד, וואס זיי האבען דערווייל פערכאפּט.

דער ערשטער איז ארויסגעשפּרונגען דער שבט יוסף, וואס האט זיך באלד צו־טהיילט אויף צוויי שבטים: אפרים און מנשה. זיי זענען ביי זיך זעהר גרויס גע־ווען אונ האבען זיך גערעכענט פאר מעהר מיוחסים, ווייל יוסף איז געשטאנען אין מצרים אויף גאר א הויכער מדרגה און פון זיי איז טאקי ארויסגעקומען יהושע, דער איצטיגער פיהרער פונ׳ם פאלק. דאריבער האבען זיי זיך צוגענומען דאס בעס־טע שטיק לאנד, צווישען די מיטעלסטע בערג, בא דער שטאדט שכם, וואס ליעגט אין א טהאל, צווישען צוויי בערג גרזים און עיבל, וואס איז געוועהן די געבענטשטע געגענד אין גאנצען לאנד אונ האט געדארפט ווערען דיא הויפּט־שטאדט פון כנען; עס איז זיי אבער נאך קארג געווען אונ אזוי ווי זיי האבען גע־וואוסט אז זיי האבען אזא צד ווי יהושע אין דער משפחה, האבען זיי זיך אנגע־הויבען פאר איהם צו קלאגען אז די צאהל זייערע איז צו גרויס, אז עס איז זיי ענג אונ אז זיי וואלטען בעדארפט נאטהיג האבען נאך דאס פעטע שטיקעלע ערד, וואס ציהט זיך פון הר־אפרים ביז צום בארג תבור. יהושע האט אבער ניט גע־קוקט אויף דעם וואס דאס זענען זיינע קרובים, ער האט זיך געמאכט ניט וויסענ־דיג אונ האט זיי געזאגט: אז איהר זענט יוא אזוי פיעל, קאנט איהר אייך אב־געהמען די בערג אונ דעם וואלד, וואס איז דארט. אז זיי האבען קיין ברירה גע־האט, האבען זיי זיך שוין געמוזט בעגניגען מיט דעם וואס זיי האבען געהאט אונ זיי זענען געבליבען אויף דעם אייגענעם ארט.

קוקענדיג אויף דעם שבט יוסף, האבען אנדערע שבטים אויך דאס אייגענע געטהון, אונ האבען זיך אבגעזוכט ערטער וואו זיי זאלען קאנען בלייבען. פיער שבטים האבען זיך צושפּרייט אין דרום אונ אין מערב זייט, אונ פיער האבען זיך געלאזט ווייטער קיין צפון זייט. די שבטים יששכר, זבלון, אשר און נפתלי זענען ניט געווען אזוי איבערגעשראקען ווי אנדערע אונ האבען זיך א שטארקען רוק געטהון ביז

צום שטאל יזרעאל. א טהייל זענען דארט געבליעבען און די איבריגע האבען דערגרייכט רמת. וואס איז ביי דער דרום זייט פון דעם הויכען בארג לבנון. דא איז מען אבער געבליבען שטעהן, ווייל האלטען מלחמה מיט דיא כנענים. וואס האבען געהאט אייזערנע רייטוואגען און אנדערע בעסטע קריעגסמיטטעל. האט מען זיך ניט געפיהלט אין כח. דער שבט יששכר איז צופריעדען געוועהן וואס ער האט געפונען א וואהל פלאץ מיט פאשע פאר די בהמות. האט ער זיך אונטערגעגעבען די כנענים און האט געדאנקט גאט וואס מען לאזט איהם צו רוה. דעם שבט זבלון באנגען איז געראטהען זיך צוצושלאגען ביז רמה און ניט ווייט פונ'ם בארג תבור אויסרייסען ביי די כנענים א גוט שטיקעל ערד. דיא איבריגע צוויא שבטים. אשר און נפתלי. איז עס שוין שווערער אנגעקומען זיך צו געפינען א מקום מנוחה. ווייל זיי האבען געראד אנגעטראפען אויף א זעלכע כנענים וואס האבען פארשטאנען וויא אזוי זיך צו וועהרען און בעזאנדערס האט זיך א קעגענגעשטעלט יבין דער מלך פון חצור. וואס עטליכע קליינע קאניגע זענען איהם געקומען צו הילף. אז זייא האבען דאס דערזעהן. האבען זיי באלד געשיקט בעטען יהושען און צורישען דיא איבריגע שבטים האט זיך נאך אזוי פיעל געפונען אחדות. אז זיי זענען באלד געלאפען העלפען זייערע ברידער מיט גרויס גבורה אז יהושע מיט זיין חיל איבערגעפאלען די כנענים און באים וואסער מרום האבען זיי געהאט א גוטע מפלה. דעמאלט האבען זיך דיא שבטים אשר און נפתלי בעפעסטיגט אויף דער ערד און זענען געבליבען זיצען בא דער גרעניץ. וואס האט זיי פון צפון זייט אבגעטהיילט פון אנדערע לאנדער.

אין דער איטעגער צייט האבען זיך אנדערע פיער שבטים אבגעזוכט. דורך זייער אייגענער קראפט. ארטער אין דרום-זייט. דעם קליינעם שבט בנימין האבען זיינע נאהענטע קרובים פונ'ם שבט יוסף אבגעגעבען א שטאל און ניט געראטהען שטיק ערד. וואס האט פריהער געהערט צו די גבעונים. און אליין ווייטער געהען איז איהם זעהר שווער געוועהן. אט פונקט אין דער מיט פונ'ם לאנד האבען זיך געפונען די יבוסים. וואס מען האט צו זיי ניט געקאנט צוטרעטען איבער דער פעסטונג ציון. וואס האט זיי געשיצט. און די פעלקער צום ים צו. זענען אויך געוועהן גוט בעוואפענט און מען האט ניט געטארט מיט זיי זאטשעפען. דעריבער האבען זיך די איבריגע שבטים געמוזט באזעצען נאר אין דרום און אין מערב-זייט און דער גראסטער חלק איז אנגעקומען דעם שבט יהודה. וואס האט זיך גערעגענט אי צאהל און אין כח פארן עלטסטען און האט געהאלטען דעם שבט שמעון אונטער זיינע פליגעל

דֶער עֶרְגְסְטֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיפ'ן שֵׁבֶט דָן, וָואס אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ קְלֵיין אוּנ הָאט זִיךְ, וִויא עֶס שַׁיינְט, אֲפִילוּ נִיט גֶעקֶאנְט צוּשְׁלָאגֶען צוּ אַיין אֶלְטֶערְן שֵׁבֶט וָואס זָאל אִיהם שִׁיטְצֶען. עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען נֶעבֶען שֵׁבֶט אֶפְרַיִם, נָאר אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען נִיט גֶעוֶוען קַיין מִילְדֶע מְחוּתָּנִים הָאבֶּען זֵיי אִיהם קוֹים אָבְּגֶע־שְׁפָּארְט אַ קְלֵיין פְּלַאץ, וְואוּ עֶר הָאט זִיךְ גָאר נִיט גֶעקֶאנְט רִיהְרֶען. דִיא בְּנֵי דָן הָאבֶּען חֵשֶׁק גֶעהַאט זִיךְ צוּ בַּאזֶעצֶען אִין טְהָאל שָׁ ר וֹ ן בִּיז צוּם יַם, נָאר פוּן אֵיין זַייט הָאבֶּען זֵיי נִיט דֶערְלָאזְט דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוֹרִים, אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאבֶּען זֵיי גֶעטְרִיעבֶּען טַאקִי אֵייגֶענֶע, דִי שְׁבָטִים אֶפְרַיִם אוּנ בִּנְיָמִין, בִּיז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט אִין גַאנְצֶען אַוֶועקְלָאזֶען אוּנ אָבְּזוּכֶען אֵיין אָרְט גָאר וַוייט אִין צָפוֹן־זַייט. דִי שְׁבָטִים רְ א וּ בֵ ן אוּנ גָ ד הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ גָאר פְרִיהר בַּא־זֶעצְט פוּן יֶענֶער זַייט יַרְדֵן.

פוּן דֶערְסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי בִּיסְלֶעךְ־וַוייס דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם גְרֶעסְטֶען טְהֵייל פוּנ'ם לַאנְד, אוּנ נִיט נָאר אַ סַךְ דוֹרוֹת שְׁפֶּעטֶער, נָאר אֲפִילוּ אִין יֶענֶער צַייט, הָאט עֶס גֶעמוּזְט אוֹיסְזֶעהן נָאר וִוי אַ נֵס. עֶס אִיז נָאךְ קַיין פוּפְצִיג יָאהר נִיט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען זַייט דִיא מְרַגְלִים, וָואס מֶען הָאט גֶע־שִׁיקְט אוֹיסְזֶעהן דָאס לַאנְד, זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעוַואלְד אַז זֵיי הָאבֶּען גֶעזֶעהן פַאר זִיךְ רִיזֶען, מָרָה־נֶפֶשׁ'נִיקֶעס, אוּנ פְלוּצִים אִיז גָאר אוֹיף דִיא גִבּוֹרִים אָנְגֶעפַאלֶען אַזַא שְׁרֶעק, אַז פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען אַלֵיין אָנְגֶעבוֹי־גֶען דִי קָאפּ אוּנ דִי אִיבְּרִיגֶע עַקְשָׁנִים הָאבֶּען גֶעמוּזְט מִיט חֶרְפָּה אוּנ בּוּשָׁה אַנְטְ־לוֹיפֶען. דָאס הָאט בַּיי'ם פָאלְק אַלֵיין אוֹיסְגֶעאַרְבֵּייטֶעט אֵיין אִיבֶּערְצַייגוּנְג אַז טַאקִי נָאר גָאט הַאלְט פַאר אִיהם מִלְחָמָה אוּנ פַארְדְרֶעהט דִי מחות פוּן דִי שׂוֹנְאִים, אוּנ מִיט שֶׁאנֶע קְלִינְגֶענְדֶע לִיעדֶער הָאבֶּען דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל פֶּערְ־חַתְמֶ'עט בַּיי זִיךְ אִין הַארְצֶען דֶעם זִכָּרוֹן פוּן זֵייעֶר אַרוֹיסְגַאנְג פוּן מִצְרַיִם, פוּנ'ם שְׁלֶעפֶּען־זִיךְ אִין דֶער מִדְבָּר אוּנ פוּנ'ם אַרַיינְקוּמֶען קַיין כְּנַעַן.

נָאר וֶוען אֲפִילוּ נָאר דִי אָרֶעמְסְטֶע שְׁבָטִים, שִׁמְעוֹן אוּנ דָן, הָאבֶּען פָּארְט גֶעהַאט יֶעדֶער וָואס נִיט אִיז פַאר אַ פְּלַאץ, אִיז דֶער שֵׁבֶט לֵוִי גֶעבְּלִיבֶּען אִין גַאנְצֶען אִין דְרוֹיסֶען, וַוייל מֹשֶׁה: וָואס הָאט גֶעוָואלְט אַז דִי לְוִיִּם זָאלֶען דִיענֶען גָאט בֶּאֱמֶת אוּנ זָאלֶען נִיט זַיין וִוי דִי כֹּהֲנִים פוּן מִצְרַיִם וָואס פְלֶעגֶען אָנְקְלוֹיבֶּען גְרִידֶעס גָאלְד, הָאט אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלֶען זִיךְ נִיט אָבְּגֶעבֶּען מִיט קַיין וֶועלְט זַאכֶען אוּנ לֶעבֶּען נָאר פוּן מַעֲשֵׂר. צוּם אָנְהֵייבּ אִיז זֵייעֶר בֶּעשְׁטִימְט אָרְט גֶעוֶוען אִין גִלְגָל, צְווִישֶׁען יַרְדֵן אוּנ יְרִיחוֹ, דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ צֶעלְט מִיט צְוֵויי לוּחוֹת

אונ דארט פלעגט מען מקריב זיין קרבנות. ניט לאנג האט אבער גלגל, וואס איז געלעגען א ביסעל אין א זייט, געקאנט בלייבען דער מיטעלפונקט: אז דאס פאלק האט בעקומען מעהר הזקות אונ דיא שבטים ראובן אונ גד האבען זיך אויך איבער- געצויגען א היים פון יענער זייט ירדן, האט מען געמוזט אויסקלויבען איין אנדער ארט פאר דעם גאטעסדיענסט, אונ אזוי ווי דער שבט אפרים האט שטאנדיג זיך געהאלטען פארן גראסערן מיוחס, איז דער גורל מן הסתם געפאלען אויף דער שטאדט שילה, וואס האט געהערט צו דעם שבט. אהין האט מען איבערגעפיהרט דיא לוחות אונ דארט האט מען געשטעלט א מזבח, וואו עס פלעגען ברענגען קרבנות גראסטענטהיילס דיא נאהענטע שבטים אפרים, מנשה אונ בנימין. דארט האט אויך שפעטער געוואהנט דער כהן פנחס בן אלעזר אונ דארט פלעגען זיך אויפהאלטען פיעל כהנים אונ לוים, חאטש ניט וועניג פון זיי האבען זיך צו- שפרייט צווישען אלע אנדערע שבטים אין גאנצען לאנד.

דורך דיא בני ישראל האט כנען בעקומען ניט נאר איין אנדער נאמען נאר אויך איין אנדער כאראקטער. עס האט אנגעהויבען הייסען „ארץ ישראל“, דיא היילינע ערד, דיא ירושה פון גאט. דער אייבערשטער האט געוואלט אז דאס לאנד אליין זאל שוין איינפלאסען זיינע קינדער א ליעבשאפט צו יושר אונ מוסר, זיי זאלען געדענקען אז נאר מיט מעשים טובים קאנען זיי דערהאלטען דעם כבוד אונ דעם גלאנץ פון דער ערד. וואס גאט מיט זיין חסד האט זיא זייא געגעבען א מתנה. דיא ערד האט אויסגעשפיגען די פריהריגע איינוואוינער, ווייל זיי האבען זיך שטארק פאריונדיגט מיט דריי זאכען: מיט רציחה, זנות אונ עבודה זרה. דערפאר איז די ערד געווארען היילינ אונ דער הימלישער פאטער האט דיא בני ישראל געמאכט פאר שלוחים זיי זאלען אפהיטען דאס היילינקייט עביג.

אבער ניט דאס גאנצע לאנד איז צוטהיילט געווארען צווישען דיא שבטים. פיעל ערטער זענין נאך געבליעבען אונטער דער מאכט פון דיא פריהריגע איינוואהנער- א ביסעל איז אין דעם שולדיג געוועהן דאס אלטקייט פון יהושע׳ן, וואס איז ביי די לעצטע יאהרען ניט געוועהן אזוי פריש ווי משה אונ האט געמוזט דיא שווערד ארויסלאזען פון דער האנד. נאר נאך מעהר האבען עס געבראכט דערצו דיא שבטים אפרים אונ מנשה וואס זענין זעהר צופריעדען געוועהן וואס זיי איז אנגעקומען די בעסטע ערד אונ האבען ניט געלאזט מעהר מלחמה האלטען. אזוי איז זיך יעדער שבט געווארען א בעל הבית פאר זיך אונ מיט איינענע כחות האט שוין קיינער ניט געקאנט רעכענען עס זאל געראטהען אנצוהייבען א קריעג.

דערפאר איז געבליבען ניט ביי די בני ישראל די גאנצע שטרעקע ביי'ם ים פון עזה, אדער נחל מצרים, ביז עכו. דאס שטיק לאנד פון עכו ביז צור און צידון איז שפעטער אויך ניט ארונטער אונטער זייער ממשלה: די צפון־זייט האט געהערט צו די פעניקיער, און די דרום־זייט—צו די פלשתים. אזוי האבען פיעל שבטים געמוזט זיין נאהענטע שכנים מיט די געצענדיענער אדער טאקי וואהנען צווישען זיי און די יבוסים זענען געוועזען ווי א וואנד, וואס האט אבגעשיידט די שבטים פון יהודה און שמעון, וועלכע האבען געלעבט אינאיינעם מיט אזעלכע ווילדע פעלקער, וואס פלעגען איבערליגען אויף דיא וועגען ראבעווען מענשען.

יהושע'ס שמחה, וואס ער האט דערלעבט צו זעהן ווי עס איז מקוים געווארען די הבטחה פון גאט, אז ער וועט זיינע קינדער אריינפיהרען קיין כנען, איז איהם פארן טוידט פארשטערט געווארען, ווייל נאר איין העלפט פונ'ם לאנד איז אריין צו זייא אין דיא האנד אריין און ער האט מורא געהאט טאמער מאכען די שונאים יד אחת און מען צושטארט מיט אמאל זיין גאנצע ארבייט. עס האט איהם נאך געמוזט מעהר וועה טהון, ווען ער האט זיך דערמאהנט, אז ער האט ניט קיינעם וועמען איבערצוגעבען די קאמאנדע, אז עס איז ניטא אזא פיהרער, וואס אלע שבטים זאלען פאר איהם דרך ארץ האבען, און בעזאנדערס דער שטאלצער שבט אפרים. אזוי איז יהושע געשטארבען און האט איבערגעלאזט זיין פאלק איין איינציגע ירושה—דאס איז דיא האפנונג, אז מיט דער צייט וועט דאס לאנד אין גאנצען בלייבען זיינס. דיא שבטים זענען דעמאלט געוועזען אין אזא צודרעהטען מעמד, אז זיי האבען אפילו ניט פערשטאנען וועמען זיי האבען פערלארען, זיי האבען איהם ניט בעוויינט און ניט אזוי געכאפט צו ערפילען דיא האפנונג מיט וועלכער יהושע האט צוגעמאכט דיא אויגען.

מען דארף ניט פארגעסען, אז ווי פיעל פעלקער עס האבען געוואהנט צווישען די בני ישראל, אדער ארום זיי, זענען זיי אלע געוועזען זייערע דם־שונאים. זיי האבען אפילו ניט פערשטאנען וואס פאר א חלוק איז צווישען זיי און דעם נייעם פאלק, זיי האבען נאך ניט געוואוסט אז ביי דעם פאלק איז דא עפיס נאר א נייע תורה וואס חייסט צושטערען זייערע אבגעטער, צוברעכען זייערע מזבחות און מאכען א תל פון זייער גאנצער עבודה זרה; נאר אויף אזוי פיעל האבען זיי זיך געשטויסען, אז מען דארף פיינד האבען מענשען וואס פאלען אן און נעהמען צו א שטיק לאנד. וואס־זשע האבען געקענט טהון די בני ישראל געגען אזא אפענער אדער

געהאלטענער שנאה; אדער שלאגען זיך אז דאס בלוט זאל רינען, אדער פער־בייסען מיט די ליפען אונ מאכען א שווייג. אויף מלחמה האבען זיי זיך ניט געקאנט ענטשליסען, ווייל מיט יהושע'ס טויט איז אויך אבגעשטארבען זייער אחדות אונ גבורה; אודאי האבען זייא געמוזט זוכען אלע וועגען אויף שלום. די כנענים אונ די פהעניקיער, וואס האבען נאר געוואלט פריי אונ רוהיג פיהרען זייער האנדעל, זענען דערפון בדוקא צופרידען געוועהן; נאר די שכנים ביי דער גרעניץ, ווי די פלשתים, אדומים, עמונים אונ מואבים, האבען אנגענומען דעם שלום ניט מיטן גאנצען הארץ אונ האבען זיך שטאנדיג נאר געזוכט אונ געטשעפעט.

די בני ישראל האבען אבער ערנסט געמיינט דעם שלום, ווייל דאס שטיקעלע מנוחה, נאך לאנג בידעווען אונ נע ונד זיין, איז ביי זיי זעהר טהייער געוועהן. צווישען פיעל שבטים אונ אנדערע פאלקער איז געווארען אזא גרויס פריינדשאפט אז זיי האבען זיך אנגעהויבען משדך זיין איינער מיט דעם אנדערן. דאס פערשטעהט זיך, אז מען ווערד א זייגע נאהינטע מחותנים, הייבט מען זיך אן צוצוקוקען ווי אזוי יענער לעבט, ווי ער פיהרט זיך, אונ אזוי ווי די תורה איז נאך ניט געוועהן שטארק בעפעסטיגט צווישען זיי, די לוים האבען זיך ארעם אונ עלענד ארומגעשלעפט, היינט דא אונ מארגען דארט אונ דורך ארץ פאר זיי האט מען קארג געהאט האבען די בני ישראל גיך זיך אבגעלערנט אלע מדות פון די געצענדיענער אונ ביסלעכווייס האבען זיי אנגעהויבען אמונה צו קריגען אין זייערע אבגאטער, אונ מיט דער צייט האט מען שוין אויף אלע הויכע בערג, אדער צווישען די געדיכטע ביימער, געקאנט געפינען זיילען, מצבות, צום זכר פון די פהעניקישע גאטער בעל (אדאנים), דעם גאט פון דער זונן, אדער עשתרות (אסטארטע), דעם גאט פון דער לבנה, אונ א חוץ דעם פלעגט מען אין יעדער ארענטליכער שטוב האלטען תרפים: געצענבילדער אין געשטאלט פון מענשען, כדי זייער זכות זאל בעשיטצען דעם בעל הבית אונ דעם גאנצען הויזגעזינד.

מען קאן אפילו ניט זאגען אז די בני ישראל האבען אין גאנצען פערגעסען ווער זיי זענען: בייא פיעל פון זיי אין הארץ האט נאך געלעבט דער זכר פון די נסים וואס גאט האט מיט זייערע עלטערן געטהון אונ איין דור פלעגט איבערגעבען דעם אנדערן דיא וואונדער פון יציאת מצרים; א חוץ דעם פלעגען זיך אפט די לוים ארויסשטעלען מיט צארפע ווערטער אונ שטראפען דעם עולם ער זאל געדענקען זיין שורש אונ זאל זיך ניט לאזען אראבפיהרען פונם גלייכען וועג. עס האט אבער טענה געהאלפען, ווייל, ערשטענס, איז שוין טאקי געוועזן שווער צו אבצובייסען

פון די שכנים, וואס צווישען זיי איז געוואָרען איין לעבען אונ איין נשמה. אונ צווייטענס, האט זיך יעדער שבט געמוזט היטען דיא ביינער. פון קיין אחרות צווישען אלע שבטים — האט מען גאר ניט געקאנט רעדען, האפען אז אין א נייטה וועלין אלע קומען העלפען — איז גאר אוממעגליך געוועהן, אונ דעריבער האט יעדער געזארגט נאר פאר זיך אונ געזוכט אלע מיטעל צו ווערען א גוטער ברודער מיט די שכנים, אונ אז מען שלאגט זיך אן צו יענעם מיט גוט פריינדשאפט מוז מען איהם שוין צו ליעב טהון אונ נאכטאנצען סאי אין מנהגים, סאי אין גלויבען. דערפאר, וואס וועניגער פערבונדען די בני ישראל זענין געוועהן צווישען זיך, מעהר חבר האבען זיי געמוזט ווערין מיט די גאטצענדיענער אונ זיך אויך אבגעבען מיט עבודה זרה.

ניט שטאנדיג האבען זיי אבער געפונען ליעבשאפט ביי די שכנים, וואס האבען ניט אויפגעהערט צו געדענקען אז די בני ישראל האבען זיי מיט געוואלד פונ'ם לאנד ארויסגעשטופט און האבען אלין געהאלטען אין איין טראכטען ווי פון זיי פטור צו ווערען. נאך יהושע'ס טויט האבען זיך איבערהויפט פאר זיי אנגעהויבען טרויעריגע צייטען. ניט איין שבט פלעגט חאפען א פסק פון א שונא אונ פלעגט מוזען אנבויגען דעם קאפ. עס זענין אפילו באלד אויפגעשטאנען די שופטים, וואס פלעגען דעם פאלק ביישטעהן אין אלע נויטהען. נאר זייער הילף איז נאר געוועהן אויף א צייט, ווייל צונויפבינדען איינאיינעם דיא צעוואָרפענע שבטים זענין זיי ניט געוועהן אומשטאנד אונ זיך ארויסשטעלען געגען דעם גאצענדיענסט האבען זיי ניט געקאנט, ווארום אליין האבען זיי אויך נאר קנאפ זיך אבגעגעבען מיט תורת משה אונ זענין געוועהן שטומפיג אויף דער עברי. די צוועלף אדער דרייצעהן שופטים, וואס זענין געוועהן, האבען ביי זייער גאנץ בריה'שאפט קוים אבגעהיט די בני ישראל מען זאל אויף זיי ניט אנפאלען אבער ברייננען זיי אויף א פעסטען מעמד, זיי זאלען ניט בעדארפען מורא האבען פאר קיינעם, דאס איז געוועזן איבער זייער כח, און אפילו אזויגע גרויסע לייט ווי ברק, גדעון, יפתח און די נביאה דבורה, האבען דאס ניט געקאנט בעוויזען. איינעם פון דיא שופטים, יאיר הגלעדי, איז יוא געראטהען צו פערגרעסערן דעם חלק פון שבט מנשה און אהין צושטיקעווען א טהייל פון בשן, וואס ער האט איינגענומען פון יענער זייט ירדן, נאר דאס האט זיך אויך ניט אנגעזעהן, און קיינער פון די שופטים האט זיך ניט געקאנט רעכנען פאר א פארשטעהער פונ'ם פאלק וואס זאל פאר איהם דרך ארץ האבען און האלטען זיין ווארט פאר הייליג. אזוי האט זיך געפיהרט א היבש

שְׁטִיקֶעלֶע צַייט אוּנ נִיט שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר׳ס שְׁפִּיצֶלֶעךְ הָאבֶּען גֶעקָאנְט אִי־בֶּערְשְׁרֶעקֶען דִי פְּלִשְׁתִּים זֵיי זָאלֶען לָאזֶען צוּ רוּה דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, נִיט יִפְתָּח׳ס נִצָּחוֹן הָאט גֶעקָאנְט מַיעֶד מַאכֶען דִי עַמּוֹנִים זֵיי זָאלֶען זִיךְ אוֹיפְהֶערֶען טְשֶׁעפֶּען צוּ דִי אֶרְטֶער, וֶועלְכֶע הָאבֶּען פֶערְנוּמֶען דִי שְׁבָטִים רְאוּבֵן, גָד אוּנ אַ הַאלְבֶּער שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה.

דָאס אוּמְגְלִיק טָאר אָבֶּער אוֹיךְ נִיט אִיבֶּערְצִיהֶען דֶעם בּוֹיגֶען, וַוארוּם עֶס מוּז וֶוערֶען אִיבֶּערְגֶערִיסֶען. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט דֶעם בִּיטֶערֶען מַעֲמָד פוּנ׳ם פָאלק יִשְׂרָאֵל. אַז פִיעל פוּן דִי שְׁבָטִים הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ בַּארֶעכֶענֶען דָאס וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפַאלֶען, הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט אַיינְזֶעהֶן אַז דָאס גֶעהמְט זִיךְ נָאר דֶערְפוּן וָואס זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט פַארְדְרֶעהֶען דִי קָאפּ פוּנ׳ם גֶעצֶענְדִיעֶנְסְט אוּנ הָאבֶּען פֶערְגֶעסֶען זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט. דֶעם פּוּנְק פוּן חֲרָטָה הָאבֶּען בַּאלְד בֶּעמֶערְקְט דִי פְרוּמֶע לְוִיִּם, וָואס הָאבֶּען שׁוֹין לַאנְג אַרוֹיסְגֶעקוּקט אוֹיף דֶער גוּטֶער שָׁעָה וֶוען דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וֶועלֶען זִיךְ אוּמְקֶעהרֶען אוֹיפ׳ן רֶעכְטֶען וֶועג, אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין גֶעכַאפְּט צוּ צוּבְּלָאזֶען דָאס פַייעֶר, אוּנ שִׁילֹה אִיז וַוייטֶער גֶעוָוארֶען דֶער מִיטֶעלְפּוּנְקְט פַאר אַלֶע וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט גָאט דִינֶען אוּנ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען, אִין דִי לֶעצְטֶע צַייטֶען פוּן דִי שׁוֹפְטִים, אַ סַךְ בֶּעלִיעבְּטֶער פוּן פוּן פְרִיהֶר, ווַייל דִי לְוִיִּם הָאבֶּען זִיךְ גֶעחַאפְּט נָאךְ מִיט מֶעהר חֵשֶׁק זֵיי צוּ שְׁטְרָאפֶען אוּנ הָאבֶּען טַאקִי גֶעהַאט מִיט וָואס זֵיי צוּ שְׁטָאכֶען דִי אוֹיגֶען.

אִין יֶענֶער צַייט הָאט אִין שִׁילֹה גֶעוָואהְנְט עֵלִי הַכֹּהֵן, דָאס בֶּערִיהמְטֶע אֶנְקֶעל פוּן אַהֲרֹן אוּנ פִּנְחָס, אוּנ עֶר אִיז שְׁטַארְק בֶּעלִיעבְּט גֶעוֶוען בַּיי׳ם פָאלְק. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שֶׁאהנֶער אַלְטֶער מַאן, וָואס זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען נָאר אוֹיסְגֶעדְרִיקְט פְרַיינְדְשַׁאפְט אוּנ אוֹיף זַיינֶע לִיפֶּען זַיינֶען תָּמִיד גֶעוֶוען זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן לִיעבְּשַׁאפְט. עֶר פְלֶעגְט אוֹיף קֵיינֶעם זִיךְ נִיט בֶּאזֶערן אוּנ הָאט זִיךְ תָּמִיד בֶּעמִיהְט צוּ גֶעהן מִיט גוּטֶען, הֶעלְפֶען מִיט אַ רֶעכְטֶער עֵצָה, טְהוּן ווִי ווַייט מֶען קָאן אַ טוֹבָה. פוּן קְרִיעג פִיהְרֶען חָאט עֶר גָאר נִיט גֶעהַאלְטֶען, אוּנ אַז אַ טְהֵייל פוּן דִי שְׁבָטִים פְלֶעגֶען זִיךְ קוּמֶען קְלָאגֶען אוֹיף דִי פֶאלְקֶער וָואס טְהוּען זֵיי אָן צָרוֹת, הָאט עֶר זֵיי גֶעטְרֵייסְט אוּנ גֶעגֶעבֶּען הָאפְנוּנג אַז גָאט וֶועט זֵיי נִיט פֶערְלָאזֶען. נָאר וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה אוּנ דָאס פָאלְק הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעמוּזְט וֶועהרֶען גֶעגֶען שׂוֹנֵא, פְלֶעגְט עֵלִי אַרוֹיסְוַוייזֶען אַז עֶר פֶערְשְׁטֶעהט אוֹיךְ אִין עִנְיְנֵי מִלְחָמָה אוּנ אַלֶע פְלֶעגֶען אִיהם פָאלְגֶען אוּן בְּלַייבֶּען בַּיי זַיין דֵעָה. אַזוֹי אִיז עֵלִי גֶעוָוארֶען דֶער אֵיינְצִיגֶער פִיהְרֶער פוּנ׳ם פָאלְק אוּנ עֶס קָאן זַיין אַז פוּן אִיהם אָן וָואלְט דִי גַאנְצֶע מַאכְט שׁוֹין

אויף ווייטער איבערגעגאנגען צו די כהנים. ווען איינער פון זיינע קינדער וואלט געקאנט בלייבען אויף זיין שטעלע. ער האט אבער געהאט צוויי זיהן, חפני אונ פנחס, וואס זענען ניט געוועהן געראטהען אין זייער פרומען טאטען אונ האבען זיך גענומען נאר אויף א מאוס'ן וועג. זיי האבען אנגעמאכט א שטארקען חלול השם וואס צו ליעב דעם איז אויסגעגאסען געווארען גאט'ס צארן אויף דעם גאנצען פאלק אונ עלי'ס כבוד האט דורך דעם אויך געליטען.

די פלשתים פלעגען אפט אנפאלען אויף די בני ישראל אונ חאטשי די שבטים האבען אויך ניט געשוויגען אונ צו מאל זיך גוט מיט זיי אבגערעכענט. פון דעסט־וועגען פלעגט זיי שווער זיין בייצוקומען דעם שונא. וואס איז געוועהן אי שטארק אי בייך אין כלי זיין. איין מאל איז אבער אויסגעקומען נאר שמאל. אונ די זקנים האבען געהייסען מיטנעהמען אין דער מלחמה אריין דיא לוחות פון שילה פאר א שמירה צום געפאהר אונ אויף צו שטארקען די קריעגער מיט א פעסטער האפנונג. צום אומגליק האט אבער דאס אויך ניט געהאלפע'ן: די פלשתים האבען געמאכט א תל פון דער מחנה ישראל. די לוחות האבען זיי צוגענומען אונ עלי'ס ביידע זיהן זענען דערהרג'ט געווארען. פון דערווייטענס האט מען געהערט ניט קיין פראהליכס. פול מיט צרות האט עלי שוין ארויסגעקוקט מען זאל איהם זאגען וואס עס איז געשעהען אונ אז דער שליח איז געקומען אונ האט איהם דערצאהלט אז די בני ישראל האבען פערלארען די מלחמה אונ ער — זיינע קינדער, האט די פינסטערע בשורה מן הסתם גוט דערשלאגען דעם קאפ פונ'ם אלטען כהן. נאר אז ער האט איהם ארויס־גערעדט אז די הייליגע לוחות שפארען שוין אויך אן בא'ם שונא אין די האנד, האט ער ניט אויס־געהאלטען אונ איז אומגעפאלען טויט.

נאך אזא נצחון האבען זיך ערשט די פלשתים רעכט צופיהרט די האנד אונ זענען אריין אין לאנד. פון שילה האבען זיי געמאכט א חורבה. אונ די שבטים פון צפון־זייט האבען אנגעווארען אין גאנצען זייער קראפט אונ זענען געבליעבען אזוי אבגעריסען פון זייערע ברידער אין דרום־זייט. די פלשתים פון זייער זייט האבען אבער אויך א טעות געהאט: זיי האבען געמיינט אז דער מיט וואס זיי וועלין האלטען ביי זיך די לוחות וועלין די בני ישראל קיין מאל קיין תקומה מעהר ניט האבען; צום סוף האט דווקא די פלשתים אליין אנגעהויבען געהן שלים־שלימזל אונ קוים האבען זיי די לוחות געבראכט קיין אשדוד זענען זיי שוין אין קיין צרות ניט זשעדנע געוועהן. די פארשטעהער פון די פלשתים האבען געזעהען אז עס איז קיין תכלית ניט. האבען זיי בעשלאסען אבצושיקען די לוחות אהיים אונ זיי נאך

איבערבעטען מיט א מתנה. נאך זיבען חדשים, האבען די פלשתים אבגעשיקט די לוחות אונ זיי זענען געבליעבען אין קרית יערים אויף א בארג. ביי דיא לוים חאטשי דאס פאלק האט זיי ניט אזוי געשאצט, ווייל עס איז געוועהן זעהר פאר־גראבט אונ עס האט געמוזט אוועקגעהן א יאהר צעהן ביז מען האט זיך ווייטער אנגעהויבען דערמאנען אין משה'ס ירושה אונ פארשטעהן איהר גרויסען ווערטה.

צווייטעס קאפיטעל.

אנהייב פון מלכים, שמואל אונ שאול

די אלע אומגליקען, וואס די בני ישראל האבען אויסגעשטאנען, האבען געמוזט די עלטערע אונ לייטישערע פון זיי אפענען די אויגען. זיי זאלען פאר־שטעהן אז דער וועג צוריק צום אמת'ן גלויבען וועט אויך זיין דער וועג צו שטארקקייט אונ פרייהייט. דאס וואס די פלשתים האבען אומגעקעהרט די לוחות האט נאך מעהר דערמונטערט דעם עולם אונ מען האט זיך אנגעהויבען ארום־קוקען אונ זוכען דאס פארלאזטע שטעזשקעלע, וואס פלעגט פיהרען דאס פאלק ישראל צו זיין לעבעדיגען גאט. ביי אזא לאגע האט מען נאר ארויסגעקוקט עס זאל זיך געפינען איינער, וואס זאל ווערטה זיין צו ווערען א ראש אונ בעפעסטיגען די האפנונג, וואס האט אנגעהויבען אויפצולעבען ביי יעדען אין הארץ.

אזא מענש האט זיך טאקי אבגעזוכט צו דער רעכטער צייט אונ דאס איז געוועהן שמואל בן אלקנה, דער צווייטער נאך משה'ן, וואס האט זוכה געוועהן צו זיין אי א פיהרער פון זיין פאלק, אי א נביא. ער איז אויפגעצויגען געווארען אין גרויס פרומקייט אונ האט גוט געקענט דעם מעמד פון זיינע ברידער. אין אלעמען האט ער געהאט א ידיעה אונ זיין טיעפע חכמה פלעגט איהם העלפען ארויסצוזאגען זיין מיינונג איבער פערשיעדענע זאכען, אפילו איבער אזעלכע וואס

בארפען ערשט געשעהן. אונ דעריבער האט מען איהם גערופען „הרואה״ — דער זעהער. א גרויסער מענש וואס קוקט אויף אלדינג מיט אפענע אויגען אונ פערשטעהט פריהר וואס שפעטער קאן זיין.

שמואל איז ארויסגעקומען פון די לוים אונ האט געשטאמט פון א גרויסער משפחה, וואס האט געוואהנט אין רמה. ביי דער גרעניץ פון די שבטים אפרים אונ בנימין. פון זיין פרומער מוטער חנה, וואס האט איהם מיט איהר ריינער תפלה אויסגעבעטען ביי גאט. האט ער געירש׳ט א גוט הארץ אונ א כשרע נשמה. פון קינדרהייט אן האט ער געדיענט ביי עלי הכהן אונ פלעגט טהון אלע ארבייטען פון די לוים, אפענען אונ פערשליעסען די טויערן, צוגרייטען אלדינג צו קרבנות אונ אפט נאך זיין נאנצע נאכט אין אהל. נאך נאר אין די יונגע יאהרען, האט ער אליין ניט געוואוסט פון וואנען עס האט זיך צו איהם גענומען א רוח נבואה. פליצום אין טיעפען שלאף האט ער דערהערט א קול וואס רופט איהם בא׳ם נאהמען אונ ער האט פערשטאנען אז דאס האט ער בעקומען א בעזונדער מתנה פון גאט. באלד האט זיך אבער אנגעהויבען די אומגליקליכע מלחמה מיט די פלשתים. די לוחות האט מען צוגענומען, עלי׳ס ביידע זיהן האט מען דערהרג׳ט. דער אלטער כהן איז אויך געשטארבען, דאס היילינגטהום איז אוועק, די געסט איז פארוויסט געווארען אונ שמואל האט זיך געמוזט מיט א געבראכען הארץ אומקערען צו זיינע עלטערן קיין רמה.

צווישען די לוים, וואו שמואל איז אויפגעוואקסען געווארען, האט געהערש׳ט די איבערצייגונג אז אינאיינעם מיט׳ן משכן איז אויך פערשוואונדען געווארען די ליעבע פון גאט צו זיין פאלק. דער געדאנק איז אויך אויפגעוועקט געווארען ביי שמואל׳ן אונ ער האט אנגעהויבען טראכטען: אמת ניטא קיין משכן, ניטא קיין קרבנות, נאר דארף דען דער פאטער אין הימעל האבען א בעזונדער געצעלט אויף דער ערד, אדער מוז ער טאקי נאטהיג האבען קעלבער אונ שאפסען פאר קרבנות אונ אהן דעם קאן ער זיך ניט בעגעהן? שמואל איז קיין מאל ניט געזעסען לעדיג אונ האט גוט דורכגעקנייטשט דאס תורה׳לע נאך אין שילה, ווען עס האט נאך געהאט נאר וועניג בעלנים אויף זיך אונ ער האט באלד פערשטאנען אז ניט דאס מיינט דער פסוק אונ אז גאט וויל מען זאל איהם דיענען נאר אויף איין אנדער אופן. דעריבער האט ער אנגעהויבען אומעדום צו דרש׳נען אז ניט צו ליעב דעם האט גאט ארויסגעפיהרט די זקני ישראל פון מצרים זיי זאלען איהם מקריב זיין פעטע בהמות אונ אז דיא תורה וויל נאר אז די מענשען זאלען לעבען מיט יושר אונ

בחכמות, זיך ליעב האבען אונ טהון אזעלכע מעשים זיי זאלען זיך ניט דארפען שאהמען מיט זיי פאר זייער באשעפער. אט אזא תורה האט שמואל געוויזען זיינע ברידער אונ כדי דער עולם זאל איהם בעסער פערשטעהן פלעגט ער זיינע געדאנקען איינוויקלען אין שאהנע ווארטער, בעווייזען דעם אמת דורך קלוגע משלים. נאך אז ער האט געוואהנט אין שילה, האט ער גע'שמ'ט פון דערווייטענס אונ מען פלעגט דערצאהלען אז גאט האט אלקנה'ן געבענטשט מיט א זוהן, וואס דער רוח הקדש רעדט פון איהם ארוים אונ אז ער האט זיך באזעצט אין רמה איז ביי קיינעם קיין ספק ניט געוועהן אז עס איז אויפגעשטאנען דער צווייטער משה אונ אז עס וועלען זיך שוין אנהייבען בעסערע צייטען. דעריבער איז איהם טאקי געראטהען דאס פאלק ביסלעכווייס אבצוגעוואהנען פונ'ם געטצענדיענסט. שמואל פלעגט ניט ווארטען אויף כבוד, מען זאל צו איהם קומען הערען וואס ער וועט רעדען; ער פלעגט ארומפאהרען אין אלע ערטער וואו ער האט נאר פערשטאנען אז מען קאן פערברייטען גאט'ס תורה. ער איז אויך ניט געוועהן אליין; איהם צו הילף זענין באלד געקומען פיעל פון די לוים וואס האבען זיך פארשפרייט אין לאנד זייט שילה איז חרוב געווארען אונ באלד האט ער ארום זיך געהאט א גאנצע חברה פון יונגע נביאים וואס האבען איהם געהאלפען אין זיין הייליגער ארבייט.

נאך איין זאך האט מיטגעהאלפען דערצו אז שמואל זאל קאנען זיין שליחות אויספיהרען. אין דער גאנצער צייט פון די שופטים איז דער שבט יהודה געוועהן נאר אין גאנצען אבגעטהיילט פון אלע שבטים. ער האט נאר געהאט צו טהון מיט שאף-פאשען אונ האט זיך מיט קיינעם ניט אנגעקעהרט. די יבוסים זענין געשטאנען אין מיטען צווישען די בארג פון אפרים אונ יהודה אונ האבען ניט צוגעלאזט אז דער שבט זאל זיך אריינמישען אין די עסקים פון זיינע ווייטע ברידער; נאר די קלאפ, וואס ער האט עטליכע מאל געכאפט פון די פלשתים, האבען איהם געקאנט ארויסרייסען פון זיין נארע. נאר ווי אזוי דאס איז שוין געשעהן, איינס זעהען מיר, אז אין שמואל'ס צייט איז דער שבט יהודה, אינאיינעם מיט דעם קליינעם שבט שמעון, וואס האט זיך שטאנדיג געהאלטען נעבען איהם, צונויפגעבונדען געווארען מיטן כלל ישראל. אונ אזוי זענין צו-געקומען אסך רעכטע מענשען, וואס די אנדערע האבען געקאנט פון זיי זיך א מוסר אראבנעהמען, ווייל אלע וואס האבען געקערט צום שבט יהודה זענין געוועהן פראסטע פאסטוכער. זייא האבען ניט געוואוסט פון קיין עבודה זרה, שטאנדיג נאר געוועהן אין פעלד אונ אפילו די וואס האבען געוואהנט אין דער

איינציגע שטאדט חברון האבען זיך ניט געלאזט אראבפיהרען פונ'ם וועג און זענען געבליבען ביי די אלטע מדות און מנהגים.

אודאי האט מען ניט אומזיסט שמואל'ן געדערעכענט פאר'ן גאנצען עיקר, ווייל חאטשי קיין גבור, וואס זאל זיך קאנען אויסצייכענען אין א מלחמה, איז ער ניט געוועזען, פון דעסטוועגען, אז ער האט זיך אונטערגענומען צו זיין דער פיהרער פונ'ם פאלק איז ער ניט בטל געווארען דעמאלט ווען עס איז אויסגעקומען ענג און אז מען האט זיך בעדארפט שלאגען איז ער אויך קיין שלים-מזל'ניק ניט געוועזען. זיין נצחון איבער דיא פלשתים, פונקט ניט ווייט פון דעם ארט, וואו די בני ישראל האבען אמאל פערלארען פיעל חיל און זענען געבליעבען אהן לוחות. האט גאר אין גאנצען געשטארקט אלע שבטים און געהייליגט ביי זיי דעם נאמען פונ'ם גרויסען נביא.

אזוי זענען אוועקגעגאנגען א יאהר צעהן אין פרייד און אין נחת. שמואל האט מיט אלע כחות געארבייט אז דער שלום זאל זיך ווייטער האלטען צווישען אלע שבטים און האט געזעהן אז עס זאל זיין אחדות ביי זיי און קיינער זאל מעהר ניט ווערען קיין גוטער ברודער מיט די גאטצענדיענער און ניט נאשען פון זייערע מנהגים און תורות. דער הויפטפונקט פון שמואל איז געווארען די שטאדט מצפה, וואס האט געהערט צום שבט בנימין. שמואל, וואס איז אליין געוועזען א גרויסער משורר און פון זיין משפחה, פון די קרחים, זענען ארויסגעקומען אסף, ידותון און זיין בעריהמט ענינקעל הימן, האט דער ערשטער איינגעפיהרט געזאנג ביי'ם גאטעסדיענסט און דאס איז אויך געוועזען איינס פון די בעסטע מיטעל, וואס האט בעפעסטיגט דעם גלויבען.

אזא שאהנער גאטעסדיענסט מיט זיסער מוזיק האט א ביסעל אוועקגערוקט אן א זייט די קרבנות און דערצו האבען זיך די כהנים אליין ניט געהאלטען אין דער מעלה ווי אין די פריהריגע צייטען. א חוץ דעם האבען זיך די כהנים אבגעקלויבען גאר א בעזונדער שטאדט נ"ב, ניט ווייט פון ירושלים; אהין איז אוועק אחיטוב, איין ענינקעל פון עלי הכהן, און האט מיט זיך מיטגענומען אלע כלי קדש, און דארט איז געווארען דער הויפטפלאץ, וואו די כהנים פלעגען חאפען דעם בעסטען ביסען פון א פעטען קרבן. שמואל האט אבער ניט געוואלט וויסען פון דעם נייעם ארט און האט זיך מיט גרוים כבוד געפיהרט דאס רעדעל אין זיין ווינקעל ביז עס האט זיך ניט אנגערוקט אויף איהם די עלטער און ער האט שוין געמוזט מאכען פאר שופטים זיינע קינדער. שמואל'ס זיהן זענען אבער ניט געגאנגען אין וועג פון זייער אלטען טאטען, זיי האבען שוין מעהר געקוקט

אויף דער מַטְבֵּעַ און דער עוֹלָם האט אויף זיי קיין כָּבוֹד ניט געקאנט לעגען, קיין אַנדערע לייטישע מענשען, וואס די מַאכט זאל קאנען איבּערגעהן צו זיי, האבּען זיך ניט געפונען, און גראד דעמאלט האבּען די פְּלִשְׁתִּים אויך אָנגעהויבּען קומען צו די כֹּחוֹת, זיי האבּען זיך מְיַשֵּׁב געווען אַז קריעגען זיך מיט אייגענע איז אויך קיין תַּכְלִית ניט און אַלע פינף מְלָכִים פון פְּלִשְׁתִּים האבּען געמאכט יַד אַחַת און האבען זיך גענומען פארגרעסערן זייער מֶמְשָׁלָה. דאס ערשטע כַּפָּרָה־הינדעל זענען געווען די פיניקער, וואס מען האט ביי זיי צוגענומען די שטאדט צִידוֹן און זיי אַליין האבּען זיך געמוזט אָבּזוכען אַ נייעם פּלאץ אויף אַ פעלזען ביי'ם יַם, וואס האט געהייסען דערפאר צוֹר אַזוי זענען די פְּלִשְׁתִּים געוואָרען בַּעֲלֵי בָּתִּים פון גַת ביז צִידוֹן און האבּען שוין געוואָרפען אַיין אויג אויף די לאַנד פון יִשְׂרָאֵל, און נאך עטליכע יאהר פון מְנוּחָה, האט זיך אָנגעהויבּען אַ נייע מִלְחָמָה.

דערווייל האבּען אויך די עַמּוֹנִים פארגעסען די קלאפּ וואס זיי האבּען געחאַפּט פון יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי און זייער נייער קאניג נָחָשׁ איז אָנגעפאלען אויף די שְׁבָטִים גָד און האַלבּ מְנַשֶּׁה, וועלכע האבּען זיך אַרומגעקוקט אַז זיי האַלטען שְׁמוּאֵל, האבּען זיי אַוועקגעשיקט שְׁלִיחִים צו שָׁאוּל'ן ער זאל זיי העלפען, און דעמאלט האט דער נָבִיא צום ערשטען מאל דערהערט אַז דאס פאלק וויל אַ קאניג. דאס איז אֲפִילוּ צום אָנהייבּ שְׁמוּאֵל'ן זעהר ניט געפאלען געווען; עפּעס איז דא איהם אויסגעקומען ניט גלאט אַז פְּלוּצִים זאל זיך אַ פאלק, וואס איז געוואוהנט זיך פריי צו פיהרען, אונטערוואַרפען דעם ווילען פון אַ יָחִיד; נאר אַז ער האט זיך איבּערצייגט אַז אַלע שְׁבָטִים ווילען אויף זיך אַרויפנעהמען דעם עוֹל האט ער פערשטאַנען אַז דער רָצוֹן פונ'ם אייבּערשטען איז דאַבּיי און האט געזאָרגט אַז מען זאל אויסקלויבּען שָׁאוּל'ן, אַ פּראָסטען מענשען, וואס זיין פאטער קִישׁ איז געווען אַ געוועהנליכער בַּעַל הַבַּיִת, ניט קיין גרויסער מְיוּחָס, ווייל ער איז אַרויסגעקומען פונ'ם קלענסטען שֵׁבֶט בִּנְיָמִין. אַז דער גוֹרָל איז געפאַלען אויף שָׁאוּל'ן, האט מען איהם מיט גרויס מִיה קוים אָבּגעזוכט, און אַז שְׁמוּאֵל האט איהם שוין געזאָגט און ער איז דערנאך אַרוים קיין גִּבְעָה און האט זיך שוין גענומען אָבּרעכנען מיט די שׂוֹנְאִים, האבּען זיך נאך געפונען פיעל אונצופריעדענע וואס האבּען בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט געוואלט גלויבּען אַז ער וועט פיהרען גוט די מְלוּכָה.

זעהר טרויעריג איז דעמאלט געווען די לאַגע פון די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ווייל דער יאָך פון די פְּלִשְׁתִּים האט כִּמְעַט דעם גרעסטען טהייל פון זיי אין גאַנצען

אבגעשוואכט, און א סך האבען גאר ניט געוואלט וויסען פון קריעג און זענען בעסער געבליבען ביי די שונאים, און עס האט שאולן געקאסט גענוג מיח ביז ער האט זיך ענטשלאסען אנצוהייבען א מלחמה. ווייל זיין זאהן יהונתן און זיין קרוב אבנר האבען זיך ארויסגעוויזען פאר גבורים, וואס פארשטעהען גיט מיט קיין סך חיל גובר זיין דעם גרויסען שונא. צום אנהייב איז יהונתן אנגעפאלען אין גבע אויף די פלשתים, און אז עס איז איהם געראטהען האבען זיך באלד אנגעהויבען שיטען פון אלע זייטען די שטארקע און בעהארצטע און האבען זיך פערזאמעלט אין גלגל, ווייל אהין האט בעשטעלט שמואל אז דער מלך שאול זאל אויך קומען און אויף איהם ווארטען זיבען טאג און דארט זאל ענטשלאסען ווערין וואס ווייטער צו טהון.

דערווייל האבען די פלשתים אויך ניט געדרימעלט און האבען זיך צוגעצויגען מיט גאר א גרויסע מחנה ביז מכמש. שאול, וואס איז מיט זיין חיל געשטאנען אין גלגל און האט מיט אונגעדולד ארויסגעקוקט שמואלן. איז דערווייל ביי א ביסעל געפאלען געווארען און אז עס איז איהם נמאס געווארען צו ווארטען אויף דעם נביא האט ער זיך פערלאזט אויף גאטס בעראטה, און זיך ענטשלאסען ווייטער פיהרען די מלחמה. ער האט געבראכט קרבנות, ווי דער מנהג איז געוועהן, עהדער ער האט זיך געזאלט לאזען אין וועג אריין. נאר דא איז אנגעקומען שמואל; ער איז שטארק ברוגז געווארען וואס מען האט אויף איהם ניט געווארט און האט זיך ניט געוואלט מעהר מישען. דאס איז געוועהן פאר שאולן גאר איין אומגערעכטער קלאפ און אז ער האט נאך דערזעהן, ווי די צאהל פון זיינע לייט ווערד פון טאג צו טאג וועניגער, האט ער שוין גאר געוואלט אבלאזען האנד און פוס. נאר יהונתן האט נאך א מאל בעוויזען זיין בריה'שאפט. צווישען גבע, וואו שאול איז געשטאנען, און מכמש, וואו די פלשתים זענין געוועהן. איז א שעה לאנג; נאר צוקומען איינער צום אנדערן איז גאר שווער געוועהן ווייל הויכע שפיציגע בארג צוטהיילען די צוויי ערטער. איין מאל האט זיך גראד פארגלוסט יהונתן מיט זיין אדיוטאנט מאכען א פרווו און ארויפקלעטערן אויף די בארג. עס איז זיי געראטהען און ווי די פלשתים האבען זייא נאר דערזעהן איז אויף זייא אנגעפאלען א מורא און מיט איין קול: „די יודען קריכען פליצום ארויס פון די הוילע וואנד", האבען זיי זיך געלאזט לויפען. יהונתן און זיין חברה־מאן האבען דערווייל אנגעמאכט א רעש, מען זאל מיינען אז דאס גאנצע חיל איז שוין אויך דא מיט זיי. דערווייל האט מען דערזעהן אין גבע וואס

דארט געהט פאר האט זיך שאול מיט די איינציגע זעקס הונדערט מענשען וואס זענען מיט איהם נאך געבליבען, באלד געלאזט קיין מכמש אונ נאך א גרויס געשלעג זענען די פלשתים געפאלען ווי שטרוי, ווייל דער פחד האט זיי גאר אין גאנצען פארדרעהט די קאפ אונ א חוץ דעם זענען באלד צוגעשטאנען צו שאול'ן די יודען וואס זענען פריהער אנטלאפען צו די פלשתים.

אין דער צייט איז דער מלך פון די עמונים, נחש, אנגעפאלען אויף די איינוואהנער פון יבש גלעד אונ געוואלט מאכען פון זיי א תל. נאר זיי זענען קיין נארונים ניט געוועזען; זיי האבען אנגעהויבען רעדען וועגען שלום אונ דערווייל געשיקט מודיע זיין אין גבע וואס עס געהט פאר. שאול האט פארשטאנען אז דא מוז מען זיך גוט אברעכענען מיט'ן שונא אונ ער האט אלע בני ישראל פערזאמעלט ארום זיך אונ שמואל האט זיך צו לייב אזא גרויסער זאך אויך אויפגעהערט צו קלאגען אונ עס איז געווארען איין אחדות וואס עס האט געמוזט פיהרען צו נצחון. מיט גרויס פרייד האט זיך דער עולם אומגעקעהרט קיין גלגל אונ דארט האט שמואל צום צווייטען מאהל געזאלבט שאול'ן פאר א מלך.

גבע, וואס איז ביז אהער געוועזען גאר א קליין ארט, איז געווארען די הויפטשטאדט, דארט האט זיך שאול איינגעארדענט אונ געלעבט ווי עס שטעהט אן א קעניג אונ צווישען איהם אונ שמואל'ן האט געהערשט א פריינדשאפט אונ ער פלעגט ניט ארויסגעהן פונ'ם נביא'ס רעד. לויט שמואל'ס ראטה האט שאול באלד אנגעהויבען א נייע מלחמה מיט די עמלקים אונ האט זיי איינגענומען מיט זייער אלטסטען — אגג. ער האט אבער ניט אין גאנצען געפאלגט דעם נביא, וואס האט געהייסען אז מען זאל פערניכטען דיא עמלקים אינאיינעם מיט זייער פארמאגען, עס זאל פון זיי אפילו קיין זכר ניט בלייבען. ער האט זיך געלאזט פארפיהרען פון כבוד אונ פון רייכקייט אונ האט געהייסען אגג'ן פיהרען אין קעטען כדי אלע זאלען זעהן ווען ער איז ביי־געקומען אונ דאס פארמעגען האט ער געלאזט פארטהיילען צווישען זיינע קריעגסלייט. שמואל האט געזעהן בנבואה אלדינג וואס שאול האט אנגעארבייט אונ האט בעקומען א בעפעהל פון גאט ער זאל ארויס מיט'ן הארבען ווארט געגען מלך אונ איהם אביסעל אונטערהאקען די פליגעל. אונ פונקט דעמעלט ווען שאול האט זיך שוין אזוי ווייט פארגעסען אז ער האט זיך אליין געלאזט שטעלען א דענקמאל, איז שמואל פאר'ן גאנצען עולם ארויס מיט א פייערדיגע רעדע, אין וועלכע ער האט געשטראפט שאול'ן דערפאר וואס ער איז אראפ

פוּנ'ם גְלַייכֶען וֶועג אוּנ הָאט נִיט גֶעטְהוּן פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי גָאט הָאט גֶעבָּאטֶען. ווייל דוּ הָאסְט פֶערְוָוארְפֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן גָאט — וֶועט דִיךְ גָאט פֶערְוָוארְפֶען, דוּ וֶועסְט מֶעהר קֵיין קֶענִיג נִיט זַיין, אוּנ אַ בֶּעסֶערְן פוּן דִיר וֶועט עֶר דִי מְלוּכָה אִיבֶּערְגֶעבֶּען!" — אַזוֹי הָאט שְׁמוּאֵל גֶעזָאגְט אוּנ דִי רֶעד הָאבֶּען וִוי פַייֶלֶען דוּרְכְגֶעלָאכֶערְט דָאס הַארְץ פוּן שָׁאוּלְ'ן. אוּמְזִיסְט אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן זַיין בֶּעטֶען. אוּמְזִיסְט הָאט עֶר בַּאלְד גֶעהֵייסֶען טֵייטֶען אֲגַגְ'ן. עֶס הָאט אִיהם גָאר נִיט גֶעהָאלְפֶען: שְׁמוּאֵל הָאט אֲפִילוּ לְפָנִים זִיךְ וִוי גֶעלָאזְט אִיבֶּערְבֶּעטֶען. נָאר זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד צוּשֵׁיידְט. שָׁאוּל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין גֶבַע אוּנ שְׁמוּאֵל אִיז צוּרִיק אַוֶועק קֵיין גִלְגָל, אוּנ מֶעהר הָאבֶּען זֵיי זִיךְ שׁוֹין נִיט בֶּעגֶעגֶענְט.

פוּן דֶעמֶעלְט אָן הָאט זִיךְ צוּ שָׁאוּלְ'ן אַריינְגֶעחַאפְּט דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס עֶר הָאט פוּן אִיהְר אַזוֹי פִיעל גֶעלִיטֶען בִּיז דֶעם טוֹיט. אוּנ עֶר הָאט גֶעזוּכְט זִיךְ צוּ פֶערְגֶעסֶען נָאר אִין דִיא גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט אַסַךְ קְלֵיינֶע פֶעלְקֶער אַרוּם אוּנ בַּיי זִיךְ אִין לַאנְד אוּנ צוּ לִיעבּ דֶעם הָאט עֶר אֲפִילוּ נִיט גֶעלָאזְט רוּהֶען דִי גִּבְעוֹנִים, וָואס יְהוֹשֻׁעַ הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט זֵיי לָאזֶען פְרַיי זִיצֶען. דִי מִלְחָמוֹת הָאט שָׁאוּל גֶעפִיהְרְט כְּדֵי פוּן אֵיין זַייט צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט אוּן אוֹיסְנִיקֶערְן דִי גָאטְצֶענְדִינֶער אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט צוּ בֶּעוַוייזֶען זַיינֶע גְבוּרוֹת, דָאס פָאלְק זָאל זֶעהן אַז עֶר אִיז וֶוערְטָה צוּ זַיין אַ קֶענִיג אוּנ פֶערְדִיעֶנְט דִי גָאלְדֶענֶע קְרוֹין וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעטְהוּן אוֹיף זַיין קָאפּ.

שְׁמוּאֵל הָאט דֶערְוַוייל גֶעזֶעהן בִּנְבוּאָה אַז עֶר דַארְף גֶעהן קֵיין בֵּית לֶחֶם אוּנ אַז דָארְט וֶועט עֶר גֶעפִינֶען דֶעם, וָואס גָאט הָאט אִיהם בֶּעשַׁאפֶען צוּ וֶוערֶען אַ מֶלֶךְ. שְׁטִיל אִיז דֶער נָבִיא אַהִין גֶעקוּמֶען, זַיין אוֹיג אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף אַ מִשְׁפָּחָה פוּנ'ם שֵׁבֶט יְהוּדָה פוּנ'ם מִיטֶלֶען גְרַאד, עֶר הָאט בַּאלְד אוֹיסְגֶעקְלוֹיבֶּען אֵיינֶעם פוּן יִשַׁ"ס אַכְט זִיהן, דֶעם אַכְטְצֶעהְנְיָאהְרִיגֶען פַּאסְטוּךְ דָּוִד, אוּנ בְּסוֹד אִיהם גֶעזַאלְבְּט וִוי אַ קֶענִיג.

שָׁאוּל אִיז דֶערְוַוייל גֶעוֶוען פַארְטְרָאגֶען אִין זַיינֶע מִלְחָמוֹת אוּנ מִיט דִי פְּלִשְׁתִּים אִיז אִיהם טַאקִי אַזוֹי גְרִינְג נִיט אָנְגֶעקוּמֶען. אֵיין מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וָואס דִי פְּלִשְׁתִּים הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זֵייעֶר זַייט אַ רִיז גָלְיַת אוּנ הָאבֶּען גֶעפָאדֶערְט אַז שָׁאוּל זָאל פוּן זַיין זַייט אוֹיךְ אַרוֹיסְשִׁיקֶען עֶפִּיס אַ הֶעלְד, זֵייא בֵּיידֶע זָאלֶען זִיךְ שְׁלָאגֶען אוּנ וֶוער עֶס וֶועט פַאלֶען, דֶער וֶועט זִיךְ מוּזֶען אוּנְטֶער-גֶעבֶּען. זֶעהר בִּיטֶער אִיז גֶעוֶועהן שָׁאוּלְ'ן וֶוען עֶר הָאט דֶערזֶעהְן אַז פוּן זַיין חַיִל רִיהְרְט זִיךְ קֵיינֶער נִיט אוּנ אַז צְווִישֶׁען זַיינֶע לַייט גֶעפִינֶען זִיךְ נִיט אַזֵיינֶע וָואס

װאלטע זיך באדרעװען אויף די רייכע מתנות װאס ער האט צוגעזאגט און אפילו אויף דער האנד פון דער בת מלכה. פליצום האט שאול דערהערט אז עס האט זיך נאר געמעלדעט א קליינשטאדטילדיג פאסטוכעל און מיט א שטארקען ספק אין הארצען האט ער איהם ערלויבט זיך אקעגענשטעלען גלית הפלשתי. דאס איז געװעהן דוד, װאס האט מיט איין קליין שטיינדעל געעקט מיט׳ן ריז, פערטריבען די שונאים, און זיך באלד א גרויסען נאהמען געקויפט אין פאלק און ביים מלך אליין, װאס האט מיט פערגניגען געקוקט מיט װאס פאר א גרוים ליבשאפט איז צו איהם צוגעבונדען געװארען זיין זוהן יהונתן און מיט װאס פאר א מעלות גאט האט געבענשט דעם יונגען העלד. דוד האט זיך אבער דערװייטערט פון כבוד און איז זיך צוריק אװעק אין זיין פאטערס הויז.

ניט לאנג איז ער אבער דארט געבליבען. שאול האט אנגעהויבען יעדען טאג אריינצופאלען אין א גראסערער מרה שחורה און דוד האט װידער געמוזט װערען ביי איהם א בן בית און מיט זיין שאהן שפיעלען און זינגען פערלייכטערן דעם קאניג׳ס שמערץ. שאול איז שטארק צוגעבונדען געװארען צו דודן; נאר גיך האט זיך די קנאה אריינגעחאפט און צושטערט די גאנצע פריינדשאפט. דוד האט אנגעהויבען זיך לאזען אין אלע מלחמות און אומעדום האט ער בעװיזען זיין גרוים בריה׳שאפט און זיך מיט דעם שטארק בעליעבט געמאכט ביים פאלק. איין מאל נאך א גרויסען נצחון. זענען איהם אקעגענגעקומען די פרויען מיט געזאנג און טאנץ און האבען געשריגען: „שאול האט געשלאגען טויזענדער און דוד צעהנער טויזענדער!“ דאס האט מען אבגעטראגען אין די אויערן פון שאול און ער איז איהם געװארען א שונא. פריהר איז אפילו די שנאה געװעהן א ביסעל פארדעקט און דוד, װאס שאול האט געמוזט בעשטעהן ער זאל חתונה האבען מיט זיין יונגסטער טאכטער מיכל, פלעגט האבען אין קאניגליכען הויף גרוים כבוד, נאר ביסלעכװייז איז די פיינדשאפט ארוים אפען און ער איז געצװאונגען געװען צו אנטלויפען, װייל שאול האט זיך טאקי פשוט גענומען אויף זיין לעבען. באלד האבען זיך ארום דודן צונויפגעזאמעלט אלע, װאס זענען אונצופריעדען געװעהן פון שאולן און בעזאנדערס דריי העלדען, יואב. אבישי און עשהאל. און איינער פון שמואל׳ס תלמידים. גד. און עס איז געװארען א קליינע מחנה. װאס האט זיך פארגענומען זיך אבהעבנען מיט שאולן. בעזאנדערס נאך דעם װאס ער האט דערהרגעט אלע כהנים און צושטערט זייער שטאדט נ״ב און פון דער גאנצער משפחה פונ׳ם כהן גדול עלי איז געבליבען איין אביתר. װאס איז אויך צוגעשטאנען צו דוד׳ס לייט.

די שונאים האבען זיך דערוויילע ענטשלאסען צו בענוצען זיך מיט דוד'ן און אכיש דער מלך פון גת האט איהם אבגעגעבען די שטאדט צקלג מיט דעם אופן אז ווען די פלשתים וועלען אנפאלען אויף שאול'ן זאל ער זיי געהן צו הילף. די פלשתים האבען טאקי באלד אנגעהויבען א מלחמה און דוד איז געוועהן אין א זעהר טרויעריגער לאגע, ווייל עס איז איהם אויסגעקומען געהן אקעגען זיינע אייגענע ברידער; נאר דאס גליק איז געוועהן וואס די פלשתים אליין האבען צו דוד'ן און זיין חברה קיין גרויס צוטרויען ניט געהאט און דעריבער האט מען זיי ניט מיטגענומען. די מלחמה איז אבער געראטהען די פלשתים, ווייל שאול איז ביי זיך אין גאנצען אראבגעפאלען, קיין רעכטע עצה האט ער זיך אליין ניט געקענט געבען, ווען צו פרעגען האט ער אויך ניט געהאט און זיין פריהעריגער פעסטער ווילען איז אזוי שוואך געווארען אז ער האט געזוכט הילף ביי כשוף מאכערינס און האט פערלארען זיין לעצטע ביסעל מוטה. אויף די בערג גלבוע איז געפאלען יהונתן און זיינע ברידער אבינדב און מלכי שוע און טאקי דארט אויפ'ן ארט האט זיך שאול דאס לעבען גענומען. די שונאים האבען שאול'ס קאפ אראיינגעשטעלט צו זיך אין טעמפעל און זיין קערפער מיט די קינדער'ס ארויס געהאנגען אויף די מויערן פון בית שן און מיט גרויסער מיה האבען זיי די איינוואהנער פון יבש גלעד געבראכט צו קבורה. אז די וויסטע בשורה איז אנגעקומען קיין גבע איז אויף אלע געפאלען א פחד, מען האט זיך געלאזט לויפען און אין איילעניש איז יהונתן'ס פינפיאהריג קינד מפיבשת אראבגעפאלען און איז געבליבען א קרומער. אזוי טרויעריג איז געוועהן דער סוף פונ'ם ערשטען קעניג, וואס דאס פאלק האט אויף איהם זיין גאנצע האפנונג ארויפגעלעגט.

דריטעס קאפיטעל .

דוד המלך .

(1015—1055 ביז קריסטוס געבורט . 1087—1127 פארן חורבן בית שני)

ניט פרעהליכער איז אויך געוועהן דוד'ס לעבען. פון איין זייט האבען זיינע אייגענע ברידער געקוקט קרום דארויף וואס ער האט געמאכט יד אחת מיט די פלשתים און פון דער אנדערער זייט האט זיך ארויסגעוויזען אז אויף די גייע גוטע פריינד האט ער זיך אויך ניט געקאנט פערלאזען. אין דער צייט וואס דוד מיט זיין חיל זענין געוועהן אין דער מחנה פון די פלשתים פערטיג צו געהן מיט זיי אינאיינעם אין מלחמה און ביז דער ישוב איז געבליבען מען זאל זיי היסען זיצען אין דער היים האבען דערווייל די עמלקים פארברענט די שטאדט צקלג. דאס איז געוועהן פאר דודן א גרויסער קלאפ. נאר ער האט זיך באלד גענומען אבערבענען מיט די שונאים און האט זיי טאקי גוט צושלאגען. ווי ער האט געהאלטען אין בויען נאך אמאל די צושטארטע שטאדט צקלג איז אנגעקומען דיא ידיעה פון שאולס טויט און זיינע קינדער. דער טויט מאכט שלום צווישען די גראסטע שונאים און אויך דוד האט פארגעסען אלע צרות וואס ער האט איבערגעליטען דורך שאולן און מיט הייסע טרערען און פייערינע טרויער־ליעדער האט ער בעוויינט דעם ביטערן סוף פונם ערשטען יודישען קאניג. באלד נאך דעם איז ער אריבער קיין חברון און דארט האבען איהם די עלטסטע אנגענומען פארין מלך פון יהודה. אבישן האט עס ניט געהארט, ווייל ער האט נאך אלץ גערעכענט דודן פאר א גוטען פריינד. און עס איז טאקי דודן שווער געוועהן אין גאנצען זיך אפ־רייסען פון די פלשתים און דאריבער פלעגט ער זיך בעגניגען דערמיט וואס ער האט געקאנט אנפאלען אויף די קליינע פעלקער פון דער מדבר ארום און זיך בענוצען מיט זייער רויב און דערצו פלעגט איהם העלפען יואב, א גבור וואס וואלט אים שטאנד געוועהן צו מאכען איין עק מיט די פלשתים. ווען דוד'ס האנד וואלטען ניט געוועהן געבונדען.

נאר וואס עס איז שוועהר געוועהן דוד'ן אויסצופידערן איז געראטהען

אבנר'ן, וואס איז באלד נאך דער גרויסער מפלה אין גלבע אוועק מיט א טהייל איבערגעבליבענע פריינדע פון שאולן קיין מחנים און דארטען ערקלערט דעם איינציגען זוהן שאולס, איש־בשת, פאר קאניג. באלד האט ער צונויפגענומען א גרויסע מחנה און אנגעהויבען מיט די פלשתים א קריעג וואס האט געדויערט פינף יאהר און געפיהרט דערצו אז די עשרת השבטים זענען געבליבען אונטער דער הערשאפט פון שאולס יורש און יהודה איז געווארען א בעזונדער מלוכה. דאס איז אויך ניט גוט געווען, ווייל האטשי אבנר האט געמאכט א תל פון די פלשתים, איז דערווייל געווארען א שנאה צווישען בית שאול און בית דוד און עס איז ארויס א אפענטליכע קריעג וואס האט זיך געצויגען צוויי יאהר. ווער ווייסט מיט וואס אזא מלחמה צווישען אייגענע ברידער וואלט זיך געוועהן אויסגעלאזט ווען אבנר ענטשליסט זיך ניט איבערצוגעהן אויף דודס זייט. גענומען האט זיך עס דערפון וואס אבנר האט גענומען איין אוין אויף שאולס קעפס־ווייב רצפה. איש־בשת איז דערפון געוואהר געווארען און האט ניט געוואלט לײַדען, ווייל ער האט מורא געהאט אז אבנר זאל דורך דעם ניט וועלען אין גאנצען די מלוכה צוזיינחאפען אין די האנד אריין. דאס האט אבנר'ן שטארק פערדראסען און ער האט בסוד געשיקט שליחים צו דודן און איהם געלאזט זאגען אז ער וויל איהם העלפען צו ווערען מלך איבער דעם גאנצען פאלק. דוד, פארשטעהט זיך, האט זיך באלד אנגעהאפט און קודם כל האט ער געפאדערט פון איהם אז ער זאל זעהען איהם אומקעהרען זיין געליבטע ווייב מיכל וואס האט ביי שאולס לעבען, געמוזט פון איהם אפשיידען און חתונה האבען מיט איינעם פונ'ם שבט בנימין, פלטי בן ליש. אבנר האט אזוי געדרעהט אז איש בשת איז אליין בעשטאנען דארויף אז מען זאל מיכל'ן צוריק ברענגען צו דודן. דערווייל האט שוין אבנר געקאנט מעהר אפענטליך אונטערהאנדלען מיט דודן און ער איז שוין געשטאנען נאהענט צום ציעל, נאר יואב האט געזעהען אז עס איז פאר איהם קיין תכלית ניט, אבנר זאל זיך ארויפחאפען אויפ'ן באנקעל. און האט אזוי געמאכט אז פליצום איז מען אנגעפאלען אויף אבנר'ן ביים טויער פון חברון און מען האט איהם דערהרגעט.

אבנר'ס אומצייטיגער טויט האט פיעל שמערצען געבראכט דודן, וואס האט איהם בעקלאגט און איהם געלאזט בעגראבען מיט'ן גרעסטען כבוד, וואס עס קומט אפצוגעבען א העלד. נאר נאך מעהר שרעק האט ער געבראכט אויף איש־בשת, וואס איז געבליבען ווי אהן א האנד און האט ניט געוואוסט

וואס אבנר האט די לעצטע צייט אבגעטהון און מיט וואס פאר אינווייניגסטע שונאים ער איז שוין געוועהן ארומגערינגעלט. דערפאר האט זיך אויך איש־בשת ניט אבגעהיט און באלד נאך דעם זענען אויף איהם אנגעפאלען צוויי רוצחים און האבען איהם געטוידט. די מארדער האבען געמיינט אז דוד וועט זיי רייך בעלוינען ווען זיי וועלען איהם ברענגען די בשורה פון איש־בשת'ס טויט. נאר זיי האבען א גרויסען טעות געהאט און האבען טאקע באלד מיט'ן לעבען בעצאהלט פאר דער רציחה. אזוי איז דוד געווארען מלך איבער אלע שבטים און דערצו האט ער נאך געהאט א שטארקע שטיצע פון די כהנים און נביאים, ווייל אויסער אביתר און גד איז ביי איהם אין הויף דעמעלט געוועהן נתן הנביא. און אלע האבען זיך בעמיהט צו בעפעסטיגען די ליעבע פונ'ם פאלק צום נייעם קעניג.

דוד'ס ערשטער געדאנק איז מן הסתם געוועהן זיך צו בעפרייען פון די פלשתים'ס אלטער פריינדשאפט, ער האט אבער פארשטאנען אז דערצו מוז מען האבען אנדערע כחות און האט זיך דאריבער ענטשלאסען מעהר זיך בעפעסטיגען דערווייל אויפ'ן פלאץ. דאס ערשטע האט זיך איהם געווארפען אין אויג דער בארג ציון, וואס איז געוועהן אין די האנד פון די יבוסים. דוד האט לכתחלה געוואלט געהן מיט גוטען. נאר אז די יבוסים האבען זיך איינגעשפארט, האט יואב געמוזט בעווייזען זיין גבורה־שאפט און אז זיי האבען געזעהן אז ער רעכענט זיך מיט זיי גוט אב און זיי וועלען גאר ניט מאכען, האבען זיי זיך געמוזט אויסגלייכען, אבטרעטען ציון און אליין זיך בעזעצען אויפ'ן בארג מוריה.

אז דוד האט זיך בעפעסטיגט אין ציון איז ער באלד אהין אריבער פון חברון, און די שטאדט וואס מען האט צום אנהייב גערופען "עיר דוד", האט בעקומען א נייעם נאמען "ירושלים". פריהער האט זיך דארט בעזעצט דאס חיל פון דוד'ן און דערפאר האט דאס ארט געהייסען אויך "בית הגבורים". און דערנאך האט זיך די שטאט אלע מאל פארגרעסערט און איז פון דעמעלט אן געבליבען די הייליגסטע פאר אלע ביז צום היינטיגען טאג. שכם וואלט אפילו געוועהן בעסער פאר דוד'ן, ווייל די ערד איז דארט געוועהן פרוכטבארער. נאר דוד האט פערשטאנען אז עס איז גלייכער זיך האלטען פון דער ווייטענס פון די בני בנימין וואס האבען ניט אזוי אנגעקוועלט דערפון וואס די מלוכה איז איבערגעגאנגען פון זיי צו איינעם פונ'ם שבט יהודה. אויסער דעם האט ער אויסגעקליבען ירושלים דערפאר

ווייל דארט איז געוועהן א מיטעלפונקט אונ ער איז געוועהן גלייך נאהענט צו אלע שבטים.

די פלשתים האבען זיך געשטויסען אז ניט היינט-מארגען וועט דוד ארויסשפרינגען געגען זיי האבען זיי פריהער דערהאפט אונ האבען אנגעהויבען געהן קיין ירושלים אז דוד האט דאס דערהערט איז ער אריבער מיט זיין חיל קיין עדולם. די פלשתים האבען גערעכענט אז דוד אנטלויפט. האבען זיי זיך נאך מיט מעהר השק צוגערוקט אונ האבען פארנומען בית לחם. דוד האט אבער געהאט איין אנדער מיין: ער האט געזוכט צו געווינען צייט אונ פון אלע שבטים זאלען צו איהם צושטעהן די וואס פארשטעהען מיט קראפט צו בעשיצען זייער לאנד. ער האט אויך קיין טעות ניט געהאט, ווייל באלד האט ער געזעהען ארום זיך פערזאמעלט די גרעסטע גבורים. דוד האט זיי געוואלט פריווען, האט ער געזאגט אויף איין הלצה אז ער וואלט מיט פערגעניגען געטרונקען וואסער פון בית לחם, וואו דער שונא איז געשטאנען, אונ טאקע באלד האבען זיך געפונען דריי העלדען, ישבעם אלעזר אונ שמה, וואס האבען זיך דורכגעשלאגען דורכ'ן פיינד אונ געבראכט וואסער. דוד האט, פארשטעהט זיך, ניט געוואלט טרינקען דאס וואסער, וואס איז געבראכט געווארען מיט אזא מסירת נפש, אונ האט מיט פרייד ערקלערט וואס זיין כונה איז געוועהן. דוד האט אויך שוין קיין לאנגע שיהות ניט געמאכט אונ האט ניט נאר פארטריבען די פלשתים פון זיין לאנד, נאר ער האט זיך נאך אריינגעהאפט צו זיי אונ צוגענומען ביי זיי זייער הויפטשטאדט גת.

דער נצחון איבער די פלשתים האט דוד'ן אונ זיין פאלק געמאכט א גרויסען נאהמען אין אלע לאנדער ארום, אונ חירם, דער מלך פון צור, האט באלד געשיקט צו איהם שליחים צו שליסען מיט איהם פריינדשאפט, כדי די סוחרים פון צור זאלען קאנען פריי דורכפאהרען דורכ'ן לאנד פון די בני ישראל אונ דער מסחר זאל אין ביידע לאנדער פערשטארקט ווערען. חירם האט איהם אויך געשיקט א מתנה -- טהייער צעדער-האלץ, אונ געלאזט קומען די בעסטע בעלי מלאכות זיי זאלען דוד'ן אויסבויען א פאלאץ. דוד האט זיך בענוצט דערמיט אונ ירושלים האט אנגעהויבען צו גלאנצען מיט די שאנסטע געביידען. נאר פאר אלע זאכען האט דוד געטראכט צו בעפעסטיגען די אמונה אונ האט א נדר געטהון אז ער וועט זיך ניט אריינציהען אין זיין נייע הויז ביז ער וועט ניט איבער פיהרען קיין ירושלים דעם ארון אלהים מיט די

לוחות וואס האט זיך געפונען, זייט „שילה“ איז צושטערט געווארען אין קרית־יערים. ער האט אויך ניט גערוהט ביז ער האט זיין הייליגען געדאנק אויסגעפיהרט: עס האט זיך אפילו געמאכט איין עכוב אויף עטליכע חדשים ווייל ווען מען האט שוין געפיהרט דעם ארון אויף א וואגען אונ צוויי לוים האבען איהם באלייט האט איינעם פון זיי איין אומגליק געטראפען, נאר שפעטער האט מען דעם ארון מיט גרויס פאראד אריינגעבראכט קיין ירושלים אונ דוד איז אזוי געוועזען בארוישט דערפון אז ער האט פארגעסען זיין שטאנד, ער האט אפענטליך געשפרונגען אונ געטאנצט אין גאס פאר שמחה אונ דאס איז שטארק ניט געפאלען זיין ווייב מיכל, וואס האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען אונ א ביסעל דערפון חוזק געמאכט. דוד האט אויך געזארגט אז ירושלים זאל האבען א כהן אונ האט אויסגעקליבען זיין פריינד אביתר, וואס איז איהם געשטאנען אין אלע נויטהען; נאר אזוי ווי אין גבעון איז געוועהן נאך פון פריהער א כהן צדוק וואס שאול האט איהם נאך געשטעלט, האט דוד געמאכט עס זאלען זיין צוויי כהנים, צדוק אין גבעון אונ אביתר אין ירושלים. דערצו האט אויך דוד איינגעפיהרט א שאנעם גאטעס־דיענסט מיט געזאנג אונ שפיעל, ווי עס איז אנגעשטאנען דעם וואס מען האט גערופען „נעים זמירות ישראל“.

דוד האט זיך אבער אויך געהאלטען אין דעם כלל: אז וואס צו גאט — איז צו גאט אונ וואס צו לייט — איז צו לייט. קוים האט ער פארזארגט די אמונה, האט ער זיך גענומען צו פארבעסערן דאס אינוועניגסטע לעבען פונ'ם פאלק. עס איז איהם געראטהען וואס ער האט באקומען פאר א יועץ אחיתופל הגלוני וואס פלעגט כמעט קיין מאל קיין טעות ניט האבען אונ ביז ער איז שפעטער ניט געווארען דוד'ן א שונא האט ער איהם געגעבען די בעסטע עצות. צום ערשטען האט ער געמאכט אז אלע שבטים זאלען האבען א גלייכען חלק אין בעשיצען פונ'ם לאנד אונ האט איינגעפיהרט אז פון צוואנציג יאהר אן זאלען א געוויסע צאהל פון די מאנער דיענען אין חיל. דערנאך האט ער גוט אכטונג געגעבען אז יושר אונ ארדנונג זאלען הערשען אין לאנד. ער פלעגט זיך אליין אבגעבען מיט אויסגלייכען צדדים, מאכען שלום אונ מיט דעם איז ער נאך מעהר בעליעבט געווארען ביי אלע. פון זיינע פריהערדיגע לייט איז יואב געבליעבען דער עלטסטער איבער'ן גאנצען חיל אונ בניהו בן יהוידע איז געוועזען דער הויפטמאן פון די פרעמדע

קריעגס־לייט, כרתי אונ פלתי, וואס דוד האט געהאלטען פאר בעזונ־דערע שומרים פונ'ם הויף.

דערוויל האט זיך געמאכט א שטארקער נסיון פאר דוד'ן. עס איז גראד דריי יאהר נאכאנאנד געוועזען א הונגער אונ דער כהן אביתר האט געזאגט אז דאס איז א שטראף דערפאר וואס שאול האט ניט געהאלטען די שבועה געגען די גבעונים. דוד האט געשיקט פראגען די עטליכע גבעונים וואס זענען נאך געבליעבען, וואס זיי ווילען אונ זיי האבען זיך איינגעשפארט אז זיי וועלען ניט מוהל זיין ביז מען וועט ניט דער'הרג'נען שאול'ס קינדער. דוד'ן איז שטארק שלעכט געווארען, ווייל ער האט מורא געהאט מען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער וויל אליין עס זאל פון שאול'ס משפחה קיין זכר ניט בלייבען, פון דעסטוועגען האט ער געמוזט צוליעב טהון די גבעונים, וואס האבען באלד אפגעזוכט אונ אויפגעהאנגען אין גבעת שאול צוויי זיהן רצפה'ס אונ פינף שאולס אייניקלעך, קינדער פון זיין טאכטער מרב. נאר יהונתן'ס זוהן, מפיבשת, האט ער קוים אבגעראטעוועט אונ גענומען צו זיך אין הויף אריין, ווייל ער האט געדענקט די שבועה וואס ער האט געשווארען זיין יוגענד־פריינד, אז עביג וועט ער טריי זיין זיינע קינדער, אונ חאטשי ער האט בעהאנדעלט מפיבשת'ן ווי זיין אייגען קינד, איז פארט געבליעבען ביי די בני בנימין א שנאה אין הארצען, זיי האבען זיך געטראכט אז דוד האט געלאזט מפיבשת'ן לעבען ווייל ער איז א קאליקע אונ טויג ניט צו דער מלוכה, אונ טאקע דערפאר, אז די הצלחה האט זיך שפעטער אבגעטהון פון דוד'ן, האט ער פון זיי בעקומען דעם ערשטען שטיין.

צוואנציג יאהר האט ער געקאניגט מיט גליק אונ נחת אונ אלע מלחמות וואס ער האט אין דער צייט געפיהרט האבען נאך מעהר פארגרעסערט זיין כבוד אונ געווארפען זיין פחד אויף אלע שכנים פון ווייט אונ פון נאהענט. ער האט זיך נוקם געוועזען אין די מואבים פאר איין אום־כבוד וואס זיי האבען בעוויזען זיינע שליחים אונ אויך א תל געמאכט פון די עמונים. וואס האבען זיך גענומען צו הילף די ארמים אונ האבען דאך געמוזט איינבויגען דעם קאפ. איבערלאזען דוד'ן די אלטע שטאדט דמשק אונ איהם נאך צאהלען מס. דאס לאנד, וואס האט צום אנהויב פון דוד'ס מלוכה זיך גערעכענט נאר צווישען דן אונ באר שבע, האט מיט אמאל צוריק די גרעניצען פון נחל מצרים אונ עזה ביז דעם טייך פרת. נאר די גאנצע גדולה האט דוד'ן ניט פארדרעהט דעם קאפ מיט גאוה, ער האט זיך,

ניט געוואלט שטעלען ווי שאול א דענקמאל ביי'ם לעבען, ווייל צוויי גרויסע געדאנקען האבען געהערשט ביי איהם און ביי אלע זיינע העלדען: אז, ערשטענס, איז אלדינג געווענדט אין דעם אייבערשטען, וואס אין זיין האנד איז פונקט דער נצחון ווי די מפלה, און אז, צווייטענס, קען געראטהען נאר די מלחמה וואס ווערט אנגעהויבען פאר זיין הייליגען נאמען און טאקי דערפאר האט ביי זיי גאט געהייסען „צבאות“, דאס הייסט — דער האר פון אלע חילות.

ניט אייביג דויערט אבער דאס מענשליכע גליק און נאך גאר ליבטיגע טעג קומען אפט זעהר פינסטערע נעכט. דאס איז אויך געשעהן מיט דוד'ן. ווען יואב מיט'ן חיל האבען בעלאגערט די הויפטשטאדט פון די עמונים, האט דוד איין מאהל אין ירושלים דערזעהען פון ווייטענס שפאצירען די שאהנע בת שבע, א ווייב פון אוריה החתי, איינעם פון זיינע געטרייעסטע העלדען, זי איז איהם שטארק געפעלען, האט ער זי געלאזט בעטען צו זיך און זי איז ביי איהם געווארען גאר היימיש. אין א קורצע צייט האט דוד בעמערקט אז ביי בת־שבע'ן הייבען זיך אן ארויס צוווייזען צייכענס פון זייער בעקענטשאפט, האט ער זיך ענטשלאָסען צו מאכען איין אויסרעד און לאזען קומען דעם מאן פונ'ם לאגער, כדי ער זאל דערמיט פארדעקען די שאנדע. אוריה האט זיך אבער געיאגט צוריק אין לאגער אריין און אז דוד האט געזעהן אז ער וועט מיט איהם גאר ניט מאכען, האט ער געגעבען א וווּנק יואב'ן מען זאל אוריה'ן שטעלען אויפ'ן ערשטען פייער. עס האט גאר ניט געדויערט — איז בת שבע געבליבען איין אלמנה, נאר זי האט זיך באלד געטרייסט און גאר גיך איז זי אריבער אין קאניגליכען פאלאץ און האט געבארען א קינד, וואס האט ניט לאנג געלעבט.

אזא עולה פון דעם וואס מען האט איהם ביז אהער מיט רעכט גערעכענט פאר'ן בעשיצער פון יושר און אמת — האט זיך געמוזט ווארפען אין אויג די עטליכע געצעהלטע גרויסע מאנער וואס זענען קיינעם ניט נושא פנים און זאגען יעדען פריי ארויס זייערע געדאנקען. דערפאר זעהען מיר ווי טאקי באלד איז אויסגעוואקסען ביי דוד'ן נתן הנביא און האט איהם דערצעהלט א משל פון א רייכען, וואס גאט האט איהם געבענשט מיט גרויסע רייכע טשערעדעס און וואס האט זיך ניט געשאהמט צוצונעהמען ביי א ארעמען פאכטוך זיין איינציג קליין שאפעלע. מיט כעס האט דוד דארויף געענטפערט אז אזא גזלן פערדיענט די גרעסטע שטראף. „דאס ביסט דו טאקי אליין!“ האט איהם דער נביא געזאגט קורץ און

שַׁארף אוּנ דָוִד הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען וִוי טִיעף עֶר אִיז גֶעפַאלֶען אוּנ מִיט אַ שְׁטַארְקֶער חֲרָטָה, וָואס קָאן נָאר גֶעבָארֶען וֶוערֶין אִינ׳ם הַארְצֶען פוּן אַיין אֱמֶת׳ן בַּעַל תְּשׁוּבָה, הָאט עֶר מוֹדֶה גֶעוֶועֶן אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט.

גָאט אִיז אָבֶער גִיכֶער אַ מוֹחֵל וְסוֹלֵחַ וִוי מֶענְשֶׁען אוּנ חָאטְשִׁי דָוִד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְבֶּעסֶערְן זַיין פֶעהלֶער אַקֶעגֶען בַּת־שֶׁבַע׳ן דֶערְמִיט וָואס עֶר הָאט זִי גֶעמַאכְט פַאר דֶער עֶרְשְׁטֶער קֶענִיגִין אוּנ אִיהר צוּ גֶעזָאגְט אַז זֵייעֶר נַייגֶעבָארֶענֶער זוּהן שְׁלֹמֹה זָאל בְּלַייבֶּען דֶער יוֹרֵשׁ פוּן דֶער מְלוּכָה, הָאט אִיהם פָארְט דִי מַעֲשֶׂה גֶעמַאכְט פַאר אַ שׂוֹנֵא זַיין בֶּעסְטֶען יוֹעֵץ אֲחִיתֹפֶל וָואס אִיז גֶעוֶועֶן בַּת־שֶׁבַע׳ס זֵיידֶע אוּנ הָאט נִיט גֶעקָאנְט מוֹחֵל זַיין דֶעם קֶענִיג וָואס עֶר הָאט זִי אַרָאבְּגֶעפִיהרְט פוּנ׳ם גְלַייכֶען וֶועג. דֶערְצוּ הָאט זִיךְ נָאךְ אִין דֶער צַייט גֶעמַאכְט אַ נַיי אוּמְגְלִיק. אַ מְ נ וֹ ן דָוִד׳ס עֶלְטְסְטֶער זוּהן, הָאט פַארְנַארְט צוּ זִיךְ זַיין שְׁטִיפְשְׁוֶועסְטֶער תָּ מָ ר אוּנ זִי גֶעשֶׁאנְדֶעט אוּנ דֶערְנָאךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען. מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערֶען אִיז זִי גֶעקוּמֶען זִיךְ קְלָאגֶען צוּ אִיהר בְּרוּדֶער אַ בְ שָׁ ל וֹ ם אוּנ עֶר הָאט אִיהר גֶעהֵייסֶען מַאכֶען אַ שְׁוַוייג אוּנ זִי פֶערְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין אָבְּרֶעכֶנֶען מִיט אַמְנוֹנ׳ן. אַבְשָׁלוֹם, וָואס הָאט, וִוי עֶס שַׁיינְט, גֶעמַאכְט יַד אַחַת מִיט אֲחִיתֹפֶל׳ן, הָאט זִיךְ גָאר נִיט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט אוּנ אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעלָאזְט בֶּעטֶען אַמְנוֹנ׳ן מִיט נָאךְ גֶעסְט מֶען זָאל אַרוֹיסְפָאהרֶען זֶעהן וִוי מֶען שֶׁערְט דִי שָׁאף אוּנ דָארְט הָאט מֶען אִיהם דֶערְהַרְגֶ׳ט. אַבְשָׁלוֹם אִיז בַּאלְד עֶנְטְלָאפֶען צוּ זַיין מוּטֶערְס פָאטֶער תַּ לְ מַ י דֶעם מֶלֶךְ פוּן גְ שׁ וּ ר אוּנ דָוִד הָאט אֲפִילוּ גֶעוָואלְט שִׁיקֶען אַהִין חַיִל אוּנ אִיהם פוּן דָארְט בְּרֶענְגֶען, נָאר יוֹאָב אוּנ אֲחִיתֹפֶל הָאבֶען אִיהם אָבְּגֶעהַאלְטֶען דֶערְפוּן וַוייל אִין הוֹיף אִיז שׁוֹין גֶעוֶועֶן אַ אִינְטְרִיגֶע אוּנ אַ סַךְ הָאט גֶעטוּיגְט אַז נִיט שְׁלֹמֹה, נָאר אַבְשָׁלוֹם זָאל אַרוֹיף אוֹיפ׳ן בֶּאנְקֶעל. אוּנ כְּדֵי נָאךְ מֶעהר בֶּערוּהִיגֶען דָוִד׳ן, הָאט יוֹאָב אָנְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קְלוּגֶע פְרוֹי פוּן תְּקוֹעַ זִי זָאל זִיךְ קוּמֶען קְלָאגֶען פַאר׳ן קֶענִיג אוֹיף אִיהר מִשְׁפָּחָה וָואס וִויל אוּמְבְּרֶענְגֶען אִיהר יוּנְגְסְטֶען זוּהן דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גֶעטֵייט זַיין עֶלְטֶערְן בְּרוּדֶער אוּנ זִי קָאן אַזוֹי פֶערְלִירֶען בֵּיידֶע קִינְדֶער. דָוִד הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעשְׁטוּיסֶען וֶועמֶעס אַרְבֵּייט דָאס אִיז אוּנ הָאט גֶעזָאגְט יוֹאָב׳ן אַז אַבְשָׁלוֹם מֶעג צוּרִיקְקוּמֶען נָאר אִיהם זָאל עֶר זִיךְ פַאר דִי אוֹיגֶען נִיט וַוייזֶען. עֶרְשְׁט זִיבֶּען יָאהר נָאךְ אַמְנוֹנ׳ס טוֹידְט הָאט זִיךְ דָוִד אִיבֶּערְגֶעבֶּעטֶען מִיט אַבְשָׁלוֹם׳ן.

דָאס אִיבֶּערְבֶּעטֶען הָאט נִיט גֶעקָאנְט פִיהרֶען צוּ קַיין אֱמֶת׳ן שָׁלוֹם. דִי פוּנְקֶען פוּן אִינְטְרִיגֶע הָאבֶען שׁוֹין גֶעגְלִיהט פוּן פְרִיהר אוּנ דָוִד׳ס אִינְוֶוענִיגְסְטֶע שׂוֹנְאִים הָאבֶען פֶערְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי צוּ דְרֶעהֶען מִיט אַבְשָׁלוֹם׳ן עֶר זָאל נָאךְ

מעהר אנגיסען בוימעל אויפ'ן פייער. דערווייל האט זיך געמאכט, וואס דוד האט זיך געמוזט מכין זיין צו א גרויסע מלחמה, צו וועלכער עס איז איהם אויך געקומען העלפען אתי פון גת מיט זיין חיל. דוד האט בעדארפט וויסען אויף ווי פיעל מענשען ער קאן רעכנען פון זיין זייט, האט ער געגעבען א בעפעהל מען זאל איבער־צאהלען אלע צוואנציגיאהריגע. פּליצום איז ארויס א מגפה, מענשען האבען אנגעהויבען פאלען ווי שטרוי און דער עולם האט עס אנגעהאנגען אין דעם צאהלען. דער נביא גד האט באלד געגעבען איין עצה מען זאל שטעלען א מזבח אויפ'ן בארג מוריה, וואו די מגפה האט קיין שליטה ניט געהאט, און דארט מקריב זיין קרבנות. דוד האט זיך אויסגעגלייכט מיט די יבוסים און מען האט איהם אבגעטרעטען א פלאץ, דארט האט מען געטהון אלדינג וואס דער נביא האט געהייסען און די מגפה האט אויפגעהערט. אין הארץ פונ'ם פאלק האט אבער ניט אויפגעהערט צו זידען אויף דודן, ווייל די שונאים האבען זיך בענוצט דערמיט און איינגערעדט דעם געמיינעם עולם אז דאס גאנצע אומגליק האט זיך נאר גענומען פונ'ם מלך'ס בעפעהל. אזוי איז ארויס א שטארקע אונצופרידענהייט און אבשלום האט פערשטאנען אז ער מאג שוין ארויסשפרינגען. באלד איז ער צריבער קיין חברון, וואו עס איז שוין געווען אבגערעדט מיט אלע אונצו־פריעדענע. דארט האט איהם אויך געשטיצט זיין פעטער עמשא, וואס האט געוואלט ארויף אויף יואב'ס שטעלע, און אהין פלעגט אויך בסתר קומען אחיתפל. און פון דארט איז ארויס דער קלאנג אז אבשלום איז קאניג געווארען. פון פיעל שטאדט איז מען געקומען בעגריסען דעם נייעם קאניג און אפילו די שטאלצע בני בנימין האבען אויך צו געשאקעלט מיט'ן קאפ, ווייל זיי האבען גערעכענט אז פון אבשלומ'ן וועלין זיי ניכער פטור ווערען און די מלוכה וועט ווידער איבערגעהן צו זיי. אז דוד איז דערפון געוואהר געווארען, האט ער זיך ענטשלאסען אוועק צוגעהן פון ירושלים און דערמיט אבהיטען די הייליגע שטאדט פון א סכנה, וואס וואלט געקאנט ארויס ווען ער זאל מוזען מלחמה האלטען מיט זיין אייגענעם זוהן, אין דער נויט דערקענט מען ערשט רעכטע גוטע פריינד: אז דוד האט בעדארפט אנטלויפען איז ער ניט געבליבען איינער אליין, איהם זענען נאכגעגאנגען ניט נאר יואב און אבישי מיט'ן גאנצען חיל, נאר אויך בניהו מיט זיינע לייט פון כרתי און פלתי און אפילו אתי מיט זיינע זעקס הונדערט מאן. באלד זענען אויך צו־געקומען די כהנים צדוק און אביתר מיט'ן ארון. נאר דוד האט זיי געהייסען בלייבען אין ירושלים און געזאגט אז ער האפט נאך צוריקצוקומען און דארט פריי גאט דיענען. נאך איינעם האט ער געבעטען זיך ניט ריהרען פון ירושלים.

דאס איז געשעהן דער אלטער חושי הארכי וואס האט געוואלט טהיילען דאס אומגליק פון זיין קעניג. נאר ער האט פערשטאנען זיין ווינק אז אין ירושלים קאן ער איהם מעהר צו נוטץ קומען. אין דער ערשטער שטאדט בחרים, וואוהין דוד איז אנגעקומען, האט ער ניט געהאט קיין גוטען ברוך הבא, ווייל דארט האבען געוואהנט שאולס קרובים און איינער פון זיי, שמעי בן גרא, האט איהם נאכגעווארפען שטיינער און געשאלטען מיט טויטע קללות. דוד האט זיך געמוזט נעהמען דעם וועג צו דער געגענד פון יריחו. דארט האט ער זיך מיט זיינע לייט בעזעצט אין צעלטען און געווארט אויף ידיעות פון ירושלים.

אבשלום איז דערווייל צריין קיין ירושלים און דאס ערשטע האט איהם אחיתופל איין עצה געגעבען צו שאנדען דעם פאטערס ווייבער. די עצה איז איהם שטארק געפאלען און מיט א זיינע זאכען פלעגט ער זיך אבגעבען גאנצע טאג. אודאי האט ער קיין צייט ניט געהאט צו טראכטען פון עפיס נאטהיגערס און אז אחיתפל האט אויפגעגעבען א פלאן מען זאל ארויסשיקען גרויס חיל צו האפען דוד'ן האט זיך אבשלום געלאזט איבעררעדען פון חושי. וואס האט זיך איינגעשמייכעלט ביים יונגען קעניג און איהם צוגעזאגט פונקט אזוי טריי צו דיענען וויא דוד'ן. חושי האט איהם געגעבען צו פארשטעהן אז דאס טויג ניט און שטילערהייט געגעבען צו וויסען דוד'ן וואס עס געהט פאר. וויא אחיתפל האט געזעהן אז ער איז גאר ניט אין גאנצען תקיף ביי אבשלום'ן, האט ער זיך פאר כעס אויפגעהאנגען. דער טויט פון אחיתפל האט דוד'ן געגעבען מוטה ער זאל זיך לאזען צוריק און ער איז געקומען קיין מחנים וואו מען האט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און צוויי בכבודע זקנים פון גלעד האבען איהם פערזארגט מיט אלעם נאטהיגען. אהין האט זיך אויך צוגערוקט אבשלום מיט זיין חיל און דארט האט זיך אויך אנגעהויבען די בלוטיגע מלחמה, צו וועלכע דוד'ס הויפטלייט האבען ניט צוגעלאזט דעם גוטען מלך, ווייל זיי האבען געוואוסט אז ער וועט קיין הארץ ניט האבען זיך צו שלאגען געגען זיין אייגען בלוט און פלייש. דוד'ס ווייך הארץ האט זיך טאקי ארויסגעוויזען ווען דאס גליק האט איהם געשפיעלט. פון אבשלום'ס זייט זענין געפאלען צוואנציג טויזענד מענשען און ער אליין האט זיך פארטשעפעט אין א בוים און איז געבליבען הענגען ביז יואב האט איהם ניט אבגעשניטען דעם קאפ. ווען אלע זיינע קריעגער האבען מיט פרייד בעגריסט דעם גרויסען נצחון, האט דוד מיט הייסע טרערען בעוויינט זיין זינדיג קינד.

דוד וואלט נאך דעם אייגענטליך געקאנט פריי געהן קיין ירושלים, נאר ער האט געוואלט וויסען ווי ער האלט מיט'ן פאלק און האט זיך ענטשלאסען ווארטען

די אַלֶע שְׁבָטִים וָועלִין אִיהם נִיט שִׁיקֶען בֶּעטֶען מִיט כָּבוֹד עֶר זָאל צוּרִיקקוּמֶען. באַלְד הָאט אִיהם אָבֶּער גֶעמוּזְט קָשֶׁה וָוערִין וָואס זַיינֶע אֵיינֶענֶע קְרוֹבִים פוּנִם שֵׁבֶט יְהוּדָה שְׁטֶעהֶען עֶפִּיס נָאר פוּן וַוייטֶענְס. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא שְׁטֶעקְט אִיהם עֲמָשָׂא אִין וֶועג, הָאט עֶר אִיהם גֶעלָאזְט זָאגֶען אַז וִוי בַּאלְד עֶר וֶועט אַרְבֵּייטֶען פוּן זַיינֶעטְוֶועגֶען וֶועט עֶר אִיהם בֶּעלוֹינֶען וִוי עֶס בַּארְף צוּ זַיין. אַזאַ הַבְטָחָה הָאט גֶעוִוירְקְט אוּנ אַז דָוִד אִיז אַרִיבֶּער דֶעם יַרְדֵן אוּנ זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין גִלְגָל הָאט עֶר שׁוֹין גֶעפוּנֶען שְׁלוּחִים פוּן דִי בְּנֵי יְהוּדָה. דָא אִיז אָבֶּער אַרוֹיס אַ נַיי מַחֲלוֹקֶת. וַוייל דִי אִיבְּרִיגֶע שְׁבָטִים הָאט פֶערְדְרָאסֶען אוֹיף דִי בְּנֵי יְהוּדָה וָואס ווִילֶען זַיין בַּיי דָוִדן חָשׁוּבֶער פוּן אַלֶע, אוּנ אֵיינֶער, שֶׁבַע בֶּן בִּכְרִי הָאט טַאקִי פָּשׁוּט אָהְן בּוּשָׁה גֶעאָפֶּענְט אַ מוֹיל גֶעגֶען דָוִדן. דָוִד הָאט גֶעזֶעהְן אַז דָא שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס אַ שְׁפִּיגֶעל נַייֶע קְרִיעג צְווִישֶׁען אֵיינֶענֶע בְּרִידֶער, הָאט עֶר בַּאלְד אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט עֲמָשָׂאן אוֹיף יוֹאָבְ'ס אָרְט אוּנ הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל אִין דְרַיי טָאג צוּנוֹיפְזַאמְלֶען אַלֶע הֶעלְדֶען פוּן יְהוּדָה. עֶס הָאט אָבֶּער גֶעדוֹיעֶרְט עֶפִּיס מֶעהְר אוּנ דָוִד הָאט זִיךְ גֶעשְׁרָאקֶען אַז שֶׁבַע זָאל זִיךְ נִיט לָאזֶען אִין אַנְדֶערֶ'ע שְׁטֶאדְט אָנְמַאכֶען אַ מְרִידָה. הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט נָאךְ אַמָאל וֶוענְדֶען צוּ זַיינֶע פְרִיהֶערִיגֶע דִיעֶנֶער אוּנ הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דָאס חַיִל אִין דִי הָאנְד פוּן אֲבִישַׁי אוּנ יוֹאָב אִיז וִוידֶער גֶעבְּלִיבֶּען דֶער גַאנְצֶער פִיהְרֶער. אִין גִבְעוֹן הָאט יוֹאָב גֶעפוּנֶען עֲמָשָׂא'ן אוּן הָאט אִיהם גֶעשְׁטָאכֶען. שֶׁבַע הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל פֶערְשְׁלָאסֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט „אָבֵל", נָאר יוֹאָב אִיז צוּגֶעטְרֶעטֶען אוּנ הָאט גֶעוָואלְט מַאכֶען אַ תֵּל פוּן דֶער פֶעסְטוּנְג הָאט מֶען אִיהם גֶעמוּזְט אַרָאבְּוַוארְפֶען דֶעם קָאפּ פוּן שֶׁבַע אוּן דֶערְמִיט הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע מְרִידָה.

נָאךְ אַזוֹי פִיעל צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים אִיז דָוִד צוּרִיקְגֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם גֶעלַייטֶערְט פוּן זַיינֶע זִינְד אוּן בַּאלְד הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְרַאכְטֶען וֶועגֶען בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן אוּנ וָואלְט עֶס גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעפִיהְרְט, וֶוען נָתָן הַנָבִיא וָואלְט אִיהם נִיט מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז דַארוּיף אִיז נִיט דֶער וִוילֶען פוּן גָאט אוּן אַז זַיין זוּהְן וֶועט אוֹיס פִיהְרֶען דָאס הֵיילִיגֶע שְׁלִיחוּת. דֶערְוַוייל הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען מֶעהְר אַלְטֶער אוּנ שְׁלַאפֶּער צוּ וֶוערֶען אוּן זַיין פִירְטֶער זוּהְן אֲדוֹנִיָהוּ, וָואס יוֹאָב הָאט גֶעהַאלְטֶען מִיט אִיהם, הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען מִיט גְוַואלְד צוּ יַרְשֶׁ'נֶען דִי מְלוּכָה נָאךְ בַּיי'ם פָאטֶערְס לֶעבֶּען. עֶר הָאט צוּנוֹיפְגֶערוּפֶען, אַלֶע פְּרִינְצֶען, אוֹיסֶער שְׁלֹמֹה אוּנ בַּאלְד הָאט מֶען שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן אַלֶע זַייטֶען אַ גֶעשְׁרֵיי. „לֶעבֶּען זָאל דֶער מֶלֶךְ אֲדוֹנִיָהוּ" דָוִד הָאט דֶערְפוּן נִיט גֶעוואוּסְט, וַוייל עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אֵיינֶער אַלֵיין בַּיי זִיךְ אִין חֶדֶר אוּנ גֶעוַוארְמְט דִי פַארְפְרוֹירֶענֶע גְלִידֶער, אוּנ עֶס וָואלְט אֲדוֹנִיָהוּ גֶעוֶוען אַזוֹי

אבגעלאפען, נאר בת־שבע איז דערפון געוואהר געווארען, איז זי באלד אריין צום קעניג און האט איהם דערמאנט זיין שבועה וועגען איהר זוהן שלמה, באלד איז אויך אנגעקומען נתן הנביא און האט איהם אויך צוגערעדט ער זאל האלטען ווארט. דוד האט ניט לאנג געטראכט און עס איז ביי איהם געבליבען אז מען זאל נאך ביי זיין לעבען זאלבען שלמה'ן פאר קעניג אין טהאל גיחון. און אזוי איז עס אויך געשעהן, אדניהו איז ניט געוועהן קיין נאר און האט פערשטאנען אז ער וועט גאר ניט אויספיהרען, האט ער געמוזט אנבויגען דעם קאפ. און אזוי איז גיך געווארען איין עק פון א קריעג וואס וואלט געקאנט פיהרען צו זעהר שלעכטע זאכען. און נאך א ממשלה פון פערציג יאהר און א האלבען האט דוד רוהיג צוגעשלאסען די אויגען און מיט א פעסטען בטחון אז ער האט זיין בליהענד לאנד איבערגעלאזט אין גוטע הענד האט ער געפונען זיין לעצטע מנוחה אין די קברים פון מלכי בית דוד, צווישען די שטיינער פונ'ם בארג ציון.

פירטעס קאפיטעל.

שלמה המלך.

(1017—997 ביז קריסטוס געבורט. 1087—1047 פאר'ן חרבן בית ענ״י)

האטש שלמה איז געוועהן צו יונג און ערשט צוואנציג יאהר אלט ווען ער האט אויף זיך ארויפגעלעגט דעם עול פון דער מלוכה, פון דעסטוועגען האט ער פערשטאנען אז ניט אומזיסט הייסט ער שלמה. ווייל ער מוז זיין א מלך פון שלום, און דעריבער האט ער געזעהן מיט אלע כחות זיך דערווייטערן פון מלחמות און איינווענדען בעסער אלע קרעפטע צו פערבעסערן דעם איננערליכסטען מצב פון דער מדינה. די ערשטע צייט איז אפילו ניט אבגעלאפען אזוי רוהיג,

ווייל שלמה האט זיך ניט געקאנט פיהלען זיכער ביז עס זענען ניט פערשווינדען געוואָרען עטליכע חברה־לייט וואס ער האט צו זיי קיין צוטרויען ניט געקאנט האבען. דער עלטערער ברודער אדניהו האט אפילו פאר איהם שטארק דרך ארץ געהאט, דאך איז שלמה ניט געוועהן בלינד און האט גוט בעמערקט אז אין לאנד איז דא א שטארקע כתה, און טאקי דער אלטער יואב אויך אין מיטען, וואס זענען ניט צופריעדען דערפון וואס דוד האט איהם איבערגעגעבען די מלוכה איין ווינק פון דעם יונגען קאניג איז גענוג געוועהן אז בניהו בן יהוידע זאל הרגענען אדניהו'ן און אין איין וועג עקען מיט יואב'ן, וואס האט געזוכט זיין לעבען צו ראטעווען דורך דעם וואס ער האט זיך אנגעהאפט אין מזבח; נאר עס האט איהם ניט געהאלפען. דעמעלט האט מען אויך דערמאנט שמעי בן גרא זיין אלטע זינד געגען דוד'ן און מען האט איהם געהרגעט און אביתר איז אראב פון זיין שטעלע און צדוק איז געבליבען דער איינציגער כהן. נאך ביי'ם פאטער'ס לעבען האט שלמה חתונה געהאט מיט א פרינצעסין פון עמון נעמה, נאר דעם גרעסטען יחוס־שדוך האט ער געטהון מיט'ן מלך פון מצרים פזוזינעס זיין טאכטער האט ער געמאכט פאר דער ערשטער קאניגין און צו ליעב איהר האט ער אנגעהויבען צו בויען טהייערע הייזער און פאלאצען, וואו עס דארף וואהנען א בת מלכה פון מצרים. אויסער דעם האט ער געמוזט טראכטען אז זיין הויפטשטאדט זאל ווערען פון טאג צו טאג שענער און ער זאל קאנען אויפנעהמען זיינע גאסט מיט כבוד און רייכקייט, ווייל עס פלעגען אלע מאל קומען שליחים פון בעפריינדעטע קאניגע און פון אונטערגעווארפענע פאלקער, וואס האבען איהם געצאהלט מס. נאר פאר אלע בנינים האט זיך שלמה גענומען בויען אויפ'ן בארג מוריה דעם משכן, וואס פיעל מאטעריאל דערצו האט נאך דוד אנגעגרייט. די שווערע ארבייט פון שטיינער־האקען האט ער איבערגעגעבען די אמורים, חתים, פרזים און יבוסים וואס האבען געוואהנט נעבען ירושלים און האבען זיך גערעכענט כמעט ווי קנעכט. מעהר פון הונדערט פינפציג טויזענד מענשען האבען זיך בעשעפטיגט דערמיט און דריי טויזענד יודען, און איבער זיי אלע אדנירם, האבען אכטונג געגעבען. חירם, דער מלך פון צור, האט צוגעשטעלט האלץ פון צעדערן, און אנדערע מינים און דערפאר האט מען איהם געצאהלט מיט ווייץ, וויין און אהל, אויסער דעם האט מען נאך געמוזט געהמען ביי חירם'ן געלד. און שלמה האט איהם דערפאר אבגעטרעטען צוואנציג שטאדט ביי דער גרעניץ, וואו עס האבען זיך בעזעצט פערשיעדענע פאלקער און דעריבער האט מען עס גערופען „ארץ הגליל" אדער „גאליליע". דריי יאהר האט מען

געבויעט דעם משכן, וואס איז בעשטאנען נאר פון פירעקיגע שטיינער אונ אינוועניג זענען די וואנד געוועהן בעדעקט אין גאנצען מיט צעדער-האלץ אונ פערציערט מיט די טהייערסטע פערגאלדעטע פיגורען. דער משכן האט געהאלטען זעכציג עללען די לאנג, צוואנציג — די הויך אונד דרייסיג — די ברייט אונ איז בעשטאנען פון צוויי אבטהיילונגען: דעם דביר, אבער קדש הקדשים, וואס איז געוועהן העכער פון אללע אנדערע בנינים פונ'ם משכן אונ וואס דארט איז נאר געשטאנען דער ארון מיט די לוחות, בעשיצט פון צוויי כרובים מיט פינף — עללען — לאנגע פליגעל, אונ דעם היכל, וואו עס האט זיך געפונען דער מזבח הקטרת פון ריין גאלד אונ פון ביידע זייטען צו פינף גאלדענע מנורות אונ אויך א גאלדענער טיש פאר די צוועלף הייליגע ברויט, לחם הפנים. אחוץ דעם איז געוועהן א פאר-הויז, אולם הגדול, אונ ביים איינגאנג זענען געשטאנען צוויי קופערנע זיילען, וואס מען האט זיי גערופען יכין אונ בעז. אין הויף, וואס האט געהייסען עזרה גדולה, איז געשטאנען א קופערנער מזבח אונ דארט האט זיך געפונען א באסיין וואסער וואס מען האט גערופען ים הנחשת אונ פון וואנען מען פלעגט צאפען וואסער צום וואשען. אויסער דעם זענען דארט געשטאנען צעהן קליינערע כלים צום וואסער אויף רעדליך אונ מען פלעגט זיי איבערפיהרען וואוהין מען האט בעדארפט, מיט איינעם ווארט, גאלד אונ זילבער אונ אנדערע טהייערע מעטאלען זענען אוועקגעגאנגען אויפן משכן נאר אהן א צאהל אונ פונקט אין דעם תשרי, ווען עס האט זיך געענדיגט די ארבייט אין פעלד אונ אלע תבואות אונ פירות זענען שוין צונויפגענומען געוועהן, האבען זיך דיא פארשטעהער פון אלע שבטים פערזאמעלט אין ירושלים אונ שלמה האט געמאכט א חנוכת הבית, געשטעלט פאר א כהן עזריה דער זוהן פונ'ם געשטארבענעם צדוק אונ בענייעט גאטס הויז, וואס האט פון דעמאלט אן אנגעהויבען דיענען ווי א מיטעלפונקט.

איינאיינעם מיט'ן משכן האט אויך שלמה פערבונדען זיין בעזונדער מיה אבי־צוהיטען גערעכטיגקייט און ער פלעגט זיך אליין אבגעבען מיט לאדינישען און זיין א בין צווישען פערשיעדענע צדדים. זיין גרויסע חכמה האט איהם געהאלפען דערצו אז אלע פלעגען צופרידען בלייבען פון זיין פסק און די משפטים פון שלמה פלעגען אזוי שטארק שם'ען אויף דער וועלט אז איין מאל איז געקומען פון גאנץ ווייט די מלכה שבא זיך בעקענען מיט'ן קלוגען מלך, וואס האט באלד געטראפען אלע איהרע רעטענישען, אונ בעוואונדערן זיין גרויסקייט. שלמה האט זיך אבער ניט בעגנינט נאר מיט די גרויסע געביידען און די שאנע ארדנונגען, ער האט אויך

גֶעוָארְנְט אַז אִין זַיין לַאנְד זָאל בְּלִיהֶען דֶער הַאנְדֶעל אוּנ עֶס זָאל הָאבֶּען שִׁפֶּע אוֹיף פוּן אַנְדֶערֶע אָרְטֶער. מִיט מִצְרַיִם הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז פֶערְד זָאל מֶען נָאר אִיהם פֶערְקוֹיפֶען אוּנ אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבֶּען גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען וֶוענֶען סְחוֹר פוּן פֶערְד צוּ דִי יִדֶען. אַ חוּץ דֶעם הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פִיעל שִׁיפֶען קֵיין אִינְדִיֶען (אוֹפִיר) אוּנ מֶען הָאט פוּן דָארְט גֶעבְּרַאכְט דִי בֶּעסְטֶע אוֹצְרוֹת, פֶערְשִׁיעדֶענֶע סְחוֹרוֹת אוּנ עֶדֶעלְשְׁטֵיינֶער, וָואס הָאבֶּען רַייךְ גֶעמַאכְט דִי מְדִינָה.

נָאר וֶוען שְׁלֹמֹה'ס גְלִיק הָאט גֶעגְלַאנְצְט פוּן אַלֶע זַייטֶען אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען זֶעהר שְׁטַארְק בֶּעפֶעסְטִיגְט, הָאט דֶער וָוארֶם פוּן אוּנְצוּפְרִידֶענְהֵייט שׁוֹין לַאנְג גֶעטָאטְשֶׁעט זַיין פָאלְק אוּנ גֶעזוּכְט אִיבֶּערְצוּרַייסֶען דָאס שְׁטְרִיקֶעל וָואס הָאט צוּנוֹיפְגֶעבּוּנְדֶען אַלֶע שְׁבָטִים. גֶענוּמֶען הָאט זִיךְ עֶס דֶערְפוּן וָואס פוּן אַלֶע שְׁבָטִים הָאבֶּען זִיךְ מֶעהר גֶעהַאלְטֶען אִינְאֵיינֶעם בִּנְיָמִין אוּנ יְהוּדָה, דִי אִיבְּרִיגֶע אָבֶּער הָאבֶּען גֶעטְרָאגֶען אִין הַארְץ דִיא אַלְטֶע שִׂנְאָה וָואס הָאט שׁוֹין נִיט אֵיין מָאל גֶעפִירְט צוּ מַחְלוֹקֶת. דֶערְצוּ אִיז נָאךְ צוּגֶעקוּמֶען דָאס, וָואס דֶעם עוֹלָם אִיז שְׁוֶוער גֶעוָוארֶען צוּ גֶעבֶּען אַזוֹי פִיעל מַס, וִוי פִיעל שְׁלֹמֹה הָאט גֶעפָארְדֶערְט אוֹיף דִי מְהַייעֶרֶע בִּנְיָנִים אוּנ הוֹצָאוֹת פוּנ'ם הוֹיף, אוּנ זַיינֶע אֵיידֶעמְס, וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט פַאר מְמוּנִים אוֹיף דֶעם גֶעלְד, הָאבֶּען שְׁטַארְק דָאקוּטְשֶׁעט אוּנ נִיט גֶעוָואלְט וַוארְטֶען אוֹיף כָּבוֹד. דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן דִי עֶרְשְׁטֶע פוּנְקֶען, וָואס זֶענֶען דֶערְנָאךְ צוּבְּלָאזֶען גֶעוָוארֶען אִין אַ הֶעלִישׁ פַייעֶר, בֶּעזוּנְדֶערְס וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעקְלֶעהְרְט דָאס פָאלְק וָואס פַאר אַ עַוְלָה שְׁלֹמֹה טְהוּט דֶערְמִיט וָואס עֶר לָאזְט פְרַייא דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה אוּנ הָאט עֶרְלוֹיבְּט צוּ שְׁטֶעלֶען אַ גָאטְצֶען-טֶעמְפֶּעל אוֹיפֶן הַר הַזֵיתִים. בַּאלְד אִיז אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אֵיינֶער פוּן דִי בְּנֵי אֶפְרַיִם, יָרָבְעָם בֶּן נְבָט, וָואס הָאט שׁוֹין לַאנְג אַרוֹיסְגֶעקוּקְט עֶפֶּעס אוֹיפְטְהוּן אַ שְׁטִיקֶעל אוּנ זִיךְ אָפְּזוּכֶען דֶערְמִיט כָּבוֹד; אִיהם הָאט נָאךְ אוּנְטֶערְגֶעהִיצְט דֶער נָבִיא אֲחִיָה פוּן שִׁילֹה אוּנ עֶר הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ גַאנְצֶע מְרִידָה צְווִישֶׁען שֵׁבֶט בִּנְיָמִין. שְׁלֹמֹה הָאט עֶס אָבֶּער בַּאלְד פֶערְהַאפְּט אוּנ גֶעשְׁטִילְט דֶעם בּוּנְט אוּנ יָרָבְעָם הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפֶען קֵיין מִצְרַיִם. דָארְט הָאט דֶעמֶעלְט גֶעהֶערְשְׁט אַ נַייעֶר מֶלֶךְ שִׁישַׁק, וָואס זַיין אֵיידֶעם אִיז גֶעוֶועהן הֲדַד, אַ פְּרִינְץ פוּן אֱדוֹם, וָואס הָאט גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע מַפָּלָה פוּן דָוִד'ן. אַ וַודַאי הָאט מֶען דָארְט יָרָבְעָם'ן גוּט אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּנ עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַז מֶען זָאל זִיךְ אַ בִּיסֶעל אָבְּרֶעכֶענֶען מִיט שְׁלֹמֹה'ן. נָאךְ אֵיין וָואלְקֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּקְט גָאר פוּן אֵיין אַנְדֶער זַייט: רְזוֹן בֶּן אֶלְיָדָע, אֵיינֶער פוּן דִי קְנֶעכְט פוּן הֲדַדְעֶזֶר, דֶעם מֶלֶךְ פוּן צוֹבָה, וָואס דָוִד הָאט אַמָאל אַיינְגֶענוּמֶען, הָאט בִּיסְלֶעךְ-ווַייס צוּנוֹיפְגֶעשְׁלֶעפְּט אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה אוּנ עֶס אִיז אִיהם גֶעגְרָאטְהֶען

אָבְּצוּרַייסֶען די שְׁטָאדְט דַמֶשֶׂק. אַזוֹי הָאט זִיךְ פַאְרְחַמַארֶעט שְׁלמה'ס הִימֶעל, נָאר דֶער שְׁלַאנְגְרֶעגֶען הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט צוּגָאסֶען נָאךְ זַיין טוֹיט אוּנ עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין לֶעבֶּען אִין נַחַת אוּנ אִין פְּרִיעֶדֶען אוּנ הָאט אוֹיף דוֹר דוֹרוֹת אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַיין עֶבִּיגֶען נָאהמֶען פוּן מֶלֶךְ הַשָׁלוֹם.

פִינְפְטֶעס קַאפִּיטֶעל.

דָאס צוּפַאלְלֶענִישׁ פוּן דֶער מְלוּכָה.

(977 — 887 בִּיז קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט. 959 — 1047 פַאר'ן חָרְבַּן בַּית שֵׁנִי).

נָאךְ שְׁלמה'ס טוֹיט אִיז דִי מְלוּכָה אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין זוּהן רְחַבְעָם; דָאס אִיז גֶעוֶועֶן דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּרִינְץ אִינ'ם קֶאנִיגְרַייךְ יְהוּדָה וָואס הָאט אַזוֹי לַייכְט אוּנ רוּהִיג גֶעקָאנְט אִיבֶּערְנֶעהמֶען דִי מֶמְשָׁלָה. וָואס עֶס קוּמְט אָבֶּער גְרִינְג אָן—לָאזְט זִיךְ שְׁוֶוער אוֹיס: רְחַבְעָם הָאט גֶעיִרְשֶׁ'ט פוּנ'ם פָאטֶער אוּנ דֶעם זֵיידֶען אַ שְׁטוּל פוּן אַ קֶאנִיג, נָאר נִיט זֵייעֶרֶע מַעֲלוֹת, עֶר הָאט מֶעהר נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וִוי אָנְטְהוּן זִיךְ אַלֶע תַּעֲנוּגִים אוּנ אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט עֶפִּיס אַ עֶרְנְסְטֶע זַאךְ, וְואוּ מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט צוּלֶעגֶען קָאפּ, אִיז קֵיינֶער נִיט גֶעוֶועֶן אִין דֶער הֵיים. דָאס הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען וֶוען יָרָבְעָם בֶּן נְבָט אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן מִצְרַיִם אוּנ הָאט זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין שְׁכֶם אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרְבֵּייטֶען צְוִוישֶׁען דִי בְּנֵי בִּנְיָמִין. פְּלִיצוּם אִיז רְחַבְעָם גֶעקוּמֶען קַיין שְׁכֶם אוּנ מֶען הָאט גֶעקָאנְט מֵיינֶען אַז עֶר וִויל זִיךְ אוֹיסְגְלַייכֶען אוּנ פַארְלֶעשֶׁען דָאס פַייעֶר וָואס גֶענִיטֶע הָאנְד הָאבֶּען אָנְגֶעצוּנְדֶען. עֶס זֶענֶען צוּ אִיהם אוֹיךְ גֶעקוּמֶען דִי עֶלְטְסְטֶע פוּן דֶער שְׁטָאדְט, אוּנ יָרָבְעָם אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועֶן מִיט זֵיי, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, נָאר אַז עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט זֵיי גֶעבֶּען אִין דְרַיי טָאג אַרוּם אַ תְּשׁוּבָה, וִוי עֶר הָאט זֵיי צוּ־

געזאגט, האט ער זיך צושריגען אז ער פארשטעהט „אין מינדסטען נאגעל" מעהר ווי דער פאטער און אז ער וועט זיך ערשט מיט זיי אפרעכענען. אַבַדַאי נאך אַזעלכע רעד איז אין שכם ניט געוואָרען רוהיג; אדנירם האט זיך געפּרובט אַרויס־שטעלען, האט מען איהם באלד דערהרגעט מיט שטיינער, און רחבעם איז קוים ענטלאָפען צוריק קיין ירושלים. ער איז אבער ניט שטיל געבליבען. קוים האט ער געזעהן אַז דער שבט יהודה איז איהם געטריי און אַז ער קאָן אויך רעכנען אויף דעם שבט שמעון און אויף אַ גרויסען טהייל פונ'ם שבט בנימין, וואס האט זיך געפונען אין ירושלים האט ער זיך באלד ענטשלאָסען צו צווינגען מיט כח שכם. עס זאָל זיך איהם אונטערגעבען. ירבעם האט מעהר ניט בעדאַרפט, ער האט געגעבען צו פארשטעהן זיינע לייט אַז ביי אַזא צייט מוזען זיי האבען אַ פיהרער טאקע פון זייער מיט, עס האט נאָר ניט געדויערט און ירבעם איז געוואָרען קאָניג איבער די עשרת השבטים. אַזוי איז צופאַלען געוואָרען די יודישע מלוכה אויף צוויי טהייל: בית יהודה, וואס איז געפיהרט געוואָרען דורך די מלכי בית דוד, און בית ישראל, וואס האבען זיך אויסגעזוכט אַ נייעם מלך. עס וואָלט געווים שוין אויף דער הייסער שעה געוועהן אַרויסגעשפּרונגען אַ מלחמת צווישען ביידע מלוכות, נאָר דער נביא שמעיה האט זיי אָפּגעהאַלטען דערפון און ביידע זייטען האבען אָנגעהויבען זיך צו פערשטאַרקען דורך הילף פון דער פרעמד: רחבעם האט געמאַכט יד אחת מיטן נייעם מלך פון דמשק און ירבעם האט זיך פון פריהער נאך געהאט זיין גוטען פריינד, דעם מלך פון מצרים וואס איז טאקע אויפן פינפטען יאהר פון רחבעם'ס מלוכה אָנגעפאַלען אויף איהם, צושטאָרט אַלע פעסטונגען און פון ירושלים אַרויסגעפיהרט אַלע טהייערסטע זאַכען, וואס האבען זיך געפונען אין משכן. פון דעמעלט אָן איז אויך געשלאָגען געוואָרען דער האנדעל פון יהודה און פאַרן פאָלק, וואס האט אַזוי גליקליך געלעבט אין שלמה'ס צייט האבען זיך אָנגעהויבען ביטערע טאָג.

ביי ירבעם'ן איז אויך ניט אַלדינג צוגעגאַנגען גלאַט קוים האט ער זיך אַרומגעקוקט, האט ער גוט געזעהן אַז עס איז שווער זיך צו פערלאָזען אויף דיא איינוואוינער פון שכם, וואס זענען שוין לאַנג געוועהן בעקענט פאַר אונרוהיגע מענשען און וואס האבען נאך אין די שופטים'ס צייט אויסגעקליבען אבימלך בן ירבעל פאַר אַ ראש און איהם באלד אַראָב־געוואָרפען. ירבעם האט פערשטאַנען אַז די חברה קאָנען מיט איהם אויך

טהון דאס אייגענע, האט ער זיך געזעהן דערווייטערן פון זיי און האט איבערגעטראגען זיין הויפטשטאדט פריהער קיין פנואל און דערנאך קיין תרצה. אויסער דעם האט ירבעם זיך בעטראכט אז איהם טויג ניט וואס פיעל פון זיינע לייט זענען אפט עולה רגל קיין ירושלים צו דאווענען דארט אין משכן און ער האט מורא געהאט טאמער געהען זיי איבער צום מלך פון יהודה. דאריבער איז ביי איהם געבליבען איינצופיהרען א געטצענדיענסט. אבגעוואהנען דעם עולם פון א עדלערער אמונה און וואס מעהר דאס פאלק וועט פארגראבט ווערען, מעהר זיכער וועט ער זיין מיט זיי. ער האט ניט לאנג געטראכט און געהייסען שטעלען צוויי גאלדענע קאלבער. איינס אין בית אל און דאס אנדערע אין דן, עס זאל זיין נאהענט אלע שבטים. און דאס פאלק האט זיך געלאזט פערפיהרען. אויסער, אין שבט לוי, וואס האט ניט געקאנט איבערטראגען די עבודה זרה און איז אוועק קיין יהודה.

אזוי האט זיך בעפעסטיגט דער געטצענדיענסט פאר ירבעם'ס לעבען און פאר זיין זוהן נדב. און אזוי האט זיך עס שוין געפיהרט ווייטער ווען בעשא, איינער פון נדב'ס הויפטלייט, האט איהם דערהרגעט און איז געווארען קאניג אויף זיין ארט און דערנאך איז די מלוכה איבערגעגאנגען צו זיין זוהן אלה. פירציג יאהר זענען אבגעלאפען זייט די יודישע מלוכה האט זיך צוטהיילט, אין דער צייט זענען אפילו געוועהן עטליכע קליינע מלחמות צווישען רחבעם'ס זוהן אבים און ירבעם און נדב און שפעטער צווישען אלה און אסא, נאר צו קיין גרויסען קריעג איז עס ניט געקומען. אלה האט אין גאנצען געקאניגט צוויי יאהר ביז זמרי האט איהם ניט דערהרגעט און איז געווארען מלך. נאר ניך האט ער דעם אייגענעם פסק געהאפט פון עמרי'ן וואס האט אויך געקעגענט זיך ארויפצוהאפען אויפן בענקעל. נאר עס איז איהם שוין שווערער אנגעקומען. ווייל דערמעלט האט זיך שוין דאס פאלק צוטהיילט און פיעל האבען געהאלטען מיט תבני בן גינת, עס איז ארויס א אינווענינסטער קריעג. וואס האט געדויערט פיער יאהר. פיעל בלוט איז פערגאסען געווארען ביז תבני איז געהרגעט געווארען און די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו עמרי'ן. אין תרצה האט עמרי ניט געהאט וואו צו וואהנען, ווייל זמרי האט פארברענט דעם קאניגליכען פאלאץ ווען ער האט זיך דאס לעבען גענומען. רידערען זיך קיין שכם האט זיך איהם אויך ניט געגלוסט, האט ער זיך געקויפט א נייעם פלאץ, וואס האט געהייסען שומרון, אהין איז איבערגעגאנגען די הויפטשטאדט פון ישראל און אויך

די שנאת צו יהודה וואס האט זיך דארט אויך שפעטער מיט הונדערטער יאהרען שטארק געגעבען אנצוהארען.

עמרי האט זיך בערעכענט אז עס איז גלייכער פאר ביידע, עס זאל זיין שלום צווישען ישראל אונ יהודה, אונ האט געלעבט זעהר גוט מיט יהושפט'ן, אסא'ס זוהן. אויסער דעם האט ער אויך געשלאסען פריינדשאפט מיט די מלכים פון צור אונ צידון אונ אז עס האט דערנאך אנגעהויבען קאניגען איינער פון די פריהערדיגע כהנים אתבעל האט עמרי זיך מיט איהם משדך געוועהן אונ זיין זוהן אחאב האט חתונה געהאט מיט אתבעל'ס טאכטער איזבל. אז עמרי האט זיך געפיהלט שטארק, איז ער אנגעפאלען אויף די מואבים אונ האט שוין גערעכענט אז זיי וועלען איהם צאהלען מס, נאר דער מלך פון ארם, בן הדד, האט זיך אנגענומען פאר זיי אונ עמרי האט ניט נאר געמוזט אבגעבען אלדינג וואס ער האט אבגענומען, נאר מען האט איהם נאך געצווינגען צו עפנען זיין לאנד פאר'ן שונא ער זאל קאנען דארטען ארום דורכפיהרען סחורה. אז עמרי האט געזעהן אז די מלחמה איז איהם ניט געראטהען אונ צו גבורה איז ער ניט קיין גרויסער בריה, האט ער זיך גענומען צו פערבעסערן דעם האנדעל מיט דער הילף פון זיינע מחותנים אונ דערביי איז ביי איהם געבליעבען ער זאל זיין פאלק אין גאנצען אויסמישען מיט די פעלקער פון צור אונ צידון. דאס ערשטע האט ער זיך געחאפט צו גאטצענדיענסט אונ איז געגאנגען א סך ווייטער פון ירבעם'ן דערמיט וואס ער האט געזוכט ביי דיא שבטים גאר להלוטין אויסצורייסען פונ'ם הארץ דעם זכר פון א איינציגען גאט. ער האט אבער געקאניגט נאר זעקס יאהר אונ דאס וואס ער האט אנגעהויבען האט ער איבערגעלאזט פאר א ירושה אחאב'ן ער זאל עס אויספיהרען. אחאב איז געוועהן א מענשעל פון שוואכער נאטור. ער האט זיך אויסגעבויעט א פאלאץ, בעדעקט מיט עלפענביין אונ האט זיך געוואלט רוהיג אבלעבען די יאהרען. מיט גרוים מיה האט מען איהם געקאנט בעוועגען ער זאל אנהייבען א מלחמה מיט ארם, ווען ער האט פונ'ם שונא דעם גרעסטען בזיון געהאט. עס איז ניט קיין וואונדער וואס איזבל האט אין גאנצען געפיהרט דאס רעדעל אונ האט איינגעפיהרט די אייגענע עבודה-זרות וואס זי האט געזעהן ביי זיך אין דערהיים.

זי האט געמאכט א טעמפעל פאר'ן אב-גאט בעל אונ האט אויסגעשריבען פון איהר פאטערלאנד ביז ניין הונדערט פינפציג כהנים, וואס האבען זיך פארשפרייט איבער'ן לאנד אונ געוויזען זייערע נייע תורות   א שרעקליכע אונצופרידענהייט

האט אנגעהויבען הערשען אין פאלק, פיעל האבען זיך געלאזט איבערערעדען, אונ גאר זיבען טויזענד מענשען האבען ביי זיך נאך אבגעהיט א שוואכען פונק פון דער אלטער אמונה.

אויפצובלאזען די כמעט פערלאשענע פונקען — האט גאט געשיקט זיינעם א בעזונדערן שליח אונ דאס איז געוועהן אליהו התשבי. איין מענש מיט א פעסטען ווילען, מיט א שטארקער ענערגיע מיט א גרויסען געדאנקען וואס פלעגען איהם טראגען ווי א שטורמווינד אונ ער האט זיך ענטשלאסען ארויסצובייסען זיינע ברידער פונ'ם פינסטערן גאטצענדיענסט אונ מלחמה האלטען מיט די כהני-הבעל. ער האט געטראגען א לאנגען מאנטעל, ניט געטרונקען קיין ווין ניט געשוירען די האר זיך דערווייטערט פון אלע תענוגים פונ'ם לעבען אונ אויף זיין סטרויה האבען זיך שפעטער גענומען די נזירים, די היילינע לייט וואס פלעגען אלדינג רעכנען פאר מותרות אונ האבען זיך אבגעשיידט אפילו פון אלע נאטהיגע זאכען אויף דער וועלט אליהו האט זיך געמאכט פאר א חק ניט צו רוהען, געהען פון שטאדט צו שטאדט אונ אומעדום דערמאנען דאס פאלק אן דעם איינציגען בעשעפער אונ שרייען „ה' הוא האלהים!" מיט די דביי ווארטער פלעגט ער אפט שטערען אחאב'ס רוה; מיט די דביי ווארטער איז איהם געראטהען ארום זיך צונויפנעהמען פיעל נביאים, וואס זענען איהם נאך געגאנגען ווי טרייע תלמידים; מיט די דביי ווארטער האט ער אנגעצונדען א פייער אין א סך פערפרוירענע אונ פערשלאפענע הערצער. איינער פון די, וואס אליהו האט אין איהם דערוועקט דעם אלטען גלויבען, איז געוועהן דער אויפזעהער פונ'ם קעניגליכען פאלאץ עובדיה, ער האט בעהאלטען אין צוויי היילען פונ'ם בארג כרמל הונדערט יונגע נביאים אונ זיי פערזארגט מיט שפייז און געטראנק אונ דעריבער איז איזבל'ן שווער געוועהן צו רודפ'ן אליהו'ן מיט די תלמידים, וואס האבען שוין געהאט גענוג פערבארגענע פריינדע.

דערווייל האט זיך אחאב אין זיין געהאט זיינם אונ אנגעהויבען בויען אין טהאל יזרעאל א נייע שטאדט, אונ ער האט דארט פאר זיך געמאכט א טהייערן ווינטער-פאלאץ. ער האט אבער אויך בעדארפט האבען א גרויסען פלאטץ פאר א גארטען, איז זיין אויג געפאלען אויף א ווייןגארטען וואס האט געקעהרט צו נבות איינעם פון די שאנסטע בעלי בתים. נבות האט אבער פאר קיין געלד ניט געוואלט אבטרעטען זיין וויינגארטען, האט דאס אחאב'ן שטארק פערדראסען אונ איזבל איז געפאלען אויף איין עצה מען זאל נבות'ן

איינקלאַגען אַז ער האָט געשפּאָט איבּערן קאָניג און דיא אָבּגאָטער. מען האָט ניט לאַנג געטראַכט, עס האָבּען זיך געפונען עדות, נבות מיט די קינדער איז פערמשפּט געוואָרען צום טויט און זיין פערמעגען איז איבּערגעגאַנגען צו דער מלוכה. ווי אַ וויכער איז באַלד אויסגעוואַקסען אליהו און מיט אַ קול פון אַ דונער האָט ער געשריגען צו דעם מלך: „דו ביסט דער רוצח און דו ביסט אויך דער יורש! דאָס אומשולדיג פאַרגאָסענע בּלוט וועט פאַלען אויף דיין קאָפּ און די אייגענע הינד וואָס לעקען אַצינד דאָס בּלוט וועלען שפּעטער לעקען אויך דיין בּלוט!" ווי אַ דונער זענען די ווערטער אויך אַריין דעם מלך אין האַרץ און אַ פינסטערע חרטה וואָס פאַרדולט דעם מוח און פּיקט אָהן אַ אויפהער אין קאָפּ אַריין, האָט זיך אָהין אַריינגעגנבת. נאָך איין מאָל האָט זיך אליהו בּעוויזען אַחאָבן און איהם געזאָגט אַז דריי יאָהר וועט זיין אַ הונגער אין לאַנד, און די נבואה איז באַלד מקוים געוואָרען. שטאַרק פערזאָרגט פלעגט אַחאָב אַרומגעהן מיט עובדיה'ן און אַרויסקוקען טאָמער וועט ער דערזעהן דעם נביא. פּליצום האָט זיך אליהו בּעוויזען און אַז אַחאָב האָט געוואָלט אָנהייבען טענה'ן, האָט דער נביא מיט אַ פייעריג קול געגעבּען אַ בּעפעהל ער זאָל הייסען פערזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק און אַלע כהנים פון בעל, צום בּאַרג כּרמל און דאָרט וועט גאָט אַליין ווייזען דעם אמת און דעם שקר. די פערזאַמלונג בּיים כּרמל האָט טאַקע געפיהרט דערצו אַז אַלע האָבּען מיט אייגענע אויגען געקאָנט זעהן די נסים פון גאָט: די כהנים פון בעל האָבּען געמאַכט ווילדע קונצען, געאַרבּייט מעשׂים און די אָבּגאָטער האָבּען געשוויגען ווי אַלדעם כּאָז, און אַז אליהו מיט זיינע תּלמידים האָבּען תּפלה געטהון, איז באַלד אַראָפּ אַ פייער פונ'ם הימעל, וואָס האָט פאַרבּרענט די קרבנות און מיט אַ מאָהל אויסגעטריקענט אפילו דאָס וואַסער. אַחאָב איז געבּליעבּען שטעהן ווי פאַרשטיינערט, מיט ציטערן האָט ער דערהערט דאָס גרויסע געשריי פון אַלע „ה' הוא האלהים!" און מיט שרעק האָט ער געזעהן ווי מען האָט דערהרגעט דיא כהנים פון בעל און זיי געוואָרפען אין נאָהענטען טייך קישון. אליהו האָט אָבער פערשטאַנען אַז איזבל וועט איהם אַזאַ זאַך ניט שענקען און ער איז אַוועק קיין יהודה, אין דער שטאָדט בּת שבע. דאָרט איז ער אויך ניט זיכער געוועהן, ווייל יהושפט איז געוועהן אַחאָב'ס אַ גוטער פריינד, האָט ער זיך געמוזט ווענדען צו דער מדבר, בּיז צום בּאַרג חורב, וואו ער האָט געזעהן בּנבואה אַז ער מוז אויפהערען

אונ אויף זיין ארט דארף ער זאלבען פאר א נביא אלישע בן שפט.

אין דער צייט וואס אליהו האט זיך ארומגעדרעהט אין דער מדבר איז אחאב געוואָרען א ביסעל שלאבעריגער אונ האט שוין ניט אזוי גערודפט די יונגע נביאים, וואס האבען זיך פארמעהרט אונ פון זיי איז ארויס מיכיהו בן ימלא, א מענש מיט איין אָפען מויל. וואס האט ניט געלעגט קיין כבוד אויפ'ן קאניג אונ פלעגט איהם אָפט פאראויסזאָגען אז ער וועט האבען א שווארצען סוף. עס האט אויך ניט לאנג געדויערט, איז בן הדד דער צווייטער דער נייער מלך פון ארם, אנגעפאלען אויף אחאב'ן אונ ער איז ביי זיך אזוי אראבגעפאלען אז ער האט שוין געוואלט ביישטעהן אויף אלע שאנדליכע תנאים וואס דער שונא האט איהם פארגעלעגט. די זקנים, וואס אחאב פלעגט זיי אָפט קוקען אין מויל אריין, האבען איהם ניט דערלאזט מאכען אזא מין שלום אונ געראטהען נייטער צו פיהרען די מלחמה. דאס רעדעל האט זיך איבערגעדרעהט אונ אחאב האט מנצח געווען דעם שטאלצען בן-הדד, וואס איז געקומען אין טרויער-קליידער אונ בארוועס איבערבעטען אחאב'ן אונ איהם צוזאגען גאלדענע בארג. בעזונדערס ווען מען האט איהם צוגעזאגט אבצוגעבען דיא וויכטיגע שטאדט רמות גלעד. אחאב האט זיך געלאזט איבערעדען אונ בן-הדד האט טאקי שוין ניט געהאלטען קיין ווארט, ווייל ער האט גוט תופס געווען זיין געגנער אונ האט פערשטאנען אז עס וועט איהם ניט שאדען ווען ער וועט בלייבען א ליגנער. דערווייל איז צווישען די מלכים פון יהודה אונ ישראל געוואָרען אזא פריינדשאפט אז יהושפט איז געקומען צו גאסט צו אחאב'ן אונ זיין זוהן יהורם האט אפילו חתונה געהאט מיט אחאב'ס טאכטער עתליה. ביידע מלכים האבען זיך ענטשלאסען צו פיהרען א מלחמה מיט ארם, נאר דער נביא מיכיהו האט בעסער געראטהען: מען זאל בלייבען אין דער היים, ווייל ער זעהט גאנץ ישראל צושפרייט אויף די בארג אָהן א פאסטוך". די מלחמה האט אויך געמאכט איין עק אחאב'ס לעבען ווייל איהם האט באלד געטראפען א פייל אונ דאס גאנצע חיל פון יהודה אונ ישראל האבען געמוזט אבטרעטען. אז מען האט אחאב'ן טויטערהייט צוריק געפיהרט קיין שומרון איז זיין בלוט אראבגערונען פונ'ם וואגען אונ די הינד האבען עס געלעקט — אונ אזוי איז מקוים געוואָרען די נבואה פון אליהו התשבי.

נאך אחאב'ן האט צוויי יאהר געקעניגט זיין עלטערער זוהן אחזיה אונ אזוי ווי דאס אפעלע פאלט ניט ווייט פון בוימעלע האט דער נייער קאניג זיך אויך שטארק געהאלטען אין געטצענדיענסט. אז ער איז אראבגעפאלען פון א פענסטער

האט ער געשיקט קיין עקרון פרעגן ביים בערימטען אפגאט בעל זבוב צו קאן ער האבען א רפואה. אין דער צייט איז אליהו צוריקגעקומען פון חרב אויסצופולען זיין גרויס שליחות אונ אפזוכען אלישען וואס האט בעדארפט בלייבען אויף זיין ארט. ער האט איהם אויך געפונען ביי א גראבער ארבייט, ביים איינשפאנען רינדער אין האקער. אונ גאר אהן לשון האט ער אויף איהם ארויפגעווארפען זיין מאנטעל. אלישע האט באלד פערשטאנען דעם ווינק אונ האט זיך אפילו ניט געזעגענט מיט די עלטערן אונ פון דער רגע איז ער געווארען אליהו'ס געטרייעסטער תלמיד. אז אליהו האט בעגעגענט די שלוחים וואס אחזיה האט געשיקט צום בעל זבוב, האט ער זיי אומגעקערט אונ געהייסען פרעגען דעם קאניג: „צו עס איז ניטא קיין גאט אין ישראל וואס ער שיקט איהם זוכען קיין עקרון?" דער קראנקער קאניג האט באלד פערשטאנען אז דאס זענען אליהו'ס ווערטער אונ ער האט איהם געשיקט אפזוכען. אהן מורא האט זיך דער נביא געשטעלט פארן קאניג'ס בעט אונ איהם שארף ארויסגעזאגט אז אויפשטעהן וועט ער שוין ניט מעהר. באלד איז טאקי אחזיה געשטארבען אונ זיין יונגערער ברודער יהורם איז געווארען קאניג. דעמאלט איז אויך פערשווינדען געווארען אליהו אונ זיינע הייליגע מעשים האבען געבראכט דערצו אז דאס פאלק זאל איהם פארגאטערן אונ אננעהמען אז זיין טויט איז געוועזן פונקט אזוי וואונדערבאר ווי זיין לעבען אונ אז דער אייגענער גייסט, וואס האט איהם געגעבען כח אויסצופיהרען די גרעסטע זאכען, האט איהם ווי א שטורמווינד לעבעדיגערהייט אוועקגעטראגען גלייך אין הימעל אריין.... אלישע איז געווארען דער ראש פון די נביאים, פריהער האט ער געוואהנט אפגעזונדערט אויפ'ן בארג כרמל אונ דערנאך האט ער זיך אנגעהויבען אריינמישען אין וועלט-זאכען ביז עס איז איהם געראטהען צו געפינען א מענשען, וואס האט זיך אונטערגענומען מאכען איין עק פון עמרים משפחה אונ פון דעם גאטצענדיענסט.

יהורם, דער פירטער מלך פון עמרים משפחת, האט זיך באלד בענוצט מיט יהושפטים פריינדשאפט אונ האט מיט איהם אינאיינעם אונ אויך מיט דער הילף פונם קאניג פון אדום, אנגעהויבען א מלחמה געגען מישע, דעם קאניג פון מואב, וואס האט פליצים אויפגעהערט איהם צו צאהלען מס. אויפ'ן וועג איז יהורם אויך אריינגעפאהרען קיין ירושלים. אונ מען האט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד. יהושפט האט זיך אבער פריהער געוואלט אנפרעגען ביים נביא אונ יהורם האט דעמאלט ארויסגעזעהן ווי פיינד אלישע האט איהם. האטש, פון דער מלחמה אליין האט ער געזאגט אז זי וועט זיך ענדיגען מיט גליק. מישע

האט טאקי געהאפט גוטע קלאפ און האט זיך געמוזט באהאלטען אין דער פעסטונג קיר חרשת. פון דארטען האט ער זיך געפריוועט אברעדען דעם קאניג פון אדום און אז דאס איז איהם ניט געראטהען האט ער זיין עלטסטען זוהן געבראכט פאר א קרבן דעם אבגאט כמוש. דעמעלט איז גראד אויסגעבראכען א גרויסע קראנקהייט צווישען חיל און דיא מלחמה האט געמוזט אויפהערען. דערוויל, נאך יהושפטס טויט, האט אדום פון זיך אויך אראבגעווארפען דעם יאך פון די יודישע מלוכות, וואס זענען מיט דער צייט כמעט געווארען איינס, בעזאנדערס נאך דעם וואס יהורם יהושפטס זוהן, האט זיך אויך געלאזט אראב-פיהרען פון זיין ווייב עתליה און האט ביי זיך אין לאנד אויך איינגעפיהרט עבודה-זרות. אלישע איז ניט געשלאפען און האט געזוכט אלע מיטעל צו פערטיליגען עמרי'ס קינדער. מען רעכענט אז ער האט געהאט א שטארקען חלק אין דעם וואס אין דמשק האט חזאל דערהרגעט דעם קאניג בן הדד דעם צווייטען און אז ער האט איבערגענומען די מלוכה איז ער באלד אנגעפאלען אויף די עשרת השבטים און אין דער גרויסער מלחמה ביי רמות גלעד האט טאקי די ערשטע פייל געטראפען יהורם'ן. וועלכער האט געמוזט בלייבען אין יזרעאל און איבערגעבען די קאמאנדע יהוא'ן. דא איז באלד געקומען צו יהוא'ן איינער פון אלישע'ס תלמידים און האט איהם אריינגעפיהרט אין א בעזונדער חדר און אים נאהמען פונ'ם נביא איהם געזאלבט פאר מלך פון ישראל. דאס חיל איז באלד געוואהר געווארען פונ'ם סוד און אלע האבען מיט פרייד בעגריסט יהוא'ן וויא א נייעם קאניג. יהוא האט זיך באלד געלאזט קיין יזרעאל און אז יהורם האט דערזעהן פון ווייטענס דאס חיל איז ער זעהר נייגיריג געוועהן צו וויסען וואס עס טהוט זיך און האטשי ער איז נאך ניט געזונד געוועהן האט ער געהייסען איינשפאנען א וואגען און איז אנאיינעם מיט אחזיה, דעם יונגען מלך פון יהודה' וואס איז געראד דעמעלט געוועהן צו גאסט ביים קראנקען פעטער, ארויס-געפאהרען אקעגען יהוא'ן. צוויי פיילען פון יהוא'ס האנד האבען באלד געמאכט איין עק פון יהורם וואס איז געפאלען אויפ'ן ארט, און פון אחזיה, וואס האט זיך נאך דערשלעפט ביז מגדו און איז דארט געשטארבען.

אז יהוא איז אריינגעפאהרען קיין יזרעאל איז די אלטע קאניגין איזבל געשטאנען ביים פענסטער און האט איהם נאכגעשריגען אז ער איז א רוצח באגלייך מיט זמרי'ן. יהוא האט זי געהייסען ארויסשלעפען אויף דער גאס און איז מיט זיין וואגען אריבערגעפאהרען איבער איהר גוף פון וועלכען מען האט שפעטער געקאנט אבזוכען און בעגראבען נאר דעם קאפ און עטליכע ביינער.

דערנאך האט ער געגעבען א ווינק און קיינער פון אחאב'ס משפחה איז ניט געבליבען לעבען. באלד האט ער אויך אנגעהויבען אויסצוריינגען דאס לאנד פונ'ם געטצענדיענסט און געהייסען אויסהרגנן אלע כהנים פון בעל. און איינער פון אליהו'ס תלמידים, יהונדב, האט איהם דערצו פיעל מיט געהאלפען.

אין יהודה, וואו מעכה, די מוטער פונ'ם מלך אסא האט די ערשטע איינגעפיהרט עבודה-זרה, האט זיך אבער אין דער צייט נאך פארשטארקט דער גלויבען אין די אבגאטער, ווייל דארט האט געהערשט עתליה וואס האט זיך נאך איהר זוהן אחזיה'ס טויט, ערשט רעכט צופיהרט די האנד. זי האט געבויעט אין ירושלים א טעמפעל פון בעל און געמאכט פאר א כהן מתן. דערצו האט זי נאך געהייסען אויסהרג'נען אלע קאניגליכע פרינצען וואס וואלטען איהר געקאנט שטערען צו איהר פיהרונג. זי וואלט טאקי געוועזען געמאכט אן עק פון גאנץ דוד'ס הויזגעזינד, ווען ניט דער כהן יהוידע מיט זיין ווייב יהושבע. יהורם'ס א טאכטער און אן אנדער פרוי: זיי האבען אבגעראטעוועט אחזיה'ס קליין קינד יואש און האבען איהם בסתר אזוי ערצויגען אז ער זאל מיט דער צייט קאנען איבערנעהמען די מלוכה. די אלע זעקס יאהר וואס עתליה האט געקאניגט, האט יהוידע ניט גערוהט און געזוכט גוטע פריינד צווישען חיל און די הויפטלייט, וואס זאלען האלטען מיט זיין מחשבה. און אז ער האט געזעהן אז ער איז זיכער פון אלע זייטען האט ער יואשן ארויסגעפיהרט פון זיין בעהאלטעניש און איהם אפענטליך געזאלבט פאר מלך. צו שפעט איז דערפון עתליה געוואהר געווארען און זי האט געהאט פונקט אזא ביטערן סוף ווי איהר מוטער איזבל: טאקי איהרע איינענע הויפטלייט, וואס זיא האט געמיינט אז זי קאן זיך אויף זיי פערלאזען, האבען זי ארויסגעשלעפט אויף דער גאס און זי דערהרגט און מיט איהר איז אין גאנצען אויסגעמעקט געווארען דער זכר פון עמרים משפחה.

דאס יונגשאפט פונ'ם קליינעם מלך יואש האט געפיהרט דערצו וואס דער גאנצער מנהיג איז געווארען דער כהן גדול יהוידע, בעזאנדערס נאך דעם וואס דער נביא אלישע האט זיך די גאנצע צייט געהאלטען פון ווייטענס און האט מעהר געארבייט מיט זיינע תלמידים אין שומרון. יהוידע האט גוט פערשטאנען אז ניט אזוי גיך וועט איהם געראטהען אויסצוריינגען דאס לאנד פון עתליה'ס געטצענדיענסט און האט געזעהן אז דאס בעסטע כלי זין געגען דער עבודה זרה וועט זיין דאס תורה'לע וואס איז געלעגען בעהאלטען אין משכן. דערי... ער האט ער אנגעהויבען אפט פאר'ן עולם לייענען די תורה. וואס איז זיי גוט אריין אין מת, ווייל דער כהן האט זיי געוויזען ווי אלדינג וואס עס האט זיך געטראפען מיטן

פאלק איז פריהר נאך אנגעוויזען געווארען אין קליינעם חומשל. עס איז קיין חאונדער ניט וואס די היילינע ווארטער האבען אזוי אונטערגעצונדען די יודען אז אין א קורצער צייט זענין געווארען שארבליך פון אלע אבנאטער, אונ אז יהוידע האט געוואלט אויפפירען דעם בעפעהל פון יואש, מען זאל צורעכט־מאכען דעם אלטען משכן אונ ווידער בעפעסטינען נאט'ס הויז, האט ער נאר בעדארפט הויך איבערלייענען די פרשיות וואס רעדען וועגען דעם משכן, אונ עס האבען זיך שוין געשיט נדבות פון אלע זייטען אונ גאלד אונ זילבער האט מען געבראכט נאך מעהר ווי פיעל מען האט בעדארפט. אזוי איז יהוידע בעליעבט געוועהן ביים פאלק אונ ביים קאניג אונ אז ער איז געשטארבען האט איהם יואש געהייסען בעגראבען צווישען די קברים פון מלכי בית דוד. די פריינדשאפט איז אבער ניט איבערגעגאנגען צו יהוידע'ס זוהן, זכריהו, וואס מען האט איהם פאר־שטיינט אויפן בעפעהל פון יואש'ן אונ וואס האט פארן טויט געזאגט, אז גאט זעהט אונ וועט זיך אננעהמען.

אין דער צייט וואס ביידע, יודישע מלוכות האבען געהאט צו טוהן מיט אינווענינסטע זאכען, האבען די שונאים זייערע דערווייל געשארפט די ציין אונ געזוכט אויף זיי אנצופאלען. יהוא איז ניט געוועהן קיין גרויסער העלד אונ דעריבער האט זיך טאקי דער נייער קאניג פון ארם, חזאל, באלד מישב געוועהן אז ער קאן עפים אנהייבען מיט שומרון, בעזאנדערס ווען מישע, דער מלך פון מואב, וואס האט נאך ניט פארגעסען די פריהדיגע קלאפ, האט איהם צוגעזאגט געהן צו הילף. אזוי האט זיך אנגעהויבען א מלחמה, וואס האט געקאסט די עשרת השבטים פיעל בלוט, אונ דערצו האבען זיי נאך פערלארען די בעסטע בעפעסטינטע שטאדט ביי די בארג בשן ביז צום טייך ארנון אונ פיעל פון זיי זענין געפאנגען געווארען. די מלחמה האט ניט אויפגעהערט אויך דעמאלט ווען אין ארם האט שוין געקאניגט חזאל'ס זוהן, בן הדד דער דריטער, אונ אין שומרון איז געווארען מלך יהוא'ס זוהן, יהואחז, וואס אין זיין צייט איז דאס יודישע תיל נאר אין גאנצען פארקליינערט געווארען. ערשט יהואחז'ס זוהן, יואש, האט אנגעהויבען אויפצוהייבען אקאפ אונ מיט דער הילף פון די מלכים פון מצרים אונ די חתים איז ער צוריקגעטרעטען געגען ארם אונ האט זיך גוט אבגערעכענט מיטן שונא.

אין יהודה האט יואש ניט לאנג געקאניגט. ער איז אומגעבראכט געווארען דורך זיינע איינענע דיענער אונ די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו זיין זוהן אמציה. אז אמציה האט געהערט ווי עס איז געראטהען יואש'ן ארצאג

צוּוואַרפען פון זיך דעם עול פון ארם. האט ער זיך ענטשלאָסען אויך ניט זיצען לעדיג און ווייזען אביסעל דרך ארץ דעם קליינעם פאָלק פון אדום. וואס פלעגט שטאַנדיג זיין איין עזות־פנים געגען יהודה און איז בּיי זיך נאך גראָבער געוואָרען זייט עס האט זיך אויסגעבויעט אויף דיא הויכע שפּיצינע באַרג פון שעיר א נייע הויפּטשטאָדט. עיר הסלע און האט געמיינט אז קיינער קאן אהין ניט צוקומען. אמציהן איז געראטהען די שטאָדט דווקא איינצונעהמען. נאר דער נצחון האט איהם דער נאך טהייער געקאָסט. אזוי ווי די פריינדשאַפט, וואס האט פריהר געהערשט צווישען שמרון און יהודה איז אין דער לעצטער צייט א ביסעל שוואַכער געוואָרען, און אמציה האט גערעכענט אז אומעדום וועט ער האבען דאס אייגענע גליק וואס אין אדום, האט ער זיך אַריינגעשלאָגען אין קאָפּ אַ געדאַנק אז ער מוז אבנעהמען דאס לאַנד פון די עשרת השבטים. ער האט זיך אָנגעהויבען טשעפּען צו יואש'ן און איהם קלאַפערשט פארלעגען אז ער וויל זיך משדך זיין מיט איהם און אז יואש האט איהם מיט גאוה געאַנטפערט אז דער קליינער דארן מיט'ן גרויסען בוים קאן קיין מחותן ניט זיין", האט ער שוין געהאַט פאר וואס אויף איהם אין בעס צו זיין און האט זיך באַלד צוגעריקט מיט גרוים חיל צו דער גרעניץ. בּיי דער שטאָדט בית שמש איז געוועהן די ערשטע מלחמה, יואש האט בעוויזען זיין גבורה און האט אמציה'ן געבראַכט געפאַנגען קיין ירושלים; ער וואָלט געקאָנט מאַכען אַ תל פון דער גאַנצער מלוכה. נאר, ווי עס שיינט, האט איהם אלישע דערפון אבגעהאַלטען און ער האט זיך נאר בעגנינט מיט אַ געלדשטראָף און דערמיט וואס ער האט געהייסען צוּוואַרפען עטליכע פעסטונגען פון דער הויפּטשטאָדט. עס איז שוין אזוי באַשערט געוועהן אז פון די שרעקליכע קלאָפּ וואס ירושלים האט אָנגעהויבען חאַפּען, זאָלען די ערשטע קומען טאַקי פון יודישע האַנד....

יואש האט דערנאָך ניט לאַנג געלעבט און באַלד איז דיא מלוכה פון שמרון איבערגעגאַנגען צו זיין זוהן ירבעם דעם צווייטען, וועלכער האט גליקליך געקאָניגט מעהר פון זעכציג יאָהר. אַלע מלחמות וואס ער האט געפיהרט, מיט דעם ווילען פון גאָט און מיט דיא קלוגע עצות פון דעם נביא יונה בן אמתי. האבען געבראַכט דערצו וואס ער האט איינגענומען פיעל קליינע פעלקער, שטאַרק פארגרעסערט דאס לאַנד און מואב האט אויך געמוזט ארונטער אונטער זיין ממשלה. אין יהודה האט אמציה נאך געקאָניגט פינפצעהן יאָהר, נאר זיין מלוכה איז געוואָרען גאר שלאַף. ירושלים איז געבליבען אָפען און ניט בעשיצט און אויף דער עלטער האט ער געמוזט אנטלויפען קיין

לכיש, וואו די אונצופרידענע הויפט-לייט האבען איהם דערהרגעט. דעמעלט האט זיך אנגעהויבען די טרויעריגסטע צייט אין יהודה: קיין מלך איז ניט געוועהן. אמציהו'ס זוהן עזריהו איז ערשט אלט געוועהן פיער יאהר. צוקומען קיין ירושלים, וואס האט ניט געהאט מעהר קיין פעסטונגען איז געוועהן וועהר גרינג. דער קאניג פון שמרון האט זיך ניט געוואלט ריהרען מיט הילף, אויף די מלכים פון צור אונ צידון, וואס זענען אמאל געוועהן גוטע ברידער, האט מען ניט געקאנט רעכענען, אבדאי זענען די אדומים באלד אנגעפאלען אונ אינאיינעם מיט די מצרים האבען זיי פארוויסט דאס לאנד אונ די בעסטע מענשען פון יהודה פארקויפט פאר קנעכט אונ אוועקגעשיקט גאנץ וויט. אזוי האט זיך אנגעהויבען א גלות פאר די ערשטע אומגליקליכע קינדער פון יהודה. אונ דאס גאנצע גליק איז נאך געוועהן וואס זיי האבען געהאט וואס מיטצונעמען אין שווערען וועג: דאס איז געוועהן זייער אמונה — דאס איינציגע שטיקעל ירושה פון דער היים.

זעכסטעס קאפיטעל.

די לעצטע מלכי ישראל אונ די מפלה פון שמרון.

(887—720 ביז קריסטוס געבורט. 957—790 פאר'ן חרבן בית שני)

צוועלף פינסטערע יאהר האבען זיך אזוי אוועקגעצויגען אין יהודה, מען האט ניט געזעהן קיין שפור פון א שיין אונ אפילו די נביאים, וואס האבען געקענט קוקען וויט, האבען אנגעהויבען רעכענען די מלוכה פון בית דוד פאר אן איינגעפאלענע סוכה. נאר פלוצים האט זיך דאס פאלק ווי אויפגעכאפט פונ'ם שלאף אונ דער זעכצעהנ־יאהריגער עזריהו, אדער עוזיהו. דער זוהן פון

אמציהו, איז געווארען קאניג. און האט באלד איבערגעפיהרט די ביינער פונ'ם פאטער פון לכיש קיין ירושלים און איהם בעגראבען צווישען די קאניגע מיט גרויס כבוד. האטשי עזיהו איז געוועהן זעהר יונג, האט ער זיך גענומען מיט אלע קרעפטע צו פארבעסערן דעם צושטאנד פונ'ם לאנד און האט געקאניגט כמעט פופציג יאהר. ניט אזוי גרינג איז איהם אנגעקומען דאס היילען פון אלטע מכות, ווייל גראד פונקט ביים אנהייב האבען ביידע יודישע מלוכות שטארק געליטען פון ערדציטערניש. וואס עמוס הנביא האט נאך פריהר מיט צוויי יאהר פאראויסגעזאגט. דערנאך איז באלד געווארען א גרויסער הונגער און היישרעקען האבען אויפגעגעסען אלע תבואות, נאר מיט דעם פעסטען בטחון אויף גאט האט דאס פאלק זיך געשטארקט מיט תעניתים און תפלות און רוחיג איבערגעטראגען אלע אומגליקען און געגלויבט אז די טראסט-ווערטער פונ'ם נביא יואל בן פתואל וועלן געוויס מקוים ווערן. עס האט אויך ניט לאנג געדויערט און פון אלע צרות איז געווארען איין עק. יהודה האט ווייטער אנגעהויבען בליהען, דער מסחר און ערדארבייט האט רייך געמאכט די מדינה. און אז עזיהו האט זיך שוין געפיהלט אין כח אבצורעכענען זיך מיט די אלטע שונאים האט ער זיך צום ערשטען געכאפט צו די אדומים. ער האט זיי נוט צושלאגען און צוגענומען ביי זיי די שטאדט אילת ביים ים סוף און דער האנדעל מיט אראביען און אינדיען איז ווידער בעלעבט געווארען. דערנאך האט ער געמאכט א תל פון די פלשתים און האט ביי זיי צוגענומען א גרויס שטיק ערד, און ירושלים האט ער בעפעסטיגט נאך שטארקער ווי עס איז געוועהן מיט די בעסטע כלי זין וואס מען האט גאר אין יענער צייט בענוצט אין א מלחמה.

שמרון האט אין דער צייט אויך געבליהט אונטער דער מלוכה פון ירבעם דעם צווייטען. וואס האט צוגענומען ביי ארם די הויפטשטאדט דמשק און אויך די שטאדט חמת. וואס רייכער אבער דאס לאנד איז געווארען, מעהר איז עס פארזונקען געווארען אין זינד, די עבודה-זרות האבען דארט געהאט א פייערינען בעשיצער אין אמציה, דעם כהן פון בעל. שלעכטע מדות האבען זיך מיט יעדען טאג מעהר איינגעוואָרצעלט, די עשירים האבען געברענט א וועלט מיט זייער פארמעגען, געריסען פראצענט. געשונדען די הויט פון ארימע, גענומען פאר משכנות קליינע קינדער און דערנאך געמאכט פאר קנעכט, זיך אנגעטהון אלע תענוגים, און נאר עטליכע געציהלטע יונגע לייט פלעגען זיך האלטען ביי די נביאים, וואס האבען זיך געפונען אין בית אל. גלגל און ירחו. ניר

קיינער פלעגט זיך אויף זיי ניט אומקוקען און זיי האבען זיך דערפאר געקאנט פריי אויפפיהרען טהון און רעדען וואס זיי האבען געוואלט.

אזא פרייהייט האט געפיהרט דערצו וואס צווישען אזא זינדיג פאלק מיט פארשטיינערטע הערצער און פערשטאפטע אויערן צו אמת און יושר האט געקאנט ארויסשפרינגען עמוס פון תקוע. א מענש וואס האט זיך גערעכענט פאר א פראסטען בעל הבית. נאר דער גייסט פון גאט האט איהם ניט געלאזט איינרוהען און ער פלעגט מיט פייערדיגע ווארטער שטראפען דעם עולם און שרעקען מיט דעם ביטערן סוף וואס קאן ארויסקומען. דעם כהן אמציה זענען אפילו עמוס'ס דרשות ניט געפאלען און ער האט זיך געפריווט איהם איין עצת געבען ער זאל בעסער אריבער קיין יהודה. נאר דאס האט דעם נביא געגעבען נאך מעהר מוטה און ניט איינער פון שמרונ'ער מיוחסים פלעגט פון איהם חאפען דעם פסק. ער האט ניט געלעגט קיין כבוד אויך אויף די איינוואהנער פון יהודה און אויפגעדעקט זייערע פעהלער. נאר דאך האט ער געקוקט אויף זיי מיט מעהר ליעבע און רחמנות און זיין לעצטע נבואה איז געוועהן אז דוד'ס הויז וועט דערלעבען די גראסטע גדולה און וועט מיט זיינע פליגעל בעשיצען אלע צוזאמטע און צושפרייטע קינדער פון ישראל.

אין ירושלים האט דעמעלט געלעבט א נביא, יואל בן פתואל, וואס אין דער צייט פון די אומגליקען, וואס זענען געקומען אויף יהודה, איז אויף איהם געפאלען דער גורל צו שטארקען די געפאלענע און היילען די צובראכענע געמיטהער מיט א זיסער האפנונג. מען ווייסט אבער ווענינ פון איהם. אסך מעהר איז בעקאנט דער נביא הושע בן בארי, וואס פלעגט פון איין זייט מיט זיינע שארפע רייד און מיט שטעכענדיגע משלים שטארק ארבייטען געגען דעם גאצענדיענסט אין שמרון און פון דער אנדערער זייט מאהלען מיט די שאנסטע פארבען דאס ליכטיגקייט פונ'ם אמת'ן גלויבען אין איין גאט און דאס שטאנדיג גליק פון אלע וואס געהען אין גלייכען וועג. ווי ווענינ, באבט זיך, עס האבען זיך געפונען אין שמרון מענשען וואס האבען זיך געוואלט צוהארען צו די נביאים'ס רייד, פון דעסטוועגען איז דער אמת פארט אריינגעקראכען אין די אויערן און האט ווענינסטענס געפיהרט דערצו וואס עס זענען ארויס מחלוקת און פיעל זענען געווארען אונצופריעדען פון דער מלוכה. ירבעם דער צווייטער האט רוהיג אויפגעלעבט זיינע אלטע יאהרען, נאר זיין זוהן זכריהו האט נאר ניט געדויערט און איז אין עטליכע חדשים דערהרג'ט געווארען דורך שלום בן יבש וואס איז געווארען קאניג. ער האט זיך אבער צוליב מעהר ניט געהאלטען ווי

א חודש אונ האט געהאט דעם איינעגעם סוף פון איינעם פון דער שטאדט תרצה, מנחם בן גדי, וואס האט צו זיך געכאפט די מלוכה. מנחם איז געוועהן זעהר א שלעכטער, אונ אז די שטאדט תפסח האט ניט געוואלט וויסען פון איהם, האט ער זי אין גאנצען חרב געמאכט אונ אויסגעקוילעט אלע איינוואהנער, אפילו קליינע קינדער אונ מעוברתע ווייבער.

אזא הנהגה פון שומרון'ס נייעם מלך האט געפיהרט דערצו וואס פיעל פון דארט זענען אריבער קיין יהודה, נאר דא האבען זיי אויך קיין נחת ניט געהאט, ווייל אז עוזיהו איז געגאנגען נאר גוט האט ער זיך אנגעהויבען אנמעסטען דאס שטרייכעל פון די כהנים אונ האט געוואלט צוריינכאפען דעם גאטעסדיענסט אויך צו זיך אין די האנד אריין. דאס איז ניט געפאלען דעם כהן גדול עזריה אונ אז דער מלך איז מיט געוואלד אריין אין היכל אונ דארט געווייכערט דיא קטורת, האט איהם דער כהן גדול בעטרעטען אונ געערדט מיט איהם גאר שארפע ווערטער. וואס דערפון איז געווארען — איז ניט בעקענט: מען ווייסט נאר אזוי פיעל אז עוזיהו האט באלד בעקומען אין אויסשלאג אויפ'ן גאנצען לייב אונ האט געמוזט זיצען אבגעזונדערט פון אלע אין א חדר מיוחד אונ דאס פאלק האט דאס גערעכענט פאר א עונש. אין דער צייט פון עוזיהו'ס קראנקהייט האט דיא מלוכה געמוזט פיהרען זיין זוהן יותם.

דערווייל האט זיך אויף שומרון אנגערוקט די חמארע, וואס דער נביא עמוס האט זי נאך מיט פינפציג יאהר צוריק ארויסגעזעהן. די מלוכה פון אשור איז זעהר גרויס געווארען אונ אז דער מלך פול האט איינגענומען פיעל לאנדער פון צור אונ מצרים האט ער זיך אויך א ווארף געטהון קיין שומרון אונ מנחם, וואס האט מורא געהאט די אינוועניגסטע שונאים זיינע זאלען זיך ניט בענוצען מיט דער מרידה האט באלד געמאכט א שלום, געלאזט צוועקפיהרען פיעל געפאנגענע אונ א חוץ דעם געגעבען געלד ווי פיעל מען האט נאר געוואלט אונ דערנאך האט ער עס מיט פראצענט געריסען פון די עשירים. אזוי טהייער האט מנחם בעצאהלט מיט פרעמד בלוט אונ פערמעגען דערפאר ער זאל קאנען בלייבען אויפן פלאץ. נאך מנחם'ס טויט איז די מלוכה איבערגעגאנגען צו זיין זוהן פקחיה, נאר ער האט מעהר ניט געלע־ט צוויי יאהר; איהם האט דערהרגעט פקח בן רמליהו וואס איז געווארען קעניג אונ האט באלד געמאכט יד אחת מיט יותמן, וואס האט שוין דעמעלט געקעניגט אין יהודה, אונ מיט די מלכים פון ארם, צור אונ צידון, כדי

זאָל זיך איינאייגעם אַרויסשטעלען געגען אַשור און איהם ניט לאָזען אַזוי ברענגען אַ וועלט.

די פריינדשאַפט וואָס האָט די לעצטע צייט צונויפגעבונדען ביידע יודישע מלוכות האָט אַריבערגעטראָגען קיין יהודה פיעל שלעכטע מדות פון שומרון. די רייכע האָבען זיך אָנגעגעסען דעם אויבען־אָן און איינאייגעם מיט'ן אויפזעהער פון'ם קאָניגליכען הויף האָבען זיי געמאַכט עס זאָל ביי זייא זיין די גאַנצע רעד און זיי זאָלען אויספיהרען וואָס זיי ווילען. גאַנצע טאָג און נאַכט פלעגען זיי שכורן, ניט טהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, אויפ'ן אָרימאַן איז געלעגען די שווערע משא פון אַרבייט און אַז מען האָט איהם געקריוודעט איז ער שטאַנדיג געבליבען אומגערעכט. ביי אַזעלכע פערדאָרבענע זיטען האָבען זיך ווייטער געמוזט אַרויסווייזען די נביאים, וואָס האָבען קיינעם ניט נושא פנים געווען, געשיצט דעם אמת, ערנידריגט דעם שקר און געטייט מיט די פינגער אויף די וואָס פלעגען זיך איבערגעהמען מיט זייער פאַלשקייט און צוליעב דעם זיך רעכנען אין דער גאָלדענער פאַהן.

דאָס איז געווען נאָך אליהו'ן און אלישע, עמוס און הושע, דער דריטער דור נביאים און דער גרעסטער פון זיי איז געוועהן ישעיהו בן אמוץ, אַ מענש וואָס האָט גוט געקענט אַלע פעהלער פון זיין פאָלק און האָט דערצו נאָך געהאַט אַ טהייער מויל און זיינע ווערטער פלעגען טיעף אַריינקריכען אין די הערצער אפילו פון אַזעלכע וואָס האָבען איהם ניט געוואָלט הערען. אין זיין צייט האָבען אויך געלעבט די נביאים זכריהו בן יברכיהו, הושע דער צווייטער און מיכה המורשתי, נאָר ישעיה איז געוועהן האָבער פון אַלע און האָט פירציג יאָהר טריי געדיענט גאָט און נביאות געזאָגט פון זיין נאָהמען דעם האַרטנאַקיגען פאָלק. זיין ווייב איז אויך געוועהן אַ נביאה און אַז זי האָט געבאָהרען צוויי זיהן האָט ער זיי אַ נאָהמען געגעבען „שאר ישוב" און „למהר שלל חש בז" און דערמיט געגעבען אָנצוהערען אַז נאָר אַ קליינער טהייל פון'ם פאָלק וועט זיך צוריק אומקעהרען צו גאָט און אַז שומרון און אַרם וועלען ביידע אַריינפאַלען אין די האַנד פון אַשור. אַ הייליג פייער האָט שטאַנדיג געברענט אין האַרץ פון דעם גרויסען נביא און ער פלעגט רעדען פון די צבוע'קעס, וואָס מיינען מיט קרבנות אָנצוטהון גאָט אַ קרוין, פון די דיינים, וואָס דיא מטבע האָט אָפט ביי זיי איבערגעוואויגען די וואָגשאָהל פון גערעכטיגקייט, פון ציון'ס טאָכטער, וואָס האָבען נאָכגעיאָגט דער מאָדע און גערעכענט אַז מיט טהייערע קליידער קאָן

מען אין גאנצען פערדעקען די זינד פונ'ם גוף, האבען זייגע רייד געמוזט מאכען א גרויסען איינדרוק, אונ אז ער פלעגט פאראויס זאגען וואס עס וועט זיך טהון מיטביידע יודישע מלוכות אונ אפילו מיט אנדערע פעלקער, איז מען זיכער געווען אז אזוי וועט עס זיין. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס באלד האבען זיך ארום ישעיה'ן פערזאמעלט אלע עהרליכע לייט, וואס האבען זיך ענטשלאסען צו געהן אין רעכטען וועג אונ וואס דער נביא האט זיי גערופען ענוים, ווייל זיי זענען געווען פרום אונ שטיל אונ אפילו געגען אכזריות פלעגען זיי ניט ארויסטרעטען מיט נקמה, נאר געזוכט א טרייסט אין בעטען אונ גאט־לויבען.

דערווייל האט אנגעהויבען ישעיה'ס נביאות מקוים צו ווערען. אין מצרים האט דעמאלט געהערשט זעהר א שוואכער קאניג באקכאריס פון דער שטאדט סאים וואס האט ניט פערשטאנען ווי אזוי צו פיהרען די מלוכה. אז עס פאלען די רעדער איז זיך ניט שווער ארויפצוכאפען אויפ'ן וואגען, אונ דערפאר איז מצרים באלד ארונטער אונטער דער מאכט פון סבקה, דעם מלך פון כוש, וואס האט צוגעווארפען דעם פריהריגען קעניג אונ שטארק בעפעסטיגט דאס לאנד. דעמעלט האט יהודה אויך בעקומען איין קלאפ אונ פערלארען פיעל געפאנגענע; יותם האט אפילו באלד געמאכט א שלום אונ געלאזט דעם שונא אויסליידיגען אלע קעשענעס, נאר דאס לאנד איז נאך ניט אבגעקומען מיט געלד אליין אונ האט געמוזט אויף זיך טראגען דעם עול פון מצרים פונקט ווי שומרון האט איבער זיך געהאט פאר א הערשער אשור. אזוי האבען ביידע יודישע מלוכות פערלארען זייער גלאנץ, אונ אפילו אין יהודה האט מען זיך אין דער שלעכטער צייט ניט געווענדעט צו גאט נאר געזוכט עצות אונ הילף ביי די אבגאטער, חאטשי דער נביא זכריהו בן יברכיהו האט געארבייט מעשים אונ געשריגען אז נאר די ריינע אמונה קאן אויפהייבען די געפאלענע.

נאך יותם'ס טוידט איז זיין זוהן אחז געווארען קאניג אונ די פריינד־שאפט, וואס האט ביז אהער געהערשט צווישען שומרון אונ יהודה, איז פארבי־טען געווארען אין א שנאה. אחז איז ניט געווען קיין גרויסער חכם אונ ארייננלאזען זיך אין ווייטע דרכים — איז פאר איהם געווען שווער, דער־פאר אז פקח בן רמליהו, דער קאניג פון שומרון, אונ רצין, דער קאניג פון ארם, האבען זיך געווענדעט צו איהם ער זאל זיי געהן צו הילף ווען זיי וועלען זיך אקעגענשטעלען געגען אשור, איז איהם דער קלאן ניט

גֶעפָאלֶען. דָאס הָאט פֶערדְרָאסֶען דִי מְלָכִים פוּן שׁוֹמְרוֹן אוּנ אֲרָם, זֵיי הָאבֶּען זִיךְ פֶערְשְׁלָאסֶען אָנְצוּפַאלֶען אוֹיף אָחָז'ן אוּנ אוֹיף זַיין אָרְט מַאכֶען פַאר אַיין קֶענִיג אֵיינֶעם פוּן זֵייעֶרֶע לַייט בֶּן טָבְאֵל אוּנ הָאבֶּען שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען אָבְּצוּרַייסֶען גַאנְצֶע שְׁטִיקֶער פוּן יְהוּדָה, אוּנ דָאס עֶרְשְׁטֶע הָאבֶּען זֵיי אוּמְגֶעקֶעהְרְט דִי אֱדוֹמִים דִי שְׁטָאדְט אֵילַת. אָחָז הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ קוּק אַז עֶס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער עֵסֶק אוּנ אַז בַּיי זִיךְ אִין לַאנְד הָאט עֶר אוֹיךְ אַ סַךְ שׂוֹנְאִים הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶועזֶען אַז עֶס אִיז אַ סַךְ גְלַייכֶער זִיךְ בּוּקֶען צוּם לֵייבּ וְוִי צוּם פוּקְס, אוּנ חָאטְשֶׁי יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא הָאט אִיהם גֶעטְרֵייסְט אוּנ גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף נִיט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר „דִי צְוֵויי פַארְרֵייכֶערְטֶע הַאלָאוֶועשְׁקֶעס“ הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעשִׁיקְט שְׁלִיחִים צוּם מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר, תִּגְלַת פִּלְאֶסֶר, אוּנ דָאס אִיז גֶעוֶועזֶען פַאר אִיהם דִי גְרֶעסְטֶע רְפוּאָה, וַוייל אַשּׁוּר'ס חַיִל הָאט בַּאלְד צוּגֶעטְרֶעטֶען, אוּנ פֶּקַח אוּנ רְצִין, הָאבֶּען גֶעמוּזְט מִיט חֶרְפָּה זִיךְ צוּרִיקְצִיהֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם, רְצִין אִיז דֶערְהַרְגֶעט גֶעוָוארֶען, פוּן אֲרָם אִיז גֶעוָוארֶען אַ תֵּל, דַמֶּשֶׂק אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַשּׁוּר אוּנ דִי גַאנְצֶע גֶעגֶענְד הָאט אָנְגֶעהוֹי־בֶּען הֵייסֶען סִירְיֶען. דָאס אִיז אָבֶּער אָחָז'ן גֶערָאטְהֶען נָאר לְפִי שָׁעָה, בַּאלְד אִיז דָאס לַאנְד יְהוּדָה אַרוּנְטֶער אוּנְטֶער דֶער הֶערְשַׁאפְט פוּן אַשּׁוּר אוּנ דָאס פָאלְק הָאט גֶעמוּזְט דֶערְפִיהְלֶען וְוִי טְהַייֶער עֶס קָאסְט אָחָז'ס הִילְף. נָאר אַיין אָחָז הָאט עֶס נִיט גֶעפִיהלְט: מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער הַכְנָעָה פְלֶעגְט עֶר אָפְּט פִיהְרֶען מַתָּנוֹת דֶעם מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר, אוּנ דָארְט זִיךְ לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע הַנְהָגוֹת אוּנ מִדּוֹת. עֶר הָאט אֲפִילוּ אַיינְגֶעפִיהְרְט אָפְט נוּצְלִיכֶע זַאכֶען, וְוִי דֶער זוּנ־זֵייגֶער, אַ גֶעזֶעצְטֶע צַייט רֶעכְנוּנְג אוֹיף חֳדָשִׁים אוּנ טֶאג, אַ נַייעֶ אַרְט פוּן הַייזֶער בּוֹיעֶן; נָאר אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי נוּצְלִיכֶע זַאכֶען הָאט עֶר פוּן אַשּׁוּר אַרֵיינְגֶעבְּרַאכְט נָאר אַ שְׁפָּאגֶעל־נַייעֶם גָאטְצֶענְדִיעֶנְסְט אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען אוֹיף דִי דָאכֶער מַאכֶען מִזְבְּחוֹת, וְואוּ מֶען זָאל מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת צוּ שְׁטֶערְן אוּנ צוּ זֵיי זִיךְ בּוּקֶען. אָחָז אִיז אַזוֹי פַארְפִיהְרְט גֶעוָוארֶען אִין עֲבוֹדָה זָרָה אַז עֶר הָאט אִין טְהָאל הִנֹּם גֶעשְׁטֶעלְט אַ מִזְבֵּחַ אוּנ דָארְט זַיין אֵייגֶען קִינְד פַאר אַ קָרְבַּן פַארְבְּרֶענְט אִין פַייעֶר. פוּן אָחָז'ס פִיהְרֶען קָאן מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֶעהֶן אִין וָואס פַאר אַ מַעֲמָד דָאס פָאלְק אִיז גֶעבִּיךְ גֶעוֶועזֶען אִין יְהוּדָה.

נָאךְ עֶרְגֶער אִיז אָבֶּער גֶעוֶועזֶען אִין שׁוֹמְרוֹן, וָואס הָאט שׁוֹין נִיט גֶעקָאנְט הֵייסֶען דָאס לַאנְד פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים, וַוייל תִּגְלַת פִּלְאֶסֶר הָאט צוּגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע עֶרד וָואס הָאט גֶעקֶעהְרְט צוּ דִי שְׁבָטִים נַפְתָּלִי, זְבוּלֻן אוּנ אָשֵׁר. פֶּקַח בֶּן רְמַלְיָהוּ אִיז בַּאלְד אוּמְגֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארֶען דוּרְךְ

הושע בן אלה, וואס איז געווען דער לעצטער קעניג פון ישראל אונ האט שוין ניט געקענט אבהיטען זיין לאנד פון דער מפלה וואס דער נביא הושע דער צווייטער האט מיט ברענענדיגע ווערטער פאראויס געזאגט, ווי עס שיינט, האט ער זיך געזוכט הילף ביי מצרים. אין דער צייט איז דער מלך פון אשור, שלמנאסר, אנגעפאלען אויף אלולי, דעם מלך פון צור, אונ אז הושע האט געזעהן אז ער קאן דערווייל ווערען דאס כפרה־הינדעל, האט ער ניט געווארט ביז שלמנאסר מיט זיין חיל וועלען קומען צו איהם, אונ איז אליין איהם ארויסגעגאנגען אקעגען און איהם אריינגעשטופט א גוטע מתנה. קוים האט אבער שלמנאסר אבגעטרעטען, האט אלולי געמאכט יד אחת מיט סואי (סוא) דעם מלך פון מצרים, אונ צוגעשלעפט אויך הושע׳ן. ער האט זיך געלאזט איבעררעדען און איז דער ערשטער ארוים ווי איין עזות־פנים געגען שלמנאסר׳ן דערמיט וואס ער האט אויפגעהערט צו צאהלען איהם מס. שלמנאסר האט ניט געמאכט קיין שיהות, מיט גרוים חיל איז ער אריבער קיין צור, תל געמאכט פון פיעל שטאדט אונ האט זיך באלד דורך עכו צוגעצויגען קיין שומרון. הושע האט אבער פערשטאנען ווי אזוי זיך צו שיצען געגען אזא שרעקליכען שונא אונ דריי יאהר האט געדויערט די מלחמה ביז די בעפעסטיגטע הויפטשטאדט פון שומרון איז געפאלען און אינאיינעם מיט טויזענדער געפאנגענע איז אויך הושע פערטריבען געווארען אונ האט געמוזט ענדיגען זיינע יאהרען אין א תפיסה אין נינוה.

אזא מפלה האט געהאט שומרון, וואס האט עקסעסטירט נאר צוויי הונדערט זעכציג יאהר אונ אזוי ביטער איז געווען דער סוף פון דער מלוכה פון ישראל, וואס איז געפיהרט געווארען פון צוואנציג קאניגע. פערדארבענע מדות, שלעכטע תאוות, פארגעסען אין גאט, דיענען דער מטבע, אנטהון זיך אלע תענוגים, רודפ׳ן דעם קלענערען, פרעסען דעם ארעמאן — אט די אלע זאכען האבען א תל געמאכט פון די עשרת השבטים אונ גיך איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבען. נאר איין אונבעקאנטער נביא האט איבערגעלאזט עטליכע ווערטער פון קלאג אונ טרויער איבער די פערלארענע בני ישראל: ער האט געזעהן ווי די מוטער רחל בעוויינט איהרע קינדער אונ וויל זיך ניט טרייסטען אונ טריקענט אוים די הייסע טרעהרען מיט א זיסער האפנונג אז די פערטריבענע וועלען פארט אמאל צוריקקומען אהיים...

אויפ׳ן רעשטיל יודען אין יהודה, וואס האט מיט רעכט זיך אנגעהויבען רופען „שארית ישראל“ אונ וואס זענען בעשטאנען פון די שבטים יהודה,

בנימין, שמעון אונ לוי, האט שמרון׳ס מפלה געהאט א גרויסע ווירקונג, זיי האבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן ווי די רייד פון די נביאים זענען מקוים געווארען אונ א סך הערצער זענען געווארען ווייכער, א סך אויגען אפענער, א סך קאפ ריינער און ליכטיגער. ישעיה הנביא האט געקאנט פרייער אויספיהרען זיין הייליגע שליחות אונ פון זיינע פרומע תלמידים „די ענוים" האט זיך שוין דער עולם אנגעהויבען לערנען ווי אזוי צו געהן אין רעכטען וועג, וואס פיהרט צום גליק פון גאנצען פאלק.

זיבעטעס קאפיטעל.

דאס רעשטיל יודען.

(608—719 ביז קריסטוס געבורט. 673—789 פאר׳ן חרבן בית שני).

צום גליק פון דעם „רעשטיל יודען" וואס זיי איז באשערט געווען צו בע־ נייען דעם גלאנץ פון דער אומה, איז אין יהודה געווארען קעניג חזקיהו בן אחז וואס איז געווען פונקט דער היפך פונ׳ם פאטער אונ האט זיך אויסגעצייי־ כענט מיט אלע מעלות, וואס זענען טאקי דעמעלט שטארק נאטהיג געווען א יו־ דישען מלך. חזקיהו האט אויסגערוימט דעם געצענדיענסט, ער האט געהייסען צוברעכען אלע מזבחות אונ האט געגעבען א בעפעהל אז דעם קרבן פסח זאל מען מקריב זיין נאר אין ירושלים אין בית המקדש; ער האט אויך בעשטימט די צייטען פון די ימים טובים אונ איינגעפיהרט די רעכנונג פון עבור־יאהרען. זיין צייט איז געווען דיא ליכטיגסטע פאר׳ן פאלק. די נביאים אונ זייערע תלמידים האבען אנגעהויבען שפיעלען די גרעסטע ראלע אונ חזקיהו אליין האט ארויסגע־ טיזען א שנאה געגען דער פריהערדיגער הנהגה פון אחז׳ן, אז ער האט איהם

אפילו ניט געלאזט בעגראבען צווישען די מלכי בית דוד. אונ ווי די גמרא זאגט, האט ער איהם ערגיץ אין דער שטיל געהאלטען אויף א שטריק־בעטעל. ער האט אבער ניט געקאנט אויספיהרען זיינע אלע גוטע מחשבות, ווייל ווי ווייט ער האט ניט געמאכט נייע ארדנונגען איז איהם אלץ שווער געוועהן זיך ארויס־רייסען פונ'ם געזינדעל וואס איז איבערגעבליבען נאך פון אחזן אונ וואס האט די גאנצע ממשלה געהאלטען ביי זיך אין די האנד. די "מיוחסים" האבען זיך בענוצט דערמיט וואס דער קעניג האט געהאט א ווייך הארץ אונ האט זיך ניט געקאנט אין אלדינג אריינמישען אונ וואס דער אויפזעהער פונ'ם הויף שבנא, איז מיט זיי געוועהן איינס, אונ דאריבער האט ניט שטענדיג דאס גוטסקייט פון חזקיהו געקאנט הערשען אין לאנד אונ צו צייטענס פלעגען נאך געשעהן מעשות וואס האבען געפאסט פאר אחז'ס לעבען. דאס איז אויך געוועהן די סבת דערפון וואס חזקיהו'ס דעת, אז יהודה זאל בלייבען אונטערטהאניג אשור, איז בטל געווארען אונ חאטשי דער קעניג האט אבגעזאגט די שליחים פון דיא פלשתים, וואס האבען איהם פארגעלעגט צוצושטעהן צו מצרים אונ ארויס־שפרינגען געגען אשור, אונ א חוץ דעם האט ישעיה הנביא געשריגען מען זאל זיך ניט לאזען אראבפיהרען פונ'ם גלייכען וועג, האבען פארט די "מיוחסים" אויס־געפיהרט זייערס אונ די פריינדשאפט צווישען יהודה אונ אשור האט אויפגעהערט. אומזיסט האט דער נביא געוויזען וואס פאר איין אומגליק דערפון קאן ארויס. בעזאנדערס נאך דעם וואס די פלשתים האבען שוין געהאפט א סוף פון אשור אונ האבען פערלארען זייער שטאדט אשדוד. אומזיסט איז ער ארומגעגאנגען בארוויס אונ נאקיט אין די גאסען אונ דערמיט געגעבען א סימן אז מצרים וועט אויך פאלען. קיינער האט איהם ניט געוואלט הארען. יהודה האט געדיפעט אויפ'ן נייעם מלך פון מצרים תרהקה אונ האט פון זיך אין גאנצען אראב־געווארפען דעם עול פון אשור. דאס האט שטארק פערדראסען סנחריב'ן דעם קעניג פון אשור אונ ער האט זיך גענומען קודם כל אברעכען מיט מצרים. יהודה האט דערווייל געהאט צייט זיך צו בעפעסטיגען אונ שבנא האט בעזאנדערס בעווארענט ירושלים מיט וואסער אונ שפייז אונ מיט הויכע מויערן ארום דער שטאדט, כדי זי זאל זיך קאנען האלטען א לאנגע צייט ווען דער שונא וועט זי ארומרינגלען. שבנא האט זיך שוין גאר אין גאנצען געוואלט בעווארענען אונ האט זיך אפילו ביים לעבען אנגעגרייט א קבר צווישען די מלכי בית דוד. נאר דער נביא ישעיה איז ארויס געגען איהם מיט שארפע רייד. ער

האט איהם געפרעגט: ווער איז ער און וואס טהוט ער, ער זאל זיך מאכען דא אויסהאקען א קבר", באלד איז דערפון געוואהר געווארען חזקיהו און שבנא איז אראב פון זיין גרויסער שטעלע. סנחריב האט זיך דערווייל צוגעריקט אלץ נאהענטער צו ירושלים און האט אנגעהויבען א היל מאכען פון א סך שטאדט אין יהודה. פון דארט זענען די אנוואהנער באלד אנטלאפען קיין ירושלים און עס איז געווארען א גאנצע אימה, אז אפילו די ווערטער פון ישעיה, אז מען דארף ניט מורא האבען פארן שונא, האבען ניט געקענט בערוהיגען דאס פאלק. חזקיהו איז געצוואונגען געוועהן צו שיקען שליחים איבערבעטען סנחריבן און איהם ברענגען א גאנצען אוצר מיט גאלד, וואס ער איז עס גאר ניט אים שטאנד געוועהן צו געבען און וואס צו ליעב דעם האט ער געמוזט אראבנעהמען די טהייערע גאלדענע טהירען פונ'ם בית המקדש. סנחריב האט די מתנות צוגענומען, נאר עס איז איהם נאך אלץ קארג געוועהן: ער האט ניט געקאנט רוהיג זיך דער-מאנען אין דעם אז אזא קליינע מלוכה ווי יהודה זאל ארויסשפרינגען געגען איהם, וואס רעכענט זיך פארן מלך איבער אלע מלכים, און דאריבער האט ער פארט געהייסען דעם חיל צוגעהען צו ירושלים און האט אימיסטען געשיקט דריי הויפטלייט, תרתן, רב-סריס און רבשקה זיי זאלען זיך א ביסעל שפילען מיט די יודען און זיי לערנען דרך ארץ. חזקיהו האט דוקא ארויסגעשיקט א קעגען זיין נייעם אויפזעהער פונ'ם הויף אליקים און נאך פיעל גרויסע מענשען מען זאל אויפנעהמען סנחריב'ס שליחים מיט כבוד. נאר דא האט זיך ארויסגעוויזען אז רבשקה, וואס האט פערשטאנען דאס לשון פון יהודה, האט זיך געשטעלט חוזק מאכען און אזוי הויך און פערשטאנדליך רעדען אז דאס יודישע חיל זאל פארשטעהן און בייז זיך אראבפאלען. אומזיסט האבען איהם די הויפטלייט פון יהודה געוואלט אבהאלטען דערפון. רבשקה האט זיך געטהון זיינס און אז מען איז דערפון געוואהר געווארען אין ירושלים איז דער פחד נאך גרעסער געווארען און חזקיהו האט געפאסט, צוריסען דיא קליידער. אנגעטהון א זאק און גאט געבעטען ער זאל איהם בעפרייען פון דער צרה. דעמעלט איז ישעיה ווייטער ארויס צום עולם מיט א פייעריגער רעדע און האט פערזיכערט אז גאטס רצון איז ניט — סנחריב זאל חרוב מאכען ירושלים. און זיינע ווערטער האבען אלע געשטארקט, פונ'ם גראסטען ביז צום קלענסטען, און חזקיהו האט געשיקט זאגען רבשקה'ן מיטן הארבען ווארט אז צ'ביינלאזען קיין ירושלים וועט ער קיינעם ניט און אז ער האט בטחון אויף דעם וואס לעבט עבי"ג. באלד האט טאקי רבשקה מיטן חיל געמוזט אבטרעטען פון ירושלים, ווייל סנחריב האט איהם בעדארפט

הָאבֶּען צוּ אַ גְרױסֶער מִלְחָמָה מִיט מִצְרַיִם, אוּנ דָאס פָאלְק הָאט אַרױסְגֶעזֶעהן אַז גָאט הָאט סַנְחֵרִיבְ'ן אִימִיסְטֶען פַארְדֶערְעהט דֶעם קָאפּ. עֶר זָאל אִין זֵיי פַאר־גֶעסֶען אוּנ דִי הָאפְנוּנְג אִיז בַּיי זֵיי נָאךְ שְׁטַארְקֶער גֶעוָוארֶען. אַז רַבְשָׁקֵה הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען סַנְחֵרִיבְ'ן חִזְקִיָהוּ'ס תְּשׁוּבָה, הָאט עֶר נָאךְ אַ מָאל גֶעשִׁיקְט שְׁלִיחִים מֶען זָאל אוֹיפְקְלֶערֶען אִין יְהוּדָה אַז זַיין מַאכְט אִיז גְרוֹיס אוּנ עֶס אִיז זִיךְ נִיטָא אוֹיף וָועמִין צוּ פֶערְלָאזֶען, נָאר אֵיין וָוארְט יְשַׁעְיָה'ס אִיז גֶענוּג גֶעוֶועהן מְחַזֵק צוּ זַיין דֶעם עוֹלָם אוּנ דֶער בִּטָחוֹן זָאל נָאךְ פֶעסְטֶער וֶוערִין. דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען, אַז חִזְקִיָהוּ אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארֶען אוּנ יְשַׁעְיָה הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר קָאן נִיט הָאבֶּען קֵיין רְפוּאָה. דֶער קֶענִיג הָאט אָבֶּער מִיט זַיינֶע הֵייסֶע טְרֶערֶען אוּנ שְׁטִילֶער תְּפִלָּה אִיבֶּערְגֶעדְרֶעהט דִי גְזֵירָה אוּנ דֶער נָבִיא אַלֵיין הָאט אִיהם גֶעזָאגְט דִי בְּשׂוּרָה אַז אוֹיפְ'ן דְרִיטֶען טָאג וֶועט עֶר גֶעהֵיילְט וֶוערִין. חִזְקִיָהוּ'ס גֶעזוּנְד־וֶוערִין הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ פְרֵייד אִין גַאנְצֶען לַאנְד אוּנ דִי שִׂמְחָה הָאט זִיךְ נָאךְ פַארְגְרֶעסֶערְט אַז עֶס אִיז פְּלִיצוּם אָנְגֶעקוּמֶען אַ יְדִיעָה אַז סַנְחֵרִיב הָאט גֶעהַאט אַ מַפָּלָה אִין מִצְרַיִם אוּנ הָאט גֶעמוּזְט עַנְטְלוֹיפֶען מִיט חֶרְפָּה אוּנ בּוּשָׁה. מֶען הָאט דֶערְפוּן דֶעמָעלְט דֶערְצֶעהלְט גַאנְצֶע נִסִים: אַ טְהֵייל הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז אִין אֵיין נַאכְט אִיז בַּיי סַנְחֵרִיבְ'ן אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבֶּען הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנ אַכְצִיג טוֹיזֶענְד מֶענְשֶׁען אוּנ אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעדְרִינְגֶען אַז בַּיי סַנְחֵרִיבְ'ן אִין לַאגֶער הָאבֶּען זִיךְ נָאר פְּלִיצוּם אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען פֶעלְד־מַייז אוּנ הָאבֶּען מִיט זֵייעֶרֶע שַׁארְפֶע צֵיין אַ תֵּל גֶעמַאכְט פוּן אַלֶע בּוֹיגֶענְס שְׁפִּיזֶען אוּנ אַנְדֶערֶע כְּלֵי־זַיִן. נָאר וִוי אַזוֹי דִי מַעֲשֶׂה אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעוֶועהן — אֵיינְס הָאט מֶען אִין יְהוּדָה פֶערְשְׁטַאנֶען אַז גָאט הָאט דָא גֶעטְהוּן אַ וואוּנְדֶער אוּנ מִיט אַנְס אָבְּגֶעבְּרַאטֶעוֶועט דִי וָואס הָאבֶּען נָאר גֶעהָאפְט אוֹיף זַיין הִילְף.

אַזוֹי אִיז אַרָאבּ פוּן יְהוּדָה דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער יָאךְ פוּן אַשּׁוּר אוּנ דֶער נָבִיא הָאט מִיט רֶעכְט גֶעקָאנְט זָאגֶען אַז דָאס פָאלְק וָואס אִיז גֶעזֶעסֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער, הָאט דֶערְזֶעהן אַ גְרוֹיס לִיכְטִיגְקֵייט. רוּהִיג זֶענֶען אָבְּגֶעלָאפֶען דִי פִינְפְ־צֶעהן יָאהר וָואס חִזְקִיָהוּ הָאט נָאךְ גֶעקֶענִיגְט אוּנ אַז עֶר הָאט נָאךְ מִיט דֶער צַייט אָבְּגֶענוּמֶען בַּיי דִי פְּלִשְׁתִּים אַלֶע שְׁטֶעדְט, וָואס זַיין פָאטֶער אָחָז הָאט אַ מָאל פֶערְלָארֶען, אִיז זַיין נָאמֶען נָאר גְרוֹיס גֶעוָוארֶען צְווִישֶׁען אַלֶע פֶעלְקֶער אוּנ נִיט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער מֶלֶךְ פוּן בָּבֶל, מְרוֹדַךְ בַּלְאֲדָן, גֶעשִׁיקְט אִיהם שְׁלִיחִים אוּנ מַתָּנוֹת אוּנ אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל אִיהם הֶעלְפֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט אַשּׁוּר. נָאר אֵיין יְשַׁעְיָה'ן הָאט נִיט גֶעבְּרַאכְט קֵיין תַּעֲנוּג דֶער כָּבוֹד וָואס דֶער מֶלֶךְ פוּן בָּבֶל הָאט אָנְגֶעטְהוּן חִזְקִיָהוּ'ן, מִיט זַיינֶע הֶעלֶע אוֹיגֶען הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעזֶעהן

וואס די יודען וועלען זיך שפעטער אנליידען פון בבל און דעריבער האט ער
קרום געקוקט דארויף וואס חזקיהו האט אויסגעוויזען די שליחים אלע זיינע
אוצרות און זיך איבערגענומען מיטן רייכקייט. ווי עס שיינט, האט ישעיה
אבגעהאלטען חזקיהו'ן פון קריעג און איהם ניט געראטהען זיך אביינלאזען אין
א שטארק פריינדשאפט מיט בבל. און גיך איז אנגעקומען די בשורה אז סנחריב
איז דערהרגעט געווארען דורך זיינע צוויי זיהן אדרמלך און שראצר. דא
איז שוין גאר אין גאנצען אראב דער שטיין וואס פלעגט נאך צו מאל פרעסען
דאס הארץ פון די בני־יהודה: חזקיהו האט שוין ניט געהאט פאר וועמען זיך צו
שרעקען און האט איינגעווענדעט אלע זיינע כחות אז אמת און יושר זאלען
הערשען אין לאנד, אז די מיוחסים זאלען ווייניגער שליטה האבען און אז די
ריינע אמונה זאל איינגעווארצעלט ווערין אין פאלק. זיין טויט איז מיט איין
אמת'ער ליעבשאפט בעוויינט געווארען פון אלע און ער איז געוועהן דער
לעצטער קאניג פון יהודה וואס האט געפונען זיין קבר צווישען די מלכי בית דוד.

מיט חזקיהו'ס טויט האט זיך אויף יהודה ווידער אנגעריקט א חשכות און
גאר גיך האט מען שוין אפילו ניט געקאנט דערקענען אז עס איז א מאל ליכטיג
געוועהן. נאך ביי זיין לעבען האט ער געהאט גענוג מתנגדים טאקי פון זיין
אייגענער משפחה: דאס זענין געוועהן די פרינצען וואס האבען נאך געלעבט
אין אחז'ס צייט און וואס זיי האט בשום אופן ניט געקאנט געפאלען די הנהגת
פון דעם גוטען פרומען קאניג. אוודאי אז ער האט נאר צוגעמאכט איין אויג און
די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו זיין צוועלפיאהריגען זוהן מנשה, האבען זיי
באלד אינאיינעם מיט אנדערע אונצופריעדענע „מיוחסים", איינגעהאפט דיא
גאנצע ממשלה אין זייערע האנד און אין א קורצער צייט האט דאס לאנד
בעקומען איין אנדער פנים. די צושטערטע מזבחות פון אבגאטער זענין אויס־
געבויעט געווארען, אין יעדער יודישער שטוב האט מען גאר געזעהן געצענ־
בילדער, אין בית המקדש האט מען אריינגעבראכט א מין עבודה זרה פון אשור
וואס האט געהייסען „מיליטא" און דער טהאל הנום איז ווידער פול געווארען
מיט מענשען־בלוט פון די קרבנות וואס מען פלעגט דארט ברענגען דעם
אבגאט מלך, וואס האט נאר צפעטיט געהאט צו יונגע קליינע קינדער.
ביי א זעלבע פערדארבענע מדות זענין אויפגעשטאנען פאלשע נביאים מיט נייע
תורות, וואס האבען געדרשנט אין אלע גאסען ווי הייליג דער געצענדיענסט איז.
זיי האבען געמוזט נאכטאנצען אויך עטליכע כהנים פון אביתר'ס משפחת
וואס האבען ניט געהאט פון וואנען צו לעבען און עס איז זיי שווער געוועהן

זיך אָבְּצוּבֵייסֶען פוּנ׳ם מַעֲשֵׂר, אוּנ נָאר דֶעם כֹּהֵן צָדוֹק׳ס קִינְדֶער זֶענֶען טְרַייא געבְּלִיבֶּען דֶעם אֱמֶת׳ן גְלוֹיבֶּען. אַוַדַאי הָאבֶּען זֵיי אוּנ דִי עֶטְלִיכֶע גֶע־צָאהלְטֶע פְרוּמֶע לַייט, וָואס זֶענֶען נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען נָאךְ יְשַׁעְיָה׳ס טוֹיט, נִיט גוּט אָבְּגֶעשְׁנִיטֶען, וַוייל מְנַשֶּׁה מִיט זַיין חֶבְרָה, וָואס פְלֶעגֶען אִיהם פִירֶען בַּיי דֶער נָאז, הָאט זֵיי פָּשׁוּט גֶעהַייסֶען קוֹילֶען אוּנ אוּמְשׁוּלְדִיג יוּדִישׁ בְּלוּט הָאט זִיךְ גֶענוּג גֶעגָאסֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם. עֶס אִיז נָאךְ צוּ בֶּעוואוּנְדֶערן ווִי אַיין נָבִיא מִיכָה הַמּוֹרַשְׁתִּי הָאט זִיךְ נָאךְ אִין אַזַא פִינְסְטֶערֶער צַייט גֶעקָאנְט אַ מָאהל אַרוֹיסְשְׁטֶעלֶען זָאגֶען עֶפֶּעס אַ עֶרְנְסְט וָוארְט, אוּנ דֶערְמַאנֶען דֶעם עוֹלָם אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וָועלְט.

נָיךְ אִיז אָבֶּער אוֹיף מְנַשֶּׁה׳ן גֶעקוּמֶען אַ צָרָה. אַיינֶער פוּן סַנְחֵרִיב׳ס זִיהן, אֵסַר־חַדּוֹן, וָואס הָאט דֶערְהַרְגֶעט זַיינֶע בְּרִידֶער אוּנ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה פוּן אַשּׁוּר הָאט בֶּענַייעט דֶעם פָאטֶער׳ס מִלְחָמָה מִיט מִצְרַיִם. בַּיי דֶער גֶעלֶעגֶענְהַייט הָאבֶּען זִיךְ זַיינֶע הוֹיפְטְלַייט צוּגֶערִיקְט צוּ יְהוּדָה אוּנ אַז מְנַשֶּׁה אִיז אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּערְרֶעדֶען וֶועגֶען שָׁלוֹם, הָאט מֶען אִיהם גֶעפַאנְגֶען אוּנ אִין קֵייטֶען אַוֶועקְגֶעפִירְט קַיין בָּבֶל. אֵסַר־חַדּוֹן וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען מִצְרַיִם, הָאט דֶערְוַוייל בֶּעזֶעצְט דִיא שְׁטָאדְט פוּן שֹׁמְרוֹן מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע פֶעלְקֶער וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפֶען כּוּתִים. הָאטְשֶׁי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן גָאטְצֶענְדִינֶער, הָאבֶּען זֵיי פוּן דֶעכְטְוֶועגֶען אָנְגֶענוּמֶען פִיעל יוּדִישֶׁע מִנְהָגִים, וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעבְּלִיבֶּען פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים. זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צוּגֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען צוּ דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה אַז וָוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַן אוּמְגְלִיק אוּנ לֵייבֶּען זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן דִי פַארְוִויסְטֶע אָרְטֶער, אוּנ אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף זֵיי, הָאבֶּען זֵיי גֶעזוּכְט הִילְף דֶעם יוּדִישֶׁען גָאט, אוּנ הָאבֶּען גֶעלָאזְט בֶּעטֶען דֶעם מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר אַז עֶר זָאל זֵיי שִׁיקֶען אַ יוּדִישֶׁען כֹּהֵן קַיין בֵּית אֵל אוּנ עֶר הָאט עֶס זֵיי צוּלִיעב גֶעטְהוּן. מְנַשֶּׁה אִיז בַּאלְד בֶּעפְרַייעט גֶעוָוארֶען אוּנ אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, נָאר עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג נִיט גֶעדוֹיעֶרְט, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאט מֶען אִיהם בֶּעגְרָאבֶּען שׁוֹין נִיט צְווִישֶׁען דִי מַלְכֵי בֵּית דָוִד, נָאר בַּיי זִיךְ אִין גָאר־טֶען עֻזָּה גֶעבֶּען קָאנִיגְלִיכֶען הוֹיף.

מְנַשֶּׁה׳ס זוּהן, אָמוֹן, וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה שׁוֹין בַּיי צְווֵיי אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר, הָאט זִיךְ פּוּנְקְט גֶעלָאזְט אַזוֹי פִירֶען פוּן פְרֶעמְדֶע הֶענְד ווִי זַיין פָאטֶער בַּיי צְוֶועלְף יָאהר אוּנ הָאט זִיךְ קוֹים גֶעקָאנְט הַאלְטֶען אַ פָּאר יָאהר. אַז מֶען הָאט אִיהם דֶערְהַרְגֶע׳ט, אִיז דִי מְלוּכָה אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען

צו זַיין אַכְטְיָאהרִיגֶען זוהן יאשִׁיָהוּ אוּנ דִי מַנְהִיגִים וָואס הָאבֶּען גֶעפִיהרְט דִי מְדִינָה אִין נָאמֶען פוּנ׳ם יוּנְגֶען מֶלֶךְ, הָאבֶּען גֶעטְהוּן וָואס זַיי הָאבֶּען גֶעוָואלְט... דֶעמָאלְט אִיז דֶער גָאטְצֶענְדִיעֶנְסְט נָאךְ פֶארְגְרֶעסֶערְט גֶעוָוארֶען אִין יְהוּדָה, אוּנ וְואוּ עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ אָבְגָאט הָאבֶּען צוּ אִיהם דִי יוּדֶען גֶעדִיעֶנְט. אַז דֶער מַעֲמָד פוּן מִצְרַיִם הָאט זִיךְ פֶערְבֶּעסֶערְט פַארְן נַייעֶם קֶאנִיג פְּסַמֶטִיךְ, זֶענֶען דִי יוּדֶען גֶעלָאפֶען אַהִין עֶפֶּעס נַאשֶׁען נַייעֶ תּוֹרוֹת אוּנ הָאבֶּען פוּן דָארְט גֶעבְּרַאכְט שְׁפָּאגֶעל־נַייעֶ עֲבוֹדָה־זָרוֹת אוּנ בּוּקֶען זִיךְ צוּ אַיין קֶאלְבֶּעל אָדֶער אַיין אַנֶדֶער בְּהֵמָה — אִיז גֶעוָוארֶען דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה. נָאר צְוִוישֶׁען דֶעם פִינְסְטֶערְנִישׁ הָאט גָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאךְ עֶטְלִיכֶע פוּנְקֶען, דָאס פַייעֶר זָאל נִיט אִין גַאנְצֶען פֶערְלָאשֶׁען וֶוערֶען: דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי נְבִיאָה חוּלְדָה, אַ פְרוֹי פוּנ׳ם קֶאנִיגְס הוֹיפְּטְמַאן שַׁלּוּם בֶּן תִּקְוָה, אוּנ דֶער נָבִיא צְפַנְיָה וָואס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי שֶׁאנְסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם. זַיי הָאבֶּען קַיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט הוֹיךְ אוֹיפְצוּהֵייבֶּען דִי פָאהן פוּן דֶער אֶמֶת׳ר אֱמוּנָה אוּנ הָאבֶּען פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז גָאט׳ס שְׁטְרָאף וֶועט זִיךְ נִיךְ אוֹיסְגִיסֶען נִיט נָאר אוֹיף יְהוּדָה, נָאר אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע פֶאלְקֶער אַרוּם.

בַּאלְד הָאט אַשּׁוּר אָנְגֶעהֵייבֶּען פַאלֶען. פְּרַאָרְטֶס, דֶער מֶלֶךְ פוּן מָדַי אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף נִינְוֵה, נָאר עֶס אִיז אִיהם נִיט גֶערָאטְהֶען אוּנ עֶר אִיז דֶערְהַרְגֶעט גֶעוָוארֶען אִין דֶער מִלְחָמָה. מֶעהר גְלִיק הָאט גֶעהַאט זַיין זוהן, קְיַאקְסָרִים, וָואס הָאט מִיט זַיין גְרוֹיס חַיִל גֶעמַאכְט אַ תֵּל פוּן אַ סַךְ שְׁטֶעדְט אִין אַשּׁוּר. דִי הוֹיפְּטְשְׁטָאדְט נִינְוֵה אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען שְׁמָאל. נָאר דָא אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ יְדִיעָה אַז עֶרְגֶעץ פוּן גַאנְץ וַוייט, פוּן צָפוֹן־זַייט, פוּן דִי סְטֶעפֶּעס וָואס צִיהֶען זִיךְ בַּיי דִי טַייכֶען דָאן אוּנ וָואלְגָא, דוּרְכ׳ן קַאוְקַאז אוּנ דֶעם קַאסְפִּישֶׁען יַם, הָאט זִיךְ אַ לָאז גֶעטְהוּן אַ מִין ווִילְד פָאלְק וָואס מֶען רוּפְט זַיי „סְקִיפֶען״ אוּנ וָואס רַאבֶּעוֶוען אוּמֶעדוּם גָאר אָהן רַחֲמָנוּת. קְיַאקְסָרִים אִיז גֶעצְוְואוּנְגֶען גֶעוֶוען אַוֶועקְצוּוַוארְפֶען נִינְוֵה אוּנ לוֹיפֶען צוּרִיק קַיין מָדַי צוּ בֶּעשִׁיצֶען זַיין לַאנְד; עֶר הָאט אָבֶּער גֶעמוּזְט אַיינְבֵּייגֶען דֶעם קָאפּ אוּנ זִיךְ אוֹיסְקוֹיפֶען מִיט גֶעלְד. דָאס אֵייגֶענֶע הָאט גֶעטְהוּן אַשּׁוּר אוּנ אוֹיךְ מִצְרַיִם, אוּנ אַזוֹי וִויא דִי סְקִיפֶען הָאבֶּען זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֶעהט נֶעבֶּען יְהוּדָה, הָאט פוּן זַיי נִיט אַיין שְׁטָאדְט גֶעלִיטֶען, אוּנ יאשִׁיָהוּ הָאט אוֹיךְ גֶעמוּזְט שִׁיקֶען זַיי מַתָּנוֹת אוּנ מִיט גוּטֶען בֶּעטֶען זַיי זָאלֶען נִיט טְשֶׁעפֶּען יְרוּשָׁלַיִם.

יאשִׁיָהוּ הָאט גֶעהַאט אַ עֶדֶעל הַארְץ, עֶר הָאט גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען ווִי

שעדליך דער נאָטצענדיענסט אין פאַר׳ן פאָלק נאָר עס איז איהם פאַרט שווער געוועהן מאַכען איין עק פון אַ זעלכע נאַרישקייטען וואָס דבֿרי דורות זענען שוין געוועהן איינגעגלויבט אין זיי. דאַריבער האָט ער זיך ענטשלאָסען ניט מיט אַ מאָל אַרויסצושפּרינגען געגען דעם וואָס אַלע האַלטען פאַר הייליג נאָר ביסלעכווייס דערפרישען אין די מוחות דעם פאַרגעסענעם זכר פונ׳ם אַלטען גלויבען, אויפהייבען פון דער ערד די איינגעפאַלענע חורבה. דאָס ערשטע האָט ער זיך געהאַפּט צום משכּן און געמאַכט חלקיהו בן משולם פאַר אַ כּהן גדול און איהם געהייסען צו שיקען שליחים איבער דעם לאַנד און צונויפנעהמען נדבות, מען זאָל קאָנען דעם בית המקדש בּויען מיט דעם איינגענעם גלאַנץ פון אַ מאָל. וואָס מעהר יאשיהו האָט אָנגעהויבען אַרבּייטען אין דער הייליגער זאַך, איז זיין ווילען געוואָרען פעסטער, זיין גייסט שטאַרקער; ער האָט זיך אויפגעהערט שרעקען פאַר די „מיוחסים״ וואָס זיי האָט גאָר ניט געשמעקט זיינע אויפטהועכצען, און איז צוגעבונדען געוואָרען מיט דער גאַנצער נשמה צו די הייליגע ווערטער, וואָס ער האָט געפונען אין „משנה תורה״ און צו די זיסע רייד, וואָס האָבען איהם דערקוויקט און וואָס האָבען זיך געגאָסען פון אַ ריינעם קוואַל, פון אַ לויטער האַרץ וואָס איז באַשאַפען געוואָרען צו אַרבּייטען פאַר׳ן אמת פון אַ נביא וואָס האָט זיך פון קינדווייס אָן מקריב געוועהן פאַר זיין גאָט און זיין פאָלק.

דער נביא איז געוועהן ירמיהו בן חלקיהו הכּהן וואָס איז געבאָהרען געוואָרען אין אַ קליין שטעדטעל ענתות ניט ווייט פון ירושלים. אויף איהם איז געפאַלען דער גורל אַז זיין נבואות זאָל נאָך אין זיין צייט מקוים ווערען און דעריבער האָט ער ניט געקוקט דאַרויף וואָס די כּהנים פלעגען איהם אָנטהון צרות און האָט פריי און אָפען דעם אמת אַרויסגעזאָגט און געוואָרענט דאָס פאָלק עס זאָל אויפהערען טהון שלעכטס. פיעל עדלע מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען צוצוהערען צו ירמיהו׳ס רייד און ער האָט בעקומען גוטע פריינד צווישען די שאַנסטע משפּחות און באַזאָנדערס איז צו איהם צוגעבונדען געוואָרען איינער פון דעם קעניגס הויפּטלייט שפן הסופר, וואָס איז שוין דערמעלט געוועהן אַ ממונה איבער אַלע נדבות וואָס פלעגען איינפליע־סען אויפ׳ן משכּן. איהם האָט דער כּהן גדול חלקיהו איבערגעגעבען אַ ספר וואָס ער האָט געפונען ערגעץ אין אַ ווינקעל פונ׳ם ביהמ״ק וואַלגערן זיך און דאָס איז געוועהן דאָס פינפטע בוך פון תּורת משה אָדער „משנה תורה״. דאָס בוך האָט געעפענט שפן׳ס אויגען און ער האָט באַלד דערפון

געמעלדט דעם קאניג. מיט חשק האט זיך יאשיהו געכאפט צו דער משנה תורה, צו דער הייליגער צואה וואס משה רבינו האט איבערגעלאזט זיין בארטנאקיג פאלק. און וואס מעהר א בלאטעל ער האט איבערגעלייענט — איז ער מעהר נתפעל געווארען פון דער גרויסקייט, פון די ערהויבענע געדאנקען וואס ליגען אין יעדעןווארט, אין יעדער שורה; ווי מיט פייעריגע אותיות האט ער דערזעהן אויפגעשריעבען דינים און משפטים, וואס זענען פול מיט שטרענגען יושר און מיט אמת׳ר מענשענליעבע. אזא ספר האט געמוזט בעקומען א ממשלה איבער זיין גאנצען מוח און איבער זיינע אלע געפיהלע; ווי מיט אייזערנע צוואנגען איז זיין קאפ און זיין הארץ צוגעבונדען געווארען צו אלעמען וואס שטעהט דארט און ער איז ביי זיך שטארק אראבגעפאלען ווען ער האט זיך דערמאנט ווי ווייט דאס פאלק איז פערקראכען און וואס פאר א שטראף עס מוז קומען אויף איהם. יאשיהו האט שטארק געטרויערט און צוריסען אויף זיך די קליידער, נאר דער כהן חלקיהו האט איהם געראטהען ער זאל פרעגען איין עצה ביי דער נביאה חולדה, וואס איז, ווי עס שיינט, מעהר נאהנטער געוועהן צום הויף ווי צפניה אדער ירמיהו, וואס איז נאך דעמעלט נאר יונג געוועהן. די נביאה האט געלאזט בערוהיגען דעם קאניג און האט געזאגט אז ער דארף זיך ניט שרעקען און וויל ער טהוט תשובה וועט ער בשלום ענדיגען זיין מלוכה, און דער עונש וועט ערשט קומען נאך זיין טויט. פול מיט טרויסט און האפנונג, האט זיך יאשיהו גענומען בעפעסטיגען די תורה, ער האט זי ניט געלאזט ליגען און שימלען אין ארון מען זאל זי נאר פיהרען אינאיינעם מיט די לוחות ביי א מלחמה, ער האט אבטונג געגעבען מען זאל טאקע מקיים זיין אלדינג וואס זי הייסט און כדי דער עולם זאל גוט בעקאנט ווערען מיט איהר האט ער געהייסען צונויפרופען דאס גאנצע פאלק, פון קליין ביז גרויס קיין ירושלים און האט אליין פארגעלייענט די הייליגע ווארטער. צום סוף האט ער אויסגעשריגען אויף א הויך קול: „פערשאלטען זאל ווערען דער וואס וועט ניט אכהיטען די תורה און וועט ניט טהון ווי עס שטעהט אין איהר״ און אלע האבען געענפערט „אמן!“ דערנאך האט ער זיך ענטשלאסען אין גאנצען ארויסצורייסען פונ׳ם לאנד דעם נאטצענדיענסט אז עס זאל אפילו פון איהם קיין זכר ניט בלייבען: ער האט צושטערט אלע מזבחות, פארברענט אלע אבגאטער פערטריבען אלע פאלשע כהנים פון דער פרעמד און די כהנים פון בית־אל, וואס איז געוועהן דער הויפט־פלאטץ פאר עבודה זרה. האט ער נאר צוהן בהמנות

געהייסען טויטען. נאך אין דעם איינעגעם יאהר האבען זיך די יודען געקאנט פערזאמלען קיין ירושלים אונ מיט א פרעהליך הארץ מאכען פסח: דער ביהמ״ק איז אויפגערעכט געווארען. דער גאטעס־דיענסט פון די כהנים אונ לוים האט אויף יעדען געמאכט דעם בעסטען איינדרוק אונ דאס פאלק האט געזעהן אז זיי האבען א וואוילע תורה אונ מאגען זיך אויף איהר פערלאזען. דעריבער האבען זיך אלע פעסט געהאלטען אין די געבאטע, אליין אכטונג געגעבען מען זאל חלילה אויף עפעס ניט עובר זיין, אונ אז עס איז געקומען דאס זיבעטע יאהר האבען אלע באלד פריינגעלאזט די יודישע קנעכט, ווי עס שטעהט אין תורת משה, יעדער האט עס געטהון מיט׳ן גאנצען הארץ אונ די מלוכה האט ניט בעדארפט קיינעם דערצו נאטהען.

איינע פון ירמיהו׳ס ערשטע נביאות איז געווען איבער אשור, וואס האט געברענט א וועלט אונ איז דעמעלט געווען די גרעסטע מלוכה: דער נביא האט פאראויסגעזעהן אז דאס לאנד מוז פאלען אונ איין אנדערע איז באשערט אויף דעם ארט זיך אויפהויבען—אונ דער אנהויב דערפון איז טאקי געווען אין יאשיהו׳ס לעצטע יאהרען. דער מלך פון מדי, קיאקסרים, אונ דער מלך פון בבל, נבופולאסר, האבען געמאכט יד אחת, זיי זאלען ביידע ארויסשפרינגען געגען אשור. דער נייער מלך פון מצרים נכה האט אבער אויך געשארפט די ציין אויף אשור אונ אזוי ווי קיאקסרים איז געווען פערנומען מיט דער מלחמה וואס ער האט געפיהרט מיט׳ן מלך פון לידיען, אליאטעס, האט נכה געמיינט אז איהם וועט געראטהען אליין זיך אבצורעכנען מיט אשור און מצרים זאל ווערען דער איינציגער יורש פון אזא פעטען פגר. דאס האט אבער ניט געשמעקט קיאקסרים׳ן אונ ער האט באלד שלום געמאכט מיט אליאטעס. אונ עס איז געווארען א בונד צווישען אלע דריי מלכים פון מדי, בבל און לידיען, ווייל זיי האבען זיך איינער מיט׳ן אנדערן משדך געווען. אזוי איז מען אנגעפאלען אויף אשור פון אלע זייטען אונ נכה האט זיך צוגערוקט צום לבנון אונ האט געוואלט דורכגעהן דורך יהודה. יאשיהו האט איהם ניט געלאזט, אונ אז נכה האט געוואלט מיט געוואלד אריין, איז ארוים אין טהאל יזרעאל ביי מגדו א גרויסע מלחמה, וואס האט זיך זעהר טרויעריג געענדיגט פאר׳ן יודישען חיל אונ פאר זייער קאניג, וואס איז געפאלען שטארק פארוואונדעט. מיט א געוויין האט מען דעם געליעבטען מלך אריינגעבראכט קיין ירושלים, נאר ער איז באלד געשטארבען אונ אויף זיין קבר אין גארטען עזה זענען געגוג טרעהרען פער־

נאָסען געוואָרען. יִרְמְיָהוּ האָט איהם בעקלאָגט, אונ דיא קִינָה האָט מען אָנגעדויבען זאָגען אַלע יאָהר אין דעם פינפטען טאָג פון דעם טויט, וואָס האָט אַרויפגעוואָרפען אַ שוואַרצען דעקטוך אויפ׳ן הימעל פון יְהוּדָה.

אַכטעס קאַפּיטעל.

די לעצטע מַלְכֵי יְהוּדָה.

(586—608 ביז קריסטוס געבורט. 656—678 פאַר׳ן חָרְבַן בַּיִת שֵׁנִי).

יאשִׁיָהוּ האָט געמיינט אַז דערמיט וואָס ער וועט ניט אַריינלאָזען דעם מֶלֶךְ פון מִצְרַיִם וועט ער טהון אַ גרויסע טובה זיין לאַנד. צום סוף איז דערפון אַרויס אַ גרויסע צָרָה: פַּרְעֹה נְכֹה האָט זיך גוט אָבגערעכענט מיט יְהוּדָה אונ אַז ער האָט די מְלוּכָה זיך אונטערוואָרפען האָט ער זיך געווענדעט קיין אֲרָם אונ סִירִיען אונ איז געבליבען שטעהן אין דער שטאָדט רִבְלָה. נאָך יאשִׁיָהוּ׳ס טויט זענען געבליבען פון צוויי ווייבער דריי זיהן אֶלְיָקִים, שַׁלֻּם אונ מַתַּנְיָהוּ אונ אַזוי ווי מען האָט געוואוסט אַז ער האָט שַׁלֻּם׳ן מעהר ליעב געהאַט ווי די אַנדערע קינדער האָט מען איהם געמאַכט פאַר קעניג אונ ער איז געזאַלבט געוואָרען אונטער דעם נאָמען יְהוֹאָחָז. נאָר אַזוי ווי דער עול פון מִצְרַיִם איז שוין דערמעלדט געלעגען אויף יְהוּדָה, איז דער נייער יודישער מֶלֶךְ געפאָהרען קיין רִבְלָה צו בעגריסען דעם קעניג נְכֹה. נאָר דאָרט האָט מען איהם געפאַנגען אונ אַוועקגעפיהרט קיין מִצְרַיִם, וואו ער איז געשטאָרבען, אין זיין גאַנצע מְלוּכָה האָט געדויערט נאָר דריי חֳדָשִׁים. אויפ׳ן בעפעהל פון נְכֹה, איז די מְלוּכָה איבערגעגאַנגען צום עלטערן ברודער אֶלְיָקִים, אָדער יְהוֹיָקִים, אונ אַזוי ווי נְכֹה האָט אַרויפגעלעגט אויפ׳ן לאַנד אַ געלד־שטראָף פאַר יאשִׁיָהוּ׳ס

עקשנות, האט יהויקים געמוזט מיט געוואלד בייסען גרויסע סומען פונ'ם פאלק, וואס איז געווארען זעהר ארים. גאר אזא ארימקייט פון דער קעשענע איז נאך אגאר ניט געגען דעם ארימקייט פונ'ם הארצען, וואס האט באלד אויסגעמעקט אין גאנצען יאשיהו'ס מעשים טובים. די צרות וואס האבען זיך פליצום אויסגעגאסען אויף יהודה, די נויט וואס מען האט צו איהר דערווייל קיין שום הילף ניט געזעהן, דאס האט באלד שלאף געמאכט די ריינע אמונה און דער געצענדיענסט האט ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ. פון מצרים האבען די יודען באלד געגאשט א נייע גאטין געיט (די קאניגין פון הימעל) און נאך איהר האבען זיך אנגעהויבען שיטען די אלטע אבגאטער און בעזאנדערס דער הונגעריגער מלך מיט זיינע קליינע קרבנות'לעך פון יונגע אונשולדיגע נפשות'לעך. די עטליכע נביאים וואס האבען זיך דעמעלט ארומגעדרעהט אין לאנד, ירמיהו, אוריהו, חבקוק און יחזקאל, זענען ניט אים שטאנד געוועהן מיט זייער מוסר עפיס העלפען, די פאלשע כהנים האבען פערשטאנען די קונץ ווי אזוי צו פארדרעהען די קאפ פונ'ם פראסטען עולם. און אז אוריהו בן שמעיהו פון דער שטאדט קרית יערים האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען און איז ארוים מיט שארפע רייד געגען דער הנהגה פון יהודה, האט ער באלד געמוזט אוועק קיין מצרים, גאר מען איז איהם נאכגעלאפען און צוריק געבראכט און ער האט מיט'ן לעבען בעצאהלט פאר די עטליכע אמת'ע ווערטער, וואס ער האט געוואלט מיט זיי עפענען די אויגען פון זיינע ברידער. ירמיהו האט אבער ניט געקוקט אויפ'ן ביטערן סוף פון דעם נביא און האט זיך פעסט ענטשלאסען מלחמה צו האלטען פאר'ן אלטען גלויבען; ער האט צו ליעב דעם ניט חתונה געהאט כדי ער זאל ניט זיין צוגעבונדען צו קינדער און זאל קאנען דאס לעבען מפקיר זיין און אויספיהרען זיין היילינ שליחות. אַוודאי זענען איהם די פאלשע כהנים געווארען דם־שונאים און אז ער האט איין מאל אפענטליך גערעדט געגען עבודה־זרה, האט מען איהם געוואלט פארמשפטן צום טויט. גאר אחיקם, דער זוהן פון שפן הסופר, האט זיך פאר איהם אנגענומען און ער איז ניצול געווארען.

דערווייל איז אשור געפאלען אונטער די קלאפ פון קיאקסרי'ס און נבופולאסר און עס איז מקוים געווארען אלדינג וואס די נביאים נחום און צפניה האבען פאראויסגעזאגט: די מלכים פון מדי און בבל האבען צוגענומען די גרויסע הויפטשטאדט נינוה און די איבריגע לאנדער האבען זיי איינגעטהיילט צווישען זיך. נכה'ן דעם מלך פון מצרים איז אבער די וועלט קארג געוועהן און עס האט איהם ניט געשמעקט וואס בבל איז אזוי גרויס געווארען.

דַאריבֶּער אַז נְבוּפוֹלְאָסַר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאט נְכֹה גֶעמֵיינְט אַז אִיצְט וֶועט עֶר קֶאנֶען אַיינְשְׁלִינְגֶען בָּבֶל אוּן אִיז בַּאלְד אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דֶעם לַאנְד מִיט גְרוֹיס חַיִל. אִין כַּרְכְּמִישׁ אִיז גֶעוֶועהן דִי גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה, דֶער יוּנְגֶער מֶלֶךְ פוּן בָּבֶל נְבוּכַדְנֶצַר הָאט בֶּעוִויזֶען זַיין גְבוּרָה אוּן נְכֹה הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא מַפָּלָה, וָואס עֶר הָאט זִיךְ דַארוֹיף גָאר נִיט גֶערֶעכְט: עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז עֶס וֶועט אִיהְם גֶערָאטְהֶען בַּיי יֶענֶעם צוּנֶעהמֶען, צוּם סוֹף הָאט עֶר גֶעמוּזְט נָאךְ זַיינֶע אָבְּגֶעבֶּען. פַאר דִי יוּדֶען אִיז דָאס אָבֶּער גֶעוֶועהן אַגַאנְצֶע יְשׁוּעָה, נְכֹה הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ פִירֶען וֶועלְטֶען אוּנ הָאט זֵיי שׁוֹין וֶועניגֶער דֶערְקוּטְשֶׁעט, אוּנ יְהוֹיָקִים הָאט זִיךְ גֶעקֶאנְט אָבְּגֶעבֶּען מִיט הַייזֶער־בּוֹיעֶן אוּנ מַאכֶען פַאר זִיךְ דִי שֶׁאנְסְטֶע פַּאלַאצֶען: עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר אִיז דֶער צְווייטֶער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, נָאר נִיט זַיין חָכְמָה, נִיט זַיינֶע מַעֲלוֹת הָאט עֶר גֶעהַאט אִין זִיךְ. דֶער שְׁוֵיים פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער אִיז בַּיי אִיהְם צוּ וָואלְוֶועל גֶעוֶועהן: עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען בֶּענוּצֶען צוּ דֶער שְׁוֶוערֶער אַרְבֵּייט טַאקִי זַיין אֵייגֶען פָאלְק אוּנ נִיט אוּמְזִיסְט זָאגְט דֶער נָבִיא חֲבַקוּק דַארוֹיף אַז יֶעדֶעם שְׁטֵיינְדֶעל, יֶעדֶעם שְׁפֶּאנְדֶעל שְׁרַייעֶט פוּן בְּלוּט אוּנ פוּן עַוְלָה״.

יִרְמְיָהוּ הָאט דֶערְוַוייל נִיט גֶעשְׁווִיגֶען אוּנ וואו עֶר הָאט נָאר גֶעקֶאנְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אוּמְגְלִיק פוּן יְהוּדָה אִיז שׁוֹין נָאהֶענְט אוּנ אַז גִיךְ וֶועט דָאס פָאלְק בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערִין פַאר זַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד. דִי פַאלְשֶׁע כֹּהֲנִים פְלֶעגֶען אָבֶּער בֶּערוּהִיגֶען דֶעם עוֹלָם אוּנ אִיהְם הָאבֶּען זֵיי גֶערוֹדֶפְט, אַז אֲפִילוּ זַיין תַּלְמִיד בָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּה אִיז נִיט זִיכֶער גֶעוֶועהן מִיט׳ן לֶעבֶּען. בַּאלְד הָאט מֶען פָארְט אִין יְהוּדָה פֶערְשְׁטַאנֶען אַז יִרְמְיָהוּ׳ס וֶוערְטֶער זֶענִין נִיט פוּנ׳ם ווִינְד. בָּבֶל הָאט זִיךְ זֶעהר פֶערְגְרֶעסֶערְט, אֲרָם אוּנ סִירְיֶען הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען נְבוּכַדְנֶצַר׳ן אוּנ דֶער מֶלֶךְ פוּן צוֹר אוּנ צִידוֹן, אֶתְבַּעַל דֶער צְווייטֶער, הָאט אוֹיךְ גֶעמוּזְט אָנְבּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ. נְבוּכַדְנֶצַר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַקוּק נָאר אוֹיף מִצְרַיִם אוּנ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַהִין צוּצוּרוּקֶען מִיט גְרוֹיס חַיִל. דִי סַכָּנָה אִיז אִין יְהוּדָה גֶעוָוארֶען גְרוֹיס. וַוייל פוּן אֵיין זַייט הָאט בָּבֶל גֶעפָאדֶערְט מֶען זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבֶּען אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאט מִצְרַיִם צוּגֶעזָאגְט גָאלְדֶענֶע בֶּארְג וֶוען מֶען וֶועט נִיט צוּ לִיעב טְהוּן אוּנ זִיךְ הַאלְטֶען. בַּיי אַזַא טְרוֹיעֶרִיגֶער לַאגֶע הָאט יְהוֹיָקִים גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶועהן אוּנ אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם גָאט בֶּעטֶען עֶר זָאל זֵיי וַוייזֶען עֶפִּיס אַוֶועג. יִרְמְיָהוּ הָאט זִיךְ בֶּענוּצְט דֶערְמִיט וָואס כִּמְעַט דָאס גַאנְצֶע פָאלְק אִיז גֶעוֶועהן אִינְאֵיינֶעם אוּנ עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען זַיין תַּלְמִיד בָּרוּךְ עֶר זָאל אוֹיפְשְׁרַייבֶּען אוֹיף פַּאפִּיער זַיין רֶעדֶע פוּן

צוּריק מִיט עֶטלִיכֶע יָאהְר, וואו עֶר הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט פוּן אַשׁוּר'ס מַפָּלָה. אוּנ זָאל זִי פָארְלֵייעֶנֶען דֶעם עוֹלָם, כְּדֵי מֶען זָאל זֶעהן אַז אַלְדִינְג אִיז טַאקִי גֶעשֶׁעהְן. בָּרוּךְ הָאט לְכַתְּחִלָּה מוֹרָא גֶעהַאט נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר עֶס גֶעטְהוּן אוּנ דִי זַאךְ הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַשְׁטַארְקֶען רַעשׁ. אֵיינֶער פוּן שָׁפָן'ס מִשְׁפָּחָה מִכָיָהוּ בֶּן גְמַרְיָהוּ הָאט דֶערפוּן גֶעגֶעבֶּען צוּ ווִיסֶען אִין הוֹיף אַרַיין אוּנ דִי הוֹיפְּטְלַייט הָאבֶּען בַּאלְד גֶעשִׁיקְט רוּפֶען בָּרוּךְ'ן עֶר זָאל זֵיי אוֹיךְ בֶּעקֶענְט מַאכֶען מִיט דֶער רֶעדֶע פוּנ'ם נָבִיא. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען דִי רֶעדֶע גֶעבְּרַאכְט צוּם קֶענִיג. יְהוֹיָקִים אִיז דֶעמֶעלְט גְרָאד גֶעזֶעסֶען בַּיי אַפַייעֶר אוּנ הָאט זִיךְ גֶעוַוארֶעמְט. אֵיינֶער פוּן דִי הוֹיפְּטְלַייט הָאט גֶעלֵייעֶנְט דִי רֶעדֶע אוּנ אַז עֶר הָאט גֶעֶנְדִיגְט אַבְּלֶאטֶעל הָאט עֶס דֶער קֶענִיג בַּיי אִיהְם צוּגֶענוּמֶען אוּנ פַארְבְּרֶענְט. בַּיי אַזַא הַארְטְנֶאקִיגְקֵייט אִיז גָאר קֵיין וואוּנְדֶער נִיט וָואס יִרְמְיָהוּ'ס רֶעדֶע הָאט נִיט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֶע פְּעוּלָה וָואס עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט אוּנ עֶר הָאט נָאךְ גֶעמוּזְט זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען, וַוייל יְהוֹיָקִים הָאט אִיהְם גֶעהֵייסֶען הַרְגֶנֶ'ען. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען זֶענִין יִרְמְיָהוּ'ס וֶוארְטֶער גוּט אַרַיין אִין דִי קֶאפּ פוּן עֶטְלִיכֶע הוֹיפְּטְלַייט, זֵיי הָאבֶּען צוּגֶערֶעדְט יְהוֹיָקִים'ן עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבֶּען נְבוּכַדְנֶצַר'ן, עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַשָׁלוֹם, אוּנ וַוייל יְהוֹיָקִים אִיז שׁוֹין גֶעוָוארֶען אָבְּהֶענְגִיג פוּן בָּבֶל הָאט זִיךְ שׁוֹין יִרְמְיָהוּ נִיט בֶּעדַארְפְט שְׁרֶעקֶען אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ רֶעכְנֶען אוּנְטֶער'ן שׁוּץ פוּן נְבוּכַדְנֶצַר, וָואס הָאט גָאר אָנְגֶעקְוֶועלְט פוּן זַיין נְבִיאוֹת.

יְהוֹיָקִים הָאט אָבֶּער בַּיי זִיךְ אִין הַארְצֶען גֶעהַאלְטֶען אַשְׁטַארְקֶע שִׂנְאָה צוּ בָּבֶל אוּן אַז עֶר הָאט נָאךְ בֶּעקוּמֶען אַוואוּנְק פוּן מִצְרַיִם אַז מֶען אִיז דָארְט פֶערְטִיג אַרוֹיסְצוּשְׁפְּרִינְגֶען גֶעגֶען נְבוּכַדְנֶצַר'ן הָאט עֶר בַּאלְד אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ צָאהְלֶען מַס אוּן הָאט טַאקִי גֶעמֵיינְט אַז עֶס וֶועט אִיהְם אַזוֹי גְרִינְג אָבְּלוֹיפֶען וַוייל נְבוּכַדְנֶצַר אִיז גֶעוֶועהְן פַארְדְרֶעהְט דוּרְךְ אַגְרוֹיסֶע מִלְחָמָה מִיט צוֹר, וָואס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט דְרַייצֶעהְן יָאהְר. נְבוּכַדְנֶצַר הָאט אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט שְׁוַויינֶען אוּן הָאט דֶערְוַוייל חָרוּב גֶעמַאכְט אַסַךְ שְׁטֶעדְט אִין יְהוּדָה אוּן פוּנְקְט דֶעמֶעלְט אִיז יְהוֹיָקִים גֶעשְׁטָארְבֶּען. דָאס אִיז גֶעוֶועהְן דֶער לֶעצְטֶער יוּדִישֶׁער קֶענִיג וָואס אִיז נָאךְ בֶּעגְרָאבֶּען גֶעוָוארֶען אִין זַיין לַאנְד.

דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְטְצֶעןְיָאהְרִיגֶען זוּהְן יְהוֹיָכִין אָדֶער יְכָנְיָהוּ—כָּנְיָהוּ נָאר דִי גַאנְצֶע דֵעָה אִיז גֶעוֶועהְן בַּיי זַיין מוּטֶער נְחוּשְׁתָּא אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַז מֶען זָאל זִיךְ נִיט אוּנְטֶערְגֶעבֶּען נְבוּכַדְנֶצַר'ן. דֶערְוַוייל הָאט נְבוּכַדְנֶצַר שׁוֹין גֶעקֶענְט אָבְּטְהֵיילֶען אַגְרוֹיסֶע צָאהְל פוּן זַיין חַיִל אוּן זֵיי שִׁיקֶען קֵיין מִצְרַיִם. בַּיים וֶועג הָאט מֶען פֶערְווִיסְט פִיעל עָרְטֶער אִין

יְהוּדָה, נָאר יְהוֹיָכִין הָאט זִיךְ בֶּעפֶעסְטִיגְט אִין יְרוּשָׁלַיִם און דֶערְצוּ נָאךְ גֶעהָאפְט אוֹיף הִילְף פוּן מִצְרַיִם, דֶערְפַאר הָאט נְבוּכַדְנֶצַּר גֶעגֶעבֶּען אַבֶּעפֶעהל מֶען זָאל בֶּעלַאגֶערְן דִי הוֹיפְּט־שְׁטָאדְט פוּן יְהוּדָה. אוּמְזִיסְט הָאט יִרְמְיָהוּ נָאךְ אַמָאל גֶעפְּרִיוְוט פַארְשְׁטֶעהְן צוּ גֶעבֶּען אַז אַזוֹי אִיז דֶער ווִילֶען פוּן גָאט און אַז דָאס עַקְשָׁנוּת וֶועט גָארְנִיט הֶעלְפֶען, קֵיינֶער הָאט אִיהְם נִיט גֶעהֶערְט, נָאר אַז דֶער הוּנְגֶער הָאט שְׁטַארְק צוּגֶעפְּרֶעסְט דִי אַיינְוואוֹהְנֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם, הָאט זִיךְ יְהוֹיָכִין מִיט דֶער מוּטֶער עֶנְטְשְׁלָאסֶען זִיךְ אוּנְטֶערְצוּגֶעבֶּען נְבוּכַדְנֶצַּר'ן און זֶענִין בֵּיידֶע גֶעקוּמֶען אִיהְם בֶּעגְרִיסֶען און מַאכֶען אַשָׁלוֹם. נְבוּכַדְנֶצַּר אִיז שׁוֹין אָבֶּער גֶעוֶועהְן אִין כַּעַס און גָאר אָהְן רַחְמָנוּת הָאט עֶר בַּאלְד גֶעהֵייסֶען אַוֶועקְטְרַייבֶּען קֵיין בָּבֶל דֶעם קֶאנִיג מִיט זַיין מוּטֶער, דִי גְרֶעסְטֶע לַייט בִּיז צֶעהְן טוֹיזֶענְד מַאן. אוֹיף דֶער שְׁטָאדְט אַלֵיין הָאט עֶר נָאךְ גֶעלֵייגְט כָּבוֹד, עֶר הָאט נָאר צוּגֶענוּמֶען דָאס גַאנְצֶע גָאלְד און זִילְבֶּער וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין קֶענִיגְלִיכֶען הוֹיף און אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ. דִי מְלוּכָה אָבֶּער הָאט עֶר נִיט אָנְגֶערִירְט און הָאט גֶעמַאכְט פַאר קֶענִיג יֹאשִׁיָהוּ'ס יוּנְגְסְטֶען זוּהְן מַתַּנְיָה. נְבוּכַדְנֶצַּר'ס רֶעכְנוּנְג אִיז טַאקִי גָאר נִיט גֶעוֶועהְן עֶר זָאל אִין גַאנְצֶען צוּשְׁטֶערֶען דָאס לַאנְד יְהוּדָה: עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז צְווִישֶׁען פִיעל יוּדִישֶׁע גְרוֹיסֶע לַייט, בֶּעזָאנְדֶערְס צְווִישֶׁען דִי קִינְדֶער פוּן שָׁפָן הַסוֹפֵר, ווִי זַיין זוּהְן אֲחִיקָם און זַיין עֶנִיקֶעל גְדַלְיָהוּ, הָאט עֶר אַסַךְ גוּטֶע פְרַיינְד; עֶס אִיז אִיהְם אוֹיךְ בֶּעקֶענְט גֶעוֶועהְן אַז יִרְמְיָהוּ'ס נְבִיאוֹת גֵעהֶען אַלְץ אוֹיף זַיין גְרוֹיסְקַייט און אַז סוֹף כָּל סוֹף מוּזֶען דִי וֶוארְטֶער פוּנ'ם נָבִיא אָנְגֶענוּמֶען ווֶערֶען בַּיים פָאלְק; עֶר הָאט אוֹיךְ פֶערְשְׁטַאנֶען אַז אַזָא ווֵייךְ מֶענְשֶׁעל ווִי מַתַּנְיָה וֶועט זִיךְ פִיהְרֶען רוּהִיג און וֶועט אִיהְם נִיט שְׁטֶערֶען וֶוען עֶר וֶועט וֶועלֶען אָנְלֶערְנֶען מִצְרַיִם, און דַארִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נָאר בֶּעגְנִיגְט דֶער מִיט וָואס דֶער נַייעֶר קֶענִיג הָאט אִיהְם צוּגֶעשְׁוָוארֶען אַז עֶר וֶועט זַיין טְרַיי. אַזוֹי אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן דִי מְלוּכָה פוּן יְהוּדָה און מַתַּנְיָה, וָואס הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם נָאמֶען צִדְקִיָהוּ, הָאט אָבְּגֶעהִיט זַיין וָוארְט און בָּבֶל אִיז מִיט אִיהְם גֶעוֶועהְן צוּפְרִידֶען. דָאס ווֵייכְקַייט פוּן צִדְקִיָהוּ הָאט אָבֶּער גֶעפִיהְרְט דֶערְצוּ אַז דִי „מְיוּחָסִים“ הָאבֶּען ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּיעלֶען אַיין הוֹיפְּט־רָאלֶע, און דִי חֶבְרָה הָאט מֶעהְר גֶעצוֹיגֶען קֵיין מִצְרַיִם. בִּיסְלֶעכְווַייס הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֶארֶען קוֹלוֹת אַז עֶס אִיז נִיט שֵׁעהְן פַאר יְהוּדָה צוּ זַיין אוּנְטֶער דֶער מַאכְט פוּן בָּבֶל און אַז מֶען קֶען זִיךְ זֶעהְר לַייכְט בֶּעפְרַייעֶן מִיט דֶער הִילְף פוּן גַּבַּ'הּ'ס זוּהְן, פְּסַמְטִיךְ דֶעם צְווֵייטֶען, וָואס זָאגְט צוּ צוּשִׁיקֶען זֶעהְר פִיעל חַיִל און כְּלֵי זַיִן. דֶערְוַוייל זֶענֶען אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען שְׁלִיחִים פוּן צוֹר און צִידוֹן.

אֱדום, עַמון און מואָב און מען האָט פאַרגעלײגט צדקיהו'ן ער זאָל צושטעהן צו זײ און אַחוץ דעם האָבען די פערטריבענע יודען פון בבל געשיקט בריעף אַהײם און אונטערגעהיצט זײערע ברידער זײ זאָלען זיך בענוצען מיט דער פרײהײט און אַרויסשפּרינגען געגען בבל. אַז ירמיהו איז דערפון געוואָהר געוואָרען, האָט ער באַלד אַװעקגעשריבען קײן בבל און געראָטהען צו זיצען שטיל, פלײסיג אַרבײטען, געטרײ זײן דעם לאַנד און זיך ניט פערלאָזען אויף פאַלשע האָפנונגען; נאָר באַלד האָט אײנער שמעיה הנחלמי פון בבל מודיע געוועהן דעם כּהן צפניה בן מעשיה אַז ירמיהו איז פאַלש דעם פאַטערלאַנד און אַז ער פערדיענט דערפאַר די גרעסטע שטראָף. דאַ האָבען זיך נאָך אונטערגעכאַפּט די צבוע'קעס, די פאַלשע נביאים, און זײ איז לײכטער געוועהן צו פועל'ן בײם עולם, װײל זײ האָבען יעדערען אײנגערעדט אַז מען נעהמט זיך דאַ אָן גאָטס קריוודע. אַזױ האָט מען געאַרבײט פון אַלע זײטען ביז צדקיהו האָט געמוזט אויפ'ן פירטען יאָהר אויפהערען שיקען מס קײן בבל און עפענטליך אַרויסטרעטען געגען נבוכדנצר'ן. אײן ירמיהו מיט זײנע געצעהלטע גוטע פרײנד האָט בעװײנט דעם אומגליקליכען שריט װאָס דער װײכהערציגער קעניג האָט געמאַכט; אַלע איבריגע זײנען אָבער געװען דערפון שטאַרק צופרידען, װער שמיסט אַז עס זײנען אַװעק כּמעט צװײ יאָהר און נבוכדנצר האָט זיך ניט גערירט—איז אין ירושלים געװען שמחה וששון.

די אײגענע פרײד, נאָר אַביסעלע בעהאַלטען, האָט אויך געהערשט צװישען די פערטריבענע יודען אין בבל; דאָרט האָבען זיך אויך געפונען צװײ פאַלשע נביאים, אַחאָב און צדקיהו, װאָס האָבען אײנגערעדט דעם עולם אַז אָט־אָט װערט אַתּל פון בבל און זײ װעלען צוריקגעהן קײן יהודה. װער װײסט צו װאָס אַזעלבע האָפנונגען װאָלטען געװען געפיהרט די פערטריבענע, װאָס האָבען דוקא ניט אַזױ שטאַרק געליטען אין גלות און װאָס װאָלטען ערשט מיט זײער אונדאַנקבאַרקײט ערשט רעכט אַרײנגעבראַכט אין כּעס די װאָס האָבען זײ בעשיצט, נאָר, צום גליק, איז אויפגעשטאַנען טאַקי צװישען זײ אַ נביא, יחזקאל בן בוזי הכּהן, װאָס איז אויך אײנאײנעם מיט יהויקים'ן פאַרטריבען געװאָרען און האָט זיך מיט זײן משפּחה בעזעצט אין דער שטאָדט תּל־אָביב, װאו אַלע יודען האָבען געלעבט גאַנץ פרײ און כּמעט ניט געפיהלט אויף זיך קײן עול. אַז דער הײליגער גײסט האָט אָנגעהויבען פון איהם אַרויס צו רײדען, האָט ער באַלד זיך גענומען שטראָפען דעם עולם װאָס לאָזט זיך אָפּנאַרען פון די פאַלשע נביאים; ער האָט געמוזט גענוג צרות אויסשטעהן

בִּיז זַיינֶע רֵייד זַיינֶען אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען אוּן מֶען הָאט אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבֶּען גְלוֹיבֶּען.

נְבוּכַדְנֶצַר הָאט דֶערְוַויל נִיט פֶערְגֶעסֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָבְּרֶעכֶנֶען מִיט צִדְקִיָהוּ'ן דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט עוֹבֵר שְׁבוּעָה גֶעוֶועהְן. מִיט אַגְרוֹיס חַיִל הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶערוּקְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אַלֶע קְלֵיינֶע פֶעלְקֶער, ווִי עַמּוֹן אוּן אֱדוֹם, וָואס הָאבֶּען פְרִיהֶער צוּגֶערֶעדְט דִי יוּדֶען צוּם אוּמְגְלִיק, הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען. דֶער מֶלֶךְ פוּן צוֹר הָאט נִיט גֶעקֶענְט הֶעלְפֶען יְהוּדָה, וַוייל עֶר הָאט אַלֵיין גֶעמוּזְט מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט בָּבֶל אוּן זִיךְ אִין זִין הָאבֶּען, אוּן אַזוֹי אִיז פּוּנְקְט אוּם עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת בֶּעלֶעגֶערְט גֶעוָוארֶען יְרוּשָׁלַיִם. ווִי עֶס שַׁיינְט, הָאט יִרְמְיָהוּ גֶעגֶעבֶּען אֵיין עֵצָה מֶען זָאל בֶּעפְרַייעֶן אַלֶע יוּדִישֶׁע קְנֶעכְט אוּן דֶערְוַויל זַיינֶען צוּגֶעקוּמֶען פִיעל מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען בֶּעשִׁיצְט דִי שְׁטָאדְט וָואס אִיז גֶעוֶועהְן פֶערְזָארְגְט מִיט גֶענוּג עֶסֶענְוַוארְג אוּן גֶעטְרַאנְק, חָאטְשֶׁי דִי צָאהְל פוּן דִי אַיינְוָואהְנֶער הָאט זִיךְ שְׁטַארְק פֶערְגְרֶעסֶערְט, וַוייל פוּן אַלֶע קְלֶענֶערֶע שְׁטֶעדְט אִיז מֶען אַהִין עֶנְטְלָאפֶען. אַקַיילֶעכְדִיג יָאהְר אִיז אַזוֹי אַוֶועק אוּן נְבוּכַדְנֶצַר הָאט גָאר נִיט גֶעקֶענְט מַאכֶען. פְּלוּצוּם הָאט דֶער מֶלֶךְ פוּן מִצְרַיִם חָפְרַע צוּגֶעשִׁיקְט חַיִל אוּנ דֶער שׂוֹנֵא הָאט גֶעמוּזְט אָבְּטְרֶעטֶען. דָא אִיז עֶרְשְׁט גֶעוָוארֶען אַנַייעֶ שִׂמְחָה אוֹיף אַלֶע, מֶען הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסֶען אַז מֶען אִיז נָאךְ נִיט בֶּעוָוארֶענְט, דִי פֶערְבָּארְגֶענֶע מִדּוֹת הָאבֶּען זִיךְ וַוייטֶער אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען אוּן דִי בֶּעפְרַייעֶטֶע קְנֶעכְט הָאט מֶען ווִידֶער אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט אִין דֶער שְׁוֶוערֶער אַרְבַּייט. יִרְמְיָהוּ הָאט דַארוֹיף שְׁטַארְק גֶעשְׂרִיעֶן אוּן נָאךְ אַמָאהְל דֶערְמָאנְט אָן גָאט'ס שְׁטְרָאף אוּן אַז צִדְקִיָהוּ הָאט אִיהְם גֶעלָאזְט בֶּעטֶען דוּרְךְ דֶעם כֹּהֵן צְפַנְיָה בֶּן מַעֲשֵׂיָה עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז יְהוּדָה זָאל גוֹבֵר זַיין אִין דֶער מִלְחָמָה מִיט בָּבֶל, הָאט עֶר מִיט כַּעַס גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אֲפִילוּ וֶוען דָאס גַאנְצֶע חַיִל פוּנ'ם שׂוֹנֵא זָאל אוֹיסְגֶעהַרְגֶ'ט וֶוערֶען אוּן עֶס זָאלֶען נָאר בְּלַייבֶּען עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁטָאכֶענֶע פוּן זֵיי וֶועלֶען זֵיי נָאךְ הָאבֶּען גֶענוּג כֹּחַ פַארְבְּרֶענֶען דִי שְׁטָאדְט. אַזַא תְּשׁוּבָה הָאט דֶעם נָבִיא גֶעמַאכְט נָאךְ מֶעהְר שׂוֹנְאִים אוּן מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען זוּכֶען צוּ אִיהְם. אֵיין מָאהְל הָאט זִיךְ יִרְמְיָהוּ גֶעלָאזְט גֶעהְן קֵיין עֲנָתוֹת, וואוּ עֶר אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען, אִיז מֶען אוֹיף אִיהְם אָנְגֶעפַאלֶען. מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַז עֶר אִיז אַשְׁפִּיָאן פוּן נְבוּכַדְנֶצַר'ס זַייט אוּן מֶען הָאט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִין דִי הֶענְד פוּן יְהוֹנָתָן הַסּוֹפֵר, וָואס אִיז גֶעוֶוען בֶּעקֶענְט פַאר זֶעהְר אַשְׁלֶעכְטֶען מֶענְשׁ. דֶערְהַרְגְ'עֶן אִיהְם הָאט מֶען מוֹרָא גֶעהַאט אוּן דַארִיבֶּער הָאט מֶען אִיהְם אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין אַפִינְסְטֶערְן שְׁטִינְקֶענְדִיגֶען גְרוּב וואוּ מֶען הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז עֶר

וועט אַליין דערגעהן. דער הייליגער גייסט האָט אָבער געשטאַרקט דעם נביא; מיט אַכח פון אַריז האָט ער איבערגעטראָגען די שרעקליכע צרות און זיינע קרעכצען און וויטאָגען האָבען זיך אויסגעדריקט אין זיין בעריהמט קלאָג־ליד „אני הגבר“, וואָס וועט עביג דיענען פאַר אַטרייסט פיר אַלע אומגליקליכע און געפאַלענע.

באַלד האָבען זיך ווידער די איינוואוינער פון ירושלים געקענט איבערציינגען אַז ירמיהו'ס רייד זיינען אמת און אַז זייער שמחה איז צו אַקורצע געוועהן. נבוכדנצר האָט געמאַכט אַתל פון חיל פון מצרים און האָט ווידער בעלאַגערט ירושלים. דעמאָלט האָט צדקיהו געהייסען איבערפיהרען ירמיהו'ן צו זיך אין הויף אַריין און האָט איהם דאָרט געהאַלטען. האָטשי פריי איז ער נאָך ניט געוועהן, פלעגען צו איהם פאָרט קומען מענשען און ער פלעגט ווי פריהער זאָגען אַז דער סוף פון יהודה איז שוין גאָר נאָהענט. דערווייל האָט זיך אין שטאָדט אָנגעהויבען שטאַרק פיהלען דער הונגער, מענשען זיינען געפאַלען אין די גאַסען, קינדער זיינען אויסגעגאַנגען פאַר דאָרשט, ברויט איז געוואָרען טהייערער פון גאָלד און געפעהרליכע קראַנקהייטען האָבען נאָך צום איבריגען דערשלאָגען דעם קאָפּ. ירמיהו האָט ניט געקענט צוזעהן דעם רחמנות און האָט אָנגעהויבען שרייען אַז ווער עס וויל זיך ראַטעווען זאָל זיך בעסער אַליין איבערגעבען דעם שונא אין די הענד אַריין. דאָס האָט פערדראָסען די הויפטלייט וואָס האָבען בעסער געוואָלט די מלחמה זאָל מעהר געדויערן און זיי האָבען ירמיהו'ן אַריינגעוואָרפען אין אַגרוב וואָס איז געוועהן פול מיט בלאָטע. איינער פון צדקיהו'ס דיענער עבד מלך האָט איהם קוים אַרויסגעשלעפּט, נאָר ער האָט ניט געקוקט דאַרויף און האָט ווייטער געשריען אַז נבוכדנצר מוז איינעהמען יהודה און דעם קעניג אַליין האָט ער געראַטהען ער זאָל בעסער מיט'ן פרייען ווילען אַרויסגעהן צום מלך פון בבל, וועט איהם קיין האָר ניט געקרימט ווערען. צדקיהו איז אָבער געוועהן צו שוואַך און האָט ניט געקענט זיך ענטשליסען צו פאָלגען דעם נביא.

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אָנדערהאַלבען יאָהר זייט דאָס חיל פון בבל האָט אַרומגערינגעלט ירושלים. דאָס פאָלק האָט זיך געהאַלטען ווי ווייט עס האָט נאָר געקענט; דעם ניינטען תמוז האָט זיך אָבער דער הונגער אַזוי גע־געבען אָנצוהערען אַז מענשען זיינען געפאַלען ווי שטרוי און דעמעלט איז דעם שונא געראָטען זיך אַריינצוכאַפּען אין דער בעפעסטיגטער שטאָדט. נבוכדנצר אַליין איז געשטאַנען אין רבלה, אין ארם, ווייל פון דאָרט האָט ער געקענט

צושטונג געבען אויף צור און אויף יהודה, נאר זיינע שליחים און בעזאנדערס די קליינע פעלקער וואס זענען צו איהם צוגעשטאנען, ווי אדום, עמון און מואב, האבען געמאכט א תל פון די יודען, געהרג׳ט, געראבעוועט און פעראונרייניגט זייערע אלע הייליגקייטען. צדקיהו און א טהייל פון זיינע הויפטלייט זענען ענטלאפען דורך א בעהאלטענעם גאנג אונטער דער ערד און האבען געוועלט אריבער דעם ירדן, נאר מען האט זיי געהאפט און אוועקגעפיהרט קיין רבלה. אזוי האט מען אויך אוועקגעפיהרט קיין רמה, וואו מען האט צונויפגענומען אלע יודען, דעם כהן גדול שריה, דעם כהן צפניה און אויך ירמיהו, נאר דעם נביא האט מען בעסער בעהאנדעלט, ווייל מען האט געוואוסט אז ער איז ניט קיין געגנער. נבוכדנצר האט זיך נוקם געוועהן אין צדקיהו: ער האט געמוזט שטעהן דערביי ווען מען האט געטייט זיינע קינדער און דער נאך האט מען איהם אויסגעשטאכען די אויגען און בלינדערהייט אוועקגעפיהרט קיין בבל, וואו ער איז באלד געשטארבען. נבוכדנצרס צארן איז אויך אויסגעגאסען געווארען אויף דער הויפטשטאדט פון יהודה, עס איז ביי איהם געבליבען ער זאל זי אין גאנצען אבמעקען און ער האט געשיקט זיין הויפטמאן נבוזראדן, וואס איז געוועהן א בריה אויף אזעלבע זאכען. ער האט לאנג ניט געטראכט, דערצו האבען נאך די אלטע שונאים, די אדומים, אויך אונטערגעלעגט א קנייטעל און דעם צעהנטען אב האט ירושלים געברענט פון אלע זייטען און עס איז געווארען דער חרבן, וואס ירמיהו און זיינע תלמידים האבען איהם מיט פייערינע ווערטער בעוויינט אין די „קינות“, אין די בעריהמטע קלאג־ליעדער, וואס מיט זיי בעוויינען מיר אונזערע אלטע מכות און פרישע וואונדען.... דאס זענען די „איכה׳ס“ וואס נאך ביז איצט געפינען מיר אין זיי הייסע טרערען פון אויגען, וואס האבען זיך ניט געקאנט זאט אנקוקען אין די לעצטע חרבות פון דער הייליגער שטאדט, פריש בלוט פון הארצער וואס זענען זיך צוגאנגען פאר ליעבע צום אומגליקליך פאלק....

פון די מענשען, וואס, זענען אנטלאפען מיט צדקיהו׳ן און מען האט זיי ניט געהאפט, איז אזוי געווארען תל. דער גרעסטער טהייל פון זיי וואס האט זיך געלאזט קיין צור אדער מצרים, האט געמוזט דורכגעהן דורך אדום און די אדומים האבען זיי פשוט דערהרג׳ט אדער איבערגעגעבען קיין בבל. נאר עטליכע און מיט זיי אויך צדקיהו׳ס א קרוב, ישמעאל בן נתניה, איז געראטהען זיך אריבערהאפען קיין עמון און דער קעניג בעלים האט זיי געשיצט. דער־פאר האבען די איבריגע, און מיט זיי יוחנן בן קרח זיך ענטשלאסען צו

בלייבען אין יהודה אונ ווי אזוי גאט וועט פיהרען אזוי זאל זיין. שרעקליך איז געוועזען זייער לאגע: זיי האבען זיך געמוזט בעהאלטען אין הייל‍ען. צווישען שטיינער זיי האבען מורא געהאט פאר דער ליכטיגער שיין אונ קראנק פאר הונגער אונ דארשט האבען זיי געווארט אויף עפיס א ישועה.

באלד האט אויך א שיין געטהון א קליינע האפנונג. נבוכדנצר איז נאר באז געוועזען אויפ'ן קאניג פון יהודה, וואס האט געבראכען זיין ווארט דאס לאנד אבער האט ער געוואלט זאל בלייבען אונ זיין ביי איהם א שמירה פאר מצרים. דערפאר האט ער געמאכט אז די מלוכה זאל זיך פיהרען ניט דורך א קאניג, נאר דורך א הויפטמאן, אונ האט אויסגעקליבען דערצו גדליה בן אחיקם פון שפן הסופר'ס משפחה, וואס אין זייער געטריישאפט האט ער געגלייבט. די אלע יודען, וואס מען האט געבראכט קיין רמה, האט ער געהייסען פארטירען, אונ די רוהיגע מענשען וואס ווילען בלייבען אויף זייער ערד אונ מען דארף פאר זיי ניט קיין מורא האבען, האט ער געשענקט פרייהייט. ירמיהו'ן האט ער געמאכט פאר א יועץ ביי גדליה אונ פאר דער הויפטשטאדט איז בעשטימט געווארען מצפה. דעם נביא איז שווער געוועזען זיך אבצורייסען פון די אומגליקליכע, וואס אויף זיי איז געפאלען דער גורל פערטריבען צו ווערען; ער האט גערעכענט אז זיין ארט איז צווישען די געיאגטע אונ געשלאגענע. אז אין גלות וועט ער קאנען שטארקען די געפאלענע, אז דארט וועלען זיינע רעד נאטהיגער זיין. נאר ער האט געמוזט בלייבען ווייל אזוי איז געוועזען דער ווילען פון גאט.

קוים איז שטיל געווארען אין לאנד, האט יעדער געקאנט ארויסזעהן ווי שאן אונ פיין גדליה פיהרט די מלוכה. פון אלע זייטען האבען אנגעהויבען די יודען צוריקצוקומען. יוחנן בן קרח מיט זיינע לייט איז באלד ארויס פון זיין בעהאלטעניש, אונ אפילו ישמעאל בן נתניה איז אויך צוריקגעקומען. ווייל גדליה האט אומעדום געגעבען צו וויסען אז ווער עס וויל רוהיג לעבען אין יהודה דארף קיין מורא ניט האבען פאר די פריהריגע חטאים. אזוי זענען זיך אוועקגעגאנגען היבשע עטליכע יאהר, אונ גדליה האט אויך געזארגט פאר דער אמונה, אונ אויסגעבויעט א קליינעם משכן אין מצפת. אונ ביי יכים טובים פלעגט דער נאטעסדיענסט ווייטער צוזויפגעהמען אין איין פונקט אלע איינוואהנער פון יהודה. גדליה האט אבער ניט געוואוסט אז צווישען זיינע אייגענע לייט האט ער א שונא אויפ'ן לעבען. דאס איז געוועזען ישמעאל בן נתניה, וואס האט זיך איבערגענומען מיט זיין יחוס. ווייל ער

קומט ארויס פון דער קאניגליכער משפחה, אודאי האט איהם פערדראסען פארוואס דאס לאנד געפינט זיך אין די הענד פון גדליה, ער האט אבגעווארט א צייט אונ אז גדליה האט איהם א מאהל פארבעטען צו זיך אויף מיטאג, איז ער מיט זיינע לייט אנגעפאלען אויף איהם אונ האט איהם, ווי אויך אלע יודען פון מצפה, דערהרגת. דאס איינענע האט ער געטהון אויפ'ן אנדערען טאג מיט אכטציג מענשען, וואס זענען געקומען פון שכם, שילה אונ שמרון אויף יום טוב אין משכן אריין, אונ נאר צעהן פון זיי, וואס האבען איהם צוגעזאגט אנצואווייזען וואו זייערע אוצרות זיינען אין פעלד בע־גראבען, זענען ניצול געווארען. ער איז באלד אוועק מיט'ן ביסעל יודען וואס איז איבערגעבליעבען, קיין עמון, אונ האט מיט זיך מיטגעשלעפט ירמיהו'ן מיט זיין תלמיד ברוך בן נריה. אז יוחנן בן קרח און דיא איבריגע הויפטלייט זענען דערפון געוואהר געווארען, זענען זיי נאכגעלאפען דעם רוצח אונ ביי א טייך נעבען גבעון איז ארויס צווישען זייא א מלחמה. אלע וואס ישמעאל האט זיי מיט געוואלד צוועקגעפיהרט. זענען באלד איבערגע־גאנגען אויף יוחנן'ס זייט אונ ישמעאל איז מיט אכט מענשען אריבער דעם ירדן. זיין סוף איז ניט בעקענט. נאר דער זכר פון גדליה לעבט נאך עד היום. אונ אויף עביג איז „צום גדליה' בעשטימט געווארען פאר א פאסט־טאג ביי יודען.

דא האט זיך ווידער אנגעהויבען א ביטערע צייט, אונ מען האט זיך שטארק געשראקען פאר נבוכדנצר'ס נקמה ווען ער וועט געוואהר ווערען פון גדליה'ס טויט, אונ ווען ער וועט נאר ניט קאנען מאכען קיין חלוק צווישען גערעכטע אונ אומגערעכטע. עס איז געבליעבען כמעט ביי אלע מען זאל בעסער בעצייטענס אנטלויפען קיין מצרים. נאר א קליינער טהייל האט גע־האלטען מיט ברוך בן נריה. וואס האט געדרונגען אז עס איז גלייכער צו בלייבען אין דערהיים. אויסגלייכען זיך איז שווער געוועהן, אונ דאריבער האבען זיך אלע געווענדט צו ירמיהו ער זאל זאגען זיין מיינונג אונ האבען געשווארען אז זיי וועלען איהם פאלגען. צעהן טאג האט דער נביא פער־בראכט אין תפלות אונ נאכדענקען וואס פאר איין עצה צו געבען זיין פאלק, נאר אין דער צייט האבען די וואס האבען געהאלטען מיט מצרים איבער־געשפארט די איבריגע אונ אז ירמיהו איז ארויס מיט זיין תשובה, מען זאל זיך ניט דערוואגען צו ריהרען פונ'ם לאנד, האט מען איהם ניט געוואלט הערען אונ מען האט זיך שוין געלאזט אין וועג אריין. ירמיהו אונ ברוך

האבען אויך געמוזט מיטגעהן. ווייל עס איז כמעט קיינער ניט געבליעבען. זיי האבען זיך אזוי צוגעשלייכט קיין תחפנחס; דארט און אויך אין די שטאדט נוף און פתרוס האבען זיי געפונען פיעל יודישע משפחות וואס זענען צוויי פריהער אהין. דער קאניג חפרע האט זיי פריינדליך אויפגענומען און נאך טויזענד יאהר האט מען געזעהן א שאנע פעראנדערונג. מצרים איז שוין מעהר ניט געוועהן דאס שלעכטע אומברחמנותדיגע לאנד פאר די יודען. די יודען זענען שוין אבער אויך מעהר ניט געוועהן די איינענע ווי א מאהל, דעמעלט זענען זיי ארויס יונג און שטארק, פול מיט מוטה און האפנונג, און אצונד זענען זיי צוריקגעקומען פערוואגעלט פארוויסט קראנק, צובראכען, אהן א שום ציעל פאר די אויגען.

ניט בעסער איז געוועהן די עטליכע וואס זענען געבליעבען אין יהודה: ניך איז געקומען נאך א מאהל נבוזראדן און האט אוועקגעפיהרט קיין בבל די לעצטע זיבען הונדערט פינף און פירציג יודען און די אומשולדיגע האבען געמוזט אבקומען פאר פרעמדע זינד. אין מצרים האט ירמיהו ווייטער געהאט צו טהון מיט זיינע אומגליקליכע ברידער דערפאר וואס זיי האבען זיך באלד געהאפט צו די עבודה־זרות און זיך געלאזט נארען מיט פאלשע האפנונגען. זיי האבען זיך אלץ איינגערעדט אז דער קאניג חפרע וועט גובר זיין נבוכדנצר'ן און וועט פון זייערטוועגען אבנעהמען צוריק יהודה. די צייט האט אבער בעוויזען אז ירמיהו האט רעכט געהאט ווען ער האט געזאגט אז חפרע וועט האפען דעם איינענעם פסק וואס צדקיהו: אז נבוכדנצר האט געווינען די מלחמה ביי קירעני און דאס תיל פון מצרים האט שטארק געליטען. איז ארויסגעשפרונגען איינער פונם פראסטען פאלק אמסיס און האט דער־הרגעט חפרע און איבערגענומען די מלוכה. דער נייער קאניג האט אבער נאר ניט געוואלט קענען די יודען און זיי זענען געבליבען נאר ביי פוסטע חלומות.

מיט א שרעקליכען ווייטאג אין הארצען האט דער אלטער ירמיהו גע־מוזט צוקוקען ווי זיין פאלק איז בלינד און הארטנאקיג, נאר פון דעסטוועגען איז זיין מיה ניט אין גאנצען פערפאלען געווארען: דאס, וואס ער האט פארזייעט מיט טרעהרען אין יהודה און מצרים. איז אויפגעוואקסען גאנץ ווייט אין בבל און שפעטער זענען אויך פארטיג געווארען זיסע פירות.

דער גלות בבל אונ דער בית שני.

ערשטעס קאפיטעל.

דער גלות בבל.

(603—656 פאר קריסטוס געבורט. 586—530 פארן חורבן בית שני)

"פון צרות שטארבט מען ניט" — זאגט די וועלט. אונ דאס ווארטעל קומט אויס אין דעם יודישען לעבען ניט אזוי גלייך ווי אמת. מען דארף באבט זיך, ניט קיין ארגערען סוף, וואס עס איז געווארען פון די יודען ' וואס זייער צאהל איז אין דוד המלך'ס צייט געוועהן מעהר פון פיער מיליאן אונ אצונד איז פון זיי אין בבל אין גאנצען געבליעבען קוים הונדערט טויזענד, פון דעסטוועגען זענען זיי ניט פערלאהרען געגאנגען, אונ זייער מזל האט נאך ניט איין מאל געשיינט.

נבוכדנצר איז געוועהן פון די אכזרים וואס האבען ליעב צו פערניכטען דעם שונא, ווען ער פאלט אריין צו איהם אין די האנד, ער האט בעהאנדעלט די יודען מיט חסד, אונ אזוי ווי ער האט געוואלט פארגרעסערן די שטאדט בבל, האט ער זיי געשענקט פרייהייט, די כאלדעאישע שפראכע (לשון ארמי) האבען זיי געקענט פון פריהער, אונ אזוי האבען זיי זיך געלעבט רוהיג, געפיהרט זיך פונקט ווי אין דערהיים; ער האט זיי אפילו ערלויבט צו האבען זייערע אייגענע קנעכט פון די כנענים, וואס האבען זיך גערעכענט פאר האלבע שקלאווען נאך פון שלמה המלך אן. אונ ביי די כהנים האבען געדיענט די גבעונים אדער ווי מען האט זיי גערופען "נתינים", פאר האלץ־האקער אונ וואסער־טרעגער מיט איינעם ווארט די פארטריבענע האבען מיט זיך מיטגעבראכט קיין בבל די גאנצע הנהגה פון יהודה. די קינדער פון צדוק הכהן אונ מיט זיי די לוים אונ די עניים האבען אבגעהיט די תורת אונ

האבען מיט אלע כוחות זיך געמיהט איינצופלאנצען אין די הארצער פון זייערע ברידער דעם בעסטען גלויבען אז ווען אויף זיי איז געקומען דער עונש וואס די נביאים האבען פאראויסגעזאגט, מאגען זיי אויך האפען אויף א ישועה פון דעם איינעגעם גאט וואס מיט איין האנד שטראפט ער אונ מיט דער אנדערער העלפט ער. בעזאנדערס האט געארבייט צו בעפעסטיגען דעם גלוי-זען דער נביא יחזקאל. וואס האט געמוזט זיינע ווארטער ווענדען צו צוויי פערשיעדענע כתות. די רייכע, וואס זענען ביי זיך אין דערהיים נאך געוועהן „מיוחסים" האבען זיך געפיהרט ווי עס דארפען זיך פיהרען גבירים מיט ברייטע קעשענעס. זיי האבען שטארק אונטערדריקט זייערע קנעכט, אויף געמיינע לייט זיך ניט געוואלט אומקוקען, אונ אז מען האט זיי נאכגעלאזט דאס שטריקעל האבען זיי שוין ניט געוואוסט וואו זיי האלטען אין דער וועלט. געגען דער חברה האט דער נביא געמוזט ארויס מיט'ן הארבען ווארט, זיי דערמאנען וואו זיי געפינען זיך אונ דערווארמען אין די פערפרוירענע הארצער געפיהלע פון ליעבע צום פערוויסטען פאטערלאנד. נאך ביטערער איז איהם אבער געוועהן צו טראכטען די ארימע וואס די נויט האט זיי געבראכט דערצו זיי זאלען ביי זיך אין גאנצען ארפאלען: זיי האבען זיך פון אלדינג מיאש געוועהן אונ האבען גערעכענט אז די יודען וועלען שוין קיין מאהל נאר קיין תקומה ניט האבען; זיי צו ליעב האט יחזקאל געמוזט שאפען ווסע בילדער פון צווארפענע פארטריקענטע ביינער וואס נעהמען זיך צונויף אונ ווערען לעבעדיג אונ כדי זיי צו שטארקען האט ער אפילו אויסגעמאהלט ווי אזוי עס וועט אויסזעהן דער נייער משכן אונ ווי אזוי דער נאטעסדיענסט וועט דארט זיין, האטשי ביי זיך האט ער געוואוסט אז ניט אזוי גיך וועט עס געשעהן.

דערווייל איז דער מעמד פון די יודען אין בבל נאך בעסער געווארען נבוכדנצר איז געשטארבען די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו זיין זוהן אויל-מרודך אונ דער נייער קאניג איז געוועהן זעהר א פריינדליכער אונ א רוהיגער מענש. ווי עס שיינט האבען זיך ביי איהם אין הויף געפונען פיעל יודישע עדעל-לייט פון דעם געוועזענעם יודישען קאניגס משפחה, אונ זיי האבען ארויפגעבראכט אויל-מרודך'ן ער זאל בעפרייען דעם קאניג יהויכין וואס איז שוין זיעבען אונ דרייסיג יאהר געזעסען אין תפיסה. אויל-מרודך האט דאס צו ליעב געטהון, אונ יהויכין איז געווארען איינער פון זיינע גע-ליעבטע גאסט אונ ביי וואס נאר א שמחה פלעגט ער איהם זעצען איבער-

זן. אויף די יודען אליין האט ער אויך געקוקט בעסער, אונ ניט אומזיסט האבען זיין פיעל געגלויבט אז נאר באלד וועט ער זיי צוריק אפשיקען קיין יהודה אונ ווייטער מאכען יהויכין פאר מלך. צום אומגליק אבער האט אויל-מרודך'ס מלוכה געדויערט נאר צוויי יאהר, זיין שוועסטערס מאן נרגלאסר האט איהם דערהרגעט אונ פון די יודענס האפנונג איז געווארען א קורצער שאנער חלום.

דער נייער מלך האט ניט ארויסגעוויזען געגען די יודען ניט קיין בעזאנ-דערע שנאה, אבער ניט אויך קיין ליעבשאפט: ער האט זיי, ווי מען זאגט, געלאזט לויפען אונ דא האט מען ערשט געקאנט ארויסזעהן וואס פאר א צוויי פערשיעדענע קלאסען צווישען זיי זענען געווארען. די רייכע האבען זיך אין גאנצען אויסגעמישט מיט די פעלקער פון בבל, אפגעלערנט זייערע מנהגים, געדיענט דיזעלבע עבודה-זרות אונ כמעט לחלוטין פארגעסען דעם שרש פון וואנען זיי שטאמען ארויס. די געמיינע אבער האבען זיך געהאלטען אין זייער אלטען גלויבען אונ האבען אפילו ניט איין רגע פאר-געסען זייער אייגען לאנד. ווי עס שיינט, האט נאך ירמיהו'ס טויט, זיין תלמיד ברוך בן נריה געבראכט פון מצרים קיין בבל אלע רעדען פונ'ם נביא אויפגעשריעבען אונ די היילינע ווארטער האבען א שטארקע פעולה געהאט אויפ'ן פאלק. אויסער דעם האט ברוך בן נריה צום ערשטען אנגעשריבען די געשיכטע פון די יודען זייט זיי זענען געווארען א פאלק ביז צו דער צייט פונ'ם פאר-טריבענעם קאניג יהויכין אונ האט צו דער תורה צוגעגעבען די ספרים יהושע, שופטים, שמואל אונ מלכים. ער האט אבער די ספרים געשריבען אויף אזא ארט אז ווער עס לייענט זעהט ארויס די קלארע סבה פון אלע אומגליקען, וואס זענען געקומען אויף יודען אונ וואס געהמען זיך דערפון וואס זיי האלטען זיך ניט פעסט אין זייער אמונה. דאס האט געמוזט פיהרען דערצו אז אפילו די וואס זענען פריהר ניט אזוי שטארק צוגעבונדען געוועהן צום יודישקייט האבען בעקומען ליעבע צום פאלק אונ צום גלויבען, מען האט זיך גענומען נאר מיט היישק צום דאווענען אין שול. אז מען האט ניט געקאנט אויספיהרען קיין קרבנות אין דער פרעמד פלעגען הייסע תפלות זיך ארויסגיסען פונ'ם הארצען. מען האט אנגעהויבען האלטען די פיער תעניתים. עשרה בטבת שבעה עשר בתמוז, תשעה באב אונ צום גדליהו אונ ניט אומזיסט האט מען זיי גערופען „אבלי ציון". ווייל מיט זייערע אלע מעשים האבען זיי בעוויזען אז א טיעפער טרויער דערמאנט זיי שטאנדיג ירושלים. אז אפילו אין די גרעסטע

שמחות פארגעסען זיי ניט זייער ארים ורוב פאטערלאנד. עס איז גאר צו בעוואונדערן אז אין דער צייט וואס צווישען די יודען זענען אליין געוועהן א ויינגע צווייי פערשיעדענע כתות, וואס איינע האט שוין אין גאנצען פארגעסען אין גאט, האט די ריינע אמונה מיט איהר אמת'ן גלאנץ צוגעשלעפט זיך פיעל פון די נאטצענדיענער, וואס האבען ביסלעכווייס אנגענומען יודישע מנהגים אנגעהויבען אבהיטען שבת און זיך האלטען אין תורת משה.

זעכס יאהר האט געקאניגט נרגל־אשר ביז איינער פון זיינע הויפטלייט נבונד האט איהם געמאכט דעם עק און איבערגענומען די מלוכה. דערווייל האט אין פערסיען כורש אראבגעווארפען דעם מלך פון מדי אסטיאגעס פונ'ם באנקיל און האט פון ביידע לאנדער, פרס און מדי, געמאכט פאר זיך איין מלוכה. אין דעם האבען די פרומע יודען געזעהן א צייכען אז די נביאות פון ירמיהו און יחזקאל הייבען אן מקוים צו ווערין און האבען פערשטאנען אז זייער גאולה איז אויך נאהענט. דאריבער האבען זיי אנגעהויבען בעטען ביי נבונדר'ן ער זאל זיי אבלאזען קיין יהודה, בעזאנדערס נאך דעם וואס זיי האבען געזעהן אז ער האט בעפרייעט איינעם פון דער קאניגליכער משפחה מרבעל פון צור, וואס איז אויך געוועהן ביי איהם אין גלות, ער זאל צוריק פאהרען אין זיין לאנד און איבערנעהמען דארט די מלוכה און אז יענער האט ניט מאריך ימים געוועהן האט ער ווייטער געשיקט דעם געשטארבענעם קאניג'ס ברודער חירם און איהם געמאכט פאר מלך. די יודען האבען גערעכענט אז צו זיי זענען ניט ערגער פון צדקיה און יהויכין'ס זוהן שאלתיאל האט זייער בקשה פארגעלעגט נבונדר'ן, נאר ער האט ניט געהאט קיין חשק זיי אבצולאזען.

דעמעלט האט זיך אנגעהויבען זעהר א ביטערע צייט פאר די יודען. וואס האבען געגלייבט אין די נביאים'ס רייד און האבען געווארט אויף א ישועה פון פרס און מדי, ווייל כורש האט אנגעהויבען פיהרען גרויסע מלחמות מיט לידיען, און אז ער האט דערהערט אז מצרים און בבל געהען צו הילף, האט ער זיך ענטשלאסען אויסצוגיסען דעם גאנצען צארן אויף בבל. די יודען פלעגען אפענטליך ארויסזאגען זייער האפנונג אז בבל וועט פאלען און דערפאר האט מען זיי אנגעהויבען רודפ'ן און די שנאה צו זיי איז געווארען אזוי גרויס אז פיעל האבען מיט'ן לעבען בעצאהלט און יהושע בן יהוצדק האט געזאלט פארברענט ווערין נאר עס איז איהם געשעהן א נס און ער איז ניצול געווארען. דאס פארשטעהט זיך אז ביי אזעלכע רדיפות געגען די געמיינע יודען האבען זיך די רייכע פון זיי גאר אין גאנצען אבגעשאקעלט, עס איז זיי גאר ניט

אנגעשטאנען מען זאל זיי רעכנען פאר איין פאלק, דאריבער האבען זיי נאך געהאלפען שלאגען די נארישע ברידער וואס האבען אין זין אזוינע פוסטע זאכען ווי א לאנד און א אמונה און האבען געזוכט נאר צו פארגרעסערן זייער רייכקייט.

ביי אזא שרעקליכער לאגע, ווען גוטע און פרומע זענען פערשווארצט געווארען און שלעכטע האבען געלעבט אין עשר און אין כבוד, האט געמוזט אין קליינע מח׳לעך געבארען ווערען א שאלה: פאר וואס פיהרט זיך אזוי די וועלט? צו עס איז נאר איבערהויפט דא א פיהרער וואס זאל טהון אזוינע קרומע זאכען און זאל אוועקגעבען דאס גאנצע גוטס דעם וואס מען דארף ניט? אזא שאלה האט געמוזט ביי די וואס זענען ניט אומשטאנדע צו קוקען א ביסעלע ווייטער און טיעפער און זאגען באלד ארויס זייער משפט איבער דעם וואס זיי זעהען, זעהר שלאף מאכען די אמונה אין דעם לעבעדיגען גאט, און די גרויסע לייט פון יענער צייט האבען פערשטאנען אז מען מוז עפעס ענטפערן א תירוץ. דער תירוץ איז טאקי באלד געבארען געווארען און דאס איז געווען „איוב״—א ספר מיט הויכע געדאנקען און עדלע געפיהלע. אין דעם ספר ווערט בעשריבען א מענש, וואס איז דאס גאנצע לעבען כמעט געגאנגען אין רעכטען וועג, געטהון צדקה, רחמנות געהאט אויף אלמנות און יתומים, זיך געטהיילט מיט׳ן ביסען, צום סוף איז ער אויף דער עלטער געשטראפט געווארען: געבליבען נאקעט און ארים, קראנק און צובראכען, אהן א גאנץ אבר, מיט מכות אויפ׳ן לייב. אין אזא מעמד קומען נאך גוטע פריינד און שיטען איהם זאלץ אויף די וואונדען. זיי דרינגען אז ער אליין איז אין גאנצען שולדיג, אז זיינע עבירות האבען איהם געבראכט דערצו. איוב ווייסט ביי זיך גאנץ גוט אז ער איז אונשולדיג, ער געהט אוים אונטער דער משא פון די צרות... פון זיינע פערטריקענטע ליפען רייסען זיך ארויס וועה־געשרייען נאר דאך בלייבט ער פעסט ביי׳ם גלויבען, ער לעסטערט ניט זיין באשעפער. מיט דער גרעסטער הכנעה און ליעבע געהמט ער אן די היילינע ווארטער וואס דער רבונו של עולם לאזט איהם הערען דורך א שטורמווינד און זאגט אז גאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. דערפאר איז איוב זוכה צו דערלעבען נאך אין זיינע לעצטע יאהרען די גרעסטע גדולה. פאר זיינע אלע ליידען בעצאהלט איהם גאט כפל כפלים, און די לעבענסבעשרייבונג פון דעם „געפרובטען צדיק״ בעווייזט יעדען אז עס איז דא א גרויסער מנהיג וואס פיהרט די וועלט נאך בעשטימטע כללים און ווען דעם מענשענס אויג איז אפט צו קליין זיי צו זעהען, ווען דער מענשליכער שכל קאן זיי אזוי גיך ניט פערשטעהן, מאג מען זיך פערלאזען אויפ׳ן „בטחון״ און

אויף דער „אמונה" אויף דיא צוויי שטארקע זיילען וואס וועלען עביג שטעהן און ניט לאזען דעם זינדיגען מענשען פאלען.

אזא ספר וויא „איוב" האט דערקוויקט דיא קראנקע הערצער, ארויסגעטריבען פון דארט דיא מרה שחורה און אנגעפילט מיט א זיסער האפנונג, וואס איז נאך שטארקער געווארען דורך די טרעסט־ווערטער פון א אונבעקאנטען נביא, וואס מען האט איהם גערופען „דער צווייטער ישעיה פון בבל". ער האט נביאות געזאגט אז גאר אין גיכען וועט כורש איינגעהמען בבל און די יודען וועלען אויפגערעכט ווערען; מיט די שאנסטע פארבען האט ער אויסגעמאלט דאס גרויסע שליחות פונ'ם יודישען פאלק, וואס דארף פארבנייטען ליכטיגקייט און אמת צווישען אלע אומות און געלייטערט ווערען דורך די יסורים וואס זייער הימלישער פאטער שיקט אויף זיי אן.

מען קאן פארשטעהן אז די יודען האבען מיט אונגעדולד געווארט אויפ'ן סוף פון דער מלחמה צווישען נבונד און כורש. זיי האבען אבער ניט לאנג געדארפט ווארטען: אין בבל האט מען זיך גאר וועניג גע־שראקען פאר'ן פערסישען חיל וואס האט זיך דערנייל מעהר צוגעריקט צו דער הויפטשטאדט און פלוצים אין א נאכט, ווען אלע הויפטלייט פון בבל האבען געהוליעט און גע'שכור'ט. איז כורש אריין קיין בבל און האט אבגענומען דאס לאנד. כורש איז ניט געווען קיין אכזר: דאס פאלק און דער קאניג פון בבל האבען גאר ניט געליטען, נאר דער גאטצענדיענסט האט געמוזט אויפהערען און דערפון אליין האבען שוין די יודען געהאט די גרעסטע טובה.

ווי עס שיינט, האבען די יודען בעקומען חן ביי כורש'ן אין די אויגען; בעזאנדערס נאך דעם ווי ער איז געוואהר געווארען אז די נביאים האבען מיט א סך יאהרען צוריק פאראויסגעזאגט אז ער וועט מנצח זיין. עס איז ביי איהם געבליבען ער זאל פאר דאנקבארקייט אויפבויען נאט א טעמפעל אין ירושלים און דעריבער איז ער באלד מרוצה געווארען די יודען זאלען געהן צוריק קיין יהודה און האט נאך א בעפעהל געגעבען מען זאל זיי אומקעהרען אלע טהייערע כלים פונ'ם בית המקדש, וואס נבוכדנצר האט א מאל ארויסגעפיהרט. דעם קאניג יהויכין'ס ענייקעל זרבבל בן שאלתיאל און דעם כהן גדול שריה'ס ענייקעל יהושע בן יהוצדק האט ער געשטעלט זיי זאלען צוריקפיהרען זייערע ברידער פונ'ם גלות און צו זיי זענען צוגעקומען נאך צעהן גרויסע לייט, און דאס ביסעלע יודען האט בעקומען צוועלף מנהיגים אקעגען דער צאהל פון די שבטים. אין גאנצען זענען ארויס פון בבל 42,360 יודען, גרעסטענטהיילס פונ'ם

שבט יהודה און בנימין, נאר מיט זיי זענען אויך געגאנגען פיעל פון די פריהעריגע געטצענדיענער וואס זענען נאך אין בבל צוגעשטאנען צו זיי.

מיט שמחה האבען די „אבלי ציון" אבגעווישט די טרערען פון די אויגען און אזוי ווי די אדלערס זענען זיי געפלויגען צו דער אלטער היים. די טרויעריגע צייט, וואס זיי האבען איבערגעלעבט אין בבל, האט זיי געוויזען אז איינציגע מיטעל צו בעפעסטיגען פון דער מלוכה סוז מען זעהן צו שטארקען דעם אינווענייגסטען גייסט פונ'ם פאלק און אז אויף נאטס בארג און אויף זיין הייליג ארט זאלען זיין נאר מענשען מיט ריינע האנד און לויטערע הערצער.

צווייטעס קאפיטעל.

דאס אהיים-קומען און דאס נייע ירושלים.

(537—420 פאר קריסטוס געבורט. 607—490 פאר'ן חרבן בית שני)

מיט געזאנגע און טאנץ זענען די יודען ארויס פון בבל, בעשיצט פון טויזענד רייטער וואס כורש האט מיט זיי געשיקט מען זאל זיי אבהיטען אין לאנגען וועג, און נאך פינף חדשים זענען זיי געקומען קיין יהודה. די פאלקער וואס האבען דערווייל זיך בעזעצט אין דעם פערוויסטען לאנד, ווי די שמרונים, אדער די כותים, און די אדומים, האבען געמוזט אבטרעטען זייערע ערטער די צוריקגעקומענע בעלי בתים. דער שבט בנימין, וואס האט זיך מעהר אבגעגעבען מיט פעלד-ארבייט, האט באלד געפונען גענוג דארפער וואו זיך צו בעזעצען, נאר דער שבט יהודה, וואס איז גרעסטענטהיילס געזעסען אין גרויסע שאנע שטאדט האט זיך נאך ניט געהאט וואו אהין צו טהון, ווייל ירושלים איז נאך געווען אין גאנצען חרוב און די קליינע צאהל פון די צוריקגעקערטע יודען

וואס האט זיך אפילו באלד פארגרעסערט, ווייל פון אלע זייטען, פון מצרים און צור, האבען אנגעהויבען צוקומען פיעל פרעמדע וואס זענען איבערגעגאנגען צום יודישען גלויבען, איז ניט געוועהן אים שטאנד באלד אויפצובויען די הויפטשטאדט.

אז עס איז געקומען דער חודש תשרי און עס האבען זיך אנגעהויבען די ימים טובים, האט דער ערשטער גאטעסדיענסט געמוזט געשעהן ביי א שטיינערנעם מזבח, וואס יהושע בן יהוצדק און זרובבל בן שאלתיאל האבען אויפגעשטעלט, און דאס איז געוועהן נאר איין אנהייב. באלד האט מען זיך גענומען בויען א משכן, געלד און מאטעריאל האבען געגעבען אפילו די וואס האבען ניט אזוי שטארק געבענקט א היים, און זענען געבליבען אין בבל און מען האט געלעגט דעם ערשטען שטיין פונ'ם נייען בית המקדש. גרוים איז געוועהן די שמחה און דיא האפנונג אז נאר גיך וועלן דיא כהנים און דיא לוים קאנען נאך דיענען ווי פריהר, און דער עולם איז נאר א ביסעל ביי זיך אראבגעפאלען ווען מען האט געזעהן אז דער בנין אליין וועט אויסקומען א סך קלענער פונ'ם ערשטען און ניט אזוי רייך ווי פאר שלמה'ס צייטען. די בנינה האט זיך נאך באלד פארגרעסערט דורך א מחלוקת וואס האט זיך אנגעהויבען צווישען די יודען און די שמרונים, וואס האבען אויך געוואלט האבען א חלק אין משכן. זרובבל האט געוואלט אז חאטשי די שמרונים רעכנען זיך פאר יודען פון דעסטוועגען געבען זיי זיך אב מיט גאטצענדיענסט און דאריבער האט ער מורא געהאט זיי זאלען אנדערע ניט פארפירען און האט זיי ניט געוואלט צולאזען צום בויען פונ'ם משכן. אז עס איז ארוים א קריעג און דערצו האט זיך אנגעהויבען זעהר א שלעכטע צייט, תבואות זענען ניט געראטהען, גרויסע האגלען און שריפות האבען געמאכט פון אלעמען א תל, האט די ארבייט אויך אנגעהויבען געהן שלאבעריגער און באלד איז זי אין גאנצען איבערגעריסען געווארען, און עס זענען אזוי אוועקגעגאנגען פינפצעהן יאהר. דערווייל האט כורש צוגעמאכט איין אויג, זיין יורש כמביזס האט אויך וועניג געדויערט, און ערשט אז דריוש, דער דריטער מלך פון פרס האט איבערגענומען די מלוכה און זרובבל איז געקומען צו איהם און איז געוועהן ביי איהם א גרויסער חשוב, איז ארוים א בעפעהל מען זאל אויפ'ן חשבון פון פערסיען ענדיגען דעם משכן. דא איז נאך אויך געוועהן א קליינער עכוב פון אזויגע וואס זיי האט מעהר געשמעקט אז אין לאנד זאל ניט ווערען רוהיג און דאריבער האבען זיי געדרונגען אז עס איז נאך ניט נעשו-

מען די צייט אויסצובויען דאס בית המקדש נאר די נביאים חגי און זכריה האבען אונטערגעוואַרעמט דעם עולם, און מען האט זיך וויעדער גענומען צו דער מלאכה, וואס האט געדויערט פיער יאהר ביז דער טעמפעל איז פערטיג געוואָרען פונקט צום זיבעציגסטען יאהר נאכ'ן חרבן. מיט גרויס שמחה האט מען געמאכט דעם חנוכת הבית און אין דריי וואכען ארום האט מען דארט מקריב געווען דעם ערשטען קרבן פסח.

אַז דער בית המקדש איז שוין ווייטער געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ, האט מען זיך באלד אָבגעזוכט א נייע מחלוקה. א טהייל האבען געוואָלט אז דער גאנצער פיהרער זאל זיין זרבבל, וואס קומט ארויס פון דוד המלך'ס משפחה און וואס דער נביא חגי האט איהם גערופען „גאָט'ס געליעבטער"; אנדערע אבער, און מיט זיי אויך דער נביא זכריה, האבען געזאגט אז פאר זיי איז גלייכער יהושע וואס איז א כהן; און האבען איבערהויפּט מעהר געצויגען די גאנצע מאכט זאל איבערגעהן צו די כהנים אין די האַנד אַריין. די לעצטע האבען אויסגעפיהרט, זרבבל האט געמוזט אוועק, יהושע איז געבליבען דער גאנצער בעל הבית, און נאך זיין טויט איז די ירושה איבערגעגאנגען צו זיין זוהן יהויקים, נאר ווי עס שיינט האט מען אין פערסיען צו זיי קיין צוטרויען ניט געהאט, און די פערסישע מלוכה האט געזעצט איהרע הויפּטלייט וואס פלעגען השגחה האבען אויף יהודה און אָפט אריינקומען קיין ירושלים, וואו זיי פלעגען פון די יודענס שונאים אויסהערען פיעל מסירות אז דאס יודישע פאלק וויל ארויסשפּרינגען געגען פרס און מאַכען פאר א קעניג איינעם וואס שטאמט ארויס פון די מלכי בית דוד. אזוינע מסירות האבען ניט געפיהרט צו גוטען און אז נאך דריוש'ס טויט איז געוואָרען מלך אחשורוש, איז דערפון שיער דאס גרעסטע אומגליק ארויס. איבערהויפּט איז וואס מעהר א יאהר די לאגע פון די יודען געוואָרען אַלץ ערגער און דאס האט געפיהרט דערצו וואס זיי האבען זיך ענטשלאָסען צו טהון א זאך וואס האט זיי דערנאך טהייער געקאסט.

די יודען האבען געמיינט אז ווען זיי וועלען ווערען נאהענטע מחותנים מיט אנדערע פעלקער וועלען זיי זיך ווייטער קאָנען לעבען רוהיג און דאַריי־בער האבען זיי זיך אָנגעהויבען משדך זיין מיט פרעמדע אומות, און דער כהן גדול אלישב איז דארויף בעשטאַנען. די שאנסטע יודישע משפחות האבען שידוכים געטהון ניט נאר מיט די שמרונים, וואס האבען האטשי פאר־שטעלט זיך פאר שטיקלעך יודען, נאר אפילו מיט די פעלקער פון עמ ו

און מואב, וואס האבען א מאל דעם יודישען פאלק געגוג צרות אנגעטהון, און די תורה האט בפירוש פארווערט מיט זיי צו ווערען קרובים. נאר די אדומים, וואס זענען אין דער צייט פון גלות בבל ארויסגעטריבען געווארען פון זייער הויפטשטאדט סלע, און האבען פארחאפט די ערטער פון די שבטים שמעון און יהודה און אויך די שטאדט חברון, זענען געבליעבען פרעמד די יודען, און האבען זייער אלטע שנאה איבערגעטראגען נאך אויף לאנגע צייטען. די שמרונים, בעזאנדערס זייער פיהרער סנבלט האבען טאקע געזוכט מיט אלע כוחות זיך צו פערמישען מיט די יודען און דאס איינגע האט איהם נאכגעטהון איינער פון עמון'ס גרעסטע לייט, טוביה, וואס האט זיך אין גאנצען איינגעקויפט אין יודישען יחוס. גענומען א ווייב פון דער משפחה ארך, און חתונה געמאכט א טאכטער מיט משולם בן ברכיה, איינעם פון די שענסטע בעלי בתים אין יהודה.

אזעלכע געמישטע חתונות האבען ניט געקענט געפעלען די פרומע. נאר ווען מען האט זיי ווייניגוואס געהערט אין יהודה, האבען זייערע געשרייען געמאכט א גרויסען רושם אין בבל. דארט זענען געבליבען פיעל יודען, וואס האבען ניט געקענט זיך אומקעהרען צו זיך אין לאנד אריין איבער פערשיעדענע סבות. טאקע דאס וואס זייא האבען געוואוינט אין דער פרעמד, געהערט גאר באלדיש האט געבראכט דערצו זיי זאלען זיך שטארקער האלטען אין דער תורה. עפטער זי לייענען, כדי זיי זאלען ניט פארגעסען דאס הייליגע לשון אין וועלכען זי איז אנגעשריבען, אבהיטען די קלענסטע מנהגים און זיין אבגעזאנדערט פון אנדערע, ווי מענשען וואס ווילען זיך ניט אבבייסען פון זייער פאלק. אז די יודען פון בבל זענען געוואהר געווארען וואס זייערע ברידער האבען אויפגעטהון אין דערהיים, האבען זיי פערשטאנען אז דא קען חלילה די גאנצע יודישע נאציאן פערלאהרען ווערען און אז דא טאהר מען ניט שווייגען, און באלד איז טאקע פון זיי ארויס א מאן, וואס איהם איז באשערט געווען צו מאכען א גאנצע פערענדערונג אינ'ם מעמד פונ'ם יודישען פאלק און בעפעסטיגען די אמונה פונקט אין דער רעכטער צייט ווען זי האט שטארק אנגעהויבען פאלען.

דאס איז געווען עזרא הסופר, וואס די יודען אין בבל האבען אויף איהם געקוקט ווי אויף א נביא. ער איז ארויסגעקומען פון דעם כהן גדול חלקיהו'ס משפחה, וואס האט פארצייטענס בעקאנט געמאכט דעם קעניג יאשיהו מיט דער „משנה תורה". און איז געווען איינער פון שריה הכהן'ס

קינדס-קינדער וואס נבוכדנצר האט איהם פארבּרענט, אונ זיינע זיהן האבען אריינגעבּראכט די תורה קיין בבל. אויף איהם איז געפאלען דער גורל בּעלייכטען דעם וועג פון זיינע ווייטע בּרידער אונ צו ליעב דעם האט ער זיך אוועקגעלאזט קיין ירושלים אינאיינעם מיט 1600 יודען, אונ צווישען זיי איז אויך געוועהן זרובבלס אַ אור-ענייקעל, פון דוד המלך'ס משפּחה. ער האט מיט זיך געפיהרט זעהר פיעל מתּנות פאר'ן בּית המקדש פון די איי-בּערגעבּליעבּענע יודען, אונ אפילו דער מלך ארטחשסתּא אונ אלע גראסטע פערסישע עדעל-לייט האבען איהם מיטגעגעבּען טהייערע געשאנקע, ווייל דער נאהמען פונ'ם יודישען גאט איז שוין געוועהן בּעקאנט אין פּרס. אונ דער-פאר האט ארטחשסתּא געשיקט דורך עזרא'ן בּריעף צו די פארשטעהר פון אלע לאנדער, וואו זיי וועלען דארפען דורכגעהן, מען זאל זיי שיצען.

אין ירושלים האט מען שוין, אַט אַ פּנים, געוואוסט פון עזרא'ן, אונ אז מען האט נאך דערזעהן אז ער איז געקומען ניט מיט קיין לעדיגע האנד אונ איז טאקע אַ קרוב למלכות אויך, האט מען איהם אויפגענומען מיט [.]זים כּבוד, אונ די פרומע האבען זיך בּאלד ארום איהם געזאמעלט אונ געהאלטען איהם פאר אַ מנהיג. מיט אלע כּוחות האט זיך עזרא צום ערשטען [.]רויסגעשטעלט געגען דעם וואס די יודען זענען זיך מתחתּן מיט פרעמדע פעלקער, ער האט בּעוויזען אז יודען זענען אַ „זרע קודש" אַ הייליגער זאמען, אז יעדע בּעריהרונג מיט אנדערע אומות פיהרט זיי אראב פונ'ם גלייכען וועג, אז זיך משדך זיין טאר מען ניט אפילו מיט די וואס געה-מען אן די יודישע אמונה, אזוי ווי מען האט אויך געטהון מיט די גבעונים, אדער נתינים, וואס רעכנען זיך שוין טויזענד יאהר פאר יודען אונ פון דעסטוועגען בּלייבּען זיי שקלאווען בּיי'ם בּית המקדש אונ קיין יוד נעהמט זיי ניט אריין צו זיך אין משפּחה. עזרא האט אבער פערשטאנען אז מיט פּשוטע רעד וועט ער ניט אזוי פיעל פועלן, האט ער אנגעמאכט אַ גראסען בעש: מיט צוריסענע קליידער, מיט אַ בּלייך פּנים פון פאסטען, מיט כּמעט אין גאנצען אויסגעפליקטע האר פאר וועטהיג, איז ער אריין אין דעם פאר-הויז פונ'ם בּית המקדש, אונ אויף די קניעס האט ער ודוי געזאגט פאר גאט, אז זיין פאלק האט זיך שטארק פערזינדיגט. בּיסלעכווייס זענען זיך צוהין צונויפגעלאפען פיעל מענשען, ווייבּער אונ קינדער, אונ עס איז געווא-רען אַ געוויין, אַ קלאג. מיט דעם אויגענבּליק האט זיך בּענוצט איינער פון עזרא'ס לייט, שכניה, אונ האט פארגעלעגט אז אלע זאלען אויף זיך געש-

מען ארויסצוטרייבען די פרעמדע ווייבער און אויך די קינדער וואס זיי האבען געהאט מיט זיי. דער עולם האט ניט לאנג געטראכט און טאקע דארט געגעבען א שבועה אזוי צו מהון. די ערשטע פון אללע זענען געווען די שמרונים, ווייל מיט זיי האבען זיך גראסטענטהיילס די שאנסטע יודישע משפחות משדך געווען. טרויעריגע זאכען זענען פארגעקומען אין דעם פאמיליענלעבען: מאנער האבען זיך געמוזט אבבייסען פון געטרייע פרויען, פאטער האבען זיך געמוזט אבזאגען פון אייגענע קינדער. נאך טרויעריגער איז עס געווען אין דער הנהגה פונ'ם לאנד, וואס האט בעקומען צוויי שטארקע איניעווייניגסטע שונאים, ווי סנבלט און טוביה. וואס האבען געארבייט מעשים געגען עזרא'ס גזירה. אין דער צייט, איז דא א דעה — איז ארויס די מגלה "רות", וואס מאהלט אב אין זעהר שאנע פארבען די מעלות פון א פרוי פון מואב, וואס האט חתונה געהאט מיט א יוד, זי האט זיך פעסט געהאלטען אין דעם יודישען גאט, און אז דער מאן איז געשטארבען האט זי ניט געוואלט פערלאזען איהר שוויגער, און האט געשוואוירען אז נאר דער טויט וועט זיי צושיידען; דערפאר האט זי פערדיענט די ליעבע פונ'ם פאלק, וואס האט זי געבענשט. אז פון איהר זאל געבויעט ווערען דאס הויז פון ישראל' און זי האט טאקע זוכה געווען צו האבען פון איהר צווייטען מאן בועז א קינד, און פון איהר איז אין א סך דורות שפעטער ארויסגעקומען דוד המלך. דער תכלית פון דער מגלה איז געווען צו בעווייזען דעם פאלק וואס פאר א גוטע און פרומע פרויען יודען האבען געקאנט געפינען צווישען אנדערע פעלקער און אז ווען יודישע פאטער באריפען זיך אבזאגען פון קינדער וואס האבען געבארען ניט-יודישע מאמעס, מוז זיך דאס גאנצע יודישע פאלק אבזאגען פון די מלכי בית דוד, וואס שטאמען ארויס פון מואב. דאס האט אבער ניט געהאלפען. עזרא האט זיך געטהון זיינס און סנבלט האט זיך ענטשלאסען ניט נאר מיט ווערטער נאר טאקע מיט כח אנלערנען יהודה. סנבלט האט אפילו געוואוכסט אז ביי דער פערמישטער מלוכה איז עזרא תקיף און ער קאן צו יעדער צייט האבען הילף. נאר אזוי ווי מגביזוס. דער הויפטמאן פון סיריען, האט דעמעלט געפיהרט א מלחמה מיט ארטקסרקס, און דאס פערסישע חיל האט א פאר מאהל געהאט א מפלה. האט סנבלט דערווייל צונויף געקלויבען א מחנה און איז אריין קיין ירושלים, פארברענט די הילצערנע טויערען.

צוברעכען די שטיינערנע פעסטונגען און כמעט א תל געמאכט פון דער גאנצער שטאדט. נאר דער בית המקדש איז געבליבען גאנץ. עס איז אבער ניט געווען ווער עס זאל גאט דיענען, ווייל אלע איינוואהנער זענען זיך צולאפען און אהן הכנסה האבען די לוים אויך ניט געקאנט דארט בלייבען. אזוי איז ירושלים פערוויסט געווארען, און די וואס זענען געבליבען האבען געמוזט מאכען שלום מיט די צוטריבענע ווייבער און קינדער, און עזרא'ס גאנצע ארבייט איז כמעט פערפאלען געווארען.

באלד איז מען אבער דערפון געוואהר געווארען אין בבל, און די פרומע יודען האבען ווייטער ניט געקענט איינרוהען. דעמעלט איז ביי'ם פערסישען מלך געווען שר המשקים נחמיה און זיין קרוב חנניה האט איהם באלד געגעבען צו וויסען וואס עס טהוט זיך אין יהודה. נחמיה איז געווען א מענש מיט א פעסטען ווילען און זיין לעבען אין קעניגליכען הויף האט איהם אויסגעלערנט ווי אזוי צו פיהרען א לאנד און זיך ארויסשטעלען פאר א פיהרער פון א פאלק. ער האט זיך באלד ענטשלאסען צו פאהרען קיין יהודה, און ווייל ער איז געווען א גרויסער חשוב ביי ארטקסרקס'ן האט מען איהם אבגעלאזט נאר אויף א צייט און מיט דעם אופן אז ער מוז צוריקקומען צו זיין דיענסט.

מיט גרויס רייכקייט און פיעל דיענער איז נחמיה ארויס פון שושן און אומעדום וואו ער איז דורכגעפאהרען און געוויזען די בריעף פונ'ם פערסישען מלך האט מען איהם פריינדליך אויפגענומען. באלד איז נחמיה'ס נסיעה אויך ניט געווען קיין סוד פאר די שומרונים, און עס האט זיי ניט געשמעקט. נאר אין ירושלים האט מען ניט געוואוסט דערפון און אפילו אז ער איז שוין דארט געווען האט ער נאך אויך באלד ניט מגלה געווען צו ליעב וואס ער איז געקומען. ערשט אין עטליכע טעג שפעטער, אז ער האט גוט בעטראכט די שטאדט און געמאכט דעם פלאן וויא אזוי זיא צו בעפעסטיגען, האט ער געלאזט צונויפרופען דיא גרעסטע בעלי בתים און זיי פארגעלעגט וואס ער דענקט צו טהון. מיט שמחה האבען אלע מסכים געווען דערצו און עס האט זיך אנגעהויבען די ארבייט. ניט אזוי גרינג איז עס אבער געגאנגען: די שומרונים האבען געשטערט ווי ווייט זיי האבען נאר געקענט, מיט גוטען און מיט בעזען. פריהער האבען זיי געבעטען מען זאל זיי אויך לאזען ארבייטען און אז מען איז דארויף ניט מרוצה געווען האבען זיי אנגעהויבען אויסצוטראכטען בלבולים אויף נחמיה'ן אז ער וויל ווערען אליין א קעניג און אבגרייסען יהודה פון פערסיען. און אז דאס איז אויך

ניט געראטהען האבען זיי גלאט אזוי חוזק געמאכט פון די ארבייטער, כדי זיי זאלען ביי זיך אראבפאלען. מען קאן ניט זאגען אז סנבלט'ס אויפטרועלעך האבען גאר אין גאנצען ניט געהאט קיין פעולה. עס האבען זיך געפונען אזיינע, וואס פאר געלד האבען זיי זיך פערקויפט די שונאים. נאר נחמיה האט אויף אלעמען גוט אכטונג געגעבען און מען האט געארבייט ווי עס דארף צו זיין.

נחמיה האט אויך אין דער איינענער צייט ניט פערגעסען זיך אומצוקוקען אויף אינווענינסטע זאכען. ער האט געזעהן ווי די רייכע פרעסען זעהר די ארימע, ווי זיי שינדען ביי זיי אב די הויט, ווי פאר דער קלענסטער הלואת נעהמט מען צו ביי'ם אביון דאס לעצטע און ווייבער און קינדער מאכט מען פאר שקלאווען. ער האט ניט געקאנט איבערטראגען אזא עולה, ער האט באלד געמאכט איין אסיפה, מיט פייערינע רייד געשטראפט דעם עולם, ער האט זיי דערצעהלט מיט וואס פאר אליעבע די יודען פון בבל בעהאנדלען זייערע ברידער, אז זיי מאכען זיי ניט פאר קנעכט און קויפען זיי נאך אויס פון פרעמדע האנד. ער האט זיי דערמאנט די געזעצע פון דער תורה און האט ביי זיי געפועלט מען זאל איהם צוזאגען מוחל זיין די תובות, אבגעבען צוריק ערד און הייזער וואס מען האט מיט געוואלד צוגענומען און שענקען פרייהייט די שקלאווען. מען האט טאקי ווארט געהאלטען, בעזאנדערס נאך דעם וואס מען האט זיך איבערצייגט אז ער אליין און אלע זיינע מקורבים געשיצען טאקי ארימע לייט און העלפען זיי אין דער נויט.

דערווייל איז ירושלים שוין אין גאנצען געווען בעפעסטיגט און נחמיה האט געמוזט זעהן אז די צולאפענע איינוואהנער זאלען צוריקקומען. ער האט געלאזט אויסרופען אין לאנד אז א צעהנטעל פונ'ם פאלק קאן זיך בעזעצען אין דער הויפטשטאדט. ער האט אבער שטרענג אכטונג געגעבען אז קיין ירושלים זאלען אריין נאר אמת'ע יודען און די וואס האבען זיך שוין אנגעקערט מיט פרעמדע פאלקער האט ער ניט אריינגעלאזט. דריי משפחות, פון 642 מענשען, וואס האבען ניט געקאנט דערווייזען אז זיי שטאמען ארויס פון ריינע יודישע עלטערן, האבען זיך געמוזט אומקערען און דאס איינענע האט ער אויך געטהון מיט כהנים, וואס זענין ארויסגעקומען פון פערמישטע חתונות. אודאי האט ער פערשטאנען אז די אלע וועלען קיין גוטע פריינד ניט זיין און ער האט געמאכט ארום משכן א בעזונדער פעסטונג, וואס האט געהייסען בירה, און דארט האט זיך געפונען פערמישט חיל, וואס האט אבגעהיט דיא הויפטשטאדט פאר אינווענינסטע און אויסענווענינסטע שונאים.

אין דער צייט וואס נחמיה האט אזוי געארבייט צו בעפעסטיגען ירושלים, איז עזרא אויך ניט געזעסען לעדיג אונ האט געזעהן מיט אלע מעגליכקייטען צו פערברייטען די תורה צווישען פאלק. ביים ערשטען יום טוב וואס איז געפאלען אים תשרי אונ אסך יודען פון קליינע שטאדט אונ דארפער האבען זיך פערזאמעלט אין ירושלים, האט עזרא געלאזט שטעלען א הויכע בימה אויף א גרויסען פלאץ אונ האט דארט פארגעלייענט פאר'ן גאנצען עולם די ערטער פון דער תורה וואו עס ווערד גערעדט וועגען דעם עונש וואס מוז קומען אויף דעם זינדיגען פאלק וואס טרעט אב פון גאט'ס בעפעהל. מיט טרערען אין די אויגען האבען אלע אויסגעהערט די הייליגע ווערטער אונ האבען אויף זיך גענומען אויסצופאלגען וואס אין דער תורה שטעהט; פון אלע זייטען האט מען אנגעהויבען אריינצוברענגען גרינס אונ צווייגען פון די טהייערסטע ביימער צו מאכען דער פון סכות אונ אלע אכט טאג פונ'ם יום טוב האט מען זיי געמוזט פארלייענען איין אנדער פרשה, כדי אלע זאלען וויסען וואס די תורה פאדערט אונ די וואס האבען ניט פערשטאנען קיין לשון קודש האבען זיך אלדינג געלאזט ערקלעהרען פון די לוים. אז עזרא האט געזעהן ווי דאס יודעשקייט ווערד מיט יעדען טאג שטארקער, האט ער זיך ענטשלאסען מאכען איין עק פון די געמישטע חתונות, וואס זענין נאך פארט פארגעקומען אין יהודה, אונ צו ליעב דעם האט ער גוזר תענית געוועהן. אלע זענין זיך צונויפגעקומען אין טרויער־קליידער, מיט אש אויפ'ן קאפ, אונ ער האט פארגעלייענט די פרשה, וואו עס שטעהט אז מען טאר זיך ניט משדך זיין מיט די פאלקער עמון אונ מואב. באלד האבען אלע, וואס האבען נאך געהאט ניט קיין יודישע ווייבער, זיך אבגעזאגט פון זיי אונ דאס גאנצע פאלק האט געגעבען א שבועה: מעהר קיין שדוכים ניט צו טהון מיט פרעמדע פאלקער, אבהיטען שבתים אונ ימים טובים, ניט צו ארבייטען אונ האנדלען אין די הייליגע טאג, אויפ'ן זיבעטען יאהר לאזען פערפאלען די חובות אונ ניט בעארבייטען די ערד אונ אויפ'ן בית המקדש זאל יעדער, א חוץ מעשר, געבען אלע יאהר האלץ, די ערשטע פירות אונ תבואות וואס וועלען פערטיג ווערען אונ א פירטעל שקל מזומן. אט דאס אלדינג, וואס מען האט דעמאלט בעשלאסען, האט מען אויפגעשריבען אויף א בעזונדער מגלה אונ הונדערט אונ צוואנציג פארשטעהער פונ'ם פאלק האבען זיך דארויף געחתמט. דאס איז געוועהן די גרויסע פערזאמלונג וואס מען האט זיי גערופען "כנסת הגדולה".

נחמיה האט נאך געהאט פיעל צו טהון אונ מאכען נייע ארדנונגען אין גאנצען לעבען פונ'ם פאלק עס זאל קאנען האלטען די שבועה. אסך טייער פאר

אריטע לייט האט ער געטוזט אויסבויען אויף זיין רעכנונג. פאר די כהנים, וואס האבען בעדארפט לעבען פון מעשר און פון אנדערע נתינות, האט ער איינגעפיהרט גרויסע היזער, ווייל מען האט צונויפגעזאמעלט אלע תבואות און פירות און געשטעלט בעזונדער מענשען מען זאל אכטונג געבען אז קיינער זאל ניט פארטהיילט ווערען. אז די שטאדט איז שוין געוועהן אין גאנצען פערטיג מיט אלע מויערן און פעסטונגען, האט ער געמאכט א גרויסען פאראד מיט מוזיק און געזאנג און דער זכר פון דעם טאג איז לאנג געבליבען ביי די איינוואהנער פון ירושלים. לאנגער בלייבען האט אבער נחמיה ניט געקאנט, ווייל ער האט געגעבען ארטאקסערקסן זיין ווארט אז ער וועט צוריקקומען, און נאך צוועלף יאהר, וואס ער האט פערבראכט אין יהודה, האט ער געמוזט אוועקפאהרען קיין פערסיען.

קוים האט אבער נחמיה געשטעלט א פוס איבער דער גרעניץ פון יהודה, האבען באלד די עטליכע אונצופרידענע, וואס האבען פריהער ניט געהאט די העזה זיך ארויסצושטעלען, אויפגעהויבען א קאפ און אין א קורצער צייט איז געווארען אין איבערקערעניש. איינער פונ'ם כהן גדול יהוידע'ס קרובים, מנשה האט שוין חתונה געהאט מיט סנבלט'ס טאכטער נכסת, איהם האבען נאכגעטהון אנדערע און די געמישטע חתונות האבען זיך ווייטער אנגעהויבען צווישען יודען. טוביה פון מואב איז באלד אריין קיין ירושלים און האט זיך אפגענומען א גרויסע וואהנונג אין הויף פונ'ם בית המקדש. דאס פאלק האט אנגעהויבען קוקען קרום אויף די כהנים און האט אויפגעהערט צו געבען מעשר. מיט איין ווארט, עס איז ווייטער געווארען פינסטער אין יהודה און די פרומע האבען זייערע פארוויינטע אויגען געווענדעט קיין פערסיען טאמיר וועט זיך נחמיה נאך א מאל דערבארמען איבער זיינע ברידער און זיי קומען העלפען.

גאט האט אבער באלד געשיקט די רפואה צו דער מכה — דאס איז געוועהן מלאכי, דער לעצטער פון די נביאים וואס האבען פיער הונדערט יאהר כסדר דערהאלטען דאס יודישקייט. מלאכי האט ניט דערלאזט אז די מיה פון עזרא און נחמיה זאל אין גאנצען פערלארען ווערען. ער האט געזאגט מוסר און שרעקליך אויסגעמאלט די שטראף וואס וועט קומען אויף די זינדיגע יודען און דערביי האט ער אויך פאראויסגעזאגט אז גאר גיך וועט דער איבערשטער שיקען זיין שליח, וואס וועט ווייטער אויסריינינגען און אויסלייטערן זיין פאלק. דער שליח האט טאקי לאנג ניט געלאזט אויף זיך ווארטען. קוים איז נחמיה געוואהר געווארען וואס אין יהודה געהט פאר, האט ער זיך

נאך א מאל אויסגעבעטען ביי ארטקסרקס אונ איז באלד געפלויגען קיין ירושלים. זיין ערשטע ארבייט איז בעשטאנען אין דעם וואס ער האט באלד טוביהן ארויסגעווארפען פונ'ם בית המקדש; מנשהן, וואס האט זיך ניט געוואלט צו שיידען מיט זיין ווייב נכרה, סנבלטס טאכטער, האט ער ארויסגעטריבען פונ'ם לאנד אונ דאס אייגענע האט ער אויך געטהון מיט נאך כהנים אונ לוים, וואס האבען זיך ניט געוואלט פיהרען נאך זיין דרך. אין דער גאנצער געגענד האט ער מודיע געוועהן מען זאל ווייטער אנהייבען געבען מעשר אונ איין וואָרט זיינס איז גענוג געוועהן דאס פאלק זאל פארגעסען די אלטע רגזה אונ אונטערהאלטען די דיענער פונ'ם בית המקדש. דערנאך איז ער ארויסגעפאהרען איבער דער מדינה אונ האט אכטונג געגעבען אז פרעמדע פאלקער זאלען צו די יודען קיין שליטה ניט האבען אונ אז אומעדום זאלען זיי זיך בענוצען מיט זייער אייגען לשון, וואס איז שוין אין פיעל ערטער פארגעסען געווארען. דאס אייגענע האט ער אויך געטהון וועגען אבהיטען דעם שבת אונ אז ער האט געזעהן אז עס איז שווער אויסצופיהרען דאס פאלק זאל ניט האנדלען אין דעם טאג, ווייל עס איז שוין געוועהן איינגעפיהרט פון פריהר אז סוחרים פון צור פלעגען אריינ־ברענגען קיין ירושלים זייערע סחורות אונ בעזאנדערס פיש, אונ דער עולם פלעגט זיך ווארפען צו קויפען מציאות, האט ער געמאכט איין מאל פאר אלע מאל אז פרייטאג פאר נאכט זאל מען צושליסען די טויערן פון דער שטאדט אונ קיין סוחרים ניט אריינלאזען.

אזוי האט נחמיה ניט געקוקט אויף קיין מיטעל אבי צו בעפעסטיגען דעם גלויבען. אוודאי האבען ניט אלע געקאנט באשטעהן דארויף אונ עס האבען אנגעהויבען ווערען בסתר כתות, וואס האבען זיך אנדערש געפיהרט. ווי עס שיינט, האט נחמיה געפיהלט אז צו ליעב איהם טהיילען זיך אב פיעל אונצו־פרידענע, עס האבען איהם אוודאי געהאַרט די בלאטער וואס פאלען אראב פונ'ם בוים. אונ דערפאר האט ער אויף דער עלטער אנגעשריבען א בעזונדער בוך, אין וועלכען ער ניט זיך צליין אב דין וחשבון פון זיינע ביידע נסיעות קיין יהודה אונ זאגט מיט א פעסטען בטחון אז גאט מעג איהם פארגעבען וואס ער האט געטהון פאר זיין פאלק אונ זיין היילגען נאמען. דער בטחון האט איהם אויך ניט אבגענארט אונ דער זכר פון נחמיה אונ עזרא איז אויף עבי׳ געבליבען צווישען די יודען.

דריטעס קאפיטעל.

די סופרים.

(832—420 פאר קריסטוס געבורט. 402—490 פארן חרבן בית שני)

די וועלט זאגט א ווארטעל אז דאס ערגסטע איז א געמאכטע מכשפת: דאס האט זיך אויך בעוויזען מיט די שמרונים זיי האבען זיך איינגערעדט אז זיי זענען גאר די אמת׳ע יודען, אז זיי קומען ארויס פון די עשרת השבטים אונ חאטשי אין לשון האט מען זיי זעהר לייכט געקאנט דערקענען אז דאס איז א פערמישטעס פאלק, וואס איז זיך צונויפגעלאפען פון דער גאנצער וועלט אונ ווייסט אליין ניט רעכט פון וואנען עס שטאמט ארויס, פון דעסט־וועגען איז ביי זייא גאר אנדערש ניט געבליבען נאר אז זייא זענען אייניקלעך פון יוסף אונ אפרים. אונ אז זיי האבען א קוק געטהון אז דיא יודען ווילען פון זיי ניט וויסען, זענען זיי געווארען דם־שונאים די אייגענע, וואס זיי האבען ביז אהער צו זיי אזוי געצויגען אונ האבען זיך ענטשלא־סען איינפירען ביי זיך דאס אייגענע וואס ביי די יודען אונ ניט בארפען אנקומען צו קיינעם. אין דער צייט איז דער פערסישער קאניג ארטקסרקס געשטארבען. אונ סנבלט האט זיך געקאנט א ביסעל מעהר צופירען די האנד, האט ער זיך בעטראכט אז עס איז דא גענוג לוים. וואס נחמיה האט זיי געלאזט זיך אזוי ארומדרעהען, אז פון זיי קאן ער האבען וואולע דיענער אין א אייגענעם בית המקדש, ווער שמועכט נאך אז דערצו האט ער שוין געהאט א פארטיגען כהן גדול — זיין איידעם מנשה. אונ עס איז ביי איהם געבליעבען אז ער זאל בויען א נייעם משכן פארן פאלק פון שמרון. מען האט דאך אבער בעדארפט נאכטאנצען די יודען, וואס האבען געהאט א היילינען בארג מוריה, אונ סנבלט האט זיך אויך אויסגעקליבען א בארג, דעם הר גרזים, ווייל דארט האט גאט געבענשט זיינע קינדער

וואס וועלען אבהיטען זיין געזעצען, אונ נאר זיך איז טאקע ביי קיינעם פון
די שומרונים קיין ספק ניט געוועהן אז די אמת'ע תורה שטעהט נאר אין
ביי זיי. אונ אז צום הימעל קאנען נאר דורכגרייכען זייערע תפלות. זיי
האבען אנגעהויבען צו זיך ביסלעכווייס צושלעפען פיעל יודען, וואס מען
האט זיי צוגעזאגט קרח'ם עשירות, אונ א חוץ דעם פלעגען צו זיי צושטעהן
די דאזיגע וואס האבען אין דערהיים עפעס אבגעארבייט ניט קיין שאנע
זאכען אונ האבען געמוזט אנטלויפען פון יהודה. אזוי איז געווארען א האלב־
יודישע סעקטע שומרונים אונ זייער הויפטשטאדט איז געוועהן שכם. עס
האט זיך אבער אנגעהויבען צווישען די יודען אונ די שומרונים נאך א גראסערע
שנאה ווי א מאהל אין די צייטען פון די ביידע יודישע מלוכות: די יודען
האבען חוזק געמאכט פון די שומרונים אונ האבען זיי גערופען „דאס פאר־
ווארפענע פאלק פון שכם", אונ די שומרונים ווידער האבען זייער שמד־
שטיק אריינגעלעגט אין יראת אונ געשריגען אז די יודען האבען נאר
א פאלשע תורה אונ לעבען ניט נאך די ריינע יודישע געזעצע.

די יודען האבען זיך דערווייל געפיהרט נאך דעם אמת'ן זין פון דער
תורה אונ זי אבגעהיט ווי עזרא אונ נחמיה האבען אנגעזאגט. בהמנות אונ
יושר האבען געהערשט אונ זיך געדערעבענט פאר די שאנסטע מעלות, ארימע
לייט האט מען ניט נאר ניט אונטערדריקט, נאר געגעבען הילף. אונ אלע
יודען זענען געוועהן גלייך פריי. נייל קיין יודישע שקלאווען האט מען שוין
מעהר ניט געוועהן. דאס יאהר פון שמיטה האט מען אויך שטארק אבגע־
געהיט. א בית דין פון זיבציג געלערנטע אונ גרויסע לייט וואס איז געוועהן
געגרינדעט אויף דעם ארט ווי ביי משה רבינו די זיבציג זקנים אונ איז
געשטאנען אונטער דער השגחה פון איין עלטסטען וואס מען האט איהם
גערופען „אב בית דין" האט זיך בעשעפטיגט מיט אלע משפטים וואס פלע־
גען פארקומען, אונ יעדען מארקטאג וואס פלעגט זיין מאנטאג אונ דאנערש־
טאג, האבען די דיינים זיך אבגעגעבען מיט לאדינישען אונ שלום־מאכען
צווישען די צדדים. די סופרים ווידער האבען אכטונג געגעבען אז די
תורה זאל מעהר בעקענט ווערען צווישען אלע קלאסען פונ'ם פאלק, אזא
באריבער האבען זיי איינגעפיהרט אז מען זאל ניט נאר אלע שבת אונ יום
טוב אפענטליך פארלייענען א סדרה, נאר אפילו אין די מארקטאג, ווען עס
פלעגען זיך צונויפקומען יודען פון דארפער, זאל מען אויך לייענען א פרשה.
דאס האט געמוזט פיהרען דערצו אז מען זאל אנדערן די העבראאישע שריפט

אויף אזא צורט דער עולם זאל קאנען פארשטעהן וואס זיי האָרען. עייל ביז דעמאלט איז די תורה געוועהן אנגעשריבען מיט אותיות פון א מין אלט לשון וואס נאר געצאהלטע מענשען האבען עס פערשטאנען. נאך מעהר האט מען עס געמוזט טהון צו ליעב די יודען, וואס האבען גע־וואונט אין פערסיען: זיי איז דאס אלטע לשון הקודש נאר לחלוטין פרעמד געוועזען. מען האט די תורה אונ אלע אנדערע הייליגע ביכער איבערגעשרי־בען מיט א נייא כתב, וואס מען האט עס גערופען "כתב אשורי". דיא שומרונים, וואס האבען אלדינג געטהון פארקעהרט, האבען געהאט א ניי געלעגענהייט צו שרייען אז די יודען מאכען זיך א פאלשע תורה אונ זענען געבליעבען ביי דער אלטער פארדרעהטער שריפט. וואס איינער פון טויזענד האט קוים געקאנט עטליכע ווערטער רעכט בייקומען.

אז די תורה איז בעקאנט געווארען דעם פאלק דורכן בעשטאנדליכען לשון, האבען טאקע די יודען אנגעהויבען געשמאק אריינקוקען אין די קליינע אותיות'לעך אונ באלד זענען געגרינדעט געווארען ישיבות, וואו די סופרים אדער חכמים, האבען געלערנט מיט פעהיגע יונגע לייט וואס מען האט זיי גערופען תלמידי חכמים. זיי האבען זיך אבגעגעבען דערמיט, וואס זיי האבען געזוכט פירושים אויף דער תורה, כדי זיי זאלען קאנען אויסגלייכ־בען די געזעצע פונ'ם גלויבען מיט די פעראנדערונגען פונם לעבען אונ פון דעם איז ארויס דער "מדרש". דעמאלט זענען ארויס תקנות פון דיא סופרים, וואס האבען געארבייט מיט אלע כוחות אז דער עיקר פון דער תורה, וואס האלט אויף דאס יודישקייט, זאל בלייבען פעסט. אונ האבען מיט זייערע תקנות "ארומגעצוימט די הויפט-געזעצע" אז קיין שום היתר זאל זיך אהין ניט קאנען אריין האבען. זיי האבען פערשטארקט דאס הייליגקייט פון שבת אונ אנדערע ימים טובים מיט שאנע מנהגים, וואס זענען זיך גע־ווארען א הרגל ביים פאלק אונ זענען שוין טאקע אזוי געבליעבען אויף דור דורות. זיי האבען געמאכט אז פון א גלאזעל וויין, וואס דער מענש דארף זיך א מאהל שטארקען דערמיט ווען ער בעפרייעט זיך פון דער ארבייט, זאל ווערען א עונג שבת אונ "קדוש" אונ "הבדלה" זאלען ווערען די גרענעץ וואס טהיילט אב דעם זיבענטען טאג פון רזה פון אלע איבריגע וואכענטאג. זיי האבען אויך איינגעפיהרט דעם "סדר" פון פסח אונ געזעהן אז ניט די ארבע כוסות מיט פעטע קניידלעך זאלען זיין דער עיקר, נאר מען זאל טאקע אין זין האבען די "הגדה". צונויפנעהמען דיא בני בית. צונויפרופען נאכט.

און דערצאהלען אין פריידען די צרות פון א מאהל. זיי האט מען אויך צו פערדאנקען וואס אויסער קרבנות האט זיך דאס פאלק געוואוינט צו דאוונען דריי מאהל אין טאג און האט איבערגענומען די תפלות וואס די יודען האבען לכתחילה איינגעפיהרט אין בבל. דאס הויפט-געבעט איז בעשטאנען אין זעכס זאכען: א דאנק דעם רבונו של עולם וואס ער האט די יודען אויסגעקליבען זיי זאלען איהם דינען; א לויב דעם באשאפער פאר דעם וואס ער בעלעבט די נאטור מיט טוי און רעגען, און וועט א מאהל די טויטע נאך א מאהל שענקען דאס לעבען; א שבח דער גרויסקייט פון גאט; א בקשה עס זאלען אנגענומען ווערען די קרבנות און די תפלות פון יעדען; א דאנק פאר דעם וואס גאט שיקט צו יעדען זיין בעדארפעניש און צולעצט א געבעט עס זאל שטאנדיג זיין שלום. אויסער דעם האבען די סופרים גע־מאכט אז אלע שבת און יום טוב זאל מען א חוץ דער פרשה ענדיגען דאס לייענען מיט א קאפיטעל פון די נביאים און דערפאר האט עס געהייסען „הפטורה“. דאס האבען זיי געטהון אויף צו להכעיס די שומרונים, וואס האבען נאר ניט געוואלט וויסען פון די נביאים דערפאר וואס זיי רעדען נאר פון ירושלים. יעדע הפטורה האט געמוזט פאסען צו דעם טאג וואס מען האט זי געלייענט, און דאריבער האט מען געמוזט אויסקלויבען דערצו נאר די נביאים ראשונים, דאס הייסט יהושע, שופטים, שמואל און מלכים. און די נביאים אחרונים, דאס הייסט ישעיה, ירמיה, יחזקאל און די צוועלף נביאים, וואס מען רופט זיי אלע אינאיינעם תרי עשר, און הייסען מיט די נאהמען: הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה און מלאכי. פון דעמעלט אן האבען זיך די שריפטען פון די נביאים אנגעהויבען רעכענען פאר הייליגע און האבען באלד נאך דער תורה פארנומען דעם ערשטען פלאץ אינ'ם גייסטיגען לעבען פונ'ם פאלק.

אזוי האט זיך אויסגעארבייט דער יודישער גאטעסדיענסט (עבודה) אין דער צייט פון די סופרים, שטיל, צוהן קונצען, און יעדער האט זיך געקאנט אין די קורצע תפלות אויסגיסען זיין הארץ פאר גאט. נאר אין בית המקדש האט בען די קרבנות געשפיעלט איין הויפט-ראלע, אין די קלייגערע מקומות אבער איז דאס דאוונען געווארען דער עיקר. דאס נאהענטקייט פון די יודען מיט די פערסער האט געמוזט פיהרען דערצו, וואס פיעל זאכען פונ'ם פערסישען גלויבען האבען זיך אנגעקלעבט אויך אין דער יודישער אמונה און עס איז

קיין חדוש ניט, ערסטענס האט דער המון יודען אין דעם גלות בבל אונ פרס, פון אונזער תורה וועניג נאך געוואוסט אונ אזוי וויא דער פשוט'ער מענש איז אלע מאל נוטה צו גלויבען אין איבערנאטירליכע זאכען דאס, וואס ער קאן זיך מיט זיין פשוט'ן שכל ניט ערקלערען, האט ער, דער המון אין דער פערסישער אמונה — אויף א סך אזעלכע שאלות, וואס האבען איהם געאדרט — א תרוץ געפונען אונ האט צו גלויבען אנגעהויבען. צווייטענס, מוז מען מודה זיין אז דיא פערסישע אמונה צו יענער צייט האט באמת געהאט פיעל אזעלכע גלויבענס ענינים וואס פאר דעם ניט מבין אונטערצושיידען צווישען אמת'ע אונ פאלשע פערל, האבען זיי אגרויסע גאהענטקייט געהאט צו פיעל גלויבענס ענינים פון אונזער אמונה, אונ מען קאן זאגען, אז ווען ניט די חכמים אונ די סופרים, וועלכע האבען דעם גאטליכען גייסט אונ זינען פון אונזער תורה גוט פערשטאנען אונ זיך פארגענומען דאס זעלבע אבצוהיטען פון אלע פרעמדע אנקלעבונג אונ אויך דעם המון עם דיזען זינען צו ערקלערען, ווען ניט זיי אונ זייער גרויסע מיה דערביי, האט די התקרבות צו דער פערסישער אמונה געקאנט ברייגען דערצו, אז יודען זאלען זעלבסט אין דעם הויפט עקר פון אונזער אמונה: אין אחדות הבורא יחיד, פערגעסען; ווארום דער עקר פון דער פערסישער אמונה איז בעשטאנען דארינען, אז עס זיינען דא צוויי געטטער, וואס האלטען איין אייביגע מלחמה אייגער מיט'ן אנדערן: דער גאט פון ליכטיגקייט אונ פון אלל דאס גוט, ארמוזאד, אונ דער גאט פון פינסטערנים אונ אלל דאס שלעכטס, אחרימאן, די סופרים האבען גענוג דערביי צו טהון געהאט אויסצוקלויבען דאס גוטע פון די פערסישע מנהגים וועלכע זיינען קיין סתירה ניט צו אונזער תורה אונ אמונה אונ אבצוזאנדערן אונ מרחיק צו זיין אזעלכע ענינים וואס זיינען דער היפך פון אונזער תורה. דאריבער האבען זיי אין זייערע תפלות מתקן געווען דיא ברכה: יוצר אור ובורא חשך עושה שלום ובורא את הכל. גאט בעשאפט דאס ליכט אונ דיא פינסטערנים, ער מאכט דעם שלום אונ בעשאפט אלץ! — וואס איז דערמיט בעוויזען אז מיר גלויבען נור אין א בורא יחיד, וואס פון זיין ווילען איז אלץ וואס עס איז, הן ליכט הן פינסטערניש, הן גוטס הן שלעכטס, נאך אונזער קורצען בעגריף נאך.

צוויי הונדערט יאהר זענען אזוי אבגעלאפען אונ די יודען זענען זיך געזעסען רוהיג אויף זייערע ערטער איז פערסיען אונ אין יהודה אונ האבען

געארבייט פאר זייער אינווענניג לעבען. נאר אז אין דער צייט פון די פערסישע קעניגע ארטאקסערקס דעם צווייטען (אדער מנעמאן), און ארטאקסערקס דעם דריטען (אדער אחוס), איז געווארען אונרוהיג אין לאנד, ווייל די מצרים זענען ארויסגעשפרונגען און האבען געוואלט ווייטער צוריק־שטעלען זייער מלוכה, איז די לאגע פון דיא יודען אויך טרויעריגער געווארען. גענומען האט עס זיך דערפון וואס דיא פערסער זענען פלוצים אבגעטרעטען פון זייער רייגעם גלויבען און האבען זיך געלאזט פערפיהרען פון'ם גאצענדיענסט; ארטאקסערקס דער דריטער האט אומעדום געהייסען שטעלען עבודה־זרות און דאס אייגענע געהייסען טהון אויך אין יהודה, די יודען זענען דארויף ניט בעשטאנען און קיין גוטס פערשטעהט זיך, איז דערפון ניט ארויס.

אין ירושלים האבען דעמעלט די יודען געמוזט אויסשטעהן גענוג צרות פון איינעם פון די ערגסטע פערסישע הויפטלייט בגועס, וואס האט דער־נאך צוגענומען די מלוכה ביי ארטאקסערקס און זיין משפחה. בגועס איז ניט געווען קיין שטארקער נקי כפים, און פאר געלט האט ער דעם אייגענעם פאטער געקענט פארקויפען. אז דער כהן גדול יהוידע איז געשטארבען און דער עלטערער זוהן יוחנן איז ארויף אויף זיין ארט, האט זיך פערגלוסט זיין יונגערן ברודער יהושע צו זיין א בעלן אויף דער שטעלע, ער האט זיך געווענדט צו בגועס מיט א שאנער מתנה, און ער האט איהם באלד צו־געזאגט אז ער וועט ווערען כהן גדול. אז יוחנן איז דערפון געוואהר געווארען האט ער מיט יהושע'ן ניט געמאכט קיין לאנגע טענות און האט איהם דער'הרג'ט אין בית המקדש. דאס האט בגועס'ן שטארק פערדראסען, נאר ער האט זיך ניט אנגענומען יהושע'ס קריוודע, ער האט זיך נוקם געווען פאר זיין קעשענע און די יודען האבען איהם געמוזט געבען גרידעם געלד, ווייל ער האט זיך געהייסען צאהלען שטראף פון יעדען קרבן וואס מען האט בעדארפט מקריב זיין אין בית המקדש און דערפון איז געווארען א היבשע מטבע.

זעהר ניט פרעהליך איז געווארען די יודען אין דער לעצטער צייט, ווען דיא פערסער האבען פערלארען זייער מאכט. עס איז אבער גאר ווענניג זכרונות איבערגעבליבען פון יענע יאהרען און מיר געפינען כמעט גאר ניט אין דער געשיכטע וואס איינער פון די לוים האט דעמעלט אנגעשריבען אונטער דעם נאהמען „כראניק". נאר גיך האט זיך אלדינג פערענדערט: עס איז ארויסגע־שפרונגען א נייע קראפט וואס האט אלדינג איינגעשלונגען מיט איהר פהיזישע

און מאראלישע שטארקייט. די גריכען האבען בעקומען א ממשלה כמעט איבער דער גאנצער וועלט. זייער גייסט האט געמאכט איין איבערקערעניש אין אלעמען און אויך די יודען האבען זיך געמוזט לאזען אוועקטראגען פון די כוואליעס פון דעם רוישענדען ים, וואס איז אין דער געשיכטע בעקענט מיט דעם נאמען מלכות מוקדון.

פערטער קאפיטעל.

די יודען אונטער דער מלוכה פון מוקדון.

(332—175 פאר קריסטוס געבורט. 402—245 פאר'ן חורבן בית שני)

אז אלכסנדר דער גרויסער, דער מלך פון מוקדון האט זיך צופיהרט די האנד אין אזיען און פערסיען האט אויך פון איהם געכאפט א מפלה, איז ער צוגעקומען קיין יהודה, און דא איז געשעהן א גרויס וואונדער: מען האט געגלייבט אז ער וועט מאכען א תל פון דעם קליינעם לאנד. צום סוף האט ער בעוויזען פיעל חסד די איינוואהנער פון ירושלים און האט זיך ביי די יודען אזוי בעליעבט געמאכט, אז אלע זכרים, וואס זענען ביי זיי אין דעם יאהר געבארען געווארען, האבען זיי א נאמען געגעבען „אלכסנדר". פאר וואס דאס איז אזוי געשעהן — דארויף זענען דא צוויי סברות: א טהייל זאגען אז אלכסנדר'ן איז דווקא געפאלען דאס וואס די יודען האבען געוואלט טריי בלייבען דער שבועה וואס זיי האבען געגעבען דער מלוכה פון פערסיען און האבען זיך דער־פאר צום אנהייב ניט געוואלט אונטערגעבען. אנדערע דריגגען אז דער כהן גדול ידוע, וואס איז איהם אקעגענגעגאנגען צו בעגריסען, האט געהאט א שטארקע אהנליכקייט מיט דער געשטאלט וואס ער האט א מאל געזעהן אין חלום און

וואס האט איהם פאראויסגעזאגט אז ער וועט איינגעהמען די גאנצע וועלט. גאר ווי אזוי די זאך איז שוין דארטען געוועהן — איינס ווייסען מיר געוויס אז אלכסנדר האט איבערגעלאזט וועהר א גוטען איינדרוק אין יהודה, און אזוי ווי ער האט געוואלט זיין מאכט פארשפרייטען איבער גאנץ סיריען, האט ער געשטעלט זיין הויפטמאן אנדראמאכוס איבער דעם לאנד און האט איהם בעזעצט אין שמרון, פונקט אין מיטעלפונקט פון דער מדינה. די שמרונים זענען אבער גיך ארויסגעשפרונגען געגען אנדראמאכוס און האבען איהם פארברענט אין פייער. אלכסנדר האט זיך מיט זיי דערפאר גוט אבגערעכענט, ער האט זיי אנגעטהון ענוים קשים און כדי צו ווייזען ווי ליעב ער האט די יודען האט ער זיי אבגעגעבען עטליכע שטאדט פון שמרון, וואס האבען אמאל געהערט צו יהודה, און האט זיי אלע בעפרייעט פון מס אין דעם יאהר פון שמיטה.

קיין גליק געדויערט אבער ניט עביג און דעם יודענס — נאך וועניגער. אלכסנדר איז יונגערהייט געשטארבען, זיינע יורשים האבען זיך ניט געקאנט צוטהיילען מיט די לאנדער און עס זענען ארוים גרויסע מלחמות. אין מצרים האט געהערשט פטאלאמעאוס מאטער דער ערשטער, וואס מען האט איהם אויך גערופען לאגי, און אויף זיין חלק איז אנגעקומען יהודה. די איינוואהנער פון ירושלים האבען איהם מיט גוטען ניט געוואלט אריינלאזען. איז ער מיט געוואלד אהין אריין אים שבת, ווען די יודען האבען ניט געטארט נעהמען קיין כלי זיין אין די האנד און האט פיעל געפאנגענע פון זיי און פון די שמרונים אוועקגעפיהרט קיין מצרים. ווען די יודען וואלטען געקאנט שוין אזוי בלייבען אונטער דער מאכט פון פטאלאמעאוס, וואס איז געוועזען וועהר א גוטער מענש, וואלט זיי גאר ניט שלעכט געוועהן. נאר, צום אומגליק, האבען איהם זיינע שונאים ניט פארגינען אז ער זאל הערשען איבער יהודה און בע-זונדערס האט עס ניט געוואלט דערלאזען אנטיגונוס; איינער פון די שטארק-סטע העלדען, וואס עס האט זיך איהם געגלוסט צו ווערען פונקט ווי אלכסנדר מוקדון א מושל איבער אלע לענדער. עס איז ארוים א גרויסע מלחמה ביי עזה צווי-שען פטאלאמעאוס און דמיטריוס, דעם זוהן פון אנטיגונוס. צום אנהייב האט דמיטריוס פערלארען און האט געמוזט מיט בושה אבטרעטען. נאר אז דער פאטער איז איהם געקומען צו הילף, האט שוין פטאלאמעאוס געמוזט אנבויגען דעם קאפ און אזוי ווי ער האט ניט געוואלט איבערלאזען דעם שונא בעפע-סטיגטע שטאדט האט ער געהייסען אראבווארפען אלע פעסטונגען פון עכו, יפו, עזה, שמרון און ירושלים. בודאי האט דורך דעם יהודה געליטען

אונ אזוי זענען אוועקגעגאנגען עטליכע יאהר ביז אנטיגונוס איז ניט געפאלען אין א גרויסע מלחמה מיט פטאלאמעאוס, ליזאמאכוס, קסנדר אונ סעליקוס. וואס האבען אלע פיער געמאכט יד אחת אונ האבען דערנאך צווישען זיך צוטהיילט די גאנצע מלוכה פון מוקדון. פטאלאמעאוס האט בעקומען מצרים אונ אלע געבענלאנדער אונ יהודה איז ארונטער אונטער זיין מאכט; סעלעיקוס איז אנגעקומען גאנץ אזיען אונ פערסיען אונ די יודען פון פרס אונ בבל זענען געבליבען אונטער זיין ממשלה פון זיי האבען זיך צוגעהויבען רעגיערען אויף ווייטערע דורות צוויי קעניגליכע משפחות: דיא פטאלאמעער אונ די סעלעיקעהען.

קוים האבען זיך געענדיגט די ביטערע מלחמות איז די יודען געווארען בעסער. פטאלאמעאוס האט זיי זעהר גוט בעהאנדעלט. ער האט דעם כהן גדול אניאס דעם ערשטען געשטעלט פאר ארויש איבער דעם פאלק וואס האט נאר בעדארפט צאהלען מס אונ האט געהאט אלע רעכטע. פיעל יודען האבען זיך בעזעצט אין אלעכסנדריען, וואס איז געגרינדעט געווארען פון אלעכסנדר מוקדון, אונ פטאלאמעאוס האט עס געמאכט פאר א הויפטשטאדט. אונ אויך אין אנדערע ערטער, אונ אזוי איז מיט דער צייט געווארען א גרויסע יודישע קהלה אין מצרים. דאס אייגענע האט אויך געטהון סעלעיקוס אונ אז ער האט אויסגעבויעט אין סיריען א נייע הויפטשטאדט אנטיאכיען, האט ער אהין איבערגעפיהרט פיעל יודען פון פרס אונ בבל.

אין דער צייט וואס די יודען האבען זיך צושפרייט צווישען די גריעקען אין פיעל ערטער פון מוקדון. האבען זיך ביסלעכווייס גריעקען אנגעהויבען בעזעצען אויך אין יהודה אונ די גריכישע שפראכע, ווי אויך גריכישע מנהגים, האבען דארט בעקומען א שטארקע שליטה. אודאי איז דאס יודישקייט דעמאלט געשטאנען ניט אויף קיין הויכע מדרגה, ווייל די יודען זענען געוועהן צווארפען אין ניט קיין נאהענטע לאנדער אונ צונויפקומען זיך אפט איבערצורעדען ווי אזוי מען זאל פערשטארקען דעם שוואכען בנין פון דער אמונה – איז קיין מעגליכקייט ניט געוועהן. ווער ווייסט צו וואס פאר אגידריגען מצב די יודען וואלטען געקומען, ווען אין דער צייט וואלט די כהונה ניט איבערגעגאנגען צו שמעון; דעם זוהן פון אניאס. וואס מען האט איהם פאר זיינע מעשים טובים גערופען שמעון הצדיק. ער האט נאך א מאל בעפעסטיגט ירושלים. פארבעסערט דעם בית המקדש אונ פערזארגט די שטאדט מיט וואסער וואס ער האט אריינ-

געפיהרט דורך א קאנאל אונטער דער ערד. ער האט אויך געזוכט צו פער־ברייטען אמת פרומקייט צווישען פאלק און פון איהם זענען געבליבען די היילינע ווערטער, וואס זיין תלמיד אנטיגנוס האט איבערגעגעבען אין „פרקי אבות" אז „דער מענש דארף אהן א שום נוץ פאר זיך געטריי זיין גאט און איהם ניט דיענען ווי א קנעכט פאר געצאלטס".

נאך שמעון הצדיק'ס טויט זענען געבליבען צוויי קינדער: א זוהן אניאס, וואס האט אין זיך גאר ניט געהאט די מעלות פונ'ם פאטער, און א טאכטער, וואס האט חתונה געהאט מיט איינעם וואס האט ארויסגעשטאמט פון די כהנים טוביה. מיט דער צייט איז ארוים א קריעג צווישען די קינדער פון פטאלאמעאוס און סעלעיקוס, און סעלעיקוס קאליניקוס דער צווייטער האט געזוכט אלע מיטעל צוצונעהמען מצרים און די סירישע געגענדען. ער האט איבערגערעדט דעם נייעם כהן גדול אניאס ער זאל אויפ־הערען צאהלען מס און דער מלך פון מצרים פטאלאמעאוס אייערגעטעס דער דריטער האט געמוזט שיקען קיין ירושלים איינעם פון זיינע הויפטלייט אתניאן און ווארנען די יודען אז ווי באלד זיי וועלין ניט אריינטראגען זייערע נתינות וועט ער דאס לאנד צוטהיילען אנדערע פעלקער. דער עולם האט זיך ניט געוואלט עקשנ'ן און האט געבעטען אניאס'ן ער זאל אריינטראגען דעם מס, ער האט זיך אבער איינגעשפארט און האט קיינעם ניט געוואלט הערען. דא איז ארויסגעשפרינגען יוסף, א זוהן פון אניאס'ס שוואגער טוביה, און עס איז איהם געראטהען איינצורעדען דעם פעטער, ער זאל איהם שיקען קיין אלכסנדריען איבערעדען מיט דער מלוכה וועגען דעם מס און ניט דער־לאזען דאס לאנד זאל ווערען אומגליקליך. אבי דער כהן האט נאר געשאקעלט מיט'ן קאפ, האט יוסף שוין פערזאמעלט ארום זיך דאס גאנצע פאלק און אלע האבען איהם מיט פרייד בעגריסט און אויפגענומען פאר א מנהיג. יוסף האט פערשטאנען ווי אזוי צו דרעהען דאס ראדעל ער האט געמאכט זעהר וואהלע סעודות פאר אתניאן וואס איז מיט איהם געווארען גאר א גוטער ברודער און איז אוועקגעפאהרען מיט דעם תנאי אז יוסף זאל באלד אנקומען. יוסף האט אבער אליין קיין מיטעל ניט געהאט אויף אזא נסיעה וואס האט בעדארפט ניט ווענינ קאסטען, נייל אין קאניגליכען הויף האט ער ניט געטארט קומען ווי א קבצן; דאס פאלק — וואס האט זיך נאר בעשעפטיגט מיט פעלדארבייט, איז אויך געווען ארים און האט קיין איבריגס ניט געהאט, דאריבער האט ער

געמוזט אנקומען צו די שמרונים, וואס זענען געוועהן סוחרים און האבען שוין געהאט געלד אויף צו לייען.

דאס פארשטעהט מען אז מיט געבארגט געלד קאן מען זיך ניט מאכען קיין ברייטען בייטעל און מען מוז, ווי מען זאגט שטרעקען נאך די דעקען. אודאי איז יוסף געצוואונגען געוועהן צו לעבען אין הויף א ביסעל איינגעהאלטען נאר פון דעסטוועגען האט מען איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען, וייל אתניאן, וואס איז געקומען פריהר פון איהם, האט איהם גאר שאן פארגעשטעלט און א חוץ דעם האט ער פערשטאנען ווי אזוי זיך צו פיהרען און האט טאקי ביי אייערגעטעס שטארק נושא חן געוועהן. אין דער צייט האט מען אין אלעקסאנדריען פארדונגען דעם מס. דאס הייסט: מען האט אבגעגעבען דעם גאנצען מס פונ'ם לאנד אין איין האנד פאר א געוויסער סומע און יענער האט זיך שוין געמאכט פארדיענען ווי פיעל ער האט נאר געקאנט איינמאנען. ביי אזא מסחר איז יעדער מן הסתם אינטערעסירט צו געבען ווייניגער און יוסף האט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו ווייזען אז ער איז געטריי דער מלוכה און האט פארגעלעגט פונקט צוויי מאל מעהר פון אנדערע. אייערגעטעס איז ערשטוינט געווארען אז ער האט דערהערט פון אזא מקח און האט געפרעגט ביי יוסף'ן וואס פאר איין ערוב ער קאן צושטעלען פאר זיך נאר יוסף האט איהם קורץ און שארף געאנטווערט אז פאר איהם קאנען ערוב זיין די גרעסטע צוויי מענשען פונם לאנד: דער קאניג און די קאניגין. די קלוגע רייד זענען אייערגעטעס'ן זעהר געפאלען און ער האט געהייסען יוסף'ן פערדינגען דעם מס און איהם מיטגעבען צוויי טויזענד סאלדאטען, וואס זאלען איהם העלפען איינמאנען דארט וואו מען קאן ניט געהן מיט גוטען. פון דעמאלט אן איז יוסף געווארען כמעט א מושל איבער פאלעסטינא, ער האט גוט אכטונג געגעבען אז אלע זאלען פונקטליך אבטראגען די נתינות, וואו מען האט געדארפט האט ער געוויזען זיין מאכט. און אז אין א פאר שטעדט האבען די גריכען איהם ניט געוואלט הערען, האט ער גאר פיעל ניט געטענה'ט און האט געהייסען קאפען די גרעסטע בעלי בתים און זייער פארמעגען אוועקגעגעבען דער מלוכה.

צוויי און צוואנציג יאהר איז יוסף געוועהן דער ממונה איבער אלע נתינות פון סיריען און פעניקיען און האט געהאט אי כבוד אי געלד. אז אייערגעטעס איז געשטארבען האט דער נייער קאניג פטאלאמעאוס

פילאפאטאר דער פירטער געהאט דאס זעלבע ציטרויען צו יוסף'ן אונ ער האט ווייטער איינגעמאנט דעם מס אויף זיין שטייגער; ניט אומזיסט איז דערמעלט ארויס א ווארטעל אין סירען אז יוסף „האט פון אלע אבגעשינדען די הויט אונ נאר די ביינער איבערגעלאזט". עס האט זיך אפילו געמאכט אויף א קורצע צייט איין איבערשלאג: דעם קעניג אנטיאכוס פון דער סעלעיקידישער משפחה האט זיך פערגלוסט צוצונעהמען סירען, עס איז איהם געראטהען אונטערצוקויפען עטליכע הויפטלייט פון מצרים אונ ער איז גאר אהן מיה אריין אין לאנד. ער האט שוין אנגעשפארט אין שומרון נאר איין יהודה אונ ירושלים האבען זיך געהאלטען, ווייל דארט האט מען געטהון אלץ וואס יוסף האט געהייסען. דערוויל האט זיך פילאפאטאר ארומגעקוקט אונ איז צוגעקומען מיט זעהר פיעל חיל ביז נפיא, דארט האט ער שטארק צושלאגען אנטיוכוס'ן וואס האט שוין געמוזט פארגעסען אן סירען. פון דעמאלט אן איז יוסף געווארען נאך א גרעסערער חשוב ביי פילאפאטאר'ן.

דאס גרויסע עשירות וואס יוסף האט אין דער צייט ערווארבען, דאס פאהרען אלע מאל קיין אלכסנדריען אין קאניגליכען הויף, דאס בריטע לעבען אויפ'ן גריכישען ארט, האט געמוזט האבען א ווירקונג אויף דעם לעבען פון די יודען אין יהודה אונ בעזאנדערס אין ירושלים. דער עולם האט זיך שטארק געחאפט צום טרינקען, אונ דער וויין שלעפט צו זיך צו אויך אנדערע תאוות, אונ אזוי האט מען אנגעהויבען ווי מאלפעס נאכמאנצען די מצרים: אנשטאפען דעם מאגען מיט די בעסטע מאכלים, ארומדרייען זיך מיט די שאנסטע פרעמדע פרויען, וואס פערשטעהען ווי זיס צו מאכען דאס לעבען לפי שעה, אונ פארדרעהען זיך דיא קאפ מיט משקה אז מען זאל ניט וויסען וואו מען איז אין דער וועלט. גריכישע מנהגים האבען אנגעהויבען הערשען אין יהודה, וועד שמועסט נאך אז יוסף האט פארגעלעגט מען זאל איינפיהרען דעם מנהג אז ווען דער וויין הייבט אן שפיעלען אין די קעפער זאל מען צוויי טאג הוליען אונ טרינקען, האט מען דעם מנהג אויפגעחאפט מיט ביידע האנד אונ מען האט אפילו געשיכורט א איבעריגען טאג. יוסף האט זיך אבער ניט בעגנוגט נאר מיט טרינקען אליין; כאטשי ער איז שוין געווען א טאטע פון זיבען קינדער, האט ער ניט פיינד געהאט פרעמדע ניט-יודישע פרויען. אונ אז עס איז איהם א מאל אין אלכסנדריען געפאלען געווארען א טאנצערין האט ער זיך ניט געשעמט צו בעטען זיין איינענעם ברודער סלימוס ער זאל איהם בסתר ברינגען די געליעבטע.

פון אזיינע זאכען, פארשטעהט זיך, קען קיין גוטס ניט ארויסקומען. איינע פון יוסף'ס געליבטע האט געבארען א זוהן הורקונס, וואס איז ביים פאטער געווען חשוב'ר פון אלע פריהעריגע זיבען זיהן. דערפון איז ארויס א פיינד־שאפט צווישען די ברידער און ווער שמיעסט נאך אז ביי פילאפאטאר'ן איז אויף דער עלטער געבארען געווארען א זוהן, פטאלאמעאוס־עפיפאנעס דער פינפטער און יוסף האט אויסגעקליבען זיין יונגסטען און געליבטען זוהן הורקונס און האט איהם אוועגגעשיקט קיין אלכסנדריען צו בעגריסען דעם קעניג, איז די שנאה געווארען נאך גרעסער. אין קעניגליכען הויף האט מען הורקונס'ן אויפגענומען מיט גרויס כבוד: ער האט מיטגעבראכט זעהר א שעהנע מתנה, הונדערט שקלאווען פאר'ן קעניג און הונדערט שקלאווינען פאר דער קעניגין, און אחוץ דעם אויך א היבשע מטבע. אוודאי איז ער געווען א וואהלער גאסט און איז גיך געווארען א קרוב למלכות. שטאלץ איז ער געקומען אהיים, נאר אז ער האט געגעבען א קוק אז די ברידער ווילען איהם פשוט דאס לעבען נעהמען און דער פאטער איז אויך ניט צופרידען, ווייל ער האט צו פיל געלד אויסגעבראכט, איז ער צוריק אוועק קיין אלכסנדריען.

אזוי איז דעמאלט צוגעגאנגען אין יהודה, ביסלעכווייס האט זיך דאס פאלק געוואהנט מיט'ן פרעהליכען גריכישען לעבען, אריינגעלאזט זיך אין נארישע תאוות, און אזוי ווי אין לאנד האבען אלע געלעבט רוהיג און צופרידען, האט מען זיך ניט אומגעקוקט וואס דערפון קען ארויס. אין יעדער צייט פלעגען זיך אבער געפינען צווישען יודען מענשען מיט א היילינען גייסט און מיט אפענע אויגען צו זעהן וואס ווייטער וועט זיך טהון, זיי האבען ניט געקענט קאלט בלוטיג בלייבען און האבען געמוזט געבען ווינקען אז אזוי דארף ניט זיין. מיר זעהען אז ווען די יודען האבען אנגעווארען דעם בטחון אין גאט, האט זיך אבגעזוכט דער ספר „איוב“ וואס ווייזט אז דעם זינדיגען מענשען איז שווער דעם אייבערשטענס דרכים צו פארשטעהן; ווען עס האבען זיך אנגעהויבען שטארקע רדיפות וועגען די געמישטע חתונות פון יודען מיט אנדערע פעלקער, איז ארויס די מגלה „רות“ וואס דערציילט ווי גוט און פרום עס איז געווען דווקא ניט קיין יודישע פרוי; און אזוי איז אויך געשעהן אין דער צייט פון יוסף'ן: פונקט ווען די יודען האבען זיך געלאזט פארפיהרען דורך זינדיגע תאוות און האבען ליב געהאט נאר די פרויען וואס האבען געקענט בעפרידיגען זייער ליידענשאפט האט זיך געפונען דער „שיר השירים“ וואס מאהלט אב מיט די שעהנסטע פארבען די ריינע היילינע אונשולדיגע ליבע, וואס ברענט אין דעם געטרייען הארץ פון

שולמית, אונ וואס שטעלט די גראסטע שאפערין מיט איהר ליעבע אויף דער האכסטער מדרגה.

נאך יוסף'ס טויט, האט דער קאניג איבערגעגעבען זיין שטעלע הורקנסן. נאר אז ער איז צוריקגעקומען קיין ירושלים האט ער דארט לאנג ניט געקאנט בלייבען איבער די ברידער, וואס זענען איהם געוועהן שונאים אונ דער כהן גדול שמעון דער צווייטער האט מיט זיי געהאלטען. ער איז באלד צוריק־געלאפען קיין אלכסנדריען אונ האט זיך דארט געוואלט קלאגען פארן קאניג, נאר אויף זיין אומגליק איז גראד דעמעלט פילאפאטער געשטארבען אונ אויף מצרים אליין איז געקומען אזא צרה אז מען האט איהם וועניג וואס געקאנט אין זין האבען. אנטיוכוס, דער מלך פון דעם אייבערשטען טהייל סיריען, אונ פיליפ, דער מלך פון מוקדון, האבען געוואלט צוטהיילען מצרים אונ אלע נעבען־לאנדער אונ עס האט זיך אנגעהויבען א מלחמה. יוסף'ס קינדער, וואס האבען געזעהענט אז ביי איין אנדער מלוכה וועלען זיי זיך קאנען ארויף־האפען אויפ'ן באנקעל, זענען צוגעשטאנען צו אנטיוכוס אונ האבען איהם גע־אפענט די טהויערן פון ירושלים. אונ אזוי איז נאך הונדערט יאהר וואס יהודה איז געשטאנען אונטער דער מאכט פון דיא פטאלאמעאיר, די ממשלה איבער דעם לאנד איבערגעגאנגען צו די סעלעיקידען.

רוהיג אבלויפען האט דאס אבער ניט געקאנט. מצרים האט ניט געשוויגען אונ האט ארויסגעשיקט איינעם פון די הויפטלייט פון אטאליען, סקאפאס, מיט גרויסען חיל אונ עס האט איהם אנגעהויבען גליקען. דאס ערשטע האט ער אבגענומען ירושלים אונ שטארק חרוב געמאכט די שטאדט מיט'ן בית המקדש. פיעל פון די איינוואהנער זענען זיך צולאפען אונ סקאפאס האט געמוזט איבערלאזען א גאנצע מחנה אין דער פעסטונג אקרא, כדי ער זאל האלטען אין דער מורא די וואס זענען געבליבען אין ירושלים. עס האט זיך שוין אויס־געוויזען אז אין יהודה וועט ווייטער הערשען דער יונגער קאניג עפיפאנעס, נאר אנטיאכוס האט זיך אנגעטהון א כח אונ האט גיך צושלאגען סקאפאסן מיט זיין גאנץ חיל. ער איז נאך אמאל אריין קיין ירושלים אונ מיט דער הילף פון די איינוואהנער האט ער באלד פערטריבען דאס חיל וואס איז געשטאנען אין אקרא, אונ דערפאר האט ער געהייסען שענקען די יודען די גראסטע פרייהייט, וואס זיי האבען נאר געוואלט, פארבעסערן דעם בית המקדש, פארעכטען די צובראכענע מויערן, אונ אויסער דעם האט ער געגעבען א בעפעהל אז קיינער

פון דיא פרעמדע פעלקער זאל ניט האלטען ביי זיך אזויגע חיות וואס זענען ביי די יודען טמא.

אז אנטיאכוס איז געווארען בעל הבית איבער סיריען און יהודה, האט ער געהאט ווייטע אויגען און אז ער האט דערשמעקט אז פערחאפען מצרים וועט איהם ניט געראטהען, ווייל דער ראמישער העלד האניבאל, וואס האט דעמאלט איינגענומען קרתגא שטעלט זיך איהם אין וועג, איז ביי איהם געבליבען אז ער זאל טאקי פון די ראמער אליין אויך מאכען תל און זאל אבנעהמען גאנץ קליין אזיען און גריכענלאנד, צו ליעב דעם האט ער בעזעצט אין עטליכע קליין־אזיאטישע שטאדט, ווי עפעזוס, סארדעס און פערגאמוס, צוויי טויזענד יודישע פאמיליען פון בבל, לידיען און פריגיען, ווייל ער האט געוואוסט אז זיי זענען איהם געטריי און ער האט זיך אויף וועמען צו פערלאזען. די יודישע קאלאניען וואלטען איהם געוויס געקאנט נוטצען ווען ער קריכט ניט צו ווייט און וויל ניט פארנעהמען א האלבע וועלט; ער האט זיך אבער זאטשעפעט מיט די ראמער, אודאי האט ער געהאט א מפלה און האט געמוזט נאך אבגעבען א סך ערטער, וואס האבען איהם שוין געהערט אין גריכענלאנד, זעהר פיעל שיפען און א חוץ דעם האט ער זיך געמוזט מתחייב זיין צו צאהלען זעהר א גרויסען שטראף און פאר א משכון האט ער געמוזט אוועקשיקען קיין רוים זיין צווייטען זוהן אנטיאכוס־עפיפאנעס. קיין מזומן געלד האט אבער אנטיאכוס ניט געהאט, האט ער אנגעהויבען ארויסצוטראגען די אוצרות וואס האבען זיך געפונען אין די טעמפלען; דאס האט שטארק פערדראסען דאס פאלק און מען האט זיך געמאכט פון איהם איין עק. נאך זיין טויט האט דער נייער קעניג סעלעוקוס דער פערטער אויך דאס אייגענע געטהון און אזוי זע־גען די סעלעוקידען אין גאנצען נמאס געווארען אין לאנד.

די לאגע פון די יודען אין דער צייט איז אויך ניט געוועזען אזוי פרעהליך, ווייל זיי האבען זיך זעהר וועניג אבגעגעבען מיט דעם אינווענינסטען לעבען און האבען נאר געזוכט צו זיין גוטע ברידער מיט פרעמדע פעלקער. שונאים האבען זיי געהאט גענוג פון אלע זייטען: די פלשתים, די אדומים און די שמרונים האבען ניט אויפגעהערט זיי ארויסצווייזען די אלטע פיינדשאפט. אודאי האבען זיי זיך געמוזט ווארפען צו די גריכען און ווערען מיט זיי נאהענט, חאטשי זיי האבען אויך געקוקט קרום אויף די יודען, ווייל זיי זענען ביז געווען, דערפאר וואס יוסף האט ביי זיי געריסען דעם מס מיט געוואלד,

אזוי האט זיך דעמעלט אויסגעארבייט א גאנץ גרויסע יודישע כתה וואס מען האט זי גערופען העלעניסטען, ווייל זיי האבען איבערגענומען די גאנצע הנהגה פון די גריכען, די אייגענע מנהגים, די אייגענע שפראכע, אונ אין דער כתה זענען געוועזען די גרעסטע אונ רייכסטע יודען, יוסף'ס אלע קינדער אונ אייניקלעך, א סך לוים אונ אויך דער כהן גדול יהושע וואס האט זיך א גריכישען נאמען געגעבען יאזאן. די העלעניסטען, פארשטעהט זיך, האבען שוין ניט געקאנט אזוי שטארק אכטונג געבען אויפ'ן יודישקייט אונ האבען אפט געמוזט טהון אפענטליך אזויגע זאכען וואס מען טאר ניט. די פרומע יודען האבען דארויף געקוקט מיט הארצוועהטאג אונ האבען אויף זיך גענומען שטרענג אבהיטען אלע פארערונגען פון דער אמונה, ניט אבטרעטען אפילו איין שריט פון דעם געזעץ, אונ אזוי איז פון זיי אויך געווארען א בעזונדער כתה „חסדים" וואס זענען געוועזען פונקט דער היפך פון די העלעניסטען. די הויפטראלע צווישען די חסידים האבען געשפיעלט צוויי גרויסע לייט וואס ווערן דערמאהנט אין „פרקי אבות": יוסי בן יועזר פון צרדה, וואס האט שטענדיג געבאטהען נאר לערנען „זיך וואלגערן ביי די פיס פון חכמים אונ מיט דארשט טרינקען זייערע ווארטער" אונ יוסי בן יוחנן פון ירושלים, וואס האט געהייסען זיך מעהר אבגעבען מיט פרומקייט, „עפענען טהיר אונ טויער פאר ארימע אונ ניט פיעל האבען צו טהון מיט ווייבער". צווישען די צוויי כתות איז געשטאנען דאס פאלק וואס האט קיין אייגענע פעסטע איבערצייגונגען ניט געהאט אונ האט געצויגען אהין וואו דער ווינד האט געבלאזען.

דער פרומער כהן גדול אניאס דער דריטער איז געוועזען א גרויסער געגנער פון די העלעניסטען אונ דערפאר האט ער געהאט א סך שונאים צווישען זיי. עפענטליך האבען ארויסגעוויזען זייער שנאה מעהר פון אלע יוסף'ס קינדער אונ דריי ברידער פון דער פארנעהמסטער משפחה פונ'ם שבט בנימין: שמעון, סענעלאוס אונ ליזימאכוס, יוסף'ס קינדער זענען אין כעס געוועזען אויף דעם כהן גדול דערפאר וואס ער האט געהאלטען מיט זייער יונגסטען ברודער הורקנוס, וואס דער יונגער קאניג פטאלאמעאוס־עפיפאנעס האט איהם איבערגעגעבען איינצומאהנען מס אין דער געגענד פון חשבון אונ מדבא פון יענער זייט ירדן, אונ ער האט דורך דעם אנגעקליבען א גרויס עשירות. הורקנוס איז אזוי רייך געווארען אז אחוץ דעם וואס ער האט זיך אויסגעבויעט א טהייערע פעסטונג האט ער אויך גרויסע סומען געלד אלע מאל אוועקגעשיקט אניאס'ן ער זאל עס בעהאלטען אין בית המקדש, אז איינער פון די דריי ברידער

שמעון וואס האט אויך געדיענט צווישען די לוים, איז געווארען א צו גרויסער עזות־פנים, אונ דער כהן גדול האט איהם אונ נאך עטליכע חברה־לייט געמוזט ארויסטרייבען פון ירושלים, האט שמעון גע׳מסר׳ט אניאס׳ן פאר דעם הויפטמאן אפאלאניוס אז אין בית המקדש געפינט זיך פרעמד געלד, וואס מען מעג עס צונעהמען פאר דער מלוכה. אפאלאניוס האט באלד דערפון צו וויסען געגעבען דעם קאניג אונ אזוי ווי ער איז טאקי געווען א שטארקער נצרך, ווייל ער האט נאך געמוזט צאהלען די רוימער דעם שטראף פאר׳ן פאטער, האט ער שוין געהייסען איינעם פון זיינע לייט, העליאדאר, פאהרען קיין ירושלים אונ חאפען דעם אוצר מיט ביידע הענד. אניאס האט זיך אפילו א קעגענגעשטעלט, דאס פאלק איז אויך געווארען שטארק אויפגעבראכט וואס א גאטצענדיענער וויל אריינגעהן אין יודישען היילינגטהום; העליאדאר האט אבער ניט געוואלט הערען אונ האט טאקי אויפ׳ן פלאץ בעקומען זיין עונש: קוים, דערצעהלט מען, האט ער נאר איין פוס געשטעלט אין בית המקדש, איז איהם באלד א קעגענגעקומען א מלאך אויף א ווייס פערד אונ האט איהם געטוידט.

שמעון האט זיך אבער דערמיט ניט בערוהיגט אונ האט פשוט געדונגען מארדער מען זאל הרג׳נען דעם כהן גדול, אז אניאס האט געזעהן אז ער איז מיט׳ן לעבען ניט זיכער, האט ער זיך ענטשלאסען אוועקצופאהרען קיין אנטיאכיען אונ איהם בעקאנט מאכען וואס עס געהט פאר צווישען די צוויי יודישע כתות. די כהונה האט ער איבערגעגעבען זיין ברודער יאזאן, אונ דא האט זיך ערשט אנגעהויבען א וועלט פאר די העלעניסטען, ווייל קוים האבען זיי שוין געהאט א כהן אויך פון זייערע לייט האבען זיי זיך שוין אויפגעהערט שאמען אונ האבען זיך צופיהרט די האנד גאר אויף איין אנדער אופן. אין דער צייט האבען זיך אפילו אנגעהויבען שטארקער הארען די ווערטער פון יהושע סירה, וואס האט זיך מיה געגעבען דורך משלים אויסצובעסערן דעם מעמד פון זיינע ברידער; די אונצופרידענהייט צווישען די כתות איז אבער אויך געווארען שטארקער, קיינער האט זיך ניט געוואלט קיין מוסר נעהמען, פון אמת׳ן שלום האט מען גאר ניט געקאנט רעדען אונ אזוי ווי עמיצער יאגט אין האלז אין האקען, אזוי האבען זיך די יודען געיאגט צום אומגליק.

פינפטעס קאפיטעל.

דאס העללעניזירען מיט געוואלד אין דער צייט פון אנטיאכוס עפיפאנעס.

(175—263 פאר קריסטוס געבורט. 245—238 פאר'ן חרבן בית שני)

צווישען אלע שלעק, וואס יודען האבען שוין איבערגעהאט אויף זיך, קאן מען מיט רעכט אבגעבען איינס פון די ערשטע ארטער אנטיוכוס עפיפאנעס, דעם בן מלך וואס דער פאטער האט איהם אוועקגעשיקט קיין רום, ער זאל דארט בלייבען פאר א משכון ביז ער וועט בעצאהלען דעם שטראף פון דער פערלארענער מלחמה מיט די ראמער. אנטיוכוס איז געוועהן א מענש גאר אהן אכאראקטער. קיין גאט אין הארצען האט ער ניט געהאט. געצויגען האט איהם מעהר צום שלעכטען אונ אין די צוועלף יאהר וואס ער האט פערבראכט אין דער גרויסער וועלט־שטאדט האט ער זיך ניט געוואלט צוקוקען צו די מעלות פון מענשען אונ האט זיך נאר אבגעלערנט די חסרונות. ניט אומזיסט האט מען פערביטען זיין נאהמען פון עפיפאנעס (דער ליכטיגער) אויף עפימאנעס (דער משוגענער). ער איז אבער געוועהן משוגע נאר פאר אנדערע אונ ניט פאר זיך: נאך אין רום האט ער אזוי געדרעהט אז זיין ברודער, דער נייער קאניג סעלעוקוס פילאפאטער איז מרוצה געווארען צו שיקען זיין זוהן דמיטריוס אויף זיין ארט, אונ אז אנטיוכוס האט נאר איין פרייען פוס געשטעלט איז שוין אויסגעוואקסען א הויפטמאן העליאדאר, וואס האט אויף זיין ווינק געהרג'עט דעם קאניג. האטשי די מלוכה וואלט בעדארפט אייגענטליך איבערגעהן צו דמיטריוס'ן, נאר אנטיוכוס האט באלד בעקומען צדדים, איינגענומען דעם קאניג פון פערגאמוס אונ זיין ברודער אטאלוס, אונ מען האט איהם פערהאלטען צו ווערען מלך. די ראמער האבען אויך צוגעשאקעלט מיטן קאפ, ווייל זיי האבען טאקי געוואלט דאס לאנד זאל ווערען שוואכער

און געוואוסט האבען זיי גוט אז אנטיוכוס'ס מלוכה וועט צו קיין גוטס ניט פירען.

פאר די העלעניסטען איז אנטיוכוס געוועזן ווי געוואונשען: זיי האבען באלד געזעהן אז דורך איהם וועלען זיי קאנען אלע זייערע באזע מחשבות אויספירען. דאס ערשטע האט מען תיכף געגעבען אנטיוכוס'ן צו פארשטעהן אז איהם מוז גאר ניט וואס נאהינט פון חזבון זיצט הורקנס און נעהמט צונויף מס פארן קאניג פון מצרים: אנטיוכוס האט פערשטאנען וואס ער האט צו טהון און נאר אין א קורצער צייט האט זיך הורקנס געמוזט דאס לעבען נעהמען און זיין גאנץ רייכקייט איז איבערגעגאנגען צו אנטיוכוס'ן. אז עס איז אזוי די העלעניסטען געראטהען צו מאכען איין עק מיט איינעם פון זייערע גרעסטע שונאים, האבען זיי אנגעהויבען טראכטען ווי אזוי צו פטר'ן דעם אנדערען שונא, דעם כהן גדול אניאס, וואס איז צוריקגעפאהרען צום קעניגליכען הויף זוכען גערעכטיגקייט. זיין ברודער יאזאן, וואס ער האט איהם דערווייל איבערגעלאזט אויף זיין ארט, האט געשיקט בסתר צו אנטיוכוס'ן מען זאל זינדרעדען אויף אניאסן אז ער האלט מעהר מיט די פטאלאמעער און מען זאל איהם צוזאגען א גרויסע סומע געלד דערפאר וואס ער וועט די כהונה איבערגעבען יאזאן. אויף געלד איז אנטיוכוס געוועזן דער ערשטער בעלן... מען האט מיט איהם פיעל ניט בעדארפט ארבייטען און יאזאן איז געווארען כהן גדול. דערנאך האבען די העלעניסטען אויסגעבעטען א הבד ביי אנטיוכוס'ן אז די יודען, וואס וועלען קאנען ארויסטרעטען אין די אפענטליכע שפיעלען וואס די גריכען פלעגען זיך מיט זיי אבגעבען און זענען בעשטאנען אין שפרינגען, לויפען, באָרען זיך, שלאגען זיך מיט קולאקעס, זאלען זיך רעכענען צווישען דיא עדעל-לייט פון דער מדינה. דער נייער כהן האט טאקע די גאנצע קדושה אריינגעלעגט אין די שפיעלען, ער האט געמאכט בעזונדערע שולען מען זאל לערנען דעם עולם דיא גרויסע חכמות, און אזוי ווי מיט א רעכטען קלאפ האט מען זיך געקאנט באלד איינקויפען אין יחוס, האבען זיך די יודישע קינדער גענומען צו די קונצען גאר מיט איין אנדער חשק. ציצית האבען די יודען אוועקגעלעגט אין א זייט. נאקעט פלעגען זיי ארויסגעהן אויפן פלאץ וואו די שפיעלען פלעגען פארקומען ווייל אזוי איז דער מנהג געוועזן. און עס איז געקומען דערצו אז פיעל יודען, וואס האבען ניט געוואלט מען זאל זיי דערקענען, האבען זיך אפילו געלאזט מאכען גע־

פֶאהרְלִיכֶע אַפֶּערַאצְיֶעס, אַבִּי מֶען זָאל מֵיינֶען אַז זֵיי זַיינֶען גֶעבְּאהרֶענֶע גְרִיכֶען.

מִיט שְׁרֶעק הָאבֶּען דִי פְרוּמֶע גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם וָואס דָא גֶעהט פָאר אוּנ הָאבֶּען גָאר נִיט גֶעקָאנְט טְהוּן; זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אִין וֶוענִיגְ־סְטֶענְס גֶעטְרֶאסְט דֶערְמִיט וָואס נִיט אַלֶע יוּדֶען הָאבֶּען נָאךְ פֶערְגֶעסֶען אִין גַאנְצֶען זֵייעֶר גָאט, אוּנ דָאס הָאבֶּען זֵיי גֶעקָאנְט אַרוֹיסְזֶעהן דֶערְפוּן, וָואס אֲפִילוּ צְווִישֶׁען דִיא הֶעלֶענִיסְטֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ סַךְ אוּנְצוּפְרִידֶענֶע וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט לֵיידֶען אַז יַאזָאן זָאל שִׁיקֶען מַתָּנוֹת פַאר דֶעם גְרִיכִישֶׁען גָאט הֶערַאקְלֶעס, אוּנ דִיא שְׁלִיחִים וָואס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט צוּלִיעבּ דֶעם גְרוֹיסֶען גְרִיכִישֶׁען יוֹם טוֹב הָאבֶּען בְּפֵירוּשׁ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַ תְּנַאי אַז דָאס גֶעלְד פוּן דִי מַתָּנוֹת מֶאגֶען זֵיי בֶּענוּצֶען אוֹיף אֵיין אַנְדֶער צְדָקָה. צוּם אוּנְגְלִיק אִיז אָבֶּער דִי צָאהל פוּן דִי פַייעֶרִיגֶע הֶעלֶענִיסְטֶען מִיט יֶעדֶען טָאג גְרֶאסֶער גֶעוָוארֶען אוּנ גָאר נִיךְ זַיינֶען שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אַזוֹינֶע וָואס יַאזָאן'ס יוּדִישְׁקַייט הָאט זֵייא שׁוֹין אוֹיךְ נִיט גֶעטוֹיגְט, אוּנ זֵייא הָאבֶּען בֶּעשְׁלָאסֶען אוֹיסְצוּקְלוֹיבֶּען נָאךְ אַ בֶּעסֶערְן כֹּהֵן. יַאזָאן פְלֶעגְט שִׁיקֶען אַלֶע נְתִינוֹת דוּרְךְ מֶענֶעלוֹים, דֶעם צְווֵייטֶען בְּרוּדֶער פוּן שִׁמְעוֹן וָואס הָאט גֶע'מַסֶר'ט אָנִיַאס'ן, אוּנ אַז מֶענֶעלוֹים הָאט גֶעזֶעהֶען ווִי טְהַייעֶר דִיא מַטְבֵּעַ אִיז בַּיי אַנְטְיוֹכוֹס'ן, אוּנ דֶערְצוּ הָאט עֶר נָאךְ אָבְּגֶערֶעט מִיט זַיין חֶבְרָה מֶען זָאל שְׁרַייעֶן אִין אֵיין קוֹל אַז מֶען ווִיל נָאר אִיהם, הָאט עֶר אִיהם צוּגֶעזָאגְט אֵיין מָנֶה יָפָה אַבִּי עֶר זָאל אִיהם מַאכֶען פַאר כֹּהֵן גָדוֹל. עֶר הָאט עֶס בַּיי אַנְטְיוֹכוֹס'ן בַּאלְד גֶעפוּעֶלְט אוּנ עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם מִיט אֵיין הוֹיפְטמַאן קַאסְטְרַאטֶעס אוּנ אַ סַךְ חַיִל, וָואס זָאלֶען אִיהם הֶעלְפֶען אַיינְמָאנֶען דָאס גֶעלְד וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַנְטְיוֹכוֹס'ן. יַאזָאן הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפֶען.

פַאר דֶעם נַייעֶם כֹּהֵן הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי רֶעכְטֶע אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט. אַ טְהֵייל הָאבֶּען נָאךְ גֶעהַאלְטֶען מִיט יַאזָאן, אַ טְהֵייל זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז דַארוֹיף וָואס אֵיינֶער פוּנ'ם שֵׁבֶט בִּנְיָמִין הָאט מִיט גֶעוַואלְד אַרַיינְגֶענֶעהַאפְּט דִי כְּהוּנָה אוּנ כִּמְעַט אַלֶע זַיינֶען אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען וָואס עֶר רַייסְט אַזוֹי פוּן טוֹירְטֶע אוּנ פוּן לֶעבֶּעדִיגֶע אוּנ בֶּענוּצְט זִיךְ נָאךְ מִיט דֶער הִילְף פוּן חַיִל. דֶערְצוּ הָאט עֶר נָאךְ נִיט גֶעקָאנְט הַאלְטֶען וָוארְט אוּנ הָאט אִין קֶענִיגְלִיכֶען הוֹיף נִיט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי סוּמֶע וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אִיז אוֹיף אִיהם אַנְטְיוֹכוֹס אוֹיךְ בֶּאז גֶעוָוארֶען. אַז מֶענֶעלוֹים הָאט בֶּעדַארְפְט

פאהרען זיך פארענטפערן און האט איבערגעלאזט אויף זיין ברודער ליזימאכוס, האט ער פערשטאנען אז דער בעסטער תירוץ וועט זיין א מזומן שטיקעל, און האט אויסגעלעדיגט די קאסע פון'ם בית המקדש. דערפון איז אבער געוואהר געווארען דער געוועזענער כהן גדול אניאס, וואס איז נאך אלץ געזעסען אין אנטיוכיען, און האט געבעטען מען זאל מענעלאוס'ן בעשטראפען פאר אזא שרעקליכע עבירה ווי אנריהרען הייליגע געלט. נאר מענעלוים האט אבגעשמועסט מיט דעם שני למלכות אנדראניקוס ער זאל זעהן איין עק מאכען מיט דעם אלטען כהן, און ער האט איהם טאקע ארויסגענארט פון דעם ארט, וואו ער איז געווען בעהאלטען, און האט איהם דערהרג'ט. דער טוידט פון דעם פרומען אניאס האט אנגעמאכט אזא רעש אפילו ביי די גריכען און די סיריער, אז אנטיוכוס האט געמוזט בעשטראפען דעם רוצח אנדראניקוס.

מענעלוים האט אבער גוט געקאנט אנטיוכוס'ן און האט געוואוסט אז זיין גאנצע רוגז קען מען פארענטפערן מיט געלד, און דעריבער האט ער בעפוילען זיין ברודער ליזימאכוס ער זאל איהם טאקע ווייטער שיקען די גאנצע הכנסה פון'ם בית המקדש. דאס האט שוין אבער קיין סוד ניט געקאנט בלייבען, און אז דאס פאלק האט דערפון דערהערט איז געווארען א גרויסע מרידה און מען האט געוואלט פשוט צורייסען די ביידע ברידער וואס האבען גערויבט אזא הייליג צדקה־געלד. ליזימאכוס האט זיך אבער געשיצט דורך זיין חברה וואס האט געהאט כלי זין און זייער פיהרער איז געווען א ב ב ן, א שלעכטער מענש און א פערברענטער העלעניסט. מען האט אבער מיט'ן צורייצטען פאלק גאר ניט געקאנט מאכען און ליזימאכוס איז דער'הרג'ט געווארען. מענעלוים האט פארקלאגט די יודען פאר'ן קעניג אז זיי זענען מורד במלכות און אנטיוכוס האט געזעצט שופטים מען זאל אויסהערען ביידע זייטען. די יודען האבען פון זיך געשיקט דריי שליחים זיי זאלען דערווייזען וואס פאר איין עולה די צוויי כהנים האבען געטהון; מענעלוים איז אבער געווען תקיף און איהם צוליעב איז ארויס א גערעכטער משפט אז מען זאל די יודישע שליחים טייטען. אזוי איז מענעלוים געווארען נאך א גרעסערער חשוב ביי אנטיוכוס'ן און ווער שמייעסט אז ער האט אנגעהויבען אויסצורעדען כל הרעות אויף יודען, אויף זייער גלויבען, אויף זייער תורה, און שרייען אז מען מוז דאס פאלק עוקר מן השרש זיין, האט ער אנטיוכוס'ן פשוט א נייע נשמה אריינגעזעצט. דער גיפט פון מענעלוים

רְכִילוּת איז טאָקע טיעף צריין אין האַרץ פון אַנְטִיוֹכוּסן, אונ אַזוי וויא ער האט אַלץ געדענקט אַנצופאַלען אויף מִצְרַיִם, האט ער אָנגעהויבען שטאַרק טראַכטען ווי אַזוי ער זאָל זיך בעוואָרענען פאר די שֶׁעדליכע יודען, וואס ער האט זיי געהאַלטען פאר אינווענינגסטע שוֹנְאִים.

אויף אַ מִלְחָמָה האט אַנְטִיוֹכוּס ניט בעדאַרפט לאַנג וואַרטען. זיין שוועסטער קְלֶעאָפַּאטְרַא, די פרוי פון פטאלאֶמעאוס דעם פינפטען, איז געשטאָרבען אונ עס זענען איבערגעבליבען צוויי קליינע זיהן, פילאמעטר אונ פּהִיסְקָאן. דער עלטערער איז ערקלערט געוואָרען פאר קעניג, נאָר אַזוי ווי ער איז נאָך געוועהן יונג, האָבען זיינע צוויי אַפּטרוֹפְּסִים, קוֹלֵיים אונ לֶעגֵיים, געפיהרט די מְדִינָה. אַנְטִיוֹכוּס האט זיך געמאַכט איין אויס־רעד אַז ער מוז שיצען זיין שוועסטערס קינד אונ אַזוי וויא די ראָמער, וואס נאָר פאר זיי האט ער בעדאַרפט מוֹרָא האָבען, זענען דעמאָלט גע־וועהן פאַרנומען אין דער מִלְחָמָה מיט פערזעאוס, דעם מֶלֶךְ פון מוקדון, איז ער מיט גרויס חַיִל אַריבערגעטרעטען די גרעניץ פון מִצְרַיִם. פילאמעטר מיט זיינע אַפּטרוֹפְּסִים האָבען געמוזט ענטלויפען אונ דאס פאלק האט דער־וועיל אויסגעקליבען דעם יונגערן ברודער פּהִיסְקָאן פאר קעניג אונ האט זיך מיט גרויס גְבוּרָה געוועהרט אַקעגען דעם נייעם בַּעַל טוֹבָה. אַז אַנְטִיוֹכוּס האט געגעבען אַ קוק אַז ער שטעהט שְׁטָאל האט ער זיך ווייטער פאַר־שטעלט פאר אַ געטרייען פעטער וואס מיינט נאָר די טוֹבָה פון יְתוֹמִים אונ האט געשיקט נאָך פילאמעטרן אַז ער האט זיך נאָר אומזיסט דער־שראָקען, וועיל ער נעהמט זיך אָן טאַקי נאָר זיין קריוודע. מיט אַזאַ אויפ־טהו האט זיך אַנְטִיוֹכוּס ווייטער גענומען צופיהרען די האַנד אונ איז אַלץ מיט זיין חַיִל אַריין טיעפער אין לאַנד.

אין יְהוּדָה האט מען שטאַרק אַרויסגעקוקט אַנְטִיוֹכוּס זאָל האָבען איין מַפָּלָה וועיל אין האַרצען האט יעדער געהאַלטען מיט מִצְרַיִם וואו די לאַגע פון די יודען איז געוועהן נאָר ניט שלעכט אונ וואו פיעל פון די אונצופרי־דענע, וואס האָבען געמוזט פערלאַזען זייער הֵיים, האָבען געפונען שוץ אונ פריינדליכקייט. פלוצים איז אַרויס אַ קול אַז אַנְטִיוֹכוּס איז געפאַלען אונ באַלד האט זיך אָנגעהויבען אין יְרוּשָׁלַיִם אַ שרעקליכע קריעג טאַקע פון די היימישע איינוואוינער. דער פריהעריגער כֹּהֵן יאַזאָן איז צוריקגעקומען מיט אַ גרויסער מַחֲנֶה אונ מענעלויס האט זיך געפרובט פערשליסען די טויערען אונ זיי ניט אַריינלאָזען, נאָר אַזוי ווי ער האט געהאַט אין שטאָדט געגוג

שונאים איז יאזאנען געראטהען צריין קיין ירושלים אונ מענעלוים האט געמוזט אבטרעטען קיין עקרא אונ דארט בלייבען אין דער פעסטונג. דערווייל איז אנטיוכוס צוריקגעגאנגען פון מצרים אנגעשטאפט מיט געלד אונ עס האט זיך איהם פערלוסט זיך א ביסעל א שפיעל טהון מיט די יודען, ווייל עס האט איהם פערדראסען פאר וואס מען האט אין ירושלים געמאכט אזא מרידה. ער האט דארף אנגעמאכט א שאנע חתונה, בלוט איז גערינען אין די גאסען אונ א תוך דעם דאט ער אבגעראבעוועט אלע טהייערסטע זאכען פונם בית המקדש, דעם מזבח, דעם שולחן, די מנורות אונ אלע איבריגע גאלדענע כלים. מענעלוים האט איהם געוויזען וואו יעדע זאך ליגט, אונ ער האט אלדינג צוגעהאפט מיט ביידע האנד. ער האט זיך אבער ניט בעגנוגט נאר מיט ראבעווען גאלד אונ זילבער, ער האט זיך אויך ענטשלאסען צוצונעהמען ביי די יודען דאס בעסטע פון אלע אוצרות—דאס ריינקייט פון זייער אמונה. ער האט ארויסגעלאזט א שם אז ער האט אין קדשי קדשים געפאנגען פון שטיין אויסגעהאקט א מענשען רייטענדיג אויף איין עזעל מיט איין בוך אין די האנד, אונ באלד האבען די שונאים אויפגעהאפט דאס נייעס, אונ געדרינגען אז דאס איז דאס געשטאלט פון משה רבינו אונ אז די יודען דינען צו איין עזעל. אויסער דעם האט ער אויסגעטראכט אז אין בית המקדש האט ער געטראפען ליגען אין א בעט א פארמוטשעטען גריכע, וואס האט איהם דערצעהלט אז יעדעס יאהר הרגנען די יודען איין אנדערען גריכע אונ עסען אויף זיינע געדארם. אזא ליגען מיט א ווארטצייכען איז דווקא באלד צריין אין די אויערען פון די גריכען אונ דערפון אליין קאן מען ארויסזעהן ווי אמת די פריינדשאפט איז געוועהן וואס די גריכען פלעגען קלאמערשט בעווייזען די יודען אונ ווי וועניג די ביידע פאלקער האבען זיך איינס דאס אנדערע געקענט.

א שווארצע המארע האט זיך אנגערוקט אויף יהודה, נאר דערמיט האט זיך עס נאך ניט געענדיגט. אנטיוכוס האט נאך א מאהל אנגעהויבען א מלחמה מיט מצרים, אונ די יודען איז באשערט געוועהן צו חאפען די שיבים. אין מצרים האבען ביידע יורשים פון דער מלוכה שלום געמאכט, אונ דיא שטאדט אלכסנדריען האט אויפגענומען פילאמעטארן פאר קאניג. אנטיוכוס האט שוין געהאט צו וואס זיך צו טשעפען, אונ אזוי וויא ער האט נאך אלץ גערעכענט אז די רוימער האבען צו טהון מיט מוקדון אונ קאנען זיך ניט מישען אין פרעמדע עסקים. האט ער זיך מיט זיין חיל צו-

געריקט ביז צו דער הויפטשטאדט. די מלכים פון מצרים האבען אבער באלד צו וויסען געגעבען די רוימער און געבעטען הילף. דאס איז געוועהן פונקט ווען די רוימער האבען גוט צושלאגען דאס חיל פון מוקדון און דער מלך פערסאוס איז אנטלאפען. די רוימער האבען תיכף געשיקט שליחים צו אנטיוכוס'ן ער זאל זיך שוין געהן זיין וועג. נאר ער האט געבעטען מען זאל איהם געבען צייט ער זאל זיך בעטראכטען. איינער פון די שליחים האט געמאכט מיט'ן שטעקען אין זאמד א ראד און האט איהם גאנץ קלאר געזאגט, אז נאר אזוי פיעל צייט האט ער אויף צו געבען תשובה ווי פיעל עס וועט געדויערן ביי איהם ארויס צוטרעטען פון דער ראד. אנטיוכוס האט פערשטאנען אז מיט די רוימער טאר מען זיך ניט שפיעלען, האט ער געמוזט איינבויגען דעם קאפ און האט זיך נאך געמוזט געבען א קניפ אין דער באק כדי די פארב זאל שטעהן. דערפאר האט ער זיין שווער הארץ נאך אמאל אויסגעלאזט צו די יודען.

אויפ'ן בעפעהל פון אנטיוכוס איז איינער פון זיינע הויפטלייט אפאללאניוס געקומען קיין ירושלים און לכתחלה האט מען דערפון קיין שום שלעכטס ניט ערווארטעט. באלד האט זיך אבער ארויסגעוויזען צו וואס אפאללאניוס איז געשיקט געווארען. דעם ערשטען שבת, ווען די יודען האבען גערוהט און קיינער האט זיך אויף גאר ניט געריכט, איז ער ווי א צורייצטער וואלף אנגעפאלען אויף די איינוואהנער אויסגעהרג'עט די בעסטע בעלי בתים, ווייבער און קינדער אוועקגעפיהרט ווי שקלאווען. ווער עס האט נאר געקאנט איז אנטלאפען. פון דער הויפטשטאדט איז געווארען א תל, די שאנסטע הייזער האט מען צושטערט, די פעסטונגען צובראכען, קיין לעבעדיגען מענשען האט מען ניט געזעהן אויף דער גאס ווייל אלע העלעניסטען מיטן חיל האבען זיך געפונען אין עקרא. נאר דעם בית המקדש האט אפאלאניוס ניט אנגערירט: מענעלויס האט געגעבען צו פארשטעהן אנטיוכוס'ן אז עס איז געקומען די בעסטע צייט נייטהען די יודען מיט געוואלד זיי זאלען איבערגעהן צום גריכ'שען גאטעסדיענסט פונ'ם מיטבען זאל ווערען א טעמפעל פון עבודה זרה און ער זאל בלייבען דארט א כהן. אנטיוכוס'ן האט מען ניט בעדארפט לאנג בעטען און ער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אומעדום אין אלע יודישע בתי תפלה זאל מען אביינשטעלען גאטצענבילדער און וואס פאר א יודען מען וועט חאפען אז ער

האט מל געוועהן זיין קינד, היט אב דעם שבת אונ עסט כשר'ס, זאל מען איהם בעשטראפען מיט'ן טויט.

אנטיוכוס האט גערעכענט אז צוברעכען דעם גייסט פון א פאלק איז אזוי גרינג ווי צונעהמען דאס לעבען ביי א מענשען — אונ האט א גרויסען טעות געהאט. אז ער האט געהייסען אין בית המקדש אריינשטעלען איין אבגאטט, אז מען האט דארט געבראכט פאר א קרבן א חזיר, מיט'ן בלוט בע־שפריצט אלע היילינע זאכען אונ מענעלוים מיט זיין חברה האבען זיך גענוצט עסען דאס חזיר־פלייש ביים פייער, אין וועלכען מען האט פאר־ברענט די תורה, האט ער געמיינט אז ער האט שוין געעקט מיט'ן גאנ־צען יודישקייט. דאס האט זיך איהם נאר אבער אזוי אויסגעוויזען. אין דער שרעקליכער פינסטערער צייט האט מען ערשט געקאנט ארויסזעהן ווי פיעל אמת'ע יודען זענען דא, וואס קיין כח אין דער וועלט וועט זיא ניט אברייסען פון זייער אמונה. חאטשי מען האט זעהר שטרענג אבטונג געגעבען די יודען זאלען טריי בלייבען דעם גריכישען גאטצענדיענסט, פיעל פון זיי אנגעטהון ענוים קשים, פון דעסטוועגען האבען זיא מיט די לעצטע כוחות מלחמה געהאלטען פאר זייער אלטען גלויבען. די וואס האבען גע־וואהנט צווישען גריכען אין דארפער אונ קליינע שטאדט אונ האבען ניט געקאנט אוועקווארפען זייערע ערטער, האבען קלאמערשט לפנים זיך געפיהרט ווי גריכען אונ בסתר האבען זיי געדיענט דעם יודישען גאטט; פיעל וואס האבען זיך אפילו ניט געוואלט פארשטעלען זענען זיך צולאפען אונ האבען זיך דערהאלטען אין די טיעפסטע היילען; עס האבען זיך אבער אויך גע־פינען אזעלכע וואס האבען געוואלט פריי ווייזען דעם שונא אז א יוד קאן פאר זיין אמונה דאס לעבען אוועקגעבען, זיי האבען אפענטליך מקדש השם געוועהן, אונ מיט בעהארצקייט אקעגענגעגאנגען דעם טויט. אזוי האט אין זיבעציגיען איינער פון די בכבוד'סטע יודישע זקנים ר' אליעזר. מיט שמחה אנגענומען דעם טויט אונ האט ניט געוואלט עסען קיין טריפה'ס; אזוי האט א מאמע מיט זיבען זיהן זיך אבגעזאגט פונ'ם לעבען אבי זיי זאלען שטארבען יודישע קינדער; אזוי האבען טויזענדער יודען געענדיגט וויא קדושים אונ אז דער הויפטמאנן פיליפוס איז אין א שבת אנגעפאלען אויף א סך יודישע משפחות, וואס זענען געלעגען בעהאלטען אין א היל, אונ האט ביי זיי געפאדערט זיי זאלען מחלל שבת זיין, האט זיי אפילו די סכנה ניט געקאנט ארויפברענגען זיי זאלען זיך אים שבת חאפען

צו גלי זיין, זיי האבען זיך ניט געוועדערט אונ מיט א שטילען זיפץ אויסגעהויכט די נשמה.

אזוינע העלדען האבען זיך ארויסגעוויזען צווישען די יודען אונ ווייער טויז האט געשטארקט די וואס זענען געבליבען לעבען, חאטשי דאס לעבען איז געוועהן זעהר א ביטערס, ווייל מען האט ניט געזעהן קיין שיין פון האפנונג: קיין איינציג טראסט-ווארט פון א נביא האט זיך ניט געלאזט הערען ווי פארציייטענס, קיין איינציג שטערנדיל האט ניט געוואלט א ויסקוקען פון די שווארצע וואלקענס אונ עס האט זיך שוין געקאנט אויסגלייכען אז איין עבינע נאכט האט זיך אנגעריקט אויף יהודה.

זעקסטעס קאפיטעל.

די מכבים (מאקאבעער).

(פון 167—160 פאר קריסטוס געבורט. 230—237 פאר'ן חרבן בית שני)

די יודישע געשיכטע האט ניט איין מאל געוויזען אז ווען דאס וואסער דערגרייכט טאקי ביז'ן האלז, איז די הילף שוין גאר נאהענט, אונ דאס איז אויך געשעהן אצינד. ווען אנטיוכוס האט שטארק איבערגעצויגען דעם בויגען, ווען זיינע הויפטלייט זענען אומעדום ארומגעלאפען ווי אוילדע חיות אונ קיין אמת'ער יוד, מיט יודישע מדות, מיט א יודישער הנהגה, האט זיך זיי ניט געטארט ווייזען פאר די אויגען, האט זיך אין א קליין שטאדטעל מודין, ניט ווייט פון ירושלים, געפונען איין איינציגע משפחה, וואס דער פונק פון יודישקייט האט דארט ניט אויפגעהערט צו גליהען, אונ וואס די רדיפות זענען געווארען גראסער האט זיך דער פונק

איוך מעדר צובּרענט אונ עס איז ארוים א העליש פייער. דאס איז נעווען דער אלטער כהן פון די חשמונאים, איינע פון די שאנסטע משפחות אין יהודה, מתתיהו בן יוחנן, מיט זיינע פינף זיהן: יוחנן שמעון, יהודה, אליעזר אונ יונתן. אז איינער פון די סירישע הויפּטלייט, אפעללעס, איז געקומען קיין מדין אונ האט געוואלט די איינוואהנער נייטהען זיי זאלען דיענען די עבודה זרה, וואס ער האט דארט געהייסען שטעלען, האט זיך מתתיהו אקעגענגעשטעלט אונ האט מיט זיינע איינענע האנד דערהרגט דעם ערשטען יודען וואס האט געוואלט צו ליעב טהון אונ מקריב זיין א קרבן ביים מזבח פונ'ם אבגאטט. דאס איז געווען דער ערשטער צייכען אונ באלד זענין ארוים מתתיהו'ס אלע זיהן מיט מעסערס אונ עס איז ניט געבליבען קיין שריד ופליט פון דער גאנצער סירישער חברה. פון דעמעלט אן האט זיך אנגעהויבען זאמלען ארום מתתיהו'ן אונ זיין משפחה א גאנצע מחנה, צו זיי זענין צוגעקומען אסך פון די יודען וואס פלעגען ליגען בעהאלטען אין די היילען, אונ אזוי איז געווארען א גאנצע מאכט וואס אנטיוכוס האט זי געמוזט דערפיהלען. קיין אפענעם קריעג האט מתתיהו נאך ניט געקאנט אנהייבען, ווייל די צאהל פון זיינע לייט איז ניט געווען אזוי גרויס; נאר ווייל ער האט מתיר געווען אז צו ליעב א סכנה זאל מען מעגען זיך שלאגען מיטן שונא אים שבת, אונ א חוץ דעם האבען די יודען בעסער געקענט די געגענד אונ האבען געוואוכט וואו זיך צו בעהאלטען צווישען די בערג, פלעגען שוין די סירער ניט איין מאל חאפּען דעם פּסק פון דעם אלטען כהן מיט זיין כנופיא.

אזוי האט מתתיהו ביסלעכווייס געשטערט אנטיוכוס'ן אונ געשטארקט דאס יודישקייט; ער איז ארויסגעפאהרען אין אלע נאהענטע ערטער אונ אבטונג געגעבען אז יודען זאלען מל זיין די קינדער אונ אבהיטען די דינים פון דער תורה. פאר'ן טויט האט ער בעשטימט אז זיינע לייט זאלען בלייבען אונטער דער השגחה פון שמעון, וואס איז געווען זעהר קלוג אונ געקאנט געבען די בעסטע עצות, אונ יהודה וואס איז געווען איינער פון די גרעסטע גבורים, געבענשט מיט אלע מעלות. שטארק ווי א לאב אונ גוט ווי א טויב. יהודה האט שוין איינגעפיהרט אין זיין מחנה מעדר ארדנונג, ווי עס דארף צו זיין ביי חיל, אונ אז איינער פון

אַנְטִיאָכוּס'ס הויפְּטְלַייט, אַפָּאללָאנִיוּס, אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אויף אִיהם, הָאט עֶר פון אִיהם אונ פון זַיינֶע לַייט גֶענָמאַכְט אַתֵל. דָאס אִיז גֶעוֶועהן דיא עֶרְשְׁטֶע מִלְחָמָה וָואס יְהוּדָה הָאט גֶעפִיהְרְט מִיט דִי סִירְיֶער אונ זַיין נִצָחוֹן הָאט דיא יוּדֶען אַיינְגֶעגֶעבֶּען אַזוֹי פִיעל חֵשֶׁק, אַז וֶוען בַּאלְד דֶערְנָאךְ הָאט אַנְטִיאָכוּס גֶעזֶענְדֶעט זַיין הויפְּטְמַאן חָרָן מִיט וָועהר פִיעל חַיִל אונ דֶערְצוּ הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ גֶעפוּנֶען בַּעֲלָנִים פון דִי הֶעלְלֶענִיסְטֶען וָואס הָאבֶּען דִי סִירְיֶער גֶעוויזֶען דֶעם וֶועג צְווישֶׁען דִי בֶּערְג הָאט זִיךְ יְהוּדָה גָאר נִיט דֶערְשְׁרָאקֶען אונ חָאטְשֶׁע דֶער שׂוֹנֵא אִיז גֶעוֶועהן פִיעל מָאל גְרֶעסֶער, הָאט עֶר מִיט אַיין קְלַאפּ אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט אַכְט הוּנְדֶערְט סִירְיֶער אונ דיא אִיבְּרִיגֶע זֶענֶען זִיךְ צוּלָאפֶען אונ הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט אַנְטִיוכוּס'ן דִי וִויסְטֶע בְּשׂוֹרָה, מִיט וָואס עֶס הָאט זִיךְ אויסְגֶעלָאזְט דִי מִלְחָמָה בֵּיי בֵּית־חָרָן.

אויף אַזאַ זַאךְ הָאט זִיךְ אַנְטִיוכוּס נִיט גֶערֶעכְנֶט אונ עֶס אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיעבֶּען עֶר זָאל זִיךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ גֶעהֶמֶען צוּ דִי יוּדֶען. עֶס אִיז אָבֶּער גְרַאד אויסְגֶעקוּמֶען פּוּנְקְט אִין דֶער צַייט וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארֶען גֶעעֶנְגְט פון אַלֶע זַייטֶען, אַרְזַאצֶעס דֶער מוֹשֵׁל פון פַּארְטִיעֶן, אוּן אַרְטַאקְסִיאַס, דֶער מֶלֶךְ פון אַרְמֶענִיעֶן, הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען עֶר זָאל אִיבֶּער זֵיי הֶערְשֶׁען; דִי אַיינְוואהְנֶער פון אַרַאדוּס אונ אַנְדֶערֶע פְּהֶענִיקִישֶׁע שְׁטֶאדְט הָאבֶּען אויךְ אויפְגֶעהֶערְט צוּ צָאהלֶען מַס, אונ פון דִי יוּדֶען הָאט עֶר אַוַדַאי נִיט גֶעזֶעהֶן קַיין הַכְנָסָה. אִין אַזאַ לַאגֶע אִיז אִיהם שְׁוֶוער גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבֶּען אַרֶעכְטֶע מִלְחָמָה אונ אָבֶּרֶעכֶענֶען זִיךְ מִיט דִי שׂוֹנְאִים, ווייל עֶס הָאט אִיהם גֶעפֶעהלְט גֶעלְד. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער בַּאלְד אַיין עֵצָה גֶעגֶעבֶּען אונ גֶעדוּנְגֶען גְרוֹיס חַיִל; עֶר הָאט עֶס צוּטְהֵיילְט אויף צְוֵויי מַחֲנוֹת, אַיינֶע זָאל פִיהְרֶען קְרִיעג מִיט דִי פֶּאלְקֶער, וָואס הָאבֶּען זִיךְ בֶּעפְרֵייעֶט פון זַיין מַאכְט, אונ דִי אַנְדֶערֶע. וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער הַשְׁגָחָה פון זַיין קָרוֹב לִיזִיאַס, זָאל גָאר אִין גַאנְצֶען אָבְּמֶעקֶען דֶעם זֵכֶר פון יְהוּדָה, ווייל אַנְטִיוכוּס הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אוּיס הַרְגֶנֶ'ן אַלֶע יוּדֶען, אונ אֲפִילוּ דיא הֶעלֶענִיסְטֶען אויךְ.

אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד אִיז דַאמָאלְס גֶעפַאלֶען אויף דִי יוּדֶען. אֲפִילוּ דיא וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועהן וַוייט פון יוּדִישְׁקַייט זֶענֶען אויךְ נִיט זִיכֶער גֶעוֶועהן מִיט'ן לֶעבֶּען. פון אַלֶע זַייטֶען הָאט מֶען גֶעקוּקְט אויף יְהוּדָה'ן ווי אויף אַבֶּעשִׁיצֶער, נָאר דָאס הָארֶץ הָאט פָּארְט גֶעצִיטֶערְט, טָאמֶער וֶועט עֶר נִיט קָאנֶען בֶּעשְׁטֶעה'ן גֶעגֶען אַנְטִיוכוּס'ן. אִין דֶער צַייט אַז דֶער חֵלֶק אִיז שׁוֹין אויף דֶעם הַאלְ'ן

געלעגען האט מען זיך גענומען בעקאנט מאכען דעם עולם די צוויי ספרים „דניאל" אונ „מגלת אסתר". „דניאל" בעשרייבט מיט וועלכע וואונדער'ס זענען ניצול געווארען פונ'ם טויט דניאל, חנניה, מישאל אונ עזריה אונ וואס פאר אנאטליכער כח האט זיי צוגעבונדען צו זייער הייליגער אמונה, האטשי זיי זענען אויפגעוואקסען אין הויף פון דיא כאלדעאישע אונ פערסישע קעניגע. אונ דערפאר איז דאס בוך מעהר אנגענומען געווארען ביי דיא פרומע וואס האבען געגלויבט אין נסים אונ האבען געהאפט אז גאט וועט אויך איצט זיין פאלק אבראטעווען דורך א וואונדער, דערצו איז נאך אין „דניאל" בפירוש געשטאנען א ריינער ווינק אז אין פירטהאלבען יאהר וועט זיך אנהייבען די ישועה. די מגילה פון „אסתר" דערצעהלט אבער וויא אזוי דער אייבערשטער האט געשיקט זיין רפואה צו דער מכה אויף איין נאנין נאטירליכען אופן אונ דיא ליעבע פון אחשורוש צו א פראסט יודיש מאדעל האט מבטל געוועהן דיא ביטערע גזירה וואס אלע המן'ס פון אלע דורות וואלטען זי געוואלט זעהן, אונ דערפאר האבען די מגילה אויפגעהאפט אלע וואס האבען ארויסגעקוקט אויף א הילף מיט א דרך הטבע.

דערווייל איז די געפאהר געווארען אלע מאהל גרעסער. איינער פון די סירישע הויפטלייט, גארגיאס, האט זיך צוגערוקט צו יהודה מיט פירציג טויזענד מאן, אונ די אלטע יודישע גוטע פריינד, ווי די פלשתים אונ שומרונים, האבען אויך צוגעהאלפען. גארגיאס איז געוועהן ביי זיך אזוי זיכער אז דיא מלחמה וועט איהם געראטהען, אז ער האט שוין מיט זיך מיטגעפיהרט שקלאווען־האנדלער מען זאל ביי איהם קויפען געפאנגענע יודען. יהודה האט אבער אויך ניט געדרימעלט ער האט שוין געהאט זעקס טויזענד מענשען. אונ איידער ער האט זיך געלאזט אין דער מלחמה אריין האט ער ארום זיך פערזאמעלט דאס פאלק אין מצפה. פונקט וויא ניין הונדערט יאהר צוריק האט דאס איינענע געטהון שמואל אין א עת צרה.

נאך א שטרענגען תענית אונ א היים געבעט צוא גאט, האבען זיך אלע געפיהלט בעהערצט אונ די פריהערינע אימה איז איבערגעביטען געווארען אויף א פעסטען בטחון. יהודה האט אויסגעפילט דאס געזעץ פון דער תורת ז"נ האט ארויס געגעבען א בעפעהל אז אללע וואס האבען ניט לאנג חתונה געהאט, אויסגעבויעט א הויז, געפלאנצט א ווייןגארטען, אדער פיה־ לען זיך גלאט אזוי ניט אין כח, זאלען בלייבען אין דערהיים. נעדר וועניג

יודען האבען זיך אבער בענוצט דערמיט און יהודה איז מיט זיין מחנה ארויסגעגאנגען דעם שונא אקעגען ביז אמוס. נארניאס האט געדעקט אי-בערצופאלען די יודען ביי נאכט, נאר יהודה האט עס פערשטאנען און קוים איז געווארען פינסטער האט ער זיך מיט זיין גאנצער מחנה אוועקגערוקט אין א זייט. ביי נאכט איז טאקע נארניאס אנגעפאלען אויפ'ן יודי'שען לאגער און אז ער האט דארט קיינעם ניט געפונען האט ער געמיינט אז די יודען זענען אנטלאפען און האט זיך גענומען זיי נאכיאגען. אין דער צייט אבער וואס נארניאס האט נאכגעיאגט די יודען, זענען זיי דערווייל אנגעפאלען אויפ'ן סירישען לאגער און אזוי האבען זיי געוויגען די מלחמה און האבען צוגענומען ביים שונא א סך כלי זיין און געלד וואס די שקלאווען-האנדלער האבען אנגעגרייט צו קויפען זייער פרייהייט.

ניט לאנג האט זיך יהודה אבער געקאנט אברוהען: עס איז נאך קיין יאהר ניט אוועקגעגאנגען זייט די סירער האבען געהאפט א פסק ביי אמוס, האט ליזיאס אליין נאך א מאהל אנגעהויבען א מלחמה מיט די יודען און עס איז גאר ביי איהם מעהר קיין ספק ניט געווען אז דאס מאל מאכט ער פון זיי איין עק. ביי בית-צור, פינף שעה פון ירושלים, האט זיך בעגעגענט דאס סירישע חיל מיט יהודה'ס צעהן-טויזענד מאנן און גאטט האט ווייטער געשענקט דעם נצחון דעם יודישען גבור. מיט חרפה האט ליזיאס געמוזט אבטרעטען און האט זיך נאך געטראסט מיט דעם געדאנק, אז ער וועט זיינם ניט שענקען און שפעטער אויספיהרען דאס שליחות וואס אנטיוכוס האט איהם איבערגעגעבען. דערווייל האבען די שונאים אויפגעהערט צו האבען אזא שליטה אין יהודה, און נאר אין אקרא האבען זיך נאך געפונען עטליכע אלטע עקשנים פון די העללעניסטען מיט זייער פארשטעהער מענעלוים.

נאך דעם וואס דאס גליק האט אזוי געשפיעלט יהודה'ן אין ביידע מלחמות, און עס איז דערווייל אוועקגעגאנגען דריי מיט א האלבען יאהר זייט די גזירות פון אנטיוכוס האבען זיך אנגעהויבען, האבען פון איין זייט די פרומע געזעהן אז גאטט פערלאזט ניט זיין פאלק און אז דאס וואס שטעהט אין „דניאל" הייבט אן מקוים צו ווערען, און פון דער אנדערער זייט איז דאס פאלק געווארען ביי זיך שטארק און האבען פערשטאנען אז זיי קאנען שוין זייער תורה בעשיצען. יהודה האט זיך ענטשלא-סען אריינגעהן קיין ירושלים און אויפריכטען די יודישע הויפטשטאדט.

וואס איז די גאנצע צייט געוועהן פערוויסט, כמעט נאר אהן איינוואהנער. זיין ערשטע ארבייט איז געוועהן אויסצוריינינגען די שטאדט פון די גאטצענבילדער און צוריקגעבען דעם בית המקדש דעם הייליגען גלאנץ וואס ער האט פריהער געהאט. דריי וואכען האט געדויערט ביז מען האט געמאכט נייע טויערן, איבערגעביטען דעם פעראומריינינגטען מזבח און אריינגעבראכט שפאגעל נייע כלים און דעם פינף און צוואנציגסטען כסלו איז געוועהן דער ערשטער גאטעסדיענסט. פונ'ם גאנצען לאנד האבען זיך די יודען געיאגט צו זיין ביי דער שמחה פונ'ם נייעם „חנכת הבית", וואס האט געדויערט גאנצע אכט טאג, אלע הייזער זענען געוועהן בעלייכטעט מיט ליכטלעך און עס איז געבליבען אז „חנכה" זאל אויף עביג גערעכענט ווערען פאר א יום טוב און מען זאל אנצינדען ליכטלעך צום זכר פון דעם גרויסען ליכט פון תורה און אמונה וואס יהודה המכבי האט אנגעצינדען פאר זיין פאלק, ווען עס האט שוין געזאלט אין גאנצען פערלאשען ווערען.

אזוי זענען די כהנים ווידער געקומען אויף זייער פלאץ, אין בית המקדש האט מען ווייטער געהערט דאס געזאנג פון די לוים, נאר יהודה האט זיך ניט בעגנוגט דער מיט וואס עס איז געווארען לפי שעה, ער האט טאקי געזארגט מען זאל זיך בעווארענען פאר אינוועניגסטע און אויסענוועניגסטע שונאים: ער האט געלאזט מאכען א הויכע מויער ארום בית המקדש, כדי די העללעניסטען זאללען ניט שטערען, און א חוץ דעם האט ער געהייסען בעפעסטיגען די שטאדט בית־סור, די אדומים זאלען זיך ניט קאנען אהין אריינכאפען. עס איז אבער נאך אלץ וועניג געוועהן. אז יהודה האט זיך ארומגעקוקט האט ער באלד געקאנט בעמערקען אז דאס יודישע לאנד איז ארומגערינגעלט מיט שונאים, ווי די פלשתים, עמונים און פהעניקיער, און אזוי ווי זיי האבען זיך אנגעהויבען טשעפען צו די יודען איז ביי יהודה'ן געבליבען אז ער מוז זיי לערנען דרך ארץ. צום ערשטען האט ער זיך גוט אבגערעכענט מיט די איינוואהנער פון אקבאבאטינע וואס האבען געמוזט אנטלויפען און פערלאזען זייערע ערטער, דערנאך האט ער איינגענומען די עמונים, האטשי זייער פיהרער איז געוועהן טימאטעאוס, א גרויסער גבור, און צו ליעב דעם האט דער נאמען פון יהודה אנגעהויבען קלינגען גאנץ ווייט. דערווייל זענען אנגעקומען ניט קיין פרעהליכע בשורות פון די יודען, וואס האבען געוואהנט אין גלעד און בשן, אז

די גאטצענדיענער זענען אויף זיי אנגעפאלען, אויסגעהרגעט טויזענדער, אבגעראבעוועט דאס פארמעגען און ווייבער און קינדער אוועקגעפירט געפאנגען. ניט קיין בעסערע ידיעות האט מען אויך געהאט וועגען די יודען אין גאליל עא (גליל). יהודה האט ניט לאנג געטראכט און האט באלד צונויפגענומען זיין חיל: א טהייל האט ער אנידערגעשטעלט ביי דער גרעניץ אביצוהיטען דאס לאנד פאר די פלשתים. די העלפט האט ער אוועקגעשיקט מיט זיין ברודער שמעון קיין גאלילעא און מיט דער אנדערע העלפט האט ער זיך מיט זיין יונגסטען ברודער יונתן אוועקגעלאזט פון יענער זייט ירדן. שמעון'ס גאנג איז געווען זעהר גליקליך: אומעדום האבען די שונאים געמוזט אנבויגען די קאפ און גאר אין א קורצער צייט האט ער געקאנט בעפרייען די יודען פון גאלילעא און זיי אריבערפירען קיין יהודה. ניט אזוי גרינג איז דאס אבער אנגעקומען יהודה'ן, ווייל זיין וועג איז געווען איבער בארג און אויסער דעם איז ער זיך נאך א מאל צונויפגעקומען מיט דעם שטארקען העלד טימאטעאוס און האט געמוזט האבען צו טהון מיט שטארק בעפעסטיגטע ערטער. אז די הצלחה דיענט אבער — זענען גאר קיין שווערע זאכען ניטא: דער שונא איז געפאלען פאר איהם ווי שטרוי, גאנצע שטאדט האבען זיך אונטערגעגעבען, פעסטונגען זענען חרוב געווארען און יהודה איז אויף שבועות צוריקגעקומען קיין ירושלים ווי א בעפרייער פון אלע יודען, וואס האבען איהם בעגריסט מיט גרויס פרייד און ליעבע.

אין דער צייט וואס יהודה איז געווען ווייט פונ'ם לאנד, האבען דערווייל זיינע הויפטלייט, וואס זענען געשטאנען ביי דער גרעניץ, געמוזט עטליכע מאל זיך שלאגען מיט גארגיאס'ס חיל און האבען דורך דעם געליטען. יהודה האט דאס ניט געקאנט פערשווייגען און האט באלד אנגעהויבען א מלחמה מיט גארגיאסען וואס האט נאך לאנג געמוזט געדענקען די קלאפ וואס ער האט געכאפט.

אנטיוכוס'ן איז געווען פארדרעהט דער קאפ מיט אנדערע זאכען און און ער האט געמוזט אויפהערען די יודען אין זין צו האבען, בעזאנדערס נאך ווען איינער פון די גרעסטע לייט ביים סירישען הויף, פטאלאמאיאס מאקראן האט ניט אויפגעהערט צו שרייען אז מען פערפאלגט אומזיסט דאס יודישע פאלק. אין ארמעניען האט אנטיוכוס גוט געמאכט גאר אין פארטיען האט זיך דאס גליק פון איהם אבגעטהון. אז עס זענען זיי איהם

אויסגעגאנגען די מיטעל אונ אז ער האט געוואלט צונעהמען דאס צדקה־געלד אונ דאס פאלק האט איהם ניט געלאזט. איז ער פאר כעס אראב פון דעם שטיקעל שכל וואס ער האט נאך געהאט אונ איז געשטארבען משוגע. זיין משוגעת האט מען באלד געקאנט ארויסזעהן דערפון וואס ער האט נאר אין גאנצען פארגעסען די רעכטע, וואס ער האט געגעבען ליזיאס'ן, אונ האט געמאכט זיינעם אליינ־מענש, פיליפוס, פאר איין אפטרופס פון זיין זוהן אנטיוכוס־אייפאטאר דעם פינפטען. דערפון איז ארויס א מחלוקת אונ יעדער פון די ביידע מושלים האט גאר ניט געטהון צו פארבעסערן די לאגע פון סיריען.

אזוי האבען די סירער אייגענטליך געלאזט די יודען צו רוה אונ נאר די העללעניסטען פלעגען זיי אפט דערקוטשען ביז עס איז יהודה'ן נמאס געווארען אונ ער איז אנגעפאלען אויף אקרא. די העללעניסטען האבען טאקי נאר דאס געמיינט, זיי זאלען קאנען אנמאכען א קאכעניש, אונ באלד זענען זייערע שלוחים אריבער צום יונגען קעניג אייפאטאר ביי איהם בעטען הילף. זיי האבען דארט פארשטעהן געגעבען אז בא די יודען איז גראד דאס יאהר שמיטה, אז זייערע כוחות זענען דעריבער ניט אזוי גרויס אונ אז אצינד איז די בעסטע צייט אויף זיי אנצופאלען. ליזיאס האט באלד צונויפגענומען זעהר פיעל חיל, פוסגאנגער אונ רייטער אונ אויך עלעפאנטען אונ האט זיך אינאיינעם מיט דעם קליינעם אייפאטאר צוגערוקט צו יהודה אונ בעלאגערט די פעסטונג בית־סור. יהודה האט געקאנט ארוים צו דער מלחמה נאר מיט א טהייל פון זיין חיל, ווייל ער האט געמוזט איבערלאזען א היבשע מחנה אין דער היים מען זאל אבהיטען דעם בית המקדש אונ אלע אנדערע פעסטונגען. די איינוואהנער פון בית־סור האבען זיך א צייט בריה'ש געהאלטען, נאר אזוי ווי עס איז זיי אויסגעגאנגען לעבענסמיטעל אונ צופיהרען זיי מיט א פערבארגענעם וועג האט מען מעהר ניט געקאנט, ווייל טאקי איינער פון זיי, באדאקאס, האט דעם וועג אנגעוויזען דעם שונא, האבען זיי געמוזט אפנען די שטאדט אונ ליזיאס האט בעקומען די מעגליכקייט א ביסעל נאהנטער צוצוגעהן קיין ירושלים. ביי בית־זכריה איז געוועהן די ערשטע מלחמה צווישען ליזיאס אונ יהודה אונ די יודען האבען פשוט בעוויזען וואונדער. מיט מסירת נפש האבען זיי זיך געשלאגען אונ יהודה'ס ברודער אליעזר איז דערהרגעט געווארען, ווייל ער איז ארונטערגעקראכען אונטער א העלעפאנט, וואס אויף איהם איז

געזעסען דער יונגער קאניג, אונ האט איהם מיט א מעסער צושניטען דעם בויך, דער עלעפאנט איז אויף איהם אומגעפאלען אונ האט איהם דערשטיקט. די סירער זענען אבער געוועהן מעהר אונ שטארקער אונ יהודה האט געמוזט אבטרעטען אונ זיך פערשליסען אין ירושלים. א גאנץ לאנגע צייט האבען דיא יודען געשיצט זייער הויפטשטאדט אונ הייליגטהום, נאר דער הונגער האט געפידרט דערצו וואס פיעל פון זיי האבען געמוזט אנטלויפען פון ירושלים אונ עס זענען דארט געבליעבען נאר יהודה מיט זיינע דריי ברידער אונ נאך א קליינע צאהל פון גבורים וואס האבען ניט געוואלט צוועקוארפען זייער פלאטץ ביז אין דער לעצטער מינוט. זעהר ביטער איז געוועהן די לאגע פון די יודישע העלדען, נאר די ישועה איז ניך געקומען נאר פון איין אנדער זייט. פיליפוס, וואס דער משוגענער אנטיוכוס האט איהם פארן טויט געמאכט פארן גאנצען מושל, האט אין מדי אונ פרס געדונגען חיל אונ האט זיך געלאזט געהן קיין אנטיוכיען, כדי ער זאל זיך ארויפהאפען אויפן באנקיל. אז ליזיאס איז דער־פון געוואהר געווארען האט ער באלד פערשטאנען אז מען מוז דאס חיל, וואס איז געשטאנען ביי ירושלים צוריקפיהרען אהיים אונ האט געראטהען דעם יונגען קאניג ער זאל מאכען שלום מיט די יודען. אזוי האט די מלחמה פליצום אויפגעהערט אונ דער שלום איז בעשטאנען אין דעם, וואס מען האט די יודען אלדינג צוליעב געטהון, צוגעזאגט זיי רעליגיאנס־פרייהייט אונ פערזיכערט אז זייערע פעסטינגען וועט מען ניט בעריהרען. קוים האט מען אבער די סירער אריינגעלאזט אין שטאדט האבען זיי שוין קיין ווארט ניט געהאלטען אונ האבען זיך געהאפט ברעכען די מויערען, נאר דער שלום איז פארט געבליעבען אונ די יודען האבען זיך געכיהלט פריי, בעזאנדערס נאך דעם וואס די סירער האבען זיך אין גאנצען אבגעזאגט פון די העלעניסטען אונ זייער כהן מעגעלוס וואס פון איהם האט זיך גענומען די גאנצע צרה, האבען זיי געטיידט. אזוי איז געווארען אויף א צייט שטיל. אונ דאס פאלק וואס האט פארגאטערט יהודה'ן, האט איהם אויסגעקליבען פאר כהן גדול.

רוהיג האט צוגעהויבען געהן דאס לעבען פונ'ם יודישען פאלק. אבער עס האט גאר ניט לאנג געדויערט. אין גאנצען פטר'ן די העלעניסטען איז שווער געווען אונ צווישען די יודען האבען זיך געפונען גענוג מענשען וואס האבען מיט זיי אפענטליך אדער שטילערהייד געהאלטען. אט די גוטע פריינד פון די העלעניסטען האבען זיך בענוצט מיט דער ערשטער געלעגענהייט אונ אז

דער פרינץ דמיטריוס, וואס איז געוועהן אין רום פאר א משכון, איז געקומען צוריק קיין אנטיוכיען אונ האט אבגענומען די מלוכה, האבען זיי באלד צו איהם אוועקגעשיקט שליחים אונ האבען זיך געקלאגט אז מתיתיהו'ס קינדער האבען ארייננעכאפט אין זייערע האנד די גאנצע ממשלה איבער יהודה. איינער פון די שליחים איז געוועהן אלקימוס, ער איז באז געוועהן וואס מען האט איהם ניט צוגעלאזט צו דער כהונה אונ דערפאר האט ער ניט געזשאלעוועט קיין שווארצע פארב אויף צו מאהלען דעם טרויעריגען מעמד פונ'ם יודישען לאנד. דמיטריוס האט באלד געשיקט זיין הויפטמאן בקכידעס קיין ירושלים ער זאל דארט אנידערשטעלען א כהן וואס די סירישע מלוכה זאל צו איהם צוטרויען האבען. מיט זיסע רעד איז בקכי־דעם אריינגעקומען קיין ירושלים אונ האט פערזיכערט דעם עולם אז ער מיינט גאר ניט, נאר יהודה מיט זיין חברה האט באלד פערשטאנען מיט וואס דאס שמעקט אונ איז אוועק פון דער הויפטשטאדט. די איינוואהנער האבען זיך געלאזט איינרעדען אונ עס איז ביי זיי ניט קשה געוועהן וואס אלקימוס איז געווארען כהן, ווייל ער איז טאקע געוועהן פון די געבארענע כהנים אונ א חוץ דעם איז זיין פעטער געוועהן איינער פון די גרעסטע לייט, רבי יוסי בן יועזר. באלד האט זיך אבער ארויסגעוויזען ווער אלקימוס איז: קוים איז די מאכט איבערגעגאנגען צו איהם, האט ער באלד געהייסען טויטען זעכציג שאנסטע בעלי בתים אונ צווישען זיי זיין אייגענעם פעטער. בקכידעס איז מן הסתם אויך ניט געוועהן קיין גרעסערער בעל רחמנות פונ'ם כהן אליין אונ אז אלקימוס האט אנגעהויבען בעקומען שונאים אפילו צווישען די וואס האבען פריהער געהאלטען מיט איהם, האט ער מיט זיי גאר קיין שיהות ניט געמאכט אונ האט זיי דערהרגעט. אין אזא שרעקליכער לאגע האבען די פרומע יודען וואס האבען ניט געקאנט גלייכגילטיג זעהן די עולות, ווייטער געמוזט ווענדען זייערע אויגען צו די בערג ארום מודין, וואו יהודה האט זיך אויפגעהאלטען, אונ עס איז ארויס א איננווייניגסטע מלחמה צווישען צוויי כתות. אלקימוס האט זיך אפילו געלאזט פאהרען אין די קליי־נערע ערטער אונ דארט ווייזען וואס פאר א כח די סירישע מלוכה האט איהם געגעבען, נאר עס האט איהם ניט געהאלפען. ער האט געזעהן אז יהודה איז מעהר תקיף פון איהם אונ האט געמוזט נאך אמאהל לויפען קיין אנטיוכיען בעטען הילף ביים קאניג

דמיטריוס האט דאס מאהל געשיקט קיין יהודה איינעם פון דיינע

קלונסטע און שטארקסטע הויפט־לייט, ניקאנאר (ניקנור), און האט איהם א בעפעהל געגעבען ער זאל איין עק מאכען מיט די מאקאוועער און מיט אלע וואס האלטען מיט זיי. ניקאנאר איז קיין נאר ניט געוועהן און האט פערשטאנען אז צום אנהייב מוז מען גאר געהן מיט גוטען. דערצו האט מען איהם נאך אזוי פיעל אנדערצעהלט פון יהודה'ס גבורות, אז ער האט טאקע באמת אנגעהויבען טראכטען זיך מיט איהם אויסצוגלייכען און האט צו איהם געשיקט דריי בעגלייבטע מענשען, פאסידאניוס, טהעאדאטוס און מתתיהו, מען זאל מיט איהם איבערעדען וועגען שלום. דאס איז אלקימו'ן ניט געפאלען און ער האט באלד צו וויסען געטהון דעם קעניג אז ניקאנאר טאנצט עפעס אויף צוויי חתונות און אז ער וויל גאר יהודה'ן מאכען פאר כהן. נאך אזא מסירה, האט ניקאנאר בעקומען א שטרענגען בעפעהל ער זאל מעהר מיט יהודה'ן קיין שום משא ומתן ניט האבען און זאל איהם ברענגען אין קייטען קיין אנטיוכיען.

יהודה האט שכל געהאט און ניט צו פיעל געטרויעט דעם שונא, אפילו ווען ער איז געקומען מיט פריינדליכע ווארטער אויף די ליפען און דערפאר אז ניקאנאר איז ארויס געגען איהם מיט זעהר פיעל חיל האט איהם יהודה באלד געוויזען אז ניט אומזיסט האט מען איהם אזוי שטארק געלויבט זיין גבורה. ניקאנאר איז אריין אין דער רציחה און האט אנגעהויבען פאדערן ביי די יודען זיי זאלען איהם אליין ארויסגעבען יהודה'ן און פאר א משכון האט ער געהייסען געהמען דעם פרומען בגש, וואס גאנץ ירושלים האט איהם ליעב געהאט און גערופען "דער טאטע פון די יודען". בגש האט זיך אבער אליין דאס לעבען גענומען און ניקאנאר איז ווייטער געצווינגען געווען צו ווארטען אויף א נייער מלחמה און האפען אויף גליק. באלד איז אין אדרסא זיך צונויפגעקומען יהודה'ס און ניקאנאר'ס חיל און חאטשי די צאהל פון די יודען איז געוועהן זעהר קליין, פון דעסטוועגען האבען זיי א תל געמאכט פון די סיריער און ניקאנאר איז באלד געפאלען טויט. דאס איז געוועהן דעם דרייצעהנטען אדר. ניקאנאר'ס קאפ האט מען אריינגעבראכט קיין ירושלים און א לאנגע צייט איז דער ניקאנאר־טאג גערעכענט געווארען פאר א יום טוב (יום נקנור).

אלקימו איז אנטלאפען און יהודה איז ווייטער אריין קיין ירושלים.
ער האט זיך אבער ניט געוואלט מעהר אין גאנצען פערלאזען אויף

זיין אייגענעם כח אונ האט געשיקט קיין רום צוויי שליחים. איפאלעמוס בן יוחנן אונ יאזאן בן אליעזר, צו זוכען פריינדשאפט ביי די ראמער. דערווייל האט דמיטריוס ביי דער ערשטער ידיעה פון ניקאנאר'ס טויט, גיך ארויסגעשיקט בקכידעס'ן מיט א גרויסער מחנה, ער זאל איין מאהל פאר אלע מאהל זיך אברעכענען מיט די יודען, אונ באלד נאך פסח זענען שוין די סירער צוגעקומען צו דער יודישער הויפטשטאדט. יהודה האט געוועהן אז אין ירושלים, וואס איז שוין ניט געוועהן בעפעסטיגט, איז ער ניט זי־כער, אונ דאריבער איז ער מיט דריי טויזענד מאן אריבער קיין אלעשא, וואוהין בקכידעס האט איהם אויך נאכגעיאגט. דאס גרויסע סירישע חיל האט אבער געווארפען א מורא אויף יהודה'ס לייט, פיעל פון זיי זענען זיך צו־לאפען אונ ער איז אין גאנצען געבליבען מיט אכט הונדערט מענשען. נאר אפילו מיט דעם ביסעל האט יהודה צום אנהייב שטארק צושלאגען דעם שונא, א גאנצען טאג האט ער זיך געהאלטען ביז דאס גליק האט זיך פון איהם ניט אבגעטהון אונ ער איז געפאלען ווי א אמת'ער העלד מיט דער שווערד אין דער האנד. מיט גרוים מיה האבען יהודה'ס ברידער זיין טויטען קערפער אבגעראטעוועט אונ געבראכט צו קבר ישראל.

אזוי איז אלקימוז ווייטער געווארען כהן, נאר דער זכר פון די מא־קאבעער איז אויף עביג פארבליבען צווישען יודען אונ האט נאך אויף לאנגע דורות געוועקט ביי זיי די געפיהלע פון ליעבע צום פאלק אונ צו דער אמונה.

די צייט פון די חשמונאים.

ערשטעס קאפיטעל.

יונתן אונ שמעון, די ערשטע כהנים פון די חשמונאים.

(143—160 פאר קריסטוס געבורט. 213—230 פארן חרבן בית שני)

א שרעקליכע בראך איז געוועהן דער טויט פון יהודה המכבי פארן יודישען פאלק. די גרויסע קראפט, וואס איז געוועהן אים שטאנד צוזיהען צו זיך טויזענדער מענשען פון פערשידענע קלאסען, איז פערשוואונדען געווארען אונ יהודה'ס ברודער יונתן האט שוין ניט געהאט די גבורה וואס זאל קאנען בעווייזען וואונדער אויפ'ן פעלד פון מלחמה. גאר דיא פראסטע מענשען זענען אבגעקיהלט געווארען אונ אז מען האט זיי געלאזט פריי אטהמען אונ גאטט דיענען, דער בית המקדש איז געשטאנען אויפ'ן ארט, קרבנות איז געוועהן וואוהין צו ברענגען, האט אלקימוס אויך געטויגט פאר א כהן. נאר די פרומע זענען אויך געבליבען שטעהן פון ווייטען, ווייל זיי האבען פריהר אויך ניט געהאלטען פון געהמען זיך עפיס מיט געוואלד אונ האבען געגלויבט אז ווען גאטט וויל העלפען דארף מען ניט דערצו קיין גבורה'שאפט פון א מענשען. אזוי זענען ווייטער געבליבען צוויי כתות, די חשמונאים אונ די העללעניסטען, וואס זענען זיך געוועהן דם-שונאים איינער דעם אנדערן אונ מען האט זיך אנגעטהון צרות ווי ווייט מען האט נאר געקאנט. אוודאי איז דאס יודישע לאנד דורך דעם שטארק געפאלען אונ דערצו האט זיך נאך אונטערגעהאפט א הונגער וואס האט צום איבריגען דערשלאגען די איינוואהנער

בקבידעס, וואס איז געבליבען אין יהודה מיט זיין חיל. האט געזעהן

אז די חשמונאים האבען שוין ניט אזא פיהרער ווי יהודה המכבי, האט ער זיך מיישב געוועהן אז אצינד קאן ער פון זיי אין גאנצען מאכען איין עק און האט זיך גענומען זיי פערפאלגען. די חשמונאים האבען זיך אפגעריקט אין די וועלדער ביים ירדן און זייערע ווייבער און קינדער האבען זיי אוועקגעשיקט פון יענער זייט ירדן צו א פריינדליכען שבט נבט. אין וועג זענען אבער אויף זיי און אויף זייער פארשטעהער יוחנן אנגעפאלען שונאים, וואס מען האט זייא גערופען בני עמרי פון דער שטאדט מדבה און האבען זיי אלע אויסגעהרגעט. שפעטער האט זיך מיט זיי יונתן דערפאר גוט אבגערעכענט. בקכידעס האט דערווייל אבגעזוכט די חשמונאים אין זייערע בעהאלטענישען און זיי זענען געצוואונגען געוועהן אריבערצושווימען דעם ירדן. קוים האט בקכידעס געפיהלט אז די חשמונאים זענען שוין ווייט, האט ער נאר געזארגט מען זאל זיי פארשטעלען דעם וועג עס זאל זיי שווער זיין זיך אומקעהרען אהיים, און דאריבער האט ער געהייסען צוריק פארעכטען אלע פעסטונגען און דארט אנגרייטען א סך לעבענסמיטעל און כלי זיין. אויסער דעם האט ער זיך נאך בעווארענט דערמיט, וואס ער האט צוגענומען קינדער ביי די גרעסטע לייט און זיי געהאלטען פאר א משכון אין אקרא. אזוי איז געווארען רוהיג, דעם מס האט מען געצאהלט צו דער צייט און מעהר האט די סירישע מלוכה ניט בעדארפט. אלקימוס, וואס איז, ווי עס שיינט, ניט געוועהן אזא פארברענטער העללעניסט, האט זיין רעליגיאנסזאכען וועניג וואס אויפגעטהון און דערפאר האט ער געגען זיך קיינעם ניט אויפגערייצט. איין זאך האט ער יא געוואלט איינפיהרען, אז אויך געטצענדיענער זאלען מעגען אריינקומען אין בית המקדש; דארויף איז דער עולם שטארק ברוגז געוועהן און אז ער איז געליימט געווארען און באלד געשטארבען האט מען געדרונגען אז דאס האט ער געהאט א עונש פאר דעם. נאך זיין טויט האט דמיטריוס מעהר קיין כהן ניט געשטעלט, בקכידעס מיט'ן חיל איז אוועקגעגאנגען פון יהודה און צוויי יאהר זענען זיך אזוי אבגעלאפען שטיל.

אין דער צייט האבען דערווייל די פארשטעהער פון די חשמונאים יונתן און שמעון, איינגעזאמעלט נייע כחות, בימלעכווייס זיך צוגעריקט קיין יהודה, און האבען אנגעהויבען שטארק דערקוטשען די העללעניסטען, וואס האבען זיך ווייטער געקלאגט פאר דמיטריוס. דער סירישער מלוכה איז נמאס געווארען אלע מאל שיקען חיל קיין יהודה און דאריבער איז נאר

בקבידעס אהין אוועקגעפאהרען מיט נאר א קליינער מחנה ווייל די העללע-
ניסטען האבען איהם פערזיכערט אז אהן א שום מיה וועט ער קאנען הא-
פען די צוויי פארשטעהער פון די חשמונאים. אז בקבידעס איז אבער
געקומען אויפן פלאץ, האט ער געזעהן אז ניט אזוי גרינג טהוט זיך ווי
עס רעדט זיך: די העללעניסטען האבען טאקי געזוכט אללע מיטעל און גע-
וואלט מיט חכמה׳ליך ארויסנארען יונתן און שמעון פון דער פעסטונג בית-
אגלא, וואו זיי האבען זיך אויפגעהאלטען. זיי זענען אבער געוועזען קלי-
גער און האבען שוין געהאט אזוי פיעל מענשען אז זיי האבען זיך געקאנט
צוטהיילען אויף צוויי מחנות און פון ביידע זייטען זענען זיי אנגעפאלען
אויף די שונאים און זיי גוט צושלאגען. בקבידעס איז דער פאר זעהר
שטארק אין כעס געווארען אויף די העללעניסטען און האט פיעל פון זיי
געהייסען אומברענגען. די מפלה פון די העללעניסטען האט יונתן פער-
שטאנען צו בענוצען, ער האט דערוויל געמאכט א שלום מיט דמיטריוס׳ן
און האט בעקומען איין ערלויבעניש אז דיא חשמונאים זאללען זיך פריא
בעוועגען אין גאנץ יהודה, אויסער ירושלים, נאר זיי זאלען איבערלאזען
עטליכע פון זיי פאר א משכון אז מעהר וועלען זיי קיין קריעג ניט פיהרען
מיט קיינעם. אליין איז יונתן געבליבען זיצען אין מכמש און האטשי
ער האט נאך אפענטליך קיין שום ממשלה ניט געהאט, פון דעסטוועגען
האט מען איהם אנגעהויבען בעטראכטען פאר א ראש. אזוי זענען איבער-
געפלויגען פינף יאהר ביז אין סיריען איז ניט געווארען א איבערקערעניש,
וואס האט פארגרעסערט די מאכט פון יונתן און דאס יודישע לאנד צוריק-
געשטעלט אויף די פיס.

אבאלוס, דער קאניג פון פעלגאמוס, איז געוועזען דמיטריוס׳ן א גרוי-
סער שונא; ער האט אבגעזוכט אין סמירנא א יונגען מאנן אלכסנדר
באלאס, וואס איז זעהר ענהליך געוועזען אנטיוכוס - אייפאטאר און האט
איהם אנגעהויבען העלפען ער זאל צונעהמען די סירישע מלוכה. מיט דער
הילף פון אבאלוס׳ס חיל איז באלאס צוגעקומען צו דער שטאדט פטא-
לאמאיס און האט דארט אנגעהויבען הערשען. דמיטריוס האט פערשטאנען
אז ער שטעהט שמאל און עס איז ביי איהם געבליבען אז ער מוז האטשי
ביי זיך אין לאנד האבען וועניגער שונאים. צום ערשטען האט ער זיך גע-
ווארפען צו יונתן, בעפרייעט די מענשען וואס זענען פריהר געבליבען פאר
א משכון און האט איהם ערלויבט צו האבען אייגען חיל און האלטען כלי

זין. יונתן האט זיך ניט געלאזט לאנג בעטען, ער איז באלד אריין קיין ירושלים, נוט בעפעסטיגט די שטאדט, אונ די העללעניסטען האבען געמוזט אבטרעטען קיין בית־סור. אלכסנדר באלאס האט אבער אויך פערשטאנען אז ער מוז האבען יונתן פאר א גוטען פריינד אונ האט איהם געשטעלט אזוינע וואהלע תנאים, אז ער האט געמוזט דארויף בעשטעהן. באלאס האט געמאכט יונתן פאר'ן כהן גדול אונ פאר'ן מושל פון יהודה אונ האט איהם געשיקט פאר א מתנה א מאנטעל פון פורפור אונ א גאלדענע קרוין. דמיטריוס פון זיין זייט האט ניט געשוויגען אונ האט אלע מאל געשיקט בריעף „צום פאלק פון יהודה" אז ער וועט זיי בעפרייען פון מס, אבגעבען פיעל שטאדט וואס די שומרונים האבען א מאל צוגענומען אויסהאלטען אויף זיין רעכנונג דעם בית המקדש, צאהלען פון זיין קאססע דעם יודישען חיל, מיט איין ווארט, ער האט זיי צוגעזאגט דאס טעלערעל פונ'ם הימעל, אבי מען זאל האלטען מיט איהם. דאס פאלק האט אבער געקוקט יונתן אין מויל אריין אונ איז געבליבען טריי באלאס'ן, וואס האט געקעניגט זעכס יאהר. באלאס האט שטענדיג זיין דאנקבארקייט בעוויזען יונתן אונ אז זיין שווער, פטאלאמעאוס־פילאמעטאר דער זעכסטער פון מצרים, איז צו איהם געקומען קיין פטאלעמאים, האט באלאס אויך פארבעטען יונתן צו זיך פאר א גאסט אונ האט איהם אויפגענומען מיט גרוים כבוד ווי זיינעם א גלייכען. אין זיין צייט האבען זיך אין יודישען לאנד אנגעהיבען פארהיילען די מכות פון פריהער אונ דאס יודישע חיל איז שוין בעשטאנען פון צעהן טויזענד מאנן.

יונתן האט פיעל מאל געהאט די געלעגענהייט צו בעוויזען ווי איבערגעבען ער איז געוועהן אלכסנדר באלאס. אז דמיטריוס זוהן, דמיטריוס ניקאטאר דער צווייטער האט געוואלט מיט געוואלד ארויסרייסען די סירישע מלוכה פון זיינע האנד, — די מצרים אונ די ראמער זענען געשטאנען פון ווייטענס אינ די פלשתים האבען געהאלפען דעם שונא, — האט עס יונתן ניט דערלאזט אונ האט מיט זיין חיל צושטערט די שטאדט אשדוד אונ דערפאר האט באלאס אוועקגעשענקט די יודען עקרון. דערווייל איז אין סיריען געווארען צוויי פארטייען: איינע האבען געהאלטען מיט באלאס'ן אונ די אנדערע זענען געשטאנען פאר'ן יונגען קעניג דמיטריוס. אז יונתן איז אנגעפאלען אויף עקרא אונ האט געוואלט ארויסטרייבען פון דארט דאס ביסעל העללעניסטען, וואס איז נאך געבליבען, האבען זיי באלד געבעטען

הילף ביי דמיטריוס'ן. יונתן האט אבער דמיטריוס'ן אוועקגעשיקט שאנע מתנות אונ ער האט איהם פון זיין זייט אויך בעשטימט פאר א כהן. דעמעלט האט אויך יונתן פאר געלד אויסגעארבייט מען זאל אנגעבען יהודה׳ס עטליכע שטאדט אונ בעפרייען די יודען פון א סך נתינות. דער קליינער דמיטריוס איז אבער געוועהן געראטהען אין טאטען: קוים האט ער צוגענומען דאס געלד, האט ער שוין ניט געוואלט קיין ווארט האלטען. ניך האט ער אבער געמוזט אנקומען צו יונתן'ס לאסקע. אין אנטיוכיען זענען די איינוואהנער פון איהם ניט צופריעדען געוועהן אונ האבען בעלאגערט דעם קאניגליכען הויף, ער איז געוועהן אין א גרויסער סכנה; נאר ער האט צו וויסען געטהון יונתן אונ ער האט געשיקט דריי טויזענד מאנן וואס האבען געשטילט די מורדים. פאר אזא טובה האט דמיטריוס ווייטער געוואלט בעצאהלען מיט שטיינער, אונ פאר דער אונדאנקבארקייט איז יונתן אין גאנצען איבערגעגאנגען צו באלאס'ס יורש, אנטיוכוס דעם פינפטען; זיין ברודער שמעון האט איבערגענומען די קאמאנדע איבער דעם סירישען חיל, אונ ביידע חשמונאים האבען געהאלפען דעם אפטרופוס פונ'ם יונגען קאניג דיאדאט טריפון, צו בעפעסטיגען זיין הערשאפט אין סיריען. דאס יודישע חיל, וואס האט זיך אין דער צייט פארגראסערט ביז פירציג טויזענד מאן, האט בעוויזען גרויס גבורה׳שאפט אונ האט פערנומען דמשק. פון בית־סור האבען די יודען ארויסגעטריבען די העלעניסטען אונ דערנאך זיך באלד גענומען שטארקער מאכען די פעסטונגען ארום ירושלים אונ מעהר בעווארענען די יודישע הויפט־שטאדט.

ווי דאס יודישע חיל איז די יודען צו נוטץ געקומען—האבען זיי באלד געקאנט זיך איבערצייגען. דיאדאט טריפון האט זיך מיישב געוועהן אז איהם טויג ניט ארבייטען פון דעם יונגען קאניג'ס וועגען אונ עס איז פאר איהם גלייכער אליין צו ווערען מלך. ער האט אבער פערשטאנען אז די יודען וועלען עס ניט דערלאזען אונ האט אנגעהויבען טראכטען ווי אזוי פטור צו ווערען פון יונתן. עס איז ביי איהם געבליבען, ער זאל מיט א שווינדעל פערנארען צו זיך יונתן אונ איהם מאכען איין עק. טריפון איז אימיסטען אביין קיין בית־שאן אונ יונתן איז איהם אקעגענגעקומען מיט טויזענדער קריעגס־לייט. אז טריפון האט איהם אבגעגעבען גרויס כבוד אונ אבגעשיט מיט מתנות, האט זיך דער קלוגער יונתן געלאזט איינרעדען, אוועקגעשיקט דעם גרעסטען טהייל פון זיין חיל קיין גאליליא אונ נאר מיט טויזענד מאנן איז ער איינאיינעם מיט טריפון

אריינגעפאהרען קיין עכו. דארט איז יונתן געפאנגען געווארען, זיין קליינע מחנה האט טריפון אויסגעהרג'עט און א חוץ דעם האט ער נאך ארויסגעשיקט זיינע לייט מען זאל נאכיאגען דאס יודישע חיל וואס איז אוועקגעגאנגען קיין גלילעא. דאס איז איהם דווקא ניט געראטהען, ווייל זיין חברה האבען ניט געקאנט בייקומען די יודען; נאר דערווייל איז אנגעקומען די ביטערע בשורה קיין ירושלים און עס איז דארט געווארען א שטארקער בעש. ערשטענס האט באנג געטהון אויף יהונתן, וואס מען האט איהם שוין מעהר ניט גערעכענט צווישען די לעבעדיגע, און צווייטענס האט מען אין דעם אכזריות פון טריפון געזעהן א ווינק פון די העלעניסטען און מען האט מורא געהאט טאמיר צופיהרען זיי זיך ווייטער די האנד. אין דער טרויעריגער לאגע האט דאס פאלק זיך געווענדעט צום לעצטען ברודער פון די חשמונאים שמעון, און האטשי ער איז שוין געווען זעהר אלט, האט ער פארט אויף זיך גענומען מלחמה צו האלטען מיט טריפון און איהם ניט צולאזען קיין יהודה.

קיין אדידה האט שמעון צונויפגעצויגען דאס גאנצע יודישע חיל און טריפון האט געזעהן אז ניט אזוי גרינג וועט איהם זיין זיך אריינכאפען קיין יהודה. יונתן האט ער מיט זיך מיטגעפיהרט, ווייל ער האט געוואוסט אז זיין לעבען וועט איהם מעהר איינברענגען ווי זיין טויט. ער האט טאקי בעפוילען די יודען, אז ער מיינט גאר ניט יונתן עפיס שלעכטס צו טהון, נאר ער וויל מען זאל איהם אריינטראגען א אלטען חוב פון מס, וואס עס קומט קלאמערשט סיריען, און אז מען וועט איהם שיקען פאר א משכון יונתן'ס צוויי זיהן וועט ער דעם פאטער בעפרייען. שמעון האט פערשטאנען אז מען קאן ניט שטעלען אויף טריפון'ס רעד, נאר פון דעסטוועגען האט ער זיך געפריוועט און געטהון אלדינג וואס טריפון האט געפאדערט. אוודאי האט זיך באלד ארויסגעוויזען אז טריפון האט גענארט די יודען און די מלחמה איז ווייטער געגאנגען. אז טריפון איז שווער געווען בייצוקומען דאס יודישע חיל, האט ער זיך ענטשלאסען צו געהן קיין יהודה מיט איין אנדער וועג דורך די בארג; נאר דארט האבען איהם די גרויסע שנעען אנגעטהון צרות, פון זיין גאנצער מחנה איז געווארען א תל און פאר רציחה האט ער געהייסען טייטען יונתן. מיט גרויס מיה האט שמעון דערנאך אפגעזוכט די ביינער פון'ם ברודער און האט זיי בעגראבען צווישען די קברים פון די חשמונאים אין מדין.

אזוי האבען די יודישע גבורים אבגעהיט זייער פאטערלאנד און געוויזען אלע פעלקער אז מען מוז פאר זיי האבען דרך ארץ. עס איז אבער שווער אז אויף איין ארט זאל זיין אי גדולה, אי תורה: ווען אין יהודה האבען זיך געפונען מענשען מיט קראפט, וואס האבען געארבייט און דאס גאנצע לעבען געשטרעקט פארן גרויסקייט פונ'ם לאנד, האט די וויסענשאפט געמוזט וואקסען גאר אין איין אנדער ווינקעל — אין מצרים.

אין דער גאנצער צייט וואס יהודה איז געשטאנען אונטער דער מאכט פון סיריען און האט געמוזט אויסשטעהן קאלטס און ווארעמס פון די פערשיעדענע סירישע קאניגע, וואס האבען זיך אלע מאל געביטען, פלעגען זעהר פיעל יודען ארויספאהרען קיין מצרים, ווייל דארט האבען זיי געקאנט גאר רוהיג לעבען און האבען געהאט אלע רעכטע באגלייך מיט די איבריגע איינוואהנער. אזוי האט זיך ביסלעכווייס אין מצרים בעזעצט מעהר פון א מיליאן יודען. געוואהנט האבען זיי גרעסטענטהיילס אין אלכסנדריען, נאר זיי זענען אויך געוועהן צווארפען אין א סך אנדערע ערטער. און בעשעפטיגען פלעגען זיי זיך מיט האנדלען אין לאנד: ברענגען סחורות אויף שיפען פון דער פרעמד, און דערצו האבען זיי זיך אויסגעלערנט פון די גריכען פערשיעדענע קונציגע מלאכות. יעדע קהלה האט געהאט א שול, וואו מען פלעגט דאווענען און אלע שבת און יום טוב פלעגט א למדן זאגען א דרשה איבער דער סדרה און פארשטעהן געבען דעם עולם וואס די תורה פאדערט פונ'ם יודען. אזוי האט זיך די תורה שטארק געהאלטען צווישען די יודען אין מצרים און ווער שמיעסט נאך אז אין דער טרויעריגער צייט פון אנטיוכוס-עפיפאנעס זענען די פיינסטע יודישע משפחות, איינאיינעם מיט'ן זוהן פון דעם כהן גדול אניאס דעם דריטען, געצווינגען געווען אוועק קיין מצרים, האבען די יודישע קהלות דארט בעקומען נאך איין אנדער גלאנץ. דער קאניג פילאמעטאר האט דעם יונגען כהן שטארק מקרב געווען און מען האט צום אנהייב גערעכענט — ווען די סיריער האבען דערהרג'ט מענעלויס'ן — אז ער וועט קאנען צוריקגעהן קיין יהודה און דארט איבערנעהמען די כהונה; נאר אז עס איז אנגעקומען די ידיעה אז אלקימוס איז געווארען כהן האט ער זיך ענטשלאסען אין גאנצען צו בלייבען אין מצרים

צווישען די אנטלאפענע פון יהודה איז, אויסער דעם יונגען אניאס, געוועהן נאך א יוד דאזיטהעאוס. און זיי ביידע איז בעשערט געוועהן צו שפיעלען א גרויסע ראליע אין מצרים. אז עס איז ארוים א קריעג צווי-

שען ביידע מלכים פון מצרים, די ברידער פילאמעטאר און אייערגעטעס דעם צווייטען, האט פילאמעטאר זיין גאנץ חיל געשטעלט אונטער דער השגחה פון אניאס און דאזיטהעאוס און מיט זייער הילף האט ער גובר געווען דעם שונא. פון דעמעלט אן זענען ביי איהם די צוויי יודישע פארשטעהער געהויכט און געקראנט געווארען און אניאס האט זיך אנגעהויבען רעכענען פאר א ראש פון אלע יודען אין מצרים.

חאטשי אניאס האט דערגרייכט צו א גרויסע מדרגה, פון דעסטוועגען האט איהם באנג געטהון זיך אין גאנצען געזעגנען מיט'ן נאהמען כהן און אז פון יהודה פלעגען אנקומען ניט קיין פרעהליכע בשורות און מען האט געקאנט מורא האבען, אז אט אט וועלען דארט די יודען פערליערען זייער זעלבסטשטאנדיגקייט און דער בית המקדש, וואס האט נאר אליין געקאנט צונויפבינדען אלע יודען פון דער גאנצער וועלט וועט חרוב ווערען. האט ער זיך אנגעהויבען ארומטראגען מיט דער מחשבה, אז ער מוז אין מצרים אויסבויען א בעזונדער משכן. אניאס האט זיין געדאנק איבערגעגעבען דעם קאניג און ער האט איהם צוגעזאגט צו געבען אלע מיטעל דערצו. עס האט ניט לאנג געדויערט און אניאס האט אין העליפאלים אויסגעבויעט א משכן, וואס מען האט איהם גערופען אויף זיין נאהמען: „אניאס־טעמפעל" און די גאנצע געגענד האט אנגעהויבען הייסען „אניאן". אין דעם נייעם בית המקדש האבען די יודען גאט געדיענט ווי עס דארף צו זיין; נאר זיי האבען ניט געטהון ווי די שמרונים מיט זייער טעמפעל אויף דעם הר גרזים, זיי האבען זיך ניט אבגעטהיילט פון זייערע ברידער אין יהודה און ירושלים מיט'ן בית המקדש איז ביי זיי געווען דאס הייליגסטע. עס קאן אויך זיין, אז ווען אין יהודה זאל דעמעלט געווען זיין א ביסעל רוהיגער, וואלט מען ניט דערלאזט אז אין מצרים זאל אויסוואקסען פליצום איין נייער משכן, נאר אזוי ווי די קאפ זענען דארט געווען פארדרעהט, האט זיך קיינער בארויף ניט אומגעקוקט. דער „אניאס־טעמפעל" האט זיך בעפעסטיגט, העליפאלים האט מען גערופען „עיר הצדק" · די שטאדט פון גערעכטיגקייט. און אז די חשמונאים האבען דערנאך אין ירושלים דעם בית המקדש געשטעלט אויף א רעכטען פוס האט מען געזעהן אז פון אניאס'ס אויפטהו האט חלילה דאס יודישקייט גאר ניט געליטען, מען האט זיך געוואוינט מיט דעם אז אין מצרים זאלען די יודען אויך האבען א הייליג ארט, וואו אויסצושיטען זייערע הארצער פאר גאט. און נאר די

פרומע' האבען נאך לאנג דארויף קרום געקוקט. אניאס איז דערטייל גרוים געוואָרען ניט נאָר ביי די יודען אין די אויגען. נאָר ער האָט נאך מעהר חן בעקומען ביי'ם קאָניג; ער האָט געשטעלט אונטער זיין מאכט א בעזונ־דער יודיש חיל אבצוהיטען דעם טעמפעל אונ אז ער האט בעדארפט האָ־בען א בעגלייבטען מענשען וואס ער זאָל אין זיינע האנד קאָנען איבערגע־בען די גאנצע הכנסה פונם מס פאר די סחורות, וואס מען האט אביינגע־פיהרט קיין מצרים מיטן וואסער, האט ער ניט געפונען קיין אנדערן אוי־סער אניאס'ן, ווייל נאָר צו איהם האט ער געהאט דאס גראָסטע צוטרויען.

דער קאָניג פתילאמעטאר האט אזוי ווייט ליעב געקריגען דאס יודישע פאלק אונ זייער פיהרער אז ער האט זיך זעהר געוואלט בעקענען מיט דעם יודישען געזעץ, אונ צו ליעב דעם האט מען געלאזט די תורה איבערזעצען אויף גריכיש אונ פינף איבערזעצער האבען זיך בעשעפטיגט דערמיט. דער טאג, ווען מען האט די איבערזעצונג געענדיגט אונ איבערגעגעבען דעם קאניג, איז געוואָרען ביי די יודען פון אלכסנדריען א יום טוב אונ אלע יאהר פלעגען זיי ארויספאהרען אויף א אינזעל פהאראס אונ זיך דארט אנ־טהון אלע תענוגים. שפעטער מיט הונדערט יאהר האט מען אויסגעטראכט א גאנצע מעשה, אז די איבערזעצונג איז געארבייט געוואָרען דורך צוויי אונ זיבציג געלעהרטע מענשען. וואס יעדער איז געזעסען פערשפארט אין א בעזונדער חדר אונ האט זיך געטהון זיינס, אונ אז אלע האבען געענדיגט האט מען פארגלייכט די איבערזעצונג אונ זי האט דערפאר בעקומען א נאָה־מען ספּטואגינטא'. אין מצרים האט די איבערזעצונג געמאכט איין שטארקען רושם. ביי די יודען איז געוועהן זעהר אנגעלעגט וואס די גע־בילדעטע גריכען, וואס האבען זיך איינגערעדט אז קיין קלוגערס פון זיי איז ניטא, האבען בעקומען א מעגליכקייט צו לייענען די תורה, וואס איז דורך דעם געוואָרען דער ערשטער שליח צווישען די נאטצענדיענער אונ האט זיי געגעבען א בעגריף פון א איינציגען בורא עולם. אין יהודה אבער זענען די פרומע' נאָר ניט צופריעדען געוועהן דערפון, ווייל זיי האבען געזדינגען אז די תורה ווערט אן איהר גאנצע קדושה אין איין אנדער לשון אונ הא־בען מורא געהאט טאמער האפען זיך אהין אריין דורך דער איבערזעצונג אזויגע זאכען וואס שטעהען גאר דארט ניט, אונ בעזאנדערס האבען זיי ניט געוואלט ליידען וואס די איבערזעצונג איז מעהר אנגענומען געוואָרען ווי די תורה אליין אונ מען האט זי אנגעהויבען לייענען אין אלע שולען.

פון דער איבערזעצונג אן האט אנגעהויבען אין מצרים בליהען א גאנצע יודיש־גריכישע ליטעראטור. פון איין זייט האבען די יודען גענאשט ביי די גריכען דאס אפענטליכע דרשנן, שטעלען זיך אויף א פסוק פונ׳ם חומש אונ פערבינדען דערמיט געוויסע געדאנקען, אונ דאס איז שוין גרינג געווארען צו טהון, ווייל די תורה איז געוועהן אויף גריכיש אונ יעדער האט זי פערשטאנען. פון דער אנדערער זייט האבען די יודען צליין געוואלט מעהר מיט זיך בעקענט מאכען די גריכען אונ אזוי ווי דעמעלט איז געוועהן די מאדע צו שרייבען נאר שירים, געפינט מען נאך אצינד גאנצע שטיקער פון דער יודישער געשיכטע בעשריעבען אין שאנע קלינגענדיגע גריכישע גראמען. דער צו האט זיך גראד געמאכט נאך א זאך. וואס צו ליעב דעם האבען די יודען געמוזט דעם תמצית פון א סך היילינע ספרים אויפשרייבען אויף גריכיש. אין מצרים האבען פון לאנג אן געוואהנט פיעל שמרונים, וואס זענען אהין אויך ענטלאפען אין די פריהריגע טרויעריגע צייטען; זיי האבען אויך גערעדט גריכיש אונ גאנץ רוהיג געלעבט אין לאנד, נאר מיט די יודען האבען זיי זיך ניט געקאנט אויסגלייכען אונ עס האט זיי געשטאכען פאר וואס די מלוכה גיט זיי אזוי פיעל פרייהייט. אז עס איז ארויס די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה אונ זיי האבען געזעהן ווי גרויס די ליעבשאפט פונ׳ם קאניג איז צו די יודען, איז זייער כעס נאך גראסער געווארען אונ זיי האבען אנגעהויבען צו געהען מיט רכילות אונ אויסטראכטען בלבולים ביז דער גוטער מלך פהילאמעטאר, וואס האט ליעב געהאט אלדינג צו וויסען, האט געמאכט אז די יודען מיט די שומרונים זאלען האבען א אפענטליכען ויכוח. פון די יודענס זייט איז ארויסגעטרעטען אנדראניקוס בן משלם אונ די שומרונים האבען געהאט צוויי פארשטעהער סבי אונ טהעאדאזיוס. דער ויכוח האט זיך מן הסתם אויסגעלאזט ווי אלע אזיינע ויכוחים לאזען זיך אויס: יעדער איז געבליבען ביי זיין מיינונג, איינער דעם אנדערן האט ניט געקאנט איבערשפארען, נאר די יודיש־גריכישע ליטעראטור איז בעדייכט געווארען מיט פיל ביכער איבער דער יודישער געשיכטע אונ אמונה.

די יודען האבען אבער אומעדום איין מזל. לאנג ליכטיג קאן ביי זיי ניט זיין, אונ פונקט אין דער צייט וואס אין יהודה האט זיך דאס ראדעל איבערגעדרעהט נאך יונתן׳ס טויט, איז אין מצרים אויך געווארען א איבערקערעניש. דער גוטער מלך פהילאמעטאר איז געשטארבען אונ אויף זיין ארט איז ארויף דער שלעכטער איירגעטעס, וואס האט חתונה געהאט מיט זיין אייגענער

שְׁוועסְטֶער אונ בֶּעפְלֶעקְט די מְלוּכָה מִיט זַיינֶע שֶׁאַנְדְלִיכֶע מַעֲשִׂים. עֶר הָאט אַרויסְגֶעוויזֶען אַזוֹי פִיעל אַכְזָרִיוּת אַז אַלֶע אַיינְוואהנֶער פוּן אַלֶכְּסַנְדְרִיֶען זֶענִין זִיךְ צוּלאפֶען אונ די יוּדֶען זֶענִין גָאר אִין גַאנְצֶען גֶעווֶעהן דָאס כַּפָּרָה־הִינְדֶעל. אַייֶערְגֶעטֶעס, אָדֶער ווִי מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען פְ ט א לָ א מֶ ע א וּ ס־פִ י סְ קָ א ן דֶ ע ר זִ י בֶּ ע נְ טֶ ע ר. מִיטְן גְרָאבֶּען בּויךְ. הָאט פֶערְדְרָאסֶען וָואס אָנִיַאס הָאט גֶעהַאלְטֶען מִיט פְּהִילָאמֶעטָאר'ס אַלְמָנָה, קְלֶעאָפַּאטְרַא. וָואס הָאט גֶעוָואלְט אַז די מְלוּכָה זָאל אִיבֶּערְגֶעהן צוּ אִיהר קְלֵיינֶעם זוּהן אונ אַז עֶר הָאט דֶערְהֶערְט אַז אָנִיַאס קְלוֹיבְּט צוּנוֹיף חַיִל אונ ווִיל גֶעהן אַקֶעגֶען אִיהם, הָאט עֶר בַּאלְד אַרויסְגֶעגֶעבֶּען אַ מִשְׁפָּט צֶדֶק, מֶען זָאל אַלֶע יוּדֶען מִיט ווַייבֶּער אונ קִינְדֶער פֶּעטְטֶען אִין קֵייטֶען אונ זֵיי אַרוֹיסְפִיהְרֶען נַאקֶעט אוֹיף אַ פְּלַאץ, די עֶלֶעפַאנְטֶען זָאלֶען זֵיי צוּטְרֶעטֶען. דָא אִיז אָבֶּער גֶעשֶׁעהְן אַ נֵס: דֶער קָאנִיג הָאט גֶעהֵייסֶען אַנְטְרִינְקֶען די עֶלֶעפַאנְטֶען מִיט ווַיין, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען מִיט מֶעהר רְצִיחָה אָנְפַאלֶען אוֹיף די גֶעבּוּנְדֶענֶע יוּדֶען, נָאר די עֶלֶעפַאנְטֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען לוֹיפֶען גָאר אִין אַ אַנְדֶער זַייט, וואו דֶעם קָאנִיגְס לַייט זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אונ די שׂוֹנְאִים הָאבֶּען גֶעכַאפְּט דֶעם פְּסַק וָואס הָאט גֶעוָואלְט גֶעשֶׁעהְן די יוּדֶען. דֶער זֵכֶר פוּן דֶעם וואוּנְדֶער הָאט זִיךְ לַאנְג גֶעהַאלְטֶען צְווִישֶׁען די יוּדֶען פוּן מִצְרַיִם אונ זֵיי הָאבֶּען דֶעם טָאג גֶעמַאכְט פַאר אַ יוֹם טוֹב.

צְווֵייטֶעס קַאפִּיטֶעל.

ז' נְשִׂיאִים שִׁמְעוֹן אונ יוֹחָנָן הוֹרְקָנוֹס.

(143—106 פַאר קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט. 176—213 פַאר'ן חֻרְבַּן בַּיִת שֵׁנִי)

די אַרְבֵּייט פוּן יְהוּדָה הַמַּכַּבִּי אונ זַיין בְּרוּדֶער יוֹנָתָן אִיז נִיט גֶע־גַאנְגֶען לְאִיבּוּד אונ אַז דֶער לֶעצְטֶער בְּרוּדֶער פוּן די חַשְׁמוֹנָאִים, שִׁ מְ עוֹ ן,

האט אויף זיך גענומען צו פיהרען דאס לאנד, איז ער שוין אים שטאנד געוועהן אויפצוטרעטען מיט מעהר שטארקייט. ווייל פיעל שטאדט זענען שוין געוועהן בעפעסטיגט אונ דאס יודישע חיל האט שוין ניט איין מאהל בעוויזען זיין כח אונ גבורה. מיט דער הילף פון זיינע פיער זיהן, וואס דריי פון זיי זענען בעקענט מיט די נאהמען: יוחנן, יהודה אונ מתתיה, האט שמעון געמאכט די בעסטע ארדנונג אין לאנד אונ האט אנגעהויבען דערפון, וואס ער האט באלד צראבגעווארפען פון זיך דעם עול פון דער סירישער מלוכה אונ האט זיך ביי קיינעם ניט אנגעפרעגט וועגען דער כהונה, וואס ער האט אנגענומען. ער האט אבער אין זין געהאט, אז טאמער וועט זיין זעלבסטשטאנדיגקייט פערדריסען א שונא, זאל ער זיין גרייט צו מלחמה אונ ער האט זיך פערזארגט מיט גענוג חיל אונ כלי זין, אונ כדי ער זאל ביי זיך נאך זיכערער זיין, האט ער געשיקט א גאלדענע קרוין דמיטריוס־ניקאטאר דעם צווייטען אונ האט איהם צוגעזאגט בעהילפיג צו זיין ווען טריפון וועט אויף איהם אנפאלען. דמיטריוס האט דערמעלט קיין אנדער ברירה ניט געהאט אונ האט געמוזט אנגעהמען דעם שלום: ער האט גע־ענטפערט מיט זעהר א פריינדליכען בריעף אז ער איז מוחל דעם מס וואס עס קומט איהם אונ בעט צו פערגעסען אלדינג וואס איז געוועהן. מיט גרויס שמחה האט דאס יודישע פאלק בעגריסט דעם ערשטען שריט צו אזא וויכטיגער פרייהייט וואס האט געקאנט פיהרען צום בעלעבען פון דער פריה־ריגער מלוכה; עס איז ביי זיי אזוי טהייער געוועהן, אז אפילו די יאהרען־רעכנונג האבען זיי אנגעהויבען נאר אויפ'ס נייע פון דער צייט, וואס זיי האבען אויפגעהערט צו געבען נתינות דער סירישער מלוכה אונ זיי האבען געהאלטען פאר א חוב דערפון מודיע צו זיין די יודען פון מצרים. באלד נאך דעם האט זיך שמעון גענומען צו די העלעניסטען, וואס האבען זיך נאך אויפגעהאלטען אין אקרא, גזרה אונ בית־סור. גזרה האט זיך תיכף אונטערגעגעבען, דאס אייגענע איז אויך געשעהן מיט בית־סור, אונ נאר מיט אקרא איז א ביסעל שווער צוגעגאנגען, חאטשי סוף כל סוף האבען דיא העלעניסטען פארט געמוזט פערלאזען זייער אלטע נעסט אונ נאך פערציג יאהר, וואס זיי האבען עקזעסטירט, איז פון זיי אין גאנ־צען געווארען א תל.

די אלע ערטער, וואו די העלעניסטען זענען פריהר געוועהן, האט שמעון בענוצט פאר דער טובה פון דער מדינה אונ האט זיי שטארק בע־

פעסטינג. די שטאָדט יפו, וואָס ליגט בּיים ים, האָט אָנגעהויבּען געבּען אַ גרויסע הכנסה. וואָס בּיז צוהער פּלעגען זיי די סירישער צונעהמען די פעסטונג עקרא האָט דער עולם געהרעכענט אין גאַנצען צוואַרפען, ווייל מען האָט געפונען, אַז עס פּאַסט ניט די מויערען פון עקרא זאָלען זיין העכער פונם בית המקדש; נאָר אַז שמעון האָט געזעהן, אַז אין עקרא איז דאָס בּעסטע אָרט צו האַלטען חיל און אַז די פעסטונג קאָן שטאַנדיג דיענען פאַר אַיין שוטץ דער יודישער הויפּט־שטאָדט, האָט ער נאָר געהייסען דיא מויערען אַ בּיסעל נידעריגער מאַכען און אַנדערן דעם נאָמען פון עקרא אויף בּירה, אַזוי ווי מען האָט זיא גערופען אין דער צייט פון נחמיה. ער האָט זיך אַליין דאָרט בּעזעצט און דעם זוהן יוחנן האָט ער געמאַכט פאַר מושל אין גזרה.

אַז דמיטריוס־ניקאַטאָר האָט אָנגעהויבּען אַ גרויסע מלחמה מיט פּערסיען און האָט געמוזט איבּערגעבּען די מלוכה זיין בּרודער אַנטיוכוס סידעטעס און אַזוי ווי דער נייער מלך האָט אויך געהאַט צו טהון מיט טריפון און האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ שונאים די יודען זענען איהם פאַר'ן טויט פון יונתן, האָט ער אויך בּאַלד געשלאָסען פריינדשאַפט מיט שמעון און האָט איהם נאָך געשענקט דאָס רעכט אַליין צו מאַכען מטבעות פאַר זיין לאַנד. נאָר שמעון האָט זיך נאָך ניט בּעגנוגט מיט דעם. ער האָט געוואָלט זיך פיהלען נאָך זיכערער און האָט אַוועקגעשיקט צוויי שליחים, נומעניוס בּן אַנטיוכוס און אַנטיפּטר בּן יאָזאָי, קיין רום בּעטען בּיי די רוימער זיי זאָלען איהם צוזאָגען זייער שוטץ. די רוימער האָבּען אַלדינג צוגעזאָגט; נאָר שפּעטער מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר האָט זיך אַרויסגעוויזען וויא טהייער די יודען האָבּען געמוזט בּעצאָהלען פאַר זייער פריינדשאַפט און ווי ניט־בּערעכענט שמעון איז געוועהן, וואָס ער האָט זיך געווענדעט צו די רוימער און מיט איין האַנד צושטערט דאָס, וואָס ער האָט געבּויעט מיט דער אַנדערער האַנד.

דערווייל האָבּען די יודען געפיהלט אַ גרויסע טובה לפי שעה און אַז זיי האָבּען זיך געזעהן אַרומגערינגעלט נאָר מיט גוטע פריינד, האָט יהודה, צום ערשטען מאָהל נאָך צדקיהו'ס טויט, געקאָנט בּעטראַכטען שמעון פאַר אַ פרייען מושל. מיט גרויס פּאַראַד האָבּען זיך אַלע כהנים, לוים און זקנים פערזאַמעלט אויפ'ן הר הבית און שמעון איז אויפגענומען געוואָרען פאַר אַ נשיא. בּאַלד נאָך דעם האָט ער אַרויסגעלאָזט זיינע אייגענע

מטבעות: פון איין זייט איז געווען אויסגעקריצט „שקל כסף" און פון דער אנדערער זייט — „דאס הייליגע ירושלים"; נאר זיין נאמען איז ניט געווען דערמאנט, ווייל ער האט זיך ניט געוואלט דערמיט איבערנעמען.

קוים האט זיך אבער אנטיוכוס סידעטעס געזעהן נאהענט צום ציעל און טריפון האט איהם שוין ניט געקאנט שאדען איז זיין פריינדשאפט צו די יודען געווארען א סך קלענער און אז שמעון האט איהם געשיקט — ווען ער האט בעלעגערט די שטאדט דארא — צוויי טויזענד מאן און געלד, האט ער זיך פון דער הילף אבגעזאגט. דאס האט ער געטהון בכיון. כדי ער זאל זיך קאנען שפעטער טשעפען און די האנד זאלען איהם ניט זיין געבונ-דען. טאקע גאר אין א קורצער צייט האט ער געשיקט זיין הויפטמאן, קענדעבאיאס פון הורקאניען צו שמעון מיט א טענה: פאר וואס מען בעלוינט איהם ניט פאר יפו, גזרה און אקרא און האט געפאדערט, אז מען זאל איהם געבען א של מיט געלד אדער אבטרעטען צוריק די ארטער. אויסגלייכען זיך איז שווער געווען און עס האט געמוזט קומען צו קריעג. קענדעבאיאס האט ניט געמאכט קיין שיהות און האט שוין אנגעהויבען ארייננצוקריעכען טיעף אין יודישען לאנד. שמעון האט באלד איבערגעגעבען דאס גאנצע חיל זיינע ביידע זיהן, יוחנן און יהודה און עס איז זיי גע-ראטהען זיך גוט אבצושעקלען מיטן שונא. דער יונגערער ברודער, יהודה איז פערוואונדעט געווארען און דער עלטערער יוחנן האט בעקומען דעמעלט דעם צונאמען „הורקנוס", ווייל ער האט איינגענומען דעם הויפטמאן פון הורקניען.

נאך אזא מפלה האט אנטיוכוס סידעטעס געזעהן, אז מיט כח וועט ער גאר ניט אויספיהרען. האט ער זיך ענטשלאסען צו געהן מיט פאלשקייט און האט טאקע אבגעזוכט צווישען די יודען אזוינעם, וואס האט איהם געהאלפען אויספיהרען זיין שאנדליכען פלאן. דאס איז געווען שמעו׳ס איין איידעם — פטאלאמעאוס בן חבוב. חאטש צו דער חתונה האט איהם שמעון געגעבען א סך געלד און האט איהם געמאכט פאר מושל אין יריחו איז איהם אבער צליינג קארג געווען און ער האט געוואלט מיט א מאל ירשנען דעם שווערס כבוד און רייכקייט. אזא מענטשעל האט זיך געלאזט איבערעדען און אז שמעון מיטן ווייב און צוויי זיהן, יהודה און מתתיהו, איז צו איהם געקומען צו גאסט קיין דגון, האט ער זיי אלע אויסער שמעו׳ס פרוי, דערהרגעט. ער האט אבער געוואלט עקען אויך מיט יוחנן

וואס איז דעמעלט געווען אין גנבה, נאר מען האט איהם געגעבען צו וויסען אונ די שליחים פון זיין שוואגער האבען ביי איהם געפונען דעם טויט. אזוי איז בעשערט געוועהן אלע מתתיהו'ס קינדער צו שטארבען פאר דער צייט אונ אוועקגעבען דאס לעבען פארן גליק פון פאטערלאנד.

דער צווייטער נשיא, יוחנן הורקנוס, האט זיך געפיהלט נאך מעהר אין כח אויסצופיהרען אלע זאכען וואס זיין פאטער האט אנגעהויבען. פאר איהם האט דאס יודישע לאנד געבליהט, פאר די יודען האבען אלע פעלקער פון ווייט אונ פון נאהענט דרך ארץ געהאט אונ ניט אומזיסט פערגלייכט מען זיין צייט מיט דער גליקליכער צייט פון שלמה המלך. ער האט אבער אויך פונקט ווי שלמה, וואס האט געהאט א געגנער, אדוניהו, געמוזט די ערשטע צייט געגנג זיך אנמוטשען ביז ער האט געפטר'ט זיין שוואגער, דעם רוצח פונ'ם פאטער אונ די ברידער. פטאלאמעאוס האט זעהר געוואלט ווערען נשיא אונ האט שטארק געדיפעט אויף דער הילף פון סיריען; דאריבער איז יוחנן-הורקנוס געצווינגען געווען איהם צו פערטרייבען. אז יוחנן-הורקנוס איז אנגעפאלען אויף דער פעסטונג דגון, האט דער אכזר פטאלאמעאוס געהייסען ארויספיהרען די שוויגער אויף דער מויער אונ ווייזען דעם זוהן וואס פאר ענוים קשים מען טהוט אן זיין מוטער. האטשי די אלטע מוטער איז געווען גאר בעהארצט, אז זי האט פון אויבען אראבגעשריגען דעם זוהן, עס זאל איהם ניט הארען אונ ער זאל טהון זיינס, פון דעסטוועגען האבען איהם די צרות פון דער מוטער שלאבעריג געמאכט אונ ער האט געמוזט אבטרעטען פון דער פעסטונג. פטאלאמעאוס האט דערנאך געטייט די שוויגער, אליין איז ער אוועק אין דער הויפטשטאדט פון די עמונים, רבת עמון, אונ עס איז פון איהם קיין זכר ניט געבליעבען.

קוים איז יוחנן-הורקנוס פריי געווארען פון איין צרה — איז שוין א גרעסערע געשטאנען פאר דער טיהר. אנטיוכוס סידעטעס, וואס האט זיך געוואלט נוקם זיין פאר דעם כסף, וואס ער האט ניט לאנג געהאפט, האט צונויפגענומען פיעל חיל אונ האט זיך געלאזט צו דער יודישער הויפטשטאדט. ווי עס שיינט, האט זיך יוחנן-הורקנוס דעמעלט ניט געפיהלט אין כח גלייך אנהייבען א מלחמה מיט'ן שונא אונ האט זיך פערשלאסען אין ירושלים, וואס איז געוועהן גוט בעפעסטיגט. אנטיוכוס האט געמוזט בעלאגערן ירושלים אונ ווייל דאס האט פיעל געדויערט האבען די סירער שטארק געליטען וועגען וואסער-מאנגעל אונ די יודען האבען ניט ווייניגער געהאט

אויסצושטעהן דערפון, וואס זיי האט געפעהלט ברוידט. ביי אזא לאנגע האבען ביידע צדדים אנגעהויבען טראכטען פון שלום און יוחנן־הורקנוס האט דער ערשטער געשיקט פארלעגען: מען זאל צו ליעב דעם יום טוב סכות איבעררייסען די קריעג אויף אכט טאג. אנטיוכוס האט זיך אנגעהאפט אין דעם מיט ביידע האנד, און האט נאך אריינגעשיקט א סך בהמות אויף קרבנות און גאלדענע כלים פאר א מתנה. דאס איז געוועהן א ווינק, מען זאל טאקע אנהייבען רעדען פון א ערנסטען שלום. און האטשי צווישען אנטיוכוס'ס הויפטלייט האבען זיך געפונען גענוג שונאים, וואס האבען איהם געראטהען ער זאל זיך נוהג זיין מיט די יודען ווי אנטיוכוס־עפיפאנעס, האט ער זיך בעגנוגט דערמיט, וואס ער האט געפאדערט, אז די יודען זאלען ניט האבען קיין כלי זיין, צאהלען מס פאר עטליכע שטאדט, ווי גזרה, יפו און אנדערע, און אריינלאזען קיין ירושלים א טהייל פונ'ם סירישען חיל. אויף די ערשטע צוויי זאכען איז יוחנן־הורקנוס בעשטאנען, נאר אויף דער דריטער האט ער ניט געקאנט מסכים זיין; ווייל ער האט מורא געהאט נאך א מאהל צונויפמישען די יודען מיט די סירער. אנטיוכוס האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, און אז יוחנן־הורקנוס האט טאקע שוין במזומנים איהם אבגעצאהלט דאס געלד, וואס ער האט בעדארפט, האט ער געמוזט צו ליעב טהון און איז אבגעטרעטען פון ירושלים. אזוי האט זיך געענדיגט מיט גליק א מלחמה, וואס דער סוף האט זיך געקאנט ניט גוט אויסלאזען, און ירושלים איז נאר אבגעקומען דערמיט, וואס דער שונא האט צושטערט עטליכע מויערען; די יודישע מלוכה אבער איז געבליעבען פעסט, און דער מעמד פון די יודען איז געוועהן אזוי גוט אז דאס ביסעל געלד וואס אנטיוכוס האט אוועקגעפיהרט, האט זיך גאר ניט אנגעזעהן.

יוחנן־הורקנוס האט זיך אבער שוין מעהר ניט געוואלט פערלאזען אויף אייגענע כוחות און האט געזוכט זיך צו בעווארענען מיט א הילף פון דער פרעמד. דערפאר האט ער אוועקגעשיקט שליחים צו די רוימער, מען זאל זיך אננעהמען פאר איהם און ער האט טאקע געפועלט, און גאר גיך האט אנטיוכוס־סידעטעס געמוזט זיך אבזאגען פון די תנאים, וואס ער האט אויסגענומען מיט די יודען. עס האט איהם אפילו געשטאכען, נאר בעסער מאכען האט ער ניט געקאנט; ווייל פונקט אין דער צייט האט ער אנגעהויבען א מלחמה מיט פארטהיען, וואו זיין ברודער דמיטריוס־ניקאטאר איז שוין צעהן יאהר געוועהן געפאנגען, און האט געוואלט אז דאס יודישע חיל

זאל איהם געהן צו הילף. אז מען דארף אנקומען צו יענעם — ווערט מען נאר איין אנדער מענש: אנטיוכוס איז אזוי פריינדליך געווארען געגען די יודען, אז אין וועג, ווען עס איז גראד געפאלען א יום טוב באלד נאך א שבת, האט ער געהייסען רוהען ביידע טאג. דאס גליק האט זיך אבער אבגעטהון פון אנטיוכוסן און ער איז באלד געפאלען אין דער מלחמה. דער קעניג פון פארטהיען האט אפילו בעפרייעט דעם געפאנגענעם דמיטריוס־ניקאטאר און האט איהם געהאלפען איבערנעהמען די מלוכה פון סיריען. ער האט אבער געהערשט ניט מעהר ווי א פאר יאהר; ווייל באלד איז געווארען מלך, מיט דער הילף פון אייערגעפטעם, אלכסנדר זעבינא. אין סיריען איז דעמעלט געווארען חשך: דמיטריוס־ניקאטאר האט געמוזט אנטלויפען, זיין ווייב קלעאפאטרא האט געוואלט סמן די קינדער און צווישען די יורשים, גריפוס דעם אכטען און קיזיקנוס דעם ניינטען, איז ארויס א שטארק מחלוקת וועגען דער קרוין פון דער מלוכה.

דער יודישער נשיא האט פערשטאנען זיך צו בענוצען מיט די אונרוהען, וואס זענען פארגעקומען אין סיריען, און האט זיך באלד אין גאנצען בעפרייעט פון דעם לאנד. ער האט די זאך געהאלטען אזוי וויכטיג, אז ער האט תיכף דערפון צו וויסען געגעבען די יודען פון מצרים און זייער פארשטעהער יהודה אריסתובול, זיי זאלען אויך גאט דאנקען פאר דער ישועה, וואס ער האט צוגעשיקט דעם גאנצען יודישען פאלק. עס איז איהם אבער נאך אלץ קארג געווען: פיעל שונאים האבען נאך ארומגערינגעלט יהודה, פונקט אין דער מיט זענען געזעסען די שמרונים, פון דרום־זייט זענען געווען די אדומים און פון יענער זייט ירדן האבען די גריכען אלע מאהל געגעבען אנצוהערען זייער פיינדשאפט; דאריבער האט ער זיך ענטשלאסען א ביסעל דערווייטערן די גרעניצען פונ'ם יודישען לאנד און די פיינדליכע פעלקער פערטרייבען. יוחנן־הורקנוס האט געמוזט צודינגען חיל און עס איז א סברא, אז ער האט דארויף בענוצט די אוצרות, וואס ער האט געפונען בעגראבען אין די קברים פון מלכי בית דוד. צוערשט האט ער איינגענומען די שטאדט מדבה, פון יענער זייט ירדן, און סמגא, ביים ים פון טבריא, און דערנאך איז ער באלד אריין אין דער הויפטשטאדט פון שמרון, שכם, און געמאכט א תל פון דער שטאדט און פונ'ם משכן אויפן בארג גריזים. און אזוי איז פערשווינדען געווארען דער גאנצער גלאנץ פון די שומ־ונים. דאס אייגענע האט ער אויך געטהון מיט

די אדומים: זייערע צוויי פעסטונגען אדרא און מריסא, האט ער צו־שטערט און זיי אליין האט ער געהייסען אויסקלויבען: — אדער ווערען יודען, אדער זיך געהן זוכען ערגעץ אין דער פרעמד א נייע היים. די אדומים האבען געמוזט לפנים אננעהמען יודישקייט, און צום ערשטען מאהל האט זיך די יודישע אמונה אנגעווארפען אויף יענעם מיט געוואלד. נאר וואס פאר א ממשות דער שלום צווישען יעקב און עשו האט געהאט — קאן מען ארויס־זעהן דערפון, וואס די אדומים האבען שפעטער געהאלפען די רוימער אראב־ווארפען די חשמונאים און צושטערען די יודישע מלוכה.

די שונאים האבען אבער אויך ניט געשוויגען, און די סירישע איינ־וואהנער פון שמרון האבען זייער אונצופרידענהייט שטארק ארויסגעוויזען, בע־זאנדערס נאך דעם, וואס פיעל פון די געוועזענע אדומים האבען זיך בעזעצט צווישען זיי; דערצו האבען זיי נאך אונטערגעהיצט די סירישע קעניגע גריפוס און קיזיקנוס, און דאס סיריש חיל האט אנגעהויבען ווייטער פער־חאפען עטליכע ערטער פון יהודה. די סירער האבען אפילו באלד געמוזט אלדינג אבגעבען; ווייל יוחנן־הורקנוס האט זיך געקלאגט פאר די רוימער, און אקעגען רום האט אזא בחור ווי קיזיקנוס, וואס האט זיך אין גאנצען גענומען אויף אנטיוכוס־עפיפאנעס טרוי, אויך ניט געקאנט זיין קיין עזות פנים. נאר אז יוחנן־הורקנוס האט בעלאגערט שמרון איז קיזיקנוס שוין דארט אויסגעוואקסען מיט זיין חיל. ער האט אבער געהאט דעם פסק פון יוחנן׳ס צוויי זיהן, אריסתובול מיט אנטיגנוס, וואס האבען געפיהרט דאס יודישע חיל, און האט געמוזט אבטרעטען קיין בית־שן. קיזיקנוס האט אבער ווייטער ניט געוואלט שווייגען און האט געמאכט יד אחת מיט איינעם פון די מלכים פון מצרים, פטאלאמעאוס־לאטורוס דעם אכטען. דער מלך האט געקוקט קרום אויף די יודען דערפאר, וואס זיי האבען מעהר גע־האלטען מיט זיין מוטער קלעאפאטרא, און וואס אויף איהר זייט זענען אויך געשטאנען די הערשער פון דער געגענד אניאן, דעם כהן אניאס צוויי זיהן חלקיהו און חנניה; ער האט דאריבער ארויסגעשיקט זעקס־טויזענד מאן זיי העלפען קיזיקנוס׳ן. גאט האט אבער געשאנקט דעם נצחון די יו־דען, און אומזיסט איז געוועהן די מיה פון זייערע שונאים: נאך פון דער־ווייטענס האט יוחנן־הורקנוס געהערט א קול פונ׳ם קדשי קדשים ארויס, וואס האט איהם אנגעזאגט א פרעהליכע בשורה, אז די יודישע פרינצען האבען גובר געוועהן, און עס איז טאקע אזוי געשעהן. פון די צוויי סירישע הויפט־

ליט, קאליסאנדרוס און עפיקראטעס, איז דער ערשטער געפאלען טויט אין דער מלחמה, און דער אנדערער האט זיך געלאזט איבערקויפען און האט איבערגעגעבען די יודען בית־שן און נאך אנדערע שטאדט, וואס האבען פריהער געהערט צו די גריכען. אזוי איז שמרון געפאלען. קיין שטיין איז פון דער שטאדט ניט געבליעבען. די גבורות פון די יודען האבען גע־ווארפען א מורא אויף אלע פעלקער, און זיי האבען געשפיעלט די גראסטע ראלע אין יהודה און אין מצרים. אז פטאלאמעאוס־לאטארוס איז אנטלאפען אויף דער אינזעל ציפערן, און די קאניגען קלעאפאטרא האט איהם געוואלט פון דארט אויך ארויסטרייבען, האט זי געמוזט דערצו בענוצען דאס יודישע חיל פון אניאן, און נאר מיט זייער הילף האט מען איהם פערטריבען.

יוחנן־הורקנוס האט אויך ארויסגעלאזט זיינע מטבעות; נאר ער איז שוין מעהר שטאלץ געווען אויף זיין מלוכה ווי דער פאטער, און האט געהייסען אויסקריצען זיין נאהמען ווי א כהן גדול און א נשיא פון דער גאנצער יו־דישער עדה. אין זיין צייט איז אויך די העבראישע שפראכע מעהר בע־פעסטיגט געווארען צווישען די יודען, און מען האט אנגעהויבען רופען „גיי העבראיש", ווייל פיעל אראמעאישע און גריכישע ווערטער פלעגען אהין אריינקומען, כדי מען זאל קאנען גרינגער אויסדריקען די געדאנקען. ער האט אויסגעבויעט פיעל שאנע בנינים פאר זיך און פאר די בעדארפנישען פון דער מלוכה, אויפ׳ן גריכישען אופן, און אפילו די מצבות אויף די קברים פון די חשמונאים האט ער אויך געלאזט מאכען, אין מדין אויף דער ארט פון די גריכען, און נאך פונ׳ם ים פלעגט מען קאנען זעהן דעם קליינעם בית עולם מיט די טהייערע מארמארנע שפיצען, וואס האבען געדיענט פאר איין זכר פון די עדלע יודישע גבורים.

אין דער צייט פון יוחנן־הורקנוס זענען ארויסגעשפרונגען צווישען יודען דריי פערשיעדענע כתות: די פרושים (פהאריסעער) די צדוקים (סא־דוקעער) און די אסיים (אסעער).

די פרושים זענען גראסטענטהיילס בעשטאנען פון מענשען וואס הא־בען זיך אפגעגעבען נאר מיט לערנען, פארשען און זוכען פירושים אויף דער תורה, און דערפון האט זיך אויך גענומען זייער נאהמען. זיי האבען ווייניג וואס געקוקט אויף דער מאכט פונ׳ם מענשען; ווייל זיי האבען גע־גלויבט, אז אהן גאטס ווילען קאן קיין איינציגע זאך ניט געשעהן, און אז א בשר ודם טאר דעם באשעפער קיין דעה ניט זאגען. עס האט זיי ניט

געהארט, ווען זיי האבען געזעהן, אז דער צדיק ווערדט פערשווארצט אונ דעם רשע געהט עס דווקא גוט אויף דער וועלט; ווייל זיי האבען געגלייבט, אז די אמת'ע רעכנונג ווערדט געמאכט נאך דעם טויט. אונ יעדער בעקומט זיך זיינס אונ שלאפט ווי אזוי ער בעט זיך אויס. יעדעס אות פון דער תורה, יעדער דין, יעדער מנהג, איז ביי זיי געוועהן טהייער אונ הייליג, אונ אז דאס לעבען פלעגט אפט ווייזען, אז מען קאן ניט אויספיהרען צו טהון, וואס דער פשוטער זין פון דער תורה פארדערט, האבען זיי נאך אויך ניט געוואלט שטעלען אויף זיך אונ האבען געזוכט דעם היתר צווישען די רעד פון פריהדיגע לומדים, וואס מען האט גערופען „דברי סופרים“. זיי זענען געוועהן אמת פרום אונ גרויסע לומדים, אונ ערשט אסך יאהרען שפעטער האבען זיך אנגעהויבען פון זיי ארויסווייזען געפארבטע מענשען, צבועק'עס, אונ דער נאהמען „פהאריסעער“ (פרושים) איז געווארען צו שאנד אונ שפאט. וואס פאר אוואהלע מדות זיי האבען געהאט, קאן מען פארשטעהן פון די געצאהלטע ווערטער פון זייער פארשטעהער יהושע בן פרחיה, וואס מיר געפינען אין פרקי אבות: „מאך דיר א רבי'ן, קויף דיר א חבר, אונ זוך אין יעדען מענשען די בעסערע זייט“.

די צדוקים, וואס צו זיי האט געהערט די רייכע אונ געבילדעטע קלאסע, האבען זיך אזוי גערופען נאך דעם נאהמען פון זייער ערשטען פארשטעהער צדוק, וואס האט אינאיינעם מיט זיין חבר ביתוס געלערנט ביי אנטיגנוס אונ האט זיך פעסט געהאלטען אין די ווערטער פון זיין רבי'ן אז דער מענש דארף ניט דינען דעם אייבערשטען ווי א קנעכט פאר געצאהלטס“. זייערע דרכים זענען געוועהן פונקט פארקעהרט פון די פרושים: זיי האבען נאר שטרענג אבגעהיט די תורה, אונ אלע איבריגע חומרות, וואס מען פלעגט איבערגעבען פון איין דור צום אנדערען האבען זיי ניט געהאלטען פאר הייליג. פון שכר ועונש האבען זיי ניט געוואלט וויסען. זיי האבען געדרונגען אז די הנאה, וואס דער מענש האט, ווען ער טהוט עפעס א גוטע זאך, איז טאקע שוין זיין לוין אויף דער וועלט, אונ ער טאר נאר ניט וועלען פיהרען קאנטעס אויפן הימעל, אונ זיך בעווארענען מיט עולם הבא. זיי האבען אויך געגלויבט, אז גאט מישט זיך ניט אריין אין לעבען פונ'ם מענשען, אונ אז יעדער איז אליין מחויב אויסצוארבייטען זיין רצון אזוי, אז עס זאל איהם נאר ציהען צו מעשים טובים. דערפאר זענען זיי אויך געוועהן שטרענג געגען זינדיגע אונ פלעגען בעשטראפען אפילו מיט'ן טויט.

די אסיים זענען געוועהן זעהר ווייניג אין דער צאהל, און האבען זיך אזוי גערופען דערפאר, וואס זיי פלעגען זיך אלע אין דערפריה באדען און ריינינען דאס לייב דורך וואסער, און אים כאלדעאישען און גריכישען הייסט „אסיי"—באדען. זיי זענען ארויסגעשפרונגען פון די „פרומע", וואס פלעגען זיך מוסר נפש זיין פאר דער אמונה, און האבען זיך אזוי געוואהנט צו לעבען אבגעזונדערט, ארעם, ווייט פון תענוגים, אהן מותרות, אבי נאר דערהאלטען דעם נפש. זיי פלעגען זיך אבהיטען פון רעדען איבעריגע ווערטער, מעהר שווייגען, ניט שווערען אפילו אויף איין אמת; און אריינגעהמען אין זייער כתה פלעגען זיי נאר דעמעלט, ווען זיי האבען געזעהן, אז זייער נייער חבר האט אלע מדות פון א עסעער, און איז אים שטאנד צו פיהרען אזא לעבען ווי זיי. חתונה האבען האט קיינער ניט געטארט פון זיי, און דאס גאנצע אנטהון זייערס איז בעשטאנען אין א ווייסען מאנטעל, און דערצו פלעגען זיי שטאנדיג טראגען מיט זיך א האנדטוך אויף אבצווישען זיך נאכ'ן באדען און א האק—אויף אויסצוגראבען ערד און צודעקען אומריינע זאכען. זיי פלעגען זיך גראסטענטהיילס אויפהאלטען אין טבריה, וואו זייער הויפטשוהלע איז געוועזן. זייער למוד איז שוין געוועהן א סך טיעפער ווי דאס געוועהנליכע לערנען פון תורה: זיי האבען שוין געוואלט דערגרייכען צו דער הויכער מדרגה פון נבואה, און דאריבער פלעגען זייערע קאפ ארומפליהען אין אנדערע עולמות, און די וועלט-מענשען פלעגען בעטראכטען זייער פארשען ווי עפעס א העכערע זאך, א פערבארגענע וויסענשאפט. דאס פיהרונג פונ'ם לאנד האט זיך מיט זיי גאר ניט אנגעקעהרט און צו מלוכה-זאכען האבען זיי זיך ניט געמישט.

אזוי זענען געוועהן און אזוי האבען זיך געפיהרט די דריי יודישע כתות, און אין יוחנן-הורקנוס צייט איז נאך צווישען זיי קיין גרוס מחלוקת ניט פארגעקומען; ווייל אין די אויגען פון דער מלוכה זענען אלע געוועהן גלייך. ווי א כהן גדול, האט יוחנן-הורקנוס געמוזט שטעהן נאהענט צו די פרושים, וואס ביי זיי אין די האנד איז איינגעשטאנען די תורה און די אמונה; ווי א נשיא אבער האט ער געדארפט זיין פריינדליך אויך מיט די צדוקים, וואס צווישען זיי זענען געוועהן די בכבודסטע און רייכסטע לייט. ער האט אזוי געפיהרט, אז ביידע כתות האבען זיך געלעבט רוהיג און צופרידען, און האטשי זייערע דעות זענען געוועהן פערשיעדען, האט פון דעסטוועגען געהערשט צווישען זיי שלום און איבערגעבענהייט צו דעם ראש

פונ'ם לאנד. איין מאל האט זיך אבער געמאכט א מעשה. וואס צו ליעב דעם האט יוחנן־הורקנוס פיינד געקריגען די פרושים. ער האט געמאכט א גרויסע סעודה אונ האט פארבעטען צו זיך די פארשטעהער פון ביידע כתות. אז דער עולם איז. שוין געוועהן שטארק פרעהליך, איז פליצים איינגעפאלען יוחנן־הורקנוס פארצולעגען די פרושים, זיי זאלען איהם פריי ארויס־זאגען זיינע פעהלער, אויב זיי געפינען, אז ער איז עובר עפים אויף א דין אדער א מנהג. דא האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ איינער פון די פרושים, אליעזר בן פארה, אונ האט איהם געזאגט קירץ אונ שארף, אז עס איז גענוג פאר איהם וואס ער איז א נשיא אונ פון דער כהונה וואלט ער זיך געמעגט אבזאגען, ווייל זיין מוטער איז געפאנגען געווארען, ווען די סיריער זענען אנגעפאלען אויף מדין, אונ א זוהן פון א געפאנגענער טאר ניט זיין קיין כהן גדול. יוחנן־הורקנוס האט עס שטארק פערדראסען, נאר ער האט גאר ניט געזאגט. ער האט געהייסען מאכען א חקירה ודרישה צו איז באמת זיין מוטער געוועהן געפאנגען ביי די סיריער. עס האט זיך מן הסתם ארויסגעוויזען, אז עס איז ניט אזוי, אונ יוחנן־הורקנוס האט געפאדערט ביי די פרושים זיי זאלען בעשטראפען דעם. וואס האט אויסגעטראכט אזא זאך אויפ'ן נשיא'ס משפחה. די פרושים האבען געהייסען געבען דעם שולדיגען ניין אונ דרייסיג מלקות, נאר יוחנן־הורקנוס האט געפונען, אז דער עונש איז צו קליין; דערצו האט איהם נאך אונטערגעהיצט דער פארשטעהער פון די צדוקים יונתן, וואס איז ביי איהם שטענדיג געוועהן א גרויסער חשוב. אונ ער האט אין גאנצען געווארפען א אום־חן אויף די פרושים. דאס איז געוועהן דער אנהייב פון די שנאה, וואס האט זיך אריינגעהאפט צווישען די פרושים אונ צדוקים, אונ טאקי באלד איז דער זעכציגיאהריגער יוחנן־הורקנוס אויפ'ן איין אונ דרייסיגסטען יאהר פון זיין מלוכה געשטארבען אונ האט איבערגעלאזט פינף זיהן, וואס נאר פיער פון זייא זענען בעקאנט מיט דיא נאהמען: אריסטובול, אנטיגנוס, אלכסנדר אונ אבשלום. פונקט ווי דאס לעבען, אזוי איז אויך דער טויט פון יוחנן־הורקנוס — עהנליך געוועהן אויף שלמה המלך: ווען ביידע האט צוגעדעקט דער גרוב — האבען זיך אנגעהויבען די אונרוהיגקייטען אין לאנד.

דריטעס קאפיטעל.

אַריסטובול דער ערשטער, ינאי אלכסנדר און סלומה אלכסנדרא

(106—69 פאר קריסטוס געבורט. 139—176 פארן חורבן בית שני)

פארן טויט האט יוחנן-הורקנוס איבערגעגעבען זיין פרוי די גאנצע מאכט, און דעם עלטערן זוהן יהודה, אדער ווי ער האט אויף גריכיש גערופען אריסתובול האט ער געמאכט פאר כהן גדול. אריסתובלוס איז אבער ניט בעשטאנען די מוטער זאל פיהרען די מלוכה. ער האט זי באלד מיט די יונגערע דריי זיהן איינגעזעצט אין תפיסה. און נאר איין ברודער אנטיגנוס, וועלכען ער האט זעהר ליעב געהאט, האט ער געלאזט ביי זיך. ער האט זיך שוין ניט געוואלט בעגנוגען מיט'ן נאהמען „נשיא" און האט זיך אנגעהויבען רופען „קעניג", האטשי אויף די מטבעות האט ער מעהר ניט געלאזט אויסקריצען ווי „יהודה הכהן". ער האט אין גאנצען גע־קעניגט איין יאהר; נאר אין דער קליינער צייט איז ער ניט געזעסען ליי־דיג: ער האט נאכגעטהון דעם פאטער און האט איינאיינעם מיט'ן ברודער; אנטיגנוס אנגעהויבען א מלחמה געגען עטליכע קליינע פעלקער פון יענער זייט ירדן. דאס גליק האט איהם צוגעשפיעלט, ער האט גובר געוועהן די שונאים, וואס האבען געמוזט אננעהמען די יודישע אמונה; נאר פליצום איז ער געפעהרליך קראנק געווארען און האט געמוזט צוריק פאהרען קיין ירושלים. אזוי ווי גיך האבען זיך אנגערוקט די ימים טובים, האט אנטיגנוס אויך זיך געמוזט אומקעהרען קיין ירושלים, און דארט האבען איהם זיינע שונאים דערהרג'ט, און אריסתובול איז געשטארבען. קיין גוטען נאהמען האט ער אבער ניט איבערגעלאזט דער עולם האט פון איהם ניט געהאלטען דערפאר, וואס ער איז מעהר געווען געניינט צו גריכישע מנהגים. און באריבער

האט מען אויף איהם ארויפגעלעגט אזעלכע זאכען, וואס ער איז אין זיי גאר ניט שולדיג געוועהן: אז די מוטער איז געשטארבען, האט מען אויסגעטראכט אז ער האט זי פארמוטשעט מיט הונגער, און אז מען האט דערהרגט אנטיגנוס האט מען געזאגט, אז דאס איז אריסטובולס א שפיצעל.

די ירושה איז איבערגעגאנגען צום יונגערן ברודער יונתן, אדער ינאי, וואס האט אויך אנגענומען א גריכישען נאהמען אלכסנדר. זיין ווייב סלמה, וואס האט שפעטער אויף גריכיש געהייסען אלכסנדרא, איז געוועהן א שוועסטער פון שמעון בן שטח, דעם פארשטעהער פון די פרושים, וואס האבען צו ליעב דעם געקאנט ווייטער אויפהייבען א קאפ. זיבען און צוואנציג יאהר האט געקעניגט אלכסנדר-ינאי, און האטשי קיין גרויסע גבורות האט ער ניט געקאנט געוויזען, האט איהם פון דעסטוועגען דאס חשמונאישע בלוט ניט געלאזט רוהען: מיט דער הילף פון פרעמד חיל, וואס ער האט געדונגען אין פיזידען און ציליציען, איז איהם געראטהען מיט דער צייט שטארק צו פארגרעסערן דאס לאנד, וואס האט אפט געמוזט גענוג אויסשטעהן פון זיינע מלחמות.

אלכסנדר-ינאי האט געווארפען איין אויג אויף עטליכע שטאדט ביים ים, וואס האבען זיך, — צו ליעב דער קריעג פון ביידע סירישע מלכים: גריפוס און קיזיקנוס, צווישען זיך — דערווייל בעפרייעט פון סיריען: און בעזאנדערס האט ער געוואלט אבנעהמען עכו, וואו יודען האבען געוואהנט. די איינוואהנער פון עכו האבען געזוכט הילף ביי פטאלאמעאוס-לאטוראס, דעם פרינץ פון מצרים, וואס איז פאר זיין מוטער קלעאפאטרא אנטלאפען געווארען קיין ציפערן און האט זעהר געוואלט זיין ביטער הארץ אויסלאזען צו די יודען, וואס האבען געהאט א נגיעה אין זיינע פריהריגע אומגליקען. לאטוראס איז באלד צוגעקומען מיט דרייסיג טויזענד מאן, און פיעל טויזענדער פונ'ם יודישען חיל זענען געפאלען, און האבען דעם שונא געעפענט א פרייען וועג קיין יהודה. אז לאטוראס האט אבער אנגעהויבען שטארק צבריינקריכען אין לאנד, און זיין מוטער קלעאפאטרא האט מורא געהאט זיין קראפט זאל ניט פערגרעסערט ווערען, איז זי שוין געצווינגען געוועהן איהם א ביסעל איבערשלאגען די פליגעל. און האט ארויסגעשיקט געגען איהם פיעל חיל מיט די יודישע הויפט-לייט, חלקיהו און חנניה, דעם כהן אניאס ביידע זיהן. חלקיהו איז אבער באלד געשטארבען, און די גאנצע משא פון דער מלחמת איז געבליעבען אויף איין חנניה, וואס האט נאך געהאט גענוג צו טוהן

ביז ער האט צושטערט די שלעכטע עצות, וואס מען האט געגעבען קלעאפאטראן, אז זי זאל מאכן דאס יודישע לאנד צונעהמען פאר זיך. ער האט איהר פארשטעהן געגעבען, אז זי וועט גאר ניט אויספיהרען, אונ זי האט געמוזט שליעסען פריינדשאפט מיט דעם יודישען קעניג.

אזוי זענען אוועקגעגאנגען די ערשטע ניין יאהר פון אלכסנדר ינאי'ס מלוכה. דער קעניג האט בעהאנדעלט גלייך אלע קינדער פונ'ם לאנד, אונ ביידע כתות האבען זיך געלעבט רוהיג. נאר מיט דער צייט איז ביי איהם געווארען א גאנצער תקיף איינער פון די צדוקים דיוגנס, אונ האט אנגערעדט אויף די פרושים אלדעם בייז. דערווייל האט זיך געמאכט וואס דער קעניג איז אים סכות, ווי א כהן גדול, געוועהן ביים גאטעס-דיענסט אין בית המקדש, אונ האט בעדארפט, ווי דער מנהג איז געוועהן, פון א זילבערנער כלי אויסגיעסען וואסער אויפ'ן מזבח. ביי דער תפלה וועגען א געראטהעניש- דעם מנהג האבען, ווי עס שיינט, איינגעפיהרט די פרושים — אונ אזוי ווי דער קעניג האט זיי געוואלט טרעפען, האט ער דאס וואסער [illegible] נעגאסען געגעבען זיך. דאס האט אנגעמאכט א גרויסען רעש, די פרושים האבען אונטערגעהיצט דאס פאלק, אונ אלע אתרוגים, וואס יעדער האט גע-האט מיט זיך, זענען געפלויגען דעם קעניג אין קאפ אריין. אלכסנדר-ינאי וואלט דערמיט געווים מיט'ן לעבען בעצאהלט, נאר באלד איז צוגעקומען דאס גאנצע חיל; עס איז ארויס א שטארקע הריגה, אונ זעכס טויזענד יודען זענען געפאלען. נאך דעם האט אלכסנדר-ינאי געמאכט אין בית המקדש א וואנד, וואס האט דעם כהן אפגעטהיילט פונ'ם פאלק; ער האט אבער מיט זיין אפענטליכער שנאה צו די פרושים געמאכט א כך א ערגערע וואנד, וואס האט אין גאנצען צוטהיילט ביידע כתות, אונ ברידער פון איין אמונה זענען זיך געווארען שונאים אויפ'ן לעבען.

אלכסנדר-ינאי האט ניט געקוקט וואס ביי איהם אין לאנד געהט פאר, אונ גאר ניך איז דאס איהם פאר די אויגען געקומען. ער האט זיך אלין ארומגעטראגען מיט דער מחשבה צו פארגרעסערן דאס לאנד, אונ צו ליעב דעם האט ער זיך ארומגעיאגט צווישען די קליינע פעלקער ביים ירדן; נאר אין איינער פון די מלחמות האט ער פערלאהרען זיין גאנץ חיל אונ איז קוים מיט'ן לעבען צוריקגעקומען קיין ירושלים. דארט האבען איהם די פרושים שטארק דערקוטשעט, זעכס יאהר כסדר האט ער פון זיי געהאט אי קאלט'ס אי וארמ'ס. ניט איין מאהל האט ער זיך געמוזט געגען די

שיצען מיט גערונגען חיל. ביז זיי האבען איהם מיד געמאכט. אונ ער האט געשיקט בעטען ביי די פרושים מען זאל מאכען שלום. עס איז שוין אבער שווער געוועזען צו רעדען פון שלום. די פרושים האבען געענטפערט קורץ אונ שארף. אז שלום קאן נאר ווערען דעמאלט, ווען דער קאניג וועט שטארבען, אונ דערווייל האבען זיי טאקע געשיקט בסתר שליחים צום סירישען קאניג דמיטריוס איקערוס, אונ איהם געבעטען ער זאל מיט זיין חיל צריינקומען קיין יהודה. אז אלכסנדר-ינאי איז דערפון געוואר געווארען האט ער שוין געמוזט צונויפזאמלען זיינע לעצטע קרעפטע, אונ איז דעם מלך פון סירען ארויסגעגאנגען אקעגען ביז שכם. דארט איז געוועהן די ערשטע בלוטיגע מלחמה, פיעל מענשען זענען געפאלען פון ביידע זייטען, נאר איקערוס האט נוצח געוועהן, אונ אלכסנדר-ינאי האט געמוזט אנטלויפען אונ זיך בעהאלטען אין די בערג. אזא מפלה האט אבער געמוזט דערוועקען ביי פיעל יודען א געפיהל פון רחמנות צום געפאלענעם קאניג, אונ באלד זענען זעקס טויזענד מאן פונ'ם סירישען יודישען חיל איבערגעגאנגען אויף זיין זייט, אונ ער איז אים שטאנד געוועהן זיך אבצורעכענען מיט די פרושים. נאכ'ן ערשטען נצחון, אז ער האט די פרושים פעריאגט פון דער פעסטונג בית-הומה, וואו זיי האבען זיך אלע אויפגעהאלטען, האט ער ווייטער געפאלגט זיין יועץ דיאגענעס, אונ האט געהייסען אויפהענגען אכט הונדערט פרושים. אונ זייערע ווייבער אונ קינדער קוילען פאר זיי אין די אויגען. א לאנגע צייט האט דאס פאלק ניט געקאנט פארגעסען דאס אכזריות פון אזא שרעקליכער נקמה; גאר אזוי ווי עס האט איהם ווייטער אנגעהויבען גליקען, האט מען פארט אויף איהם בעסער געקוקט ווי פריהער. עס איז איהם טאקע געראטהען צוצונעהמען א סך שטאדט פון יענער זייט ירדן, אונ אויסבויען צוויי שטארקע פעסטונגען אלכסנדריען אונ מאכערוס, אונ אזוי ווי אונטער זיין מאכט זענען געוועהן פיעל גריכען, האט ער אויף זיינע מטבעות אויסגעקריצט אויפשריפטען אין צוויי לשונות — העברעאיש אונ גריכיש.

אין די לעצטע יאהרען האט ער אלע פיער טאג געליטען פון א פיעבער. נאר פון דעסטוועגען האט עס איהם נאך אלץ געטראגען צו די שטאדט, וואס ער האט שוין לאנג אויף זיי אין אויג געהאט, אונ קראנקערהייט האט ער בעלאגערט די פעסטונג רגבה. דארט איז ער שוין אבער אזוי קראנק געווארען, אז ער האט געפיהלט, אז באלד שטארבט ער.

פארן טויט האט ער חרטה געהאט אויף אלע עוולות וואס ער האט גע־טהון. ער האט איבערגעגעבען די מלוכה דער קאניגין, און האט נאר גע־בעטען מען זאל זיין טויט האלטען בסוד, ביז מען וועט ניט איינגעהמען די פעסטונג און דערנאך זאל מען זיין קערפער איבערגעבען די פרושים זיי זאלען מיט איהם טהון וואס זיי ווילען. ער האט איהר אויך צואה געלאזט: זי זאל וועהרען שלום מיט די פרושים, און מען רעכענט, אז טאקע אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען האט ער די קאניגין געטרייסט מיט די ווערטער, וואס מיר געפינען פון זיין נאהמען אין דער גמרא: „זאלסט זיך ניט שרעקען ניט פאר די פרושים און ניט פאר זייערע געגנער נאר פאר די געפארבטע, וואס טהוען שלעכטס ווי זמרי און ווילען נאך דערפאר גע־צאהלט ווי פנחס".

דעם טאג פון אלכסנדר־ינאי'ס טויט האבען די פרושים געמאכט פאר א יום טוב; נאר דאס האבען זיי ניט אזוי געטהון פאר נקמה, ווי פאר שמחה וואס די מלוכה איז איבערגעגאנגען צו זיין אלמנה צו דער שוועס־טער פון זייער פארשטעהער שמעון בן שטח. די קאניגין אלכסנדרא איז טאקע געוועהן קלוג, גוט און פרום, און א חוץ דעם, געבענשט מיט א סך מעלות וואס צו ליעב זיי האט זי אימעדום נושא חן געוועהן. איהר עלי־טערן זוהן הורקנוס, וואס איז געוועהן קראנקליך און האט זיך ניט גע־קאנט מישען צו דער מלוכה האט זי געמאכט פאר כהן גדול. זי האט באלד בעפרייעט אלע פרושים, וואס זענען געזעסען אין תפיסה, און ערלויבט די אנדערע, וואס זענען זיך צולאפען, זיי זאלען צוריקקומען. צווישען די צוריקגעקומענע איז אויך געוועהן דער בעריהמטער למדן יהודה בן טבאי וואס די יודען פון אלכסנדריען האבען איהם ניט געוואלט אבלאזען, און וואס איז דערנאך געווארען נשיא אין ירושלים. די ניין יאהר, וואס זי האט געקאניגט, האט זיך דאס לאנד געפיהלט גליקליך, און א שטארקען חלק אין דעם האט אויך געהאט איהר פרומער ברודער, און דערפאר האט מען גערופען די צייט אויף ביידע נאהמען, פון „שמעון בן שטח און דער קא־ניגין סאלאמעא". דערצו איז נאך דעמעלט געראד אריין א ברכה אין די תבואות און די פירות, און גאנץ לאנג פלעגט מען נאך ווייזען די זאנגען און זיך בעריהמען מיט דעם געראטהעניש וואס איז געוועהן.

צווישען אלע נייע ארדנונגען, וואס די קאניגין אלכסנדרא האט איינ־געפיהרט, האט די הויפטראלע געשפיעלט דאס משפטן. די צדוקים זענען

איבערהויפט געוועהן שטרענג אונ פלעגען פיעל ניט נאכקלעהרען: קוים האבען עדות געזאגט אויף יענעם, איז שוין געוועהן גענוג אונ זיי האבען שוין ארויסגעגעבען דעם ערגסטען פסק. זי האט אבער געהייסען: פריהר גוט זיך בעטראכטען אונ איבערקלערען, די דינים זאלען טאקע באמת האלטען אין די האנד א וואגשאל אונ שטארק אכטונג געבען צו האבען זיי קיין טעות ניט אונ צו וועט חלילה דורך א שלעכטען משפט ניט דארפען ליידען א אומשולדיגער. דערמעלט איז אויך ארויס אויף לשון קודש א ערצאהלונג "שושנה". וואס ווייזט ווי ווייט פאלשע עדות קאנען פארפיהרען די שופטים. דארט ווערדט דערצעהלט, ווי צוויי שלעכטע מענשען האבען געוואלט ארויספיהרען פונם גלייכען וועג איינע פון די פרומסטע פרויען שושנה, דאס ווייב פון יהויקים. א שאהנעם בעל הבית, אונ אז זי האט זיי אבגעזאגט זענען זיי געלאפען עדות זאגען, אז זיי האבען זי געטראפען מיט א יונגען מאן ביי זיך אין גארטען אונטער א בוים. די דינים האבען, מן הסתם, געגלויבט די עדות דער אומגליקליכער שושנה האט ניט געהאלפען איהר שווערען זיך אונ וויינען, אונ שיר וואלט שוין געוועהן ארויס דער שווערער משפט. צום גליק איז אבער אנגעקומען דניאל אונ איז געפאלען אויף א שכל מען זאל פרעגען יעדען פון די עדות בעזונדער: אונטער וואס פאר א בוים די מעשה איז געשעהן. דאס פארשטעהט זיך, אז יעדער האט אנגעוויזען אויף איין אנדער בוים. מען האט באלד דערקענט דעם ליגען, אונ די פאלשע עדות האבען בעקומען דעם עונש, וואס האט געזאלט טרעפען שושנה. אזא ערצעהלונג האט געמוזט פיהרען דערצו, וואס די שופטים האבען ניט נאכגעפארשט אין א משפט יעדעם ברעקעלע אונ פיעל אונשולדיגע האבען געבענטשט דעם נאהמען פון זייער רעטערן, דער גוטער קאניגין.

אלכסנדרא האט אויך געזעהן, אז דאס לערנען אין די שולען זאל זיין נאר אויפן בעסטען אופן. אונ א חוץ דעם האט זי אכטונג געגעבען, אז עס זאלען ניט פארקומען אזוי פיעל גטין ווי פריהר. ווייל די צדוקים האבען דארויף גאר ניט מקפיד געוועהן אונ וואס פאר א פאר פאלק עס האט זיך גאר געוואלט צוגעהן, האבען זיי שוין ניט געזאלעוועט די צוועלף שורות.

אז די פרושים האבען זיך נאך א מאהל געקאנט צופיהרען די האנד, האבען זיי זיך באלד גענומען צו בעפעסטיגען זייערע מנהגים אונ זיך פיהרען איבערהויפט אויף זייער שטייגער. אים כבוד האבען זיי געמאכט פונם

וואסער־גיסען אויפ'ן מזבח, וואס אלכסנדר־ינאי האט זיך ערלויבט דערפון חוזק מאכען, א גאנצע צערמאניע, אונ מיט דער צייט איז דאס געוואר־רען אזא יום טוב וואס פלעגט דויערען זיבען נאכט כסדר. פונ'ם גאנ־צען לאנד פלעגט מען זיך צונויפפאהרען קיין ירושלים נאר אנקוקען וויא שאן בעלייכטעט עס פלעגט זיין דער בית המקדש אונ דער גאנצער הר הבית, אונ הערען דאס טהייערע געזאנג פון די לוים אונ ניט אומ־זיסט איז דערמעלדט ארויס א ווארטעל: אז ווער עס האט ניט בייגע־וואוינט די שמחה, דער האט קיין שמחה ניט געזעהן אין זיין לעבען.

דעסטגלייכען האבען די פרושים איינגעפיהרט נאך א יום טוב, דעם פינפצעהנטען אב, ווען דער עולם פלעגט ברענגען האלץ אין בית המקדש אריין: דאס פאלק פלעגט זיך משמח זיין, אונ יונגע מאדלעך פלעגען ארויס־געהן ווייס געקליידט אין די וויינגארטנער מיט שאנע טאנץ. דארט פלעגען זייא זיך בעקענען מיט פיינע יונגע לייט פון זייער גראד, אונ ניט איין שדוך פלעגט אזוי געשלאסען ווערען דורכ'ן בעסטען שדכן, דורך דער ליעבע.

אלכסנדרא האט אויך געזארגט, אז דער בית המקדש זאל האבען איין שטאנדיגע הכנסת אונ האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז יעדער יוד פון צוואנציג יאהר אן סוז געבען דארויף ניט ווייניגער פון א האלבען שקל א יאהר. דאס פאלק האט דארויף ניט געקוקט ווי אויף א גזירה, אונ יע־דער האט מיט גרויס שמחה געגעבען וואס ער האט נאר געקאנט; אונ אפילו די יודען פון אנדערע מדינות האבען זיך אויך ניט אבגעזאגט. דריי מאהל אין יאהר פלעגט מען צונויפנעהמען די נדבות: אים חודש אדר פלעגען די היימישע יודען אריינטראגען דאס געלד; ביז שבועות פלעגט אנקומען געלד פון נאהנטע לאנדער, ווי מצרים אונ סוריא, אונ ניט שפעטער פון סוכות פלעגען שוין צוקומען די נדבות אפילו פון גאנץ ווייט, ווי פון בבל מדי אונ קליין־אזיען; אונ פון דארט פלעגט מען ניט שיקען קיין קליינגקייטען, נאר גאלד אונ זילבער. די גראסטע לייט האבען געהאלטען פאר א כבוד צו זיין היילגע שליחים, אונ זאמלען דאס געלד לשם מצוה. אין עטליכע שטאדט אין מעסאפאטאמי־יען אונ פהריגיען, ווי נציבין, נהרדעא, פערגאמוס אונ נאך אנדערע, האבען זיך די יודען געמאכט בעזונדערע קאמערן, וואו זיי פלעגען צונויפנעה־מען די נדבות אונ זיי דערנאך פערזארגען קיין ירושלים. פון די ארטער פלעגט דער בית המקדש יעדעס יאהר בעקומען ביז צוויי הונדערט פונט

געלד, אונ ביי אזא הכנסה האט מען ניט אומזיסט געמעגט רעכנען, אז אין מיקדש געפינען זיך גאנצע אוצרות.

זעלטען קאן אבער א מענש האלטען א וואגשאהל אין די האנד אבהיטען זיך ער זאל ניט איבערציהען דעם בויגען. אז די פרושים האבען בעקומען דעם אויבען־אן, האבען זיי זיך אנגעהויבען טשעפען צו די צדוקים אונ האבען זיי אנגעטהון גרויסע צרות. קודם כל האט מען דערהרגעט די גענעסן, דערפאר וואס ער האט געראטהען אלכסנדר־ינאי ער זאל אויפהענגען אכט הונדערט פרושים. חאטשע פון איין זייט האט ניט דערלאזט קיין גרויסע עולות יהודה בן טבאי, וואס האט ליעב געהאט אויף יעדען מלמד זכות זיין אונ פלעגט זאגען אז קוים געהט דער הומיא אוועק פונ'ם בית דין, מוז מען אויף איהם שוין קוקען ווי אויף יעדען אנדערען מענשען, נאר פון דער אנדערער זייט פלעגט אבער יהושע בן שטח בעהאנדלען די צדוקים גאר אהן רחמנות. ער איז געוועזען אזוי שטרענג אונ האט אזוי אבגעהיט דאס געזעץ, אז אפילו זיין אייגען קינד האט ער ניט געוואלט קיין טובה טהון אבי ניט אבברעכען פונ'ם דין. ער האט געהאט א סך שונאים, וואס האבען געוואלט אין איהם דערלעבען א נקמה, אונ דאריבער האט מען געמאכט א בלבול אויף זיינעם א זוהן, אז ער האט געטהון איין גרויסע עבירה, עס האבען זיך געפונען צוויי פאלשע עדות. אונ מען האט איהם פארמשפט צום טויט. דאס רחמנות אויף דעם אומשולדיגען וואס האט זעהר געוויינט, האט אזוי גערידערט די עדות, אז זיי האבען זיך באלד מודה געוועהן, אונ די דינים האבען שוין געוואלט מבטל זיין דעם פריהעריגען משפט. יהושע בן שטח האט אבער געוויזען אז ווערליג דעם דין טאר מען אזיינע עדות ניט גלייבען, ווייל מען ווייסט ניט ווען זיי האבען געזאגט אליגען, צו פריהר, צו שפעטער, אונ האט צו ליעב דעם מפקיר געוועהן דעם זוהנ'ס לעבען. פון אזא מענשען, קאן מען שוין פארשטעהן, האבען די צדוקים קיין האניג ניט געלעקט אונ זיי האבען געמוזט זוכען שוטץ ביי אלכסנדרא'ס צווייטען זוהן אריסטובול. דער פרינץ האט פון זייערטוועגען געזאגט א גוט ווארט דער קאניגין, אונ זי האט זיי ערלויבט זיך צו בעזעצען, ווי זיי האבען געבעטען, אין עטליכע פעסטונגען אין לאנד. נאר, ווי עס ווייזט אויס, האט מען צו זיי קיין גרויס צוטרויען ניט געהאט. אונ די שטארקע פעסטונגען, וואס האבען געשיצט די יודישע מלוכה,

וויא מאכערוס, הורקאניאן, אונ אלכסנדריאן, זענען פאר זיי געבליבען פערשלאסען.

קיין שום בעזונדער מכשול איז אינ'ם לעבען פון דיא יודען, אין דער צייט פון אלכסנדרא ניט פארגעקומען. פאר איין טיגראנעס, דעם מלך פון ארמעניען, וואס האט שטארק חשק געהאט צוצונעהמען יהודה, האט זי זיך א ביסעל געשראקען, אונ האט צו איהם געשיקט שליחים מיט טהייערע מתנות איהם צוגעווינען פאר א פריינד. ער וואלט אפשר ניט געווען געקוקט דארויף, ווען ער וואלט ניט אליין בעדארפט היטען זיין לאנד פאר די ראמער, וואס האבען איהם דערוויייל אנגע־הויבען דולען א קאפ. אזוי זענען רוהיג אבגעלאפען די יאהרען פון אלכסנדרא'ס מלוכה, ביז זי איז ניט מסוכן קראנק געווארען. דא האבען זיך אנגעהויבען טרויעריגע טאג פאר דער יודישער מלוכה: דער פרינץ אריסתובול האט געוואלט צונעהמען דיא בכורה ביי זיין קראנקען ברודער הורקנוס, אונ איז אוועק אין דער פעסטונג גבתה, דארט האט ער געמאכט יד אחת מיט די צדוקים, אונ בעזאנדערס מיט זייער פארשטעהער גאלאיסטעס, אונ גאר אין א קורצע צייט האט ער צונויפגענומען צווישען די קליינע פעלקער ארום ירדן זעהר פיעל חיל, הורקנוס האט אפילו צוגערעדט די מוטער זי זאל ניט דערלאזען צו קיין מרידה אין לאנד, נאר אלכסנדרא האט שוין ניט געהאט קיין כח זיך צו מישען, אונ האט צוגעמאכט די אויגען איידער אין יהודה האט זיך צופלאקערט דאס פייער פון א מלחמה צווישען איינענע ברידער.

פירטעס קאפיטעל.

די לעצטע מלכים פון די חשמונאים.

(37—69 פאר קריסטוס געבורט. 107—139 פארן חרבן בית שני)

אז עס איז בעשערט עס זאל ווערן אהל פון א שטוב — דארפען זיך נאר צוויי בעלי בתים אנהייבען קריגען איבער איהר: דאס קאן מען ארויס־זעהן פון דעם, וואס עס איז געווארען פון יהודה פון דעם וויסטען מחלוקת וואס איז פארגעקומען צווישען אלכסנדרא'ס ביידע זיהן. באלד נאך איהר טויט האט דער עלטערער זוהן הורקנס איבערגענומען די מלוכה. אריסתובול האט אבער ניט געשוויגען און איז מיט זיין חיל צוגעקומען ביז ירחו, דארט האבען זיך בעגעגענט ביידע ברידער, נאר הורקנוס האט פער־לארען די מלחמה און האט געמוזט בלייבען אין דער פעסטונג בירת נעבען ירושלים, וואו ער האט אויך געהאלטען פאר א משכון אריסתובולס פרוי מיט די קינדער. אריסתובול איז דערווייל אריין קיין ירושלים און האט זיך בעמאכטיגט איבערן בית המקדש; נאר קוים איז ער שוין געוועהן איינוועניג האט געמוזט ווערען א שלום צווישען די ברידער: הורקנס איז גע־בליבען כהן און אריסתובול איז געווארען קאניג. ביידע האבען זיי געגעבען א שבועה ניט צו שטערען איינער דעם אנדערן, און אחוץ דעם האבען זיי זיך נאך משדך געוועהן צווישען זיך, און אריסתובולס זוהן אלכסנדר האט חתונה געהאט מיט הורקנוס'ס טאכטער אלכסנדרא.

מילא ווי אזוי די ברידער האבען זיך שוין דארט איינגעטהיילט, וואלט שוין געוועהן געבליבען אזוי, ווען עס מישט זיך ניט אריין איינער פון הורקנוס'ס גוטע פריינד, אנטיפטר, וואס איז ארויסגעקומען פון די אדומים, וואס יוחנן־הורקנוס האט אמאל געצוואונגען? זיי זאלן ווערען יודען. אנטיפטר איז נאך פאר אלכסנדר ינאי געשטעלט געווארען פאר א מושל אין אדום, און איז

געוועהן א גוטער ברודער מיט אלע שכנים פון ארום. ער האט אנגעהויבען אונטערצוהיצען הורקנוס'ן, אז ער האט זיך אומזיסט אבגעזאגט פון דער מלוכה, אונ האט איהם געגעבען צו פארשטעהן, אז מיט געלד וועט ער זיך אבזוכען א בעשיצער וואס וועט זיך אננעהמען זיין קריוודע. אנטיפטר האט טאקי אבגעמאכט מיט ארעטאס, דעם מלך פון נבט אונ ער האט צוגעזאגט פאר א מנה יפה צו העלפען הורקנוס'ן. אז אלדינג איז שוין געוועהן אבגערעדט, איז הורקנוס שטילערהייט ביי נאכט פערשווינדען געווארען פון ירושלים, אונ איז אינאיינעם מיט אנטיפטר'ן אוועק קיין סלע, אין דער הויפטשטאדט פון נבט. באלד איז מען אין יהודה געוואהר געווארען, אז ארעטאס געהט אהין מיט פופציג טויזענד מאן. אונ אריסתובול איז איהם ארויס אקעגען מיט זיין חיל. עס האט איהם אבער ניט געגליקט, אונ ער האט געמוזט זיך פערשליסען אין ירושלים, וואס דער שונא האט עס עטליכע חדשים כסדר בעלאגערט. זעהר טרויריג איז געווארען די לאגע פון די איינוואהנער, ווען עס האבען זיך אויסגעלאזט לעבענסמיטעל; נאר נאך ערגער איז געוועהן די פרומע, וואס האבען ניט געהאט קיין בהמות אויף קרבנות. דא האט זיך נאך אנגערוקט דער חדש ניסן, אונ קיין לאמעלעך אויף קרבן־פסח איז ניט געוועהן. האבען זיך די יודען פון ירושלים מישב געוועהן, אונ אזוי ווי זיי האבען געוואוסט, אז אין לאגער פונ'ם שונא געפינען זיך אויך יודען, האבען זיי אנגעהויבען מיט זיי איבערצורעדען, זיי זאלען זיי פאר געלד פארקויפען שאף אונ רינדער. אין לאגער איז מען דערויף מרוצה געווארען אונ אלע טאג פלעגט מען פון דער פעסטונג אראבלאזען מיט א שטריק א קארב מיט געלד, אונ דערנאך ארויפציהען א שעפעלע אדער א קעלבעלע. ניט לאנג האבען זיך אבער די שונאים אזוי רוהיג געהאלטען: איין מאל, אז די יודען אין ירושלים האבען ארויסגעקוקט אויף א כשר'ן קרבן, האבען זיי אין קארב געפונען א חזיר.... מען האט אבער אין לאגער געטהון נאך א סך ערגערע זאכען. אין יהודה האט געלעבט זעהר א פרומער יוד, אניאס, וואס מען האט אויף איהם געזאגט, אז מיט זיינע תפלות האט ער ניט איין מאל אויסגעבעטען רעגען, ווען מען האט איהם נאטהיג בעדארפט. אז ירושלים איז בעלאגערט געווארען אונ פיעל יודען זענען פון דארט אנטלאפען געווארען קיין מצרים, האט אניאס אויך פערלאזט די הויפטשטאדט אונ האט זיך בעהאלטען ניט ווייט. דאס חיל פון ארעטאס האט איהם געפונען אונ אזוי ווי פיעל יודען פון הורקנוס'ס לייט האבען איהם געקענט, האבען זיי

איהם געבעטען ער זאל שעלטען אריסתובולן, ווייל זיי זענען געוועהן זיכער אז די קללה וועט געווים אנגעהן. אניאס האט אבער געזאגט איין אנדער מין תפלה: ער האט געבעטען דעם רבונו של עולם, אזוי ווי ביידע צדדים זענען יודען, זאל ניט אנגעהן דאס וואס זיי ווינשען זיך איינער דעם אנ־דערן. פאר דעם געבעט האט דער פרומער אניאס בעצאהלט מיטן לעבען.

גאר אין דער צייט וואס ארעטאס איז געשטאנען פאר די טויערן פון ירושלים האט זיך אין דער לופט פון גאנץ ווייט געטראגען א רויב־פויגעל, וואס האט באלד פערטומעלט די קאפ פון ביידע ברידער, און האט שפעטער זייגע שארפע נאגעל אריינגעשטעקט אין דעם יודישען לאנד. סקוירוס, דער שליח פון פאמפעיוס האט זיך געלאזט קיין אזיען דארט צו בעפעסטיגען די מאכט פון רום. און אז ער איז געקומען נא־העגט צו יהודה, האבען ביידע ברידער זיך געוואלט בענוצען מיט זיין הילף, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז די ראמער האבען ניט פיינד די מטבע. שליחים זענען געפלויגען פון אלע זייטען, און קיינער פון זיי איז ניט גע־קומען מיט ליידיגע קעשענעס; גאר ווי עס ווייזט אויס האט אנטיפטר גאר געהאלטען אין איין צוזאגען, און אריסתובול איז ארוים מיט א מזומן שטיקעל. איין וואינק פון סקוירוס איז גענוג געוועהן ארעטאס זאל באלד אבטרעטען פון ירושלים און אריסתובול איז ווייטער אריין אין זיין הויפט־שטאדט.

צוויי יאהר האט אריסתובול געפיהרט די מלוכה, און ער האט שוין גערעכענט, אז ער זיצט שוין פעסט אויפן בענקעל. ער האט אויך ארוים־געלאזט זייגע מטבעות, און פלעגט אפילו אפט בעווייזען זיין גבורה׳שאפט דערמיט, וואס ער האט זיך ליעב געהאט אריינצוהאפען צו די שכנים און אבציפען עפעס א דארפעל אדער א שטאדטעל. גאר געקויפט גליק קאן קיין לאנגען קיום ניט האבען: אויף האנדלען איז אנטיפטר געוועהן מעהר מעניש פון אריסתובולן, ער האט זיך געפועלט ביי סקוירוס ער זאל רעדען פאר הורקנוס עפעס א גוט ווארט ביי פאמפעיוס, און אז ער האט נאך געבראכט דעם הערשער פון רום א טהייערע מתנה, א ווייגשטאק מיט בלאטער און טרויבען פון ריין גאלד, איז ער שוין געווארען דער גרעסטער חשוב. פאמפעיוס האט בעפוילען, אז ביידע ברידער זאלען ארויסקומען צו איהם קיין דמשק, און דארט וועט ער אויסהארען זייערע טענות. עס איז זיי אפילו געוועהן ניט אנגענעהם זיך צו לאדען אין דער פרעמד ביי א שונא, גאר

עס האט זיי שוין ניט געהאלפען. זיי האבען געמוזט די בושה אײנשלוקען אויף א זייט, און יעדער האט פאר פאמפעיוס'ן אויסגערעדט זיין הארץ; הורקנוס האט זיך בערופען אויף זיין בכורה, און אריסטובול האט געשריען אז ער איז פעהיגער פון איהם צו דער מלוכה. פאמפעיוס האט נאך אבער געמוזט אויסהערען א דריטען צד, — דאס זענען געװעהן א סך אײנװאוינער פון ירושלים, װאס האבען געװאלט זיך אין גאנצען בעפרייען פון די חשמונאים, און האבען געדרינגען, אז זיי װעט זיין בעסער װען דאס לאנד װעט זיך פיהרען רוהיג שטיל, נאכ'ן געזעץ און גאר אהן א מלך.

פאמפעיוס איז געװעהן א װאוילער דין, און ער האט פערשטאנען, אז דער בעסטער תכלית װעט זיין פאר אלע, װען ער אליין טאקע װעט צונעהמען דאס יודישע לאנד פאר פסק געלד, און עס װעט ניט זיין איבער װאס זיך צו קריגען. מיט גרויס חיל איז ער צוגעקומען צו ירושלים. הורקנוס און אריסטובלוס האבען איהם אריינגעלאזט אין שטאדט; נאר די אמת'ע יודען, װאס האבען פערשטאנען דעם מיין פון די ראמער, האבען אבגעשניטען די בריק, װאס האט געפיהרט צום בית המקדש און זענען אלע געבליעבען אויפ'ן הר הבית. פאמפעיוס האט געמוזט בלייבען שטעהן א לאנגע צייט און בעלאגערן דעם בית המקדש, און עס װאלט איהם אזוי גיך ניט געראטהען, װען די ראמער װאלטען זיך ניט בענוצט מיט די שבתים, װען די יודען פלעגען רוהען. אין א שבת אים חודש סיון האט מען אײנגעבראכען א װאנד פון דער פעסטונג, און מען איז אריין אין בית המקדש פונקט װען עס איז געװעהן דער גאטעסדיענסט. קיינער האט זיך ניט געװעהרט און פיעלע האבען זיך אליין דאס לעבען גענומען, אראבגעװארפען זיך פון דער הויך אדער אנגעצונדען אויף זיך די קליידער. אין דעם טאג זענען אומגעקומען ביז צװעלף טויזענד יודען. דערמעלט האט זיך פאמפעיוס איבערצייגט װאס פאר א ליגען אנטיוכוס־עפיפאנוס האט א מאהל אויסגעטראכט, אז אין מקדש געפינען זיך פערשיעדענע בילדער פון עזעל, און האט געלאזט גאנץ דעם בית המקדש און די געלדקאסע, װאס האט זיך דארט געפינען.

פאמפעיוס האט זיך טאקע בערעכענט, אז אין גאנצען צונעהמען דאס לאנד װעט ער קיין מאהל ניט פערשפעטיגען, און האט געװאלט א ביסעל יוצא זיין פאר הורקנוס'ן. דאריבער האט ער הורקנוס'ן בעשטימט פאר'ן נשיא פון יהודה, און האט געמאכט מען זאל איהם צאהלען מס. פיעל שטאדט,

וואס האט געקאסט די פריהריגע יודישע קאניגע גענוג בלוט ביז מען האט זיי איינגענומען, ווי שמרון, בית־שן, נדבה, היפאס, פעללא, דיאן אונ אנדערע, האט ער אבגעריסען פונ'ם לאנד; א סך געפאנגענע האט ער געהייסען טייטען, אונ די איבריגע, אונ צווישען זיי אויך אריסטובול, זיין זוהן אנטיגונוס, זיינע ביידע טאכטער אונ זיין פעטער אבשלום, האט מען אוועקגעפיהרט קיין רום. אונ אז פאמפעיוס איז מיט גרויס פאראד אהין אריינגעפאהרען האבען זיי געמוזט געהן פארום זיין וואגען, אונ זיין לעבעדיגע עדות פון דעם שונא'ס גרויסקייט.

אין רום, ווי אויך אין אנדערע שטאדט פון איטאליען, האבען נאך פון פריהר געוואהנט יודען, וואס דער מסחר האט זיי אהין געבראכט פון מצרים אונ קליין־אזיען. זיי האבען באלד אויסגעקויפט זייערע געפאנגענע ברידער אונ ביסלעכווייס איז אין רום געווארען א לייטישע יודישע קהלת וואס האט געוואהנט אויף דער רעכטער זייט פונ'ם טייך טיבער. איינער פון די פארשטעהער פון דער קהלה, תודוס, האט געוואלט איינפיהרען, אז די יודען זאלען אין דער פרעמד אויך מאכען א קרבן פסח; נאר אין ירושלים איז מען דערפאר שטארק בייז געווארען, אונ מען האט איהם בעפוילען, אז ווען מען זאל ניט וויסען וואס פאר א ירא שמים ער איז, וואלט מען איהם אין חרם אריינגעלעגט. מיט דער צייט האבען די יודען אין רום געשפיעלט ניט קיין קליינע ראלע. ביי אסיפות פונ'ם פאלק האט מען זיי אויך גע־פרעגט א דעה, אונ אז איינער פון די בעריהמטע ראמישע רעדנער ציצעבא. וואס איז ניט געוועהן קיין שטארקער אוהב ישראל, האט זיך א מאהל ערלויבט אפענטליך צו רעדען שלעכטס אויפ'ן יודישען פאלק האבען די יודען אזוי געדרעהט, אז אין א יאהר ארום האט מען ביי איהם צוגענומען זיין גאנצ'ן פערמעגען אונ ער אליין האט זיך ניט געטארט נעהנען אכטציג מייל ארום רום.

דאס לאנד יהודה איז דערוויל געבליעבען ניט אהין אונ ניט אהער האלב פריי אונ האלב אונטערווארפען די ראמער. די יודען זענען אבער שטארק אונצופריעדען געוועהן, ווייל הורקנוס מיט זיין מיניסטער האבען גע־צויגען פון זיי די קלעע, אונ האבען אלע מאהל מיט נייע מתנות אונטער־געהאלטען די געקויפטע פריינדשאפט פון רום. אונ בעזאנדערס האט אנטיפטר געשטיצט סקווירוס וואס האט דעמעלט אנגעהויבען א קריעג מיט ארעטאס, דעם מלך פון נבט. דערפאר אז אריסתובולס עלטערער זוהן אלכסנדר

איז אנטלאפען פון רום האט ער באלד געפונען צעהן טויזענד סאלדאטען און פופצעהן הונדערט רייטער, און איז מיט זיי צוגעקומען קיין ירושלים. הורקנוס האט געמוזט אבטרעטען און אלכסנדר האט באלד בעפעסטיגט די הויפטשטאדט און האט אויך צורעכט געמאכט די פעסטונגען אלכסנדריאן, הורקניאן און מאכערוס. אלכסנדר איז קיין גאר ניט געוועהן און האט פון זיין זייט אויך געשיקט געלד קיין רום, און ביי די ראמער איז אלץ איינס געוועהן, דער יוד אדער אין אנדערער: ווער עס האט בעצאהלט — האט געמעגט זיין פריץ. דערפאר איז אלכסנדר ביי זיך אזוי פעסט געוועזן, אז ער האט אפילו ארויסגעלאזט זיינע אייגענע מטבעות מיט איין אויפשריפט אויף גריכיש: „קאניג אלכסנדר" און אויף העברעאיש „יונתן הכהן".

אנטיפטר האט אבער ניט געשוויגען, און האט אנגערייצט דעם הער־שער פון סיריען אוילוס גאביניוס ער זאל זיך אברעכנען מיט אלכסנדר'ן. גאביניוס, וואס איז פון דער נאטור א גרויסער אכזר געוועהן, האט מיט איהם קיין לאנגע שיחות ניט געמאכט און האט איהם נאך א מאהל אוועק־געשיקט געפאנגען קיין רום. ער האט איהם געוואלט טייטען, נאר אלכסנדר'ס מוטער איז איהם געפאלען צו די פיס און האט איהם קוים אבגעבעטעוועט דאס לעבען. גאביניוס האט אויך ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז די מלוכה פון די חשמונאים זאל אין גאנצען אויפהערען, און דאס לאנד זאל איינ־געטהיילט ווערען אין פינף חלקים מיט פינף הויפטשטאדט: ירושלים, גבה, עמוס, יריחו און ספפרים, און אין יעדער שטאדט זאל זיין א סנהדרין. מיט דעם האט גאביניוס געמיינט, אז עס וועט איהם גע־ראטהען צוצושטערן דאס אחדות פון דער „כניסה גדולה", וואס האט פארט אין אלע צייטען צונויפגעבונדען דעם כלל ישראל און פון זיי געמאכט איין גוף און איין נפש; ער האט אבער א טעות געהאט. די „כניסה גדולה", האט נאר איבערגעביטען דעם נאמען, עס איז געווארען גרויסע און קליינע סנהדרין, און ווייל די ראמער האבען ביי זיי צוגענומען דאס רעכט זיך אריינצומישען אין מלוכה־זאכען, האבען זיי זיך געווארפען נאר צו דער תורה און צו דער אמונה, און באלד זענען ארויסגעשפרונגען צוויי „גדולים", ווי שמעיה און אבטליון, וואס האבען אנגעצונדען דאס ליכט פון לערנען אומעדום וואו דער שונא האט געוואלט עס זאל זיין פינצטער, און וואס מען האט זייא מיט רעכט גערעכענט פאר א צירונג פונ'ם דור.

דער יאך פון די רוימער האט זיך אלע מאהל געגעבען מעהר אנצוהייבען, אונ דאריבער אז אריסטובול'ן איז געראטהען איינאיינעם מיט זיין זוהן אנטיגונוס צו בעפרייען זיך פונ'ם געפאנגענשאפט אין רום אונ קומען צוריק קיין יהודה האבען זיך די יודען אין איהם אנגעהאפט, האטשי ער איז ניט געוועהן זעהר בעליעבט ביי'ם פאלק. דער יודישער הויפטמאנן פיטהאלאאס, וואס איז איהם פריהר געוועהן א שונא, איז איבערגעגאנגען אויף זיין זייט, אונ נאר אין א קורצער צייט האט ער געקאנט מיט צעהן טויזענד מאן זיך שטעלען אין דער פעסטונג אלכסנדריען. פון דארט האט ער זיך אבער ווייטער געריקט אונ ביי דער ערשטער מלחמה האט ער פערלארען כמעט דאס גאנצע חיל. עס איז איהם נאך איבערגעבליבען א האפנונג, אז ער וועט זיך קאנען האלטען אין דער פעסטונג מאכערוס, נאר נאך צוויי טאג האט ער זיך געמוזט אונטערגעבען אונ מען האט איהם מיט'ן זוהן צום צווייטען מאל אוועקגעפיהרט קיין רום. פונקט אזא מפלה האט אויך געהאט זיין אנדערער זוהן אלכסנדר, וואס איז ארויסגעשפרונגען געגען גאביניוס אונ האט שטארק געליטען אין דער מלחמה ביים בארג תבור

דערווייל איז די רוימישע מאכט אריינגעפאלען אין די האנד פון דריי גרויסע מענער, יוליוס צעזאר, פאמפעיוס אונ קראסוס. זיי האבען צווישען זיך איינגעטהיילט אלע לאנדער, וואס רום האט געהאט איבער זיי צו שאפען, אונ סיריען מיט יהודה איז אנגעקומען קראסוס'ן, וואס האט גאר ניט פיינד געהאט קיין געלד. ער האט שוין לאנג געהערט, אז אין בית המקדש געפינען זיך גאנצע אוצרות, אונ ער האט ניט געקאנט מוחל זיין פאמפעיוס'ן וואס ער האט זיי ניט צוגענומען. אז ער האט זיך געלאזט קיין פארטהיען אין א מלחמה, אונ איז מיט'ן וועג געקומען קיין ירושלים, האט מען דארט גוט געוואוסט וואס ער מיינט, אונ דער פרומער אליעזר, וואס האט אכטונג געגעבען אויף דער קאסע פונ'ם בית המקדש, האט זיך ענטשלאסען איהם צו פערשטאפען דאס מויל. אונ האט איהם צוגעטראגען א באלקען פון גאלד. ביי קראסוס'ן איז אפילו די מתנה זעהר אנגעלעגט געוועהן. ער האט באלד געגעבען זיין ווארט, אז מעהר וועט ער ניט פארדערן; נאר איידער עפעס האט ער שוין משנה געוועהן אונ האט צוגענומען ניט נאר דאס גאנצע גאלד פונ'ם בית המקדש, נאר אפילו די גאלדענע

כלים. מיט דעם רויב איז קראסוס אוועק קיין פארטהיען, נאר דארט האט ער געהאפט דעם פסק, אונ זיין שליח, קאסיוס לאנגינוס איז פון דארט צוריקגעקומען קוים מיט א צעהנט-חלק פון די הונדערט טויזענד מאן וואס ער האט אהין מיטגענומען. די סירער אונ די יודען האבען דערפון זעהר הנאה געהאט אונ שטילערהייד האט טאקע פיטהאלאאס צונויפגענומען א גאנצע מחנה אונ האט געוואלט קאסיוס'ן צום איבריגען דערקוועטשען. צו די ראמער האבען אבער די יודען קיין מאהל קיין גליק ניט געהאט: אויך דעם מאהל האבען זיי פערלאהרען, אנטיפטר האט דעם שונא געגעבען אלע עצות, אונ עס האט זיך געענדיגט דערמיט וואס די פיטהאלאאס'ן האט מען געטיידט, אונ דרייסיג טויזענד יודען זענען פארקויפט געווארען פאר קנעכט.

נאך איין מאל איז בעשערט געוועהן אריסטובול'ן עס זאל איהם אגלאנגען טהון די האפנונג, אז ער וועט צוריק בעקומען די מלוכה פון יהודה. יוליוס צעזאר האט זיך צוקריגט מיט פאמפעיוס'ן, אונ ווייל ער האט זיך געוואלט אומעדום בעווארנען מיט גוטע פריינד, האט ער בעפרייעט אריסטובול'ן, אונ האט איהם איבערגעגעבען זעהר פיעל חיל, כדי ער זאל קאנען פון זיינעטוועגען ארבייטען אין סיריען. פאמפעיוס האט עס אבער באלד אנגעשמעקט אונ עהדער אריסטובול האט זיך נאך גערירט, האט מען איהם שוין געסמט. זיין עלטערן זוהן אלכסנדר האט מען אויך, אויף פאמפעיוס'ס בעפעהל, אראבגענומען דעם קאפ. זיין פרויא אלכסנדרא אונ זיין זוהן אנטיגונוס האבען געפונען שוץ ביים מושל פון האלקים, פטאלא-מעאוס; ווייל זיין זוהן פיליפיאן האט זיך פערליעבט אין אריסטובול'ס טאכטער, אלכסנדרא אונ האט מיט איהר חתונה געהאט. אריסטובול'ס קערפער האבען זיינע גוטע פריינד געהאלטען אצייט אין האניג ביז זיי האבען איהם דערנאך איבערגעפיהרט קיין ירושלים, אונ בעגראבען צווישען די קברים פון די חשמונאים.

דאס וואס די ביידע הערשער פון רום האבען זיך צו באצקעט — איז אויסגעגאנגען צו די יודענס קאפ. וואו זיי האבען אנגעשפארט, אין קליין-אזיען, האבען געוואהנט זעהר פיל יודען, בעזאנדערס אין עפעזוס, סארדעס אונ פערגאמום. אז יוליוס צעזאר האט געוואלט ווערען דער איינציגער מושל פון רום, האט דער ראמישער קאנסול פון די ארטער לענטולוס בעקומען א בעפעהל ער זאל זאמלען חיל פאר פאמפעיוס'ן. אונ

האט געוואלט נעהמען אויך יודישע סאלדאטען. די יודען זענען אבער דארויף ניט בעשטאנען, ווייל פון איין זייט האבען זיי ניט געוואלט זיך אננעהמען פאר זייער אלטען שונא, און פון דער אנדערער זייט האבען זיי טאקי מורא געהאט טאמיר וועלען זיי דארפען עובר זיין אויף דינים פון דער תורה. דערמעלט איז איינער פון די יודישע רעדנער, דאזיטהעאס גערופען אויף א שכל און האט ערקלערט, אז די יודען רעכנען זיך פאר א ממלכת כהנים און כהנים מוזען בעפרייעט ווערען פון מיליטאר-דיענסט. אזא פשט האט אויך, מן הסתם ניט אומזיסט, געלערנט דער רוימישער הויפטמאנן טיטוס אמפיוס באלבוס, און אזוי זענען די יודען פון גאנץ קליין-אזיען פטור געווארען פנ"ם חוב צו שטופען זיך מיטן קאפ אין א פרעמדער היטץ, און די יודען פון סארדעס האבען זיך דערווייל בענוצט מיט דער גוטער שעה און האבען זיך אויסגעבעטען ביים פראקאנסול לוציוס אנטאניוס פיעל רעכטע און פרייהייט.

אנטיפטר האט דורא ניט געלאזט פאמפעיוס'ן פאלען, און האט איהם צוגעשטעלט געגוג יודיש חיל. נאר קוים האט פאמפעיוס פערלארען די מלחמה ביי פארזאלוס און איז אין מצרים געשטארבען, איז שוין זיין געטרייער אנטיפטר איבערגעגאנגען צו יוליוס צעזאר, און האט איהם מיט דריי טויזענד מאן שטארק געהאלפען איינצונעהמען פעלוזיום (סין) און אחוץ דעם האט ער אזוי געדרעהט, אז די יודען פון מצרים און בעזאנדערס פון דער געגענד אניאן זענען פאלש געווארען זייער קאניג, און האבען זיך איבערגעגעבען יוליוס צעזאר. דערפאר איז אנטיפאטר ביי איהם געווארען דער גרעסטער חשוב, און האטשי אריסטובולס זוהן אנטיגונוס האט געזוכט אלע מיטעל איהם צו ערנידריגען, און האט דערמאנט צעזארן דאס געטריי-שאפט פון זיין פאטער, פון דעסטוועגען האט עס ניט געהאלפען. אנטיפאטר איז געבליבען תקיף און איהם צו ליעב האט צעזאר בעשטימט הורקנס'ן פאר כהן און נשיא. א סך שטאדט פון דעם טהאל יזרעאל האט ער צוריק אומגעקעהרט, און בעזאנדערס די גרויסע שטאדט לידה (לוד); פון פיעל נתינות האט ער די יודען בעפרייעט און האט נאר געמאכט אז אויסער דעם מעשר וואס עס קומט הורקנס'ן ווי א כהן, זאל מען אלע צוויי יאהר א פירטעל חלק פון די תבואות אוועקשיקען קיין צידון און דערפון זאל מען דארט אויסהאלטען דאס חיל.

פון דערווייטענס האט מען געקאנט מיינען, אז אויף די יודען איז [illegible]

געקומען א ישועה און זיי וועלען שוין אצינד גליקליך און רוהיג לעבען. הורקנס און אנטיפטר האבען אלע מאל מיט געשיקט געלד קיין רום און דער ראמישער סענאט האט אויך מסכים געוועהן אויף אלע רעכטע וואס יוליוס צעזאר האט געשענקט די יודען פון ארץ ישראל און פון אנדערע לאנדער. אומעדום האבען יודען געבויעט שולען, פריי געשיקט נדבות אין בית המקדש אריין. קיינער האט זיי ניט געשטערט אבצוהיטען שבת, און אז עס פלעגען ערגיץ ארויסשפרינגען גריכען, וואס די יודישע פרייהייט איז זיי ניט אזוי געפאלען, האבען די יודען באלד געפונען הילף ביי דער ראמישער מלוכה. אבער האבען די יודען פון אלע ערטער, אויסער יהודה, געמוזט צופרידען זיין; נאר אין אין ארץ ישראל, וואו דער זכר פון דער אמת'ער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט האט נאך געלעבט, האט דאס פאלק ניט געקאנט איבערטראגען די חדדים פון די ראמער און האט גוט געדענקט, אז זיי האבען צו טהון מיט שונאים. וואס פארקויפען זייער גוטסקייט יעדען וואס ניט טהייערער. אין ירושלים האט אנטיפטר פון קיינעם ניט געזעהן קיין פרעהליכע מינע. קיינער האט ניט בעגריסט די פרייהייטען וואס ער האט געקויפט אין רום פאר יודיש בלוט און שווייס, און פיעלע האבען אנגעהויבען טראכטען ווי אזוי פטור צו ווערען פון אזא בעל טובה. באלד האט זיך אבגעזוכט א יודישער הויפטמאנן חזקיה. ער האט צונויפגענומען פיעל חיל אויף די גאלילעישע בערג און האט אנגעהויבען שטארק דערקוטשען די סירער און די ראמער. די ראמישע מלוכה האט געקוקט אויף חזקיה מיט זיינע לייט ווי אויף א באנדע פון רוצחים. נאר די יודען האבען זיי גערעכענט פאר בעפרייער און וואס מעהר אנטיפטר האט זיך געוואלט בעפעסטיגען — גרעסער איז געווארען דער הסס געגען איהם.

אז אנטיפטר האט געמאכט זיין עלטערן זוהן פזאל פאר מושל אין ירושלים און דעם צווייטען, פינף און צוואנציג־יאהריגען הורדוס, פאר מושל אין גאלילעא, איז דאס פאלק צום איבריגען אויפגעבראכט געווארן אויף איהם, און בעזאנדערס האט עס אזוי ווי פאראויס געטראפען, אז הורדוס וועט טהון זעהר פיעל שלעכטס. באלד האט זיך עס טאקי ארויסגעוויזען: דער זוהן איז געוועהן א סך ערגער פונ'ם טאטען. צום ערשטען איז ער אנגעפאלען אויף חזקיה און האט איהם און נאך עטליכע פון זיינע לייט געהייסען טיידטען. דערפאר איז ער געווארען נאך מעהר חשוב ביי'ם מושל פון סיריען סעקסטוס צעזאר גאר צווישען די יודען האט עס אנגע־

מאכט אַ גרויסען רעש און מען האט אָנגעהויבען אויפצוקלערען הורקנוס׳ן, אַז ער מוז זיך אַרומקוקען וואו ער האלט און מיט וואס פאר אַ חברה ער האט זיך אַרומגערינגעלט. דער שלאַבעריגער הורקנוס, וואס האט שטענדיג געקוקט אַנטיפּטער׳ן אין מויל אַריין, האט זיך די ערשטע צייט ניט ווייסענדיג געמאכט, נאָר אַז די אַלמנות און עלטערן פון די געהרגטע האבען איהם אָנגעהויבען נאָכגעהן פוס-טרעט און וויינען און קלאָגען, האט ער עס שוין ניט געקאָנט איבערטראָגען און האט געמוזט בעפעהלען הורדוס׳ן ער זאל זיך שטעלען צום דין און זיך פאַראַנטוואָרטען פאר חזקיה׳ס טויט. אַנטיפּטר האט פערשטאַנען, אַז הורדוס קאָן דאָ מאוס אָבשניידען, האט ער איהם געגעבען אַ ווינק, אַז ער זאל האבען זיין שכל ביי זיך. הורדוס׳ן האט מען ניט בעדאַרפט פּיקען די צונג, און אַז ער איז געקומען קיין ירושלים האט ער מיט זיך מיטגעבראַכט גענוג חיל, וואס זאל איהם קאָנען דיענען אין אַ נויט. בעוואָפענט פון קאָפּ ביז פיס, פול מיט גדלות איז געקומען הורדוס צום בית דין, און דער ערשטער שטעל זיינער איז געוועהן אַזוי, אַז ביי קיינעם פון די דיינים האט זיך דאס מויל ניט געעפענט. נאָר איין שמעיה האט אויפגעמונטערט די דיינים און האט זיי געגעבען צו פערשטעהן, אַז דאָ מוז מען מאַכען איין עק, ווייל מען האט צו טהון מיט אַ שלאַנג וואס וועט פערגיפטען דאס גאַנצע לאַנד. שמעיה׳ס ווערטער האבען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק און מען האט שוין געוואָלט אַרויסגעבען אַ פּסק; נאָר הורקנוס׳ן האט עס ניט געפּאַסט און ער האט אַזוי געדרעהט, אַז מען זאל דעם משפּט אָבלעגען. הורדוס האט נאָר בעדאַרפט האבען צייט; ער איז אַוועק קיין דמשק צו סעקסטוס צעזאַר, וואס האט איהם נאָך מעהר כבוד אָבגעגעבען און אונטערגעהיצט די קנאה צו די יודען זאל נאָך ביי איהם אין האַרצען גרעסער ווערען.

דערווייל איז יוליוס צעזאַר געשטאָרבען און די רוימישע מלוכה איז איבערגעגאַנגען צום פאָלק אַליין. איינער פון די פאָלקס-פערשטעהער, קאַסיוס לאָנגינוס איז געקומען קיין סיריען צוזופנעהמען געלד; ער האט ביי די יודען אויך געפאָדערט אַ גרויסע סומע, און אַז מען האט איהם ניט געקאָנט געבען האט ער די איינוואוינער פון פיער יודישע שטאָדט, חפנה, אמוס, לידה און תמנה, פאַרקויפט פאר קנעכט. דעמאָלט האט שוין הורקנוס געזעהן צו וואס זיין פריינדשאַפט מיט אַנטיפּטר האט געפיהרט און ווי אָבגעשוואַכט דאס יודישע לאַנד איז געוואָרען; ער האט

נאך ניט געוואוסט אז הורדוס ארבייטעט שוין אין רום מען זאל איהם אראבנעהמען און דערפאר האט ער זיך צוגענומען פאר א יועץ איינעם פון די פארנעהמסטע בעלי בתים, מליך, און זיין ערשטע ארבייט איז געוועהן צו סמ'ן אנטיפטר'ן. הורדוס האט אבער גיך אונטערגעשיקט זיינע לייט מען זאל פארגיפטען מליך'ן, און חאטשי אריסתובול'ס זוהן, אנטיגונוס, האט איהם, מיט דער הילף פון זיין קרוב, פטאלאמעאוס דעם מושל פון חאלקיס, געוואלט פארשטעלען דעם וועג, איז ער גאר אין א קורצער צייט אריין קיין ירושלים און הורקנוס איז נאך געצוואונגען געוועהן איהם צו בעגריסען ווי א גבור; ער האט זיך נאך געמוזט מאכען הארץ און פאר איהם פערקנס'ן זיין אייניקעל מרים, די אומגליקליכע קאניגין, וואס האט דערנאך געמוזט אזוי פיעל ליידען.

אין רום האט זיך נוייטער דאס ראדעל איבערגעדרעהט. די מלוכה האבען איבערגענומען אנדערע דריי גרויסע לייט. אקטאוויאן, אנטאני־יוס און לעפידוס; נאר די יודען איז דערפון קיין טובה ניט ארויס־געקומען. זיי האבען זיך אפילו געפרובט שיקען שליחים צו אנטאניוס'ן און זיך בעקלאגען אויף זייער לאגע, נאר הורדוס האט מיט דער מטבע אלדינג פארענפערט, און עס האט זיך געענדיגט דער מיט וואס די שליחים האט מען איינגעזעצט אין תפיסה און די גאנצע ממשלה איבער יהודה איז איבערגעגאנגען צו אנטיפטר'ס בײדע זיהן.

חאטשי אנטיגונוס'ן איז ניט געראטהען גובר צו זיין הורדוס'ן, האט ער פון דעסטוועגען קיין האפנונג ניט פערלארען, און אז פארטהיען האט זיך אונטערגענומען איהם איבערצוגעבען די יודישע מלוכה, האט ער זיך גאר מיט איין אנדער חשק געלאזט לויפען צום ציעל. אלע יודען פונ'ם גאנצען לאנד זענען צו איהם צוגעשטאנען, עס האט ניט לאנג געדויערט און זיי זענען אריין קיין ירושלים. הורקנוס, פהזאל און הורדס האבען זיך בעפעסטיגט אין פאלאץ פון די חשמונאים, נאר איינער פון די פארטהישע הויפטלייט, פאקארוס האט זיי פון דארט ארויסגענארט און האט זיי פארגעלעגט זיי זאלען געהן צו בארזאפהארקעס, דעם הויפט־פיהרער פונ'ם פארטהישען חיל איבערערען וועגען שלום. אז זיי זענען געקומען קיין כזיב, האט מען זיי באלד געמאכט פאר געפאנגענע: פהזאעל האט זיך אליין דאס לעבען גענומען און הורקנס'ן האט מען אבגעשניטען די אויערן, כדי ער זאל מיט א מום מעהר ניט טארען זיין קיין כהן גדול. הורדוס איז פריהר אנטלאפען

מיט זיין כלת מרים. אזוי איז אנטיגונוס געווארען קאניג: דאס ביסעל ראמיש חיל, וואס האט זיך געפונען אין די יודישע פעסטונגען, האט געמוזט אבטרעטען; ער האט ארויסגעלאזט מטבעות מיט זיין יודישען נאמען מתתיהו כהן גדול; אין לאנד איז געווארען רוהיג, און מען האט געקאנט מיינען, אז דאס יודיש מזל וועט ווייטער שיינען אויף לאנגע יאהרען.

צום אומגליק איז אבער אנטיגונוס גאר ווייניג פעהיג געוועהן צו פיהרען א מלוכה: ער האט ניט פערשטאנען זיך צו מאכען גוטע פריינד אין דער פרעמד, און אפילו ביי זיך אין דער היים האט ער ניט געהאט קיין געטריע, איבערגעגעבענע מענשען. ווי ווייט שמעיה און אבטליון האבען פיינד געהאט הורדוס'ן, זענען זיי פארט געוועהן געגנער פון אנטיגונוס'ן. הורדוס האט דערווייל ניט געדרימעלט. אז ער האט זיך ארומגעבלאנקעט אין יהודה און האט זיך געמוזט בעהאלטען, איז איהם געוועהן זעהר שלעכט. נאר גיך האט ער זיך אריבערגעכאפט קיין מצרים. דארט האט איהם די קאניגין קלעאפאטרא געוואלט מאכען פאר'ן אלטסטען איבער איהר גאנץ חיל, נאר ער האט זיך דערפון אבגעזאגט. איהם האט דער קאפ געטראגען קיין ירושלים און אין זיינע אויגען האט אלץ געפינקעלט דער גלאנץ פון דער קאניגליכער קרוין. ער האט זיך אוועקגעלאזט קיין רום און איז גראד אנגעקומען אהין אין דער צייט, ווען צווישען אקטאוויאן און אנטאניוס איז געווארען א שלום. ער האט זיך צו זיי איינגעשמייכעלט און האט עס אזוי ווייט געבראכט, אז אין זיבען טאג האט איהם דער סענאט בעשטימט פאר קאניג פון יהודה. מיט שמחה איז הורדוס באלד געפאהרען קיין עכו, דארט האט איהם איינער פון די רייכסטע יודען, פרמלת געגעבען געלד ער זאל דינגען חיל. גאליליא איז שוין צו איהם צוגעשטאנען, און אזוי האט ער זיך צוגערוקט ביז מסבה. אנטיגונוס'ס חיל האט זיך אבער אקעגענגעשטעלט און די מלחמה האט זיך אנגעהויבען ציהען א לענגערע צייט. דאס האט געצווינגען אנטאניוס'ן ער זאל ארויסשיקען זיין הויפטמאן סאזיוס מיט א גרויסער מחנה צו העלפען הורדוס'ן.

דא האט ערשט הורדוס אנגעהויבען ארויסווייזען זיין גאנץ אכזריות נעגען דעם פאלק, וואס ער האט געוואלט בלייבען זיין קאניג. פינף שטאדט מיט צוויי טויזענד איינוואהנער האט ער פארברענט. אין שמרון האט ער חתונה געהאט מיט זיין כלה מרים, און באלד נאך דעם האט ער איינ־גענומען מיט סאזיוס בעלאגערט ירושלים. מיט הונדערט טויזענד מאן איז ער גע־

שטאנען ביי די טויערען פון דער הויפטשטאדט, אונ א גאנצען חודש כסדר האט ער גאר ניט געקאנט מאכען, ווייל די יודען האבען זיך געשלאגען ווי די גראסטע גבורים. ניט אויף לאנג האט אבער געקאנט קלעקען זייער כח, אונ דערצו האבען נאך שמעיה אונ אבטליון אנגעהויבען שרייען מען זאל אריינלאזען הורדוס'ן. נאך א בעלאגערונג פון פירציג טאג איז הורדוס אריין אין שטאדט, אונ אנטיגנוס מיט'ן פאלק זענען געוועהן אויפ'ן הר הבית, אונ עס איז שווער געוועהן זיי ביייצוקומען ביז אין א שבת אים חודש סיון, פונקט ווי זיבען אונ צוואנציג יאהר צוריק פאר פאמפעיוס'ן' איז געראטהען די ראמער צוצוטרעטען צום בית המקדש. מיט גרוים מיה האט הורדוס אבגעהאלטען די ראמער זיי זאלען ניט בעראבעווען די גאנצע שטאדט. אנטיגנוס'ן, וואס האט אין גאנצען געקאניגט פיערטהאלבען יאהר, האט מען אוועק געפיהרט צו אנטאניוס'ן וואס האט צו ליעב געטהון הורדוס'ן, אונ האט געהייסען דעם געפאנגענעם יודישען קאניג פריהר שלאגען אונ דערנאך טאדטען. אזא ביטערן סוף האט געהאט דער לעצטער פון די חשמונאים, וואס האבען איבער הונדערט יאהר געהערשט אין יהודה.

די צייט פון הורדוסעס משפחה.

ערשטעס קאפיטעל.

הורדוס דער ערשטער.

(37—4 פאר קריסטוס געבורט ; 107—74 פאר'ן חרבן בית שני

שווער איז הורדוס'ן אנגעקומען די יודישע מלוכה, אבער נאך שווערער

איז געוועהן די יודען איבערצוטראגען פון איהם: שנאה און נקמה – דאס
זענען געוועהן די צוויי צילען אויף וועלכע דער גרויזאמער קאניג האט
בעפעסטיגט זיין שטוהל. טויזענדער פארנעהמסטע מענשען האבען מיט'ן לע־
בען בעצאהלט נאר פאר א חשד, נאר ווען הורדוס האט זיך אויסגעוויזען
אז מען איז איהם פאלש. די אלע פינף און זיבציג סנהדרין, וואס האבען
איהם צוריק מיט צוועלף יאהר געוואלט פארמשפט'ן, האט ער געהרג'ט, און
נאר שמעיה און אבטליון וואס זענען די לעצטע צייט מעהר געניינט גע־
וועהן אויף זיין זייט, האט ער געשענקט דאס לעבען. דאס פארמעגען פון
די געהרג'טע האט הורדוס זיך צוגענומען, און מיט דעם רויב האט ער
געהאדעוועט אנטאגאניזען. אין לאנד האבען די איינוואהנער שטארק געקרעכצט
אונטער דעם יאך פון הורדוס, נאר זיי האבען בעסער ניט געקאנט מאכען
און האבען זיך, ווי מען זאגט, געקוויקט מיט חלשות: זיי האבען זיך גע־
טראסט האמשע דערמיט, וואס די אלע צרות טראגען זיי איבער פון א איי־
גענעם. און ניט פון קיין פרעמדען. דערפאר פלעגט הורדוס זיך נאר ווייניג
מאכען פון אייגענע, און אויף אלע בעסטע שטעלען האט ער בעשטימט
יודען פון אנדערע לאנדער. פאר כהן גדול האט ער געמאכט א יודען פון
מצרים חננאל; נאר דעם עולם האט ער פיינגעזאגט, אז דער נייער כהן
איז פון בבל פון א גרויסע משפחה, ווייל די יודען פון בבל זענען זעהר
בעליעבט געוועהן אין פאלק פאר זייער פרומקייט, און דערפאר וואס זיי
האבען זיך קיין מאהל ניט משדך געוועהן מיט פרעמדע פאלקער. זיין איי־
גענעם יחוס האט ער פארדרעהט, און האטשע אלע האבען געוואוסט, אז
ער שטאמט ארויס פון די אדומים, האט ער געדרונגען, אז זיין משפחה
איז איינע פון די אלטסטע אין יהודה. אז שמעיה און אבטליון זענען גע־
שטארבען, האט ער אויף זייער פלאץ בעצויגען צוויי לומדים פון בבל פון
דער משפחה „בני בתירא".

פאר צוויי מענשען האט זיך אבער הורדוס א ביסעל געשראקען: דאס
זענען געוועהן דער אלטער הורקנוס און זיין ענייקעל אריסטובול. ער האט
גוט געוואוסט אז איינער האט נאך ניט פארגעסען וואס ער איז געוועהן,
און דער אנדערער וויל ערשט ווערען דאס וואס יענער. הורקנוס איז אפילו
געוועהן געפאנגען אין פארטהיען, און דערצו האט שוין ביי איהם דער מום
צוגענומען דאס רעכט צו ווערען כהן גדול; נאר די לעצטע צייט האט מען
איהם בעפרייעט, און די יודען פון בבל האבען איהם ביי זיך אויפגענומען

מיט גרויס כבוד. אונבאי האט ער זיך שטארק בעאונרוהיגט טאמער וועלען די יודען פון בבל איבערקויפען פארטהייען און מען וועט הורקנוסן ווייטער מאכען פאר מלך. דאריבער האט ער זיך ענטשלאסען נעהריין הורקנוסן צו זיך, ווייל ער האט פערשטאנען, אז פון דערווייטענס איז ער פאר איהם א סך געפאהרליכער ווי פון דער נאהענט. דורך זיין גוטען פריינד סרסלת האט ער געלאזט הורקנוסן צוזאגען גאלדענע בארג און האטשע אין אנטיגנוס'ן איז מען ניט געוועהן צופריעדען דערפון, האט זיך הורקנוסן פארט געלוסט צוריקצופאהרען קיין ירושלים, וואו הורדוס האט איהם אומיסטען בעוויזען גרויס פריינדשאפט, און האט אזוי דעם אלטען פויגעל פערנארט אין א גאלדען שטייגעל. אז ער האט זיך בעווארענט מיטן יידען האט ער זיך גענומען צום ענקעל. דא איז איהם שוין א ביסעל שווערער אנגעקומען. ער האט געמיינט, אז ווען ער וועט ביי אריסטובולן צונעהמען די כהונה, וועט ער אין גאנצען ארבכפאלען ביי זיך, נאר ער האט א טעות געהאט. אריסטובולס מוטער אלכסנדרא האט פערשטאנען אין עסק: זי האט זיך איינגעשמייכעלט ביי אנטאניוסן, און האט איהם געוויזען די בילדער פון איהרע שאנע קינדער, און אנטאניוס האט געזאגט אז ער וויל זעהן דעם יונגען מאן. דאס האט הורדוסן גאר ניט געשמעקט, ער האט געוואוסט אז קיין טובה וועט איהם געוויס ניט ארויסקומען דערפון, וואס אריסטובול וועט זיך דרעהען אין ראמישען הויף. דאריבער איז ביי איהם געבליבען ער זאל עס ניט דערלאזען, און פליצום האט ער אריסטובולן בעשטימט פאר כהן גדול אויף חננאלס ארט. באלד האט אבער הורדוס זיך איבערציינט, אז דאס איז אויך קיין גרויס בעווארעניש ניט: אלכסנדרא האט זיך אלין ארומגעטראגען מיטן געדאנק, אז די מלוכה מוז איבערגעהן צו איהר זוהן. אריסטובול אליין איז מיט יעדען טאג מעהר בעליעבט געווארען אין פאלק און דערצו האט איהם נאך צוגעזאגט איהר שוטץ די שטארקע קאניגין פון מצרים, קלעאפאטרא. הורדוס האט געגעבען א קוק אז דאס איז קיין תכלית ניט, האט ער אריסטובולן אוועקגעשיקט קיין יריחו און דארט האבען איהם זיינע דיענער ביים באדען דערטרענקען. אזוי האט הורדוס גענומען מיטן זיבעצעניאהריגען אריסטובול, מיטן לעצטען צווייגעלע פון דעם חשמונאישען בוים. חננאל איז ווייטער געווארען כהן גדול, הורדוס האט קלאמערשט בעוויינט דעם אומצייטיגען טויט פון זיין יונגען שוואגער, נאר דאס פאלק האט גוט געוואוסט ווער דער רוצח איז.

מעהר פון אלע האט אלכסנדרא געוואוסט, אז איהר איידאם האט דערהרג'ט איהר זוהן; זי האט זיך פאר אזא רציחה געקלאגט פאר דער קעניגין קלעאפאטרא, אונ יענע האט דאס איבערגעגעבען אנטאניוס'ן, וואס האט באלד ארויסגערופען הורדוסן צו זיך קיין לאאדיצעא, ער זאל זיך פארענטפערן. מיט ציטערניש אונ שרעק איז הורדוס אוועקגעפאהרען, נאר מיט פאלשע רעד אונ אמת'ע מתנות האט ער אנטאניוס'ן פאררעדט די ציין; נאר די גאנצע שאנע געגענד פון יריחו האט ער געמוזט אוועקגעבען קלעאפאטראן, אונ א חוץ דעם ביי איהר נאך דינגען די ערד אונ איהר צאהלען א כנת יפה. פאר זיין אוועקפאהרען, ווען ער האט גערעכענט אז צוריקקומען וועט ער מעהר ניט, האט ער איבערגעגעבען דעם מאן פון זיין שוועסטער סלמה, אז ווי באלד עס וועט אנקומען די ידיעה פון זיין טויט, זאל ער טייטען מרים מיט איהר מוטער אלכסנדרא, כדי זיי זאלען אין איהם קיין נקמה ניט דערלעבען. אז עס איז איהם אבער געראטהען צו פארדרעהען אנטאניוס'ן דעם קאפ אונ זיך אויסקויפען מיט געלד, האט ער געהייסען אלכסנדרא האלטען אין תפיסה אונ האט דאס אייגענע געוואלט טהון מיט מרים'ן, נאר ער האט זי צו פיעל ליעב געהאט.

מען קאן זיך פארשטעלען, אז ביי אזעלכע מעשים האט ער קיין רוח ניט געקאנט האבען ביי זיך אין דער היים; נאר פון דרויסען האט ער אויך געהאט פונקט די אייגענע רוח וואס אין שטוב. קוים איז אוועקגעגאנגען זעקס יאהר זייט ער האט איבערגענומען די מלוכה, האט פון איין זייט איהם אנגעהויבען דערקוטשען א שוועסטער פון אנטיגונוס, וואס האט צונויפגענומען פיעל חיל אונ איז צביין אין דער פעסטונג הורקניאן, אונ פון דער אנדערער זייט האט איהם קלעאפאטרא געצווינגען ער זאל האלטען מלחמה מיטן מלך פון נבט דערפאר, וואס ער האט איהר ניט געוואלט צאהלען קיין מס. באלד נאך דעם האט זיך אנגעהויבען א מרידה אין רום אליין, עס איז ארויס א קריעג צווישען אקטאוויאן אונ אנטאניוס אונ אין דער מלחמה ביי אקציום איז אנטאניוס געפאלען. הורדוס האט געזעהן, אז דאס גליק האט זיך פון איהם אפגעקעהרט, אז ביי אקטאוויאן וועט ער שוין דאס ניט קאנען אויספיהרען וואס ביי אנטאניוס'ן, אונ מיט א שווער הארץ האט ער זיך געלאזט פאהרען צום נייעם הערשער פון רום. נאר פארן פאהרען האט ער אויסגעטראכט, אז דער אכציגיאהריגער הורקנוס האט בסתר געהאט געשעפטען מיט זיין שונא, דעם מלך פון נבט אונ האט איהם אומגעבראכט. אונ מרים'ן

מיט דער מוטער האט ער פערשלאסען אין דער פעסטונג אלכסנדריאן און האט אנגעזאגט מען זאל זיי הרגנען, ווען מען וועט געוואהר ווערען פון זיין טויט, וואס ער האט זיך געמעגט אויף איהם רעכטען ביי דער נסיעה קיין רום. אויסער דעם האט הורדוס געוואלט מאכען א ענדערונג צווישען די פאר-שטעהער פונ'ם פאלק און דאריבער איז אזוי אויסגעקומען, אז איינער פון די יודען וואס זענען מיט הורקנוס געקומען פון בבל, דער אונבעקאנטע הלל, איז געווארען דער ראש פון די סנהדרין.

הלל איז ארויסגעקומען פון דער שאנסטער יודישער פאמיליע און האט זיין יחוס גערעכענט, פון דער מוטערס זייט, ביז דוד המלך. פון זיין יוגענד ווייסט מען זעהר ווייניג. עס זענען געבליבען אין פאלק א סך מעשות, און מען דערצעהלט, אז ער איז קיין ירושלים אראבגעקומען אין ארים יונגעל און האט זיך בעשעפטיגט מיט האלץ-האקען, ווייל ער האט ניט געוואלט זיין רייכער ברודער שבנא זאל איהם העלפען. זיין חשק צום לערנען איז געוועהן אזוי גרויס, אז ווען ער פלעגט דעם גאנצען טאג ארבייטען מיט'ן ביטערן שווייס, האט ער ביי נאכט ניט געוואלט רוהען און פלעגט שטעהן ביי דער ישיבה פון שמעיה און אבטליון און זיך צוהערען צום לערנען. ניט איין מאל פלעגט ער אוועקגעבען די לעצטע פרוטה די משרתים פון דער ישיבה מען זאל איהם צולאזען א ביסעל נאהענטער; נאר אמאל האט זיך געמאכט אין א ווינטער-נאכט, ווען ער האט קיין געלד ניט געהאט, האט ער זיך ענטשלאסען ארויפצוקריכען אויף דער וואנד און פון דארט האפען תורה. די שטארקע קעלט און דער גרויסער שנעע האבען איהם ארויסגענומען די לעצטע כחות, און ער איז אראבגעפאלען אין חלשות אויף דער ערד. אזוי האט מען איהם געפונען דעם אנדערען אין דער פריה, מען איז געוואהר געווארען ווער ער איז. ער איז באלד אין דער ישיבה געווארען דער ערשטער, און גאר גיך האבען די יודען בעקומען דעם גרויסען הלל. נויט און דחקות האבען דווקא ניט הארט געמאכט זיין הארץ, און האבען דווקא געלייטערט זיין נשמה און אויסגעארבייט אין איהם אזוינע מעלות, וואס מען קאן זעהר זעלטען זעהן ביי א בשר ודם. ליעב האבען שלום, זיך ניט נאכיאגען נאך כבוד שטענדיג אויף יענעם מלמד זכות זיין, זיין ביי זיך א עניו.—דאס זענען געוועהן די הייליגע מדות, מיט וועלכע הלל האט זיך אליין אויסגעצייכענט און האט אויך אנדערע געלערנט. זיין גאנצער למוד איז בעשטאנען אין דעם, אז א מענש טאר ניט טהון

דעם אנדערן דאס וואס ער וויל ניט מען זאל איהם טהון. אז שמעיה אונ אבטליון זענען געשטארבען, אונ הורדוס האט אראבגעבראכט אנדערע פארשטעהער אויף זייער ארט פון בבל פלעגט הלל איבערגעבען די תלמידים פון דער ישיבה אלדינג וואס ער האט איבערגענומען פון זיינע רביים, אונ אז מען האט בעדארפט וויסען א רעכטען דין האט מען זיך נאר צו איהם געווענדעט. איין מאהל האט זיך געמאכט א גרויסע שאלה, וועגען דעם וואס פסח איז געפאלען אים שבת, אונ מען האט ניט געוואוסט ווי אזוי מען זאל זיך נוהג זיין מיט'ן קרבן פסח. מען האט געפרעגט הלל'ן אונ ער האט בעוויזען, אז פסח איז דוחה שבת. זיין תשובה איז שטארק געפאלען אונ דאס פאלק האט איהם געמאכט פאר פארשטעהער. הורדוס איז דערמיט געוועהן צופרידען, ווייל ער האט שוין געהערט פון הלל'ס גוטען אונ רוהיגען האראקטער, אונ דערצו איז איהם דער קאפ נאר געוועהן פארשלאגען מיט דער נסיעה צו אקטאוויאן.

הלל נאך איז געוועהן צו זיין א מקיל, אונ אין דעם דרך האבען זיך געהאלטען שפעטער אלע זיינע תלמידים וואס זענען אין דער גמרא בעקענט מיט'ן נאמען בית הלל. ער האט זיך בעמיהט אויסצוגלייכען די דינים פון דער תורה מיט די פאדערונגען פונ'ם לעבען, כדי דעם פאלק זאל ניט שווער זיין אבצוהיטען די אמונה; ער האט געזוכט א מיטעל־וועג צווישען די צדוקים אונ פרושים אונ האט געוויזען, אז מען קאן פון איין זייט ניט אבטרעטען אפילו קיין האר ניט פונ'ם געזעץ, אונ פון דער אנדערער זייט מאג מען פארשען אונ קלערן איבער דעם אמת'ן זין, וואס ליגט בעהאלטען אין יעדען אות פון דער תורה. אז ער האט געזעהן אז פאר די יודען, וואס האבען זיך שוין לאנג אנגעהויבען בעשעפטיגען מיט מסחר אונ קרעדיט, איז שווער זיי זאלען זיך אבזאגען פון די חובות אים יאהר פון שמיטה, ווייל דאס האט מען נאר געקאנט אויספיהרען דעמאלט, ווען דאס יודישע פאלק האט זיך נאר אבגעגעבען מיט ערדארבייט. האט ער אויפגעטהון מען זאל מעגען איבערגעבען פריהער דעם בית דין אלע וועקסעל אונ דער בית דין אליין זאל שוין איינמאנען דאס געלד. אונ אזא איבערגעבען האט געהייסען אויף גריכיש פרוזבול. אזוי איז אויסגעקומען גלאט פון ביידע זייטען: אי דער האנדעל איז ניט געשטערט געווארען אונ מען האט געמענט בארגען געלד, אונ ניט מורא האבען פאר שמיטה; אי דער דין איז געבליבען פעסט.

הלל האט צו זיך געהאט נאך איין פארשטעהער, מנחם פון די אסיים. דאס הורדוס האט פון איהם געהאלטען, ווייל ווען ער איז נאך א קליין קינד געווען האט איהם מנחם נביאות געזאגט, אז ער וועט זיין א מלך. מנחם האט אבער ניט געטויגט צו זיין א מנהיג פון א פאלק: ער איז געוואהנט געווען צו לעבען אבגעזונדערט פון מענשען און שטענדיג שווייגען. אז דער קעניג האט געוואלט פון איהם געוואהר ווערען צו וועט ער האבען אריכות ימים און האט איהם געפרעגט צו וועט ער נאך לעבען צעהן, צוואנציג, אדער דרייסיג יאהר האט מנחם געשוויגען און נאר געשאקעלט מיט'ן קאפ און הורדוס האט דערפון געדרונגען, אז ער וועט לעבען מעהר פון דרייסיג יאהר. מנחם האט ניט לאנג געדויערט און אויף זיין פלאץ איז ארויף שמאי. וואס איז שוין געווען דער היפך פון הלל: ער האט ליעב געהאט מעהר מחמיר צו זיין, ער פלעגט שוין ניט זיין אזוי צוגעלאזט צו מענשען און האט אויך געהאט ווייניגער פיעל תלמידים. וואס זענען געגאנגען נאך זיין סטרות, און די גמרא רופט זיי בית שמאי.

אז הורדוס איז געקומען צו אקטאוויאן, דעם ערשטען קייזער פון רום, האט ער דאס גאנצע גדלות אוועקגעלעגט אין א זייט, זיך איינגעבויגען אין דרייען, געמאכט א רחמנות פנים, און געבעטען מען זאל איהם מוחל זיין וואס ער איז פריהער געווען אזא גוטער פריינד אנטאניוסן. אקטאוויאן האט זיך ניט געלאזט לאנג בעטען, ווייל ער האט ארויסגעזעהן אז צו הורדוס'ן וועט ער ניט דערלעגען. באלד האט טאקי הורדוס געהאט די מעגליכקייט איהם צו בעווייזען זיין געטרייששאפט: אז ער איז אנגעפאלען אויף מצרים, איז איהם הורדוס ארויסגעגאנגען אקעגען ביז עכו, און האט פערזארגט זיין חיל מיט וואסער און וויין. דא האט אויך הורדוס דערלעבט א נקמה אין דער קעניגין קלעאפאטרא. וואס האט זיך דאס לעבען גענומען פונקט ווי איהר געליעבטער אנטאניוס. פאר די יודען אין אלכסנדריען איז דאס דווקא געווען גוט, ווייל קלעאפאטרא האט זיי אין די לעצטע יאהרען זעהר שלעכט בעהאנדעלט און אקטאוויאן האט זיי באלד געשענקט אלע רעכטע און האט זיי ארויסגעוויזען אזא צוטרויען אז איינעם פון זיי, ניקאנאר, האט ער געמאכט פארן פארשטעהער פונ'ם גאנצען לאנד. אויך די יודען פון רום האט אקטאוויאן אבגעשיט מיט זיינע חסדים. ער האט זיי ערלויבט צו בויען שולען און אוועקשיקען נדבות קיין ירושלים פארן בית המקדש. הורדוס'ן האט ער צוריק אבגעגעבען אלע שטעדט ביים ים, און די גאנצע געגענד יריחו.

וואס מען האט ביי איהם פריהער צוגענומען, אונ א חוץ דעם זענען די שטאדט שמרון, גדרה אונ היפאס, פון יענער זייט ירדן אויך איבערגעגאנגען צו יהודה.

הורדוס האט זיך אליין ניט גערעכט. אז פליצום זאל ער נאך דערגרייכען א העכערע מדרגה, אונ איז פול מיט פרייד אונ גליק צוריקגעקומען קיין ירושלים. ביי זיך אין פאלאץ האט ער אבער ניט געפונען די רוה אונ פאמיליענליעבע, וואס דארפען פערזיסען דעם מענשענלעבען. ער האט גערעכענט, אז דאס הארץ פון מרים וואס איז איהם געווען פריהער אזוי פרעמד, וועט פארט מיט דער צייט ווייכער ווערען, אונ דער גלאנץ פון זיין כבוד וועט צושמעלצען דאס אייז פון איהר שנאה; זי איז אבער געווארען צו איהם נאך קאלטער, אונ האט איהם בעגעגענט מיט האס אונ פיינדשאפט; ווייל זי האט געוואוסט, אז ער האט זי געהייסען האלטען געפאנגען אונ טויטען. הורדוס האט עס מעהר ניט געקאנט איבערטראגען. די רציחה האט זיך אין איהם צוברענט, אונ דא האט איהם נאך זיין שוועסטער שלמית אונטערגעהיצט. ער האט באלד צונויפגערופען א בית דין פון אזוינע בעלי ישר, מן הסתם, ווי ער אליין איז געווען מען האט זי בעשולדיגט, אז זי האט געוואלט פערגיפטען דעם קאניג, אונ זי איז פארמשפט געווארען צום טויט. די שאנע יונגע קאניגין האט זיך ניט דערשראקען פאר אזא משפט, רוהיג האט זי איהם אויסגעהערט אונ רוהיג איבערגעשטאנען, אונ ווי א אמת עניקעל פון די חשמונאים האט זי זיך געזעגענט מיט איהר קורץ אונגליקליך לעבען.

מרים'ס אומצייטיגער טויט האט אבער הורדוס'ן ניט בערוהיגט, זיין מרה שחורה האט זיך נאך פארגרעסערט. אונ באלד האט ער געהייסען טיידטען די סנהדרין, וואס האבען פערמשפט די אונגליקליכע קאניגין. מרים'ס מוטער, אלכסנדרא האט זיך געוואלט אפילו בענוצען מיט דעם וואס הורדוס האט זיך געפיהלט אזוי שוואך אונ האט געוואלט זיך ארײנכאפען קיין ירושלים; נאר די נאהענטע געפאהר האט איהם ווייטער געגעבען כח אונ אלכסנדרא האט אויך געמוזט מיט'ן לעבען בעצאהלען. דעמאלט האט ער אויך געהייסען הרג'ענען איהרע ווייטע קרובים. די גאנצע משפחת בני בבא. אונ אזוי איז אבגעמעקט געווארען דער לעצטער זכר פון די חשמונאים.

אזוי זענען אבגעלאפען די ערשטע צוועלף יאהר פון הורדוס'ס פיער אונ דרייסיג־יאהריגער מלוכה. מען קאן פערשטעהן, אז קיין גרויס ליעבשאפט

האט ער זיך ביים פאלק ניט ערווארבען. בעזאנדערס נאך דעם וואס ער האט אנגעהויבען בויען פיעל בנינים נאר די ראמער צו ליעב. און האט איינגעפיהרט א סך ראמישע מנהגים און תענוגים, ווי פערשיעדענע שפיעלען און שלאגען זיך מיט ווילדע חיות. זיין גאנץ פיהרען איז נאר געווען, אז פרעמדע פעלקער זאלען פון איהם צופריעדען זיין. אז אויגוסטוס איז געווארען קאיזער פון רום האט ער זיך גענומען בויען די שאנסטע הייזער און פאלאצען אין דער שטאדט שומרון, וואס איז געווען אזוי פערהאסט ביי די יודען, און האט זי א נאמען געגעבען נאך דעם נייעם הערשער. ס ע ב א ס ט ע', און האט זי נאך געוואלט מאכען פאר א הויפטשטאדט. דאס אייגענע האט ער נאך פריהר געטהון מיט דער פעסטונג בירה, וואס ער האט געהייסען רופען, א נ ט א נ י א, נאך דעם נאהמען פון זיין אלטען פריינד אנטאניוס. ביים ים האט ער אויסגעבויעט די שאנסטע שטאדט צ ע ז א ר ע א (קסריא) און האט דארט אויסגעבויעט א ראמישען טעמפעל און געשטעלט דאס בילד פון אויגוסטוס. דאס פאלק האט זיך ניט אומזיסט אנגעהויבען שרעקען טאמיר פיהרט הורדוס איין עבודה זרה. און עס האבען זיך געפונען צעהן פרומע יודען וואס האבען געוואלט הורדוס'ן הרגענ'ן; נאר ער האט זיך פריהר דערוואוסט און איז ניצול געווארען. אז דאס פאלק איז אבער געוואהר געווארען ווער עס האט אויס-געגעבען. האבען זיי דעם מסר צוריסען אויף שטיקער.

זיך אליין האט הורדוס געשטעלט א מצבה ביים לעבען ניט ווייט פון ירושלים אויף א בארגעל. דארט האט ער אויך אויסגעבויעט פאר זיך א פאלאץ פון מארמארשטיינער, וואס האט אבגעקאסט גאנצע אוצרות און האט טאקע געטראגען זיין נאהמען "הורבאדיום". אוודאי האט ער בעדארפט האבען פיעל געלד, ווייל אויסער זיינע אייגענע הוצאות פלעגט ער נאך שיקען גרויסע סומען אין דער פרעמד, כדי מען זאל איהם לויבען, און דאס פאלק האט זיך געמוזט מעלקען. די יודען זענען אבער נאר געווען ביי איהם דארויף, ער זאל קאנען רייסען פון טויט און פון לעבעדיג! ווייטער האט ער מיט זיי ניט געוואלט זיין קיין נאהענטער מחותן און האט זיך ארומגע-רינגעלט גראסטענטהיילס מיט גריכען, ווי דער געשיכטשרייבער נ י ק א ל ו י ס פון דמשק און זיין ברודער פטאלאמעאוס. וואס זענען געווען ביי הורדוס'ן די בעסטע יועצים. אפילו די ערציהונג פון מרים'ס קינדער האט ער איבער-געגעבען א גריכע, א נ ד ר א מ א כ ו ס און א ראמער, ג ע מ ע ל ל ו ס.

זעהר זעלטען פלעגט הורדוס טהון נוטס אויך, אין דער צייט פון

הונגער און מגפה האט ער צוטהיילט א סך געלד. נאר ביים פאלק האט זיך עס ניט אנגעזעהן. נאך חנואלס טויט איז געווארען כהן יהושע פון דער משפחה פאבי; נאר ווייל הורדוס'ן איז געפאלען מרים, די שאנע טאכטער פון א אונבעקאנטען כהן, האט ער איהר פאטער שמעון געמאכט פאר כהן גדול כדי עס זאל איהם אנשטעהן חתונה צו האבען מיט זיין געליעבטער. אז הורדוס האט אבער געזעהן אז אלע זענען איהם שונאים האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז דאס גאנצע פאלק זאל שווערען אז עס וועט איהם זיין טריי. דא האבען זיך ערשט אנגעהויבען נייע הריגות ווייל ניט יעדער האט געוואלט זיך פערבינדען מיט א שבועה. עס האט זיך גענוג בלוט געגאסען אין יהודה און נאר הלל האט פיעל יודען מציל געוועזען פונ'ם טויט. הורדוס האט אבער פארט געזוכט עפיס א זאך מיט וואס ער זאל זיך בעליעבט מאכען זיין פאלק, און ער האט פארקלינערט אויף א דריטעל דעם מס וואס מען פלעגט צאהלען. אויסער דעם איז ביי איהם געבליבען: ער זאל צורעכט מאכען דעם בית המקדש וואס איז שוין געשטאנען פינף הונדערט יאהר און איז געוועהן צו קליין. צום אנהייב האבען זיך די יודען זעהר דערשראקען, ווייל זיי האבען געמיינט, אז הורדוס וויל אין גאנצען צושטערען דאס הייליגטהום און קיין נייעם משכן ניט אויסבויען; נאר אז הורדוס האט געגעבען זיין ווארט. אז ער וועט ניט אנריהרען דעם אלטען ביז דער גאנצער מאטעריאל צום נייעם בית המקדש וועט ניט זיין פערטיג, האבען זיי זיך בערוהיגט. באלד האט מען טאקע אנגעהויבען פיהרען האלץ און שטיינער און צעהן טויזענד ארבייטער האבען זיך געשמאק גענומען צום בנין. אין אנדערהאלבען יאהר איז דער אינווענינסטער משכן פערטיג געווארען, און פון דרויסען האט ער זיך גע-בויעט גאנצע אכט יאהר. דער נייער משכן, וואס איז געוועהן פערבונדען מיט דער פעסטונג בירה אדער אנטאניא, מיט א גאנג אונטער דער ערד. האט א סך איבערטראפען דעם אלטען מיט דער גראס און שאנקייט. דער פרומער פארשטעהער פון די יודען אין אלכסנדריען ניקאנאר, האט געשענקט א טהייערן טויער צום בית המקדש, און מען האט איהם גערופען ניקאנאר'ס טהויער (שער נקנור). ביים איינגאנג האט הורדוס געשטעלט א אדלער צום זכר פון רומ'ס מאכט. דער דאך איז געוועהן פערגאלדעט און האט געהאט הויכע שפיצען, וואס פלעגען ניט צולאזען די פאגעל זאלען זיך דארט מאכען זייערע נעס-

טען, און האבען אויך געדיענט פאר א שמירה צוא דיא בליטצען.

א גרויסען יום טוב האט הורדוס געמאכט צום חנוכת הבית, וואס איז איז גראד געווען פונקט אין דעם טאג, ווען צוריק מיט צוואנציג יאהר איז ער מיט בלוטבעפלעקטע האנד אריין אין בית המקדש. די יודען זענען איהם געווען דערפאר דאנקבאר, נאר אויף זייער ליעבע רעכנען האט ער אלץ ניט געקאנט. ווי עס ווייזט אויס האבען אפילו די יודען אין אנדערע לאנדער ניט געהאט קיין גרויס צוטרויען צום יודישען קעניג. אז אין קליין־אזיען, און בעזאנדערס אין דער הויפטשטאדט עפהעזוס, האבען די גריכען אנגעהויבען צו פערפאלגען די יודען. האבען זיי זיך ניט געווענדעט צו הורדוס'ן, נאר צו מארקוס־אגריפא, אויגוסטוס'ס איידעם. וואס איז גראד דעמאלט געווען צו גאסט ביי הורדוס'ן און ער האט איהם באגלייט א היים דורך די קליין־אזיאטישע לאנדער. אז הורדוס איז געשטאנען דערביי ווען די יודען האבען זיך געקלאגט האט עס איהם שוין ניט געפאסט און ער האט זיך געמוזט אנגעהמען פון זייערטוועגען. אגריפא האט באלד אנגעשריבען א בריעף צום מושל פון עפהעזוס מען זאל די יודען לאזען צו רוה. דער בריעף האט אבער ניט געהאלפען, און די גריכען פלעגען ווייטער שטערען די יודען אב־צוהיטען דעם שבת און ניט לאזען זיי ארויסשיקען זייערע נדבות קיין ירושלים. די יודען זענען געצוואונגען געווען צו שיקען שלוחים צו אויגוסטוס'ן אליין, און ער האט ארויסגעלאזט א בעפעהל וואס האט געשיצט די יודען, און האט אנגעזאגט דעם פראקאנסול אין אזיען, נארבאנוס פלאקוס ער זאל אכטונג געבען מען זאל זיין בעפעהל אויספאלגען. פון דעסטוועגען זענען די איינוואהנער פון עפהעזוס געווען גרויסע עקשנים, און די יודען פלעגען זיך נאך מוזען קלאגען ביי'ם פראקאנסול יוליוס אנטאניוס. אזוי האט אויך אויגוסטוס פארבעסערט די לאגע פון די אידען אין אפריקא. דארט האבען זיי אויך די יודען דערקוטשעט, און ניט ערלויבט ארויספיהרען געלד קיין ארץ ישראל, און בעזאנדערס האבען דערפון געליטען די יודען פון דער געגענד קירענאיקא. איין ווינק פון רום איז אבער גענוג געוועהן, און דער מושל פון קירענאיקא, מארקוס טיטיוס איז אזוי גוט געווארען צו די יודען און זיי געדיענט אין אלע נויטען, אז זיי פלעגען זיין נאהמען מיט דאנק דערמאנען אלע שבת אין שול ביי'ם דאווענען.

די אלע פערבעסערונגען אין דעם מעמד פון די יודען האט הורדוס זיך צוגעשריבען, ווייל ער האט גערעכענט, אז אין רום טהוט מען עס נאר

איהם צו ליעב, אונ אפשר איז עס פאקי אזוי געוועזען. אז ער איז צוריק-געקומען פון זיין נסיעה, ווען ער האט באליים אגריפאן, האט ער פער-זאמעלט דאס פאלק אונ האט דערצעהלט וואס פאר א חסדים איהם איז גע-ראטהען צו בעווייזען די קליין-אזיאטישע יודען. דאס איז ביים עולם וועהער אנגעלעגט געוועזען, אונ אז ער האט נאך דערצו געהייסען מוחל זיין א פירטעל פון אלע נתינות וואס איז דאס יאהר געקומען. האט איהם דאס פאלק צום ערשטען מאל מיט שמחה, בעגריסט ווי א קאניג.

עס איז אבער הורדוס'ן ניט בעשערט געוועזען צו געניעסען תענוג: דער ענש פאר די פריהריגע מעשים האט זיך שוין אנגעהויבען, אונ ער האט געהאט וועדער א שלעכטע עלטער. טאקע ביי זיך אין שטוב האט ער בעדארפט מורא האבען אויף יעדען שריט אונ טריט, וויל אויף זיין לעבען האבען גע-לאקערט זיין אייגען בלוט אונ פלייש: זיין שוועסטער סלמת, זיין ברודער פהעראראס אונ זיינע אייגענע קינדער. נאך מרים'ן וועגען געבליבען צוויי זיהן, אלכסנדר אונ אריסטובול. אונ קוים וועגען זיי אונטערגעוואקסען האבען זיי דעם פאטער ניט געקאנט מוחל זיין דעם טויט פון זייער מוטער, אונ האבען אויף איהם קיין גוט הארץ ניט געקאנט האבען. אזוי ווי זיי וועגען ארויסגעקומען פון די חשמונאים האט זיי הורדוס בעשטימט פאר יורשים פון דער מלוכה, אונ האט זיי אוועקגעשיקט קיין רום, זיי זאלען דארט ערצויגען ווערען אויף דעם רוימישען אופן, אונ זאלען דערוויל אויך נושא חן זיין ביי אויגוסטוס. דערנאך האט אלכסנדר חתונה געהאט מיט גלאפהירא, דער טאכטער פונ'ם קאפאדאציישען קאניג ארכעלויס, אונ אריסטובול האט גע-נומען סלמה'ס א טאכטער בערעניצע. הורדוס האט געמיינט, אז מיט דעם לעצטען שדוך וועט ער פערבינדען זיין משפחה מיט די חשמונאים, אונ עס וועט ווערען א אמת'ער שלום, ווי צווישען קרובים; נאר סלמת האט דארויף ניט געקוקט אונ האט מיט אירע אינטריגען אזוי ווייט געבראכט, אז הורדוס האט צו זיך גענומען זיין זוהן אנטיפטר, וואס זיין ערשטע פרוי, דאריס האט געבוירען נאך עהדער ער האט חתונה געהאט מיט מרים'ן, אונ האט איהם געמאכט פארן נאנצען יורש. אנטיפטר האט פערשטאנען, אז פאר איהם וועט זיין בעסער ווען ער וועט אין נאנצען אבבייסען הורדוס'ן פון מרים'ס קינדער אונ ער האט אנגעהויבען דעם פאטער ביסלעכווייס צו בעווייזען וואס פאר א שונאים זיי וועגען איהם. אזוי האט ער אלע מאל צוגעגאסען טראפען פון רכילות ביז הורדוס האט זיך שוין געלאזט אלדינג איינרעדען. אונ אז עס

האט שוין געהאלטען דערביי אז איהם שוין ניט שווער געוועהן צו איבערצייגען דעם קעניג, אז מרים'ס זיהן האבען איהם געוואלט פערגיפטען. הורדוס האט קיין לאנגע טענות ניט געמאכט, ער האט אין בעריטהוס אנידערגעזעצט א בית דין פון הונדערט פינפציג מענשען. עדות זענען גענוג געוועהן און די אונשולדיגע פרינצען זענען פערמ'שפט געווארען צום טויט אין שמרון, פונקט דארט וואו הורדוס האט צוריק מיט דרייסיג יאהר חתונה געהאט מיט מרים'ן, האט ער איהרע קינדער דערהרגעט.

אז אנטיפטר האט געפטרט די צוויי פרינצען האט ער אנגעהויבען שטארק טראכטען ווי אזוי ווערדט מען טאקע פטור דעם אלטען פאטער. מען זאל ניט דארפען אזוי לאנג ווארטען אויף דער ירושה. ער האט געמאכט יד אחת מיט פהעראראס, וואס איז אין כעס געוועהן אויף זיין ברודער דערפאר, וואס איהם איז ניט געפעלען זיין חתונה מיט א שקלאווין. צו זיי זענען באלד צוגעשטאנען דארים. אנטיפטרס מוטער, און פהעראראס'ס פרוי מיט איהר מוטער און שוועסטער. די פיער ווייבער האבען באלד צו זיך צוגעשלעפט צוויי הויפטלייט, באגאאס און קארוס, און שטילערהייט האבען מיט זיי אויך געהאלטען די פרושים, און בעזאנדערס מעהר פון זעכס טויזענד תלמידים פון בית שמאי. שלמה האט אבער אנגעשמעקט וואס דא געהט פאר און האט עס ענטדעקט הורדוס'ן. ער איז אבער אזוי איינגעגלויבט געוועהן אין אנטיפטר'ן, אז ווען ער האט אלע שולדיגע געהייסען טייטען און נאר פהעראראס פרוי, צו ליעב דעם ברודער, געשענקט דאס לעבען, האט ער דעם זוהן קיין ווארט ניט געזאגט, און האט איהם נאך אוועקגעשיקט קיין רום, ער זאל זיך דארט פארשטעלען פאר אויגוסטוס'ן. דערווייל איז פהעראראס פליצום געשטארבען און הורדוס האט חושד געוועהן זיין פרוי, אז זי איז אין דעם שולדיג. ער האט געהייסען מאכען א חקירה ודרישה און זי האט נאר מודה געוועהן, אז פהעראראס מיט אנטיפטר'ן האבען אנגעגרייט גיפט פאר הורדוס'ן; נאר אזוי ווי דער קעניג האט בעוויזען דעם קראנקען ברודער זעהר פיעל פריינדשאפט, האט פהעראראס איהר געהייסען פארן טויט דעם גיפט ארויסווארפען. דאס אלדינג האט זיך בעוויזען מיט אותות ומופתים. מען האט נאך געפונען א ביסעל פון דעם גיפט, און הורדוס איז ווי פונם הימעל אראבגעפאלען. ער האט געזעהן, אז עס איז ניטא אויף וועמען זיך צו פערלאזען, ווען אזא אנטיפטר, וואס ער האט איהם אויפגעהויבען פונם מיסט און פון זיינעטוועגען בעשטימט די קרוין פון יהודה, קאן איהם פאלש זיין.

מיט גרויס מיה איז הורדוס'ן געראטהען צו פערגארען אנטיפטרן קיין ירושלים, דארט האט ער געזעצט א בית דין אונטער דער השגחה פונ'ם ראמישען מושל קווינטיליוס ווארוס וואס האט איהם פערמשפט צום טויט, אונ הורדוס האט דעם משפט אוועקגעשיקט צו אויגוסטוס אויסצובעטען ביי איהם דארויף איין הסכמה. דעמעלט האט זיך אויך ארויסגעוויזען, אז אין אנטיפטר'ס פאלשקייט איז שולדיג געוועהן הורדוס'ס צווייטע פרוי מרים, וואס האט געוואלט אז די ירושה זאל איבערגעהן צו איהר זוהן הורדוס. דערפאר האט זי דער קאניג פערטריבען. דעם זוהן אויסגעמעקט פון דער צוואה אונ ביי איהר פאטער שמעון צוגענומען די כהונה אונ אויף זיין ארט געשטעלט מתיה בן טהעאפיל. צום דריטען מאהל האט הורדוס געמוזט בייטען דיא יורשים אונ האט דיא מלוכה בעשטימט פאר זיין יונגסטען זוהן אנטיפאס.

ביי אזעלכע אומגליקען אונ נאך אויף די אלטערע יאהרען, האט הורדוס ניט געקאנט לאנג ציהען, אונ איז מיט יעדען טאג געווארען אלץ שלאפער. זיינע שונאים האבען שוין ארויסגעקוקט ער זאל צומאכען איין אויג, אונ אז עס איז אין ירושלים ארויס א קלאנג, אז ער האלט שוין ביי דער גסיסה, האבען צוויי פארשטעהער פון די פרושים, יהודה בן שריפי אונ מתיה בן מרגלת, אנגערייצט דאס פאלק מען זאל אראבבייסען דעם אדלער וואס הורדוס האט צוגעשלאגען צום טויער פונ'ם בית המקדש. הורדוס האט נאך אבער געהאט גענוג כח זיך אבצורעכענען מיט זיינע געגנער, וואס האבען איהם אין די אויגען געזאגט דעם ביטערן אמת: פיעל פון זיי האט ער געהייסען פארברענען, דעם כהן גדול מתיה האט ער אראבגעווארפען אונ אויף זיין פלאץ געשטעלט דעם געוועזענעם כהן'ס א זוהן, יועזר בן שמעון, וואס איז שוין געוועהן דער זעכסטער איבערגעביטענער כהן אין הורדוס'ס צייט.

אזא אכזריות פון א אידישען מלך האט געמוזט אנפילען מיט שרעק אונ מיט וועהטהאג יעדעם הארץ, וואס האט אין זיך ליבשאפט צו מענשען. ווען פאר הורדוס'ן וואלטען נביאים געוועהן, וואלטען די הייליגע שליחים ניט איין מאל איהם געשטראפט מיט זייערע פייעריגע רייד; נאר גרויסע מאנער, וואס האבען הורדוס'ן זעלבסט, אונ דעם גאנצען פאלק געוואלט ארויסווייזען, ווי נאריש עס איז ווען א מענש רעדט זיך איין ער וועט זיך מיט אייגענער מאכט גליקליך מאכען, האבען דעם עולם בעקאנט געמאכט מיט דעם

ספר קהלת וואס מען האט געגלויבט אז ער שטאמט פון שלמה המלך, און וואס ער ווייזט אויף, אז אלץ איז פון גאט — ניט גבורה מאכט שטארק, ניט רייכקייט מאכט פרייד און זעלבסט א קעניג וואס קאנן אויספיהרען אלץ וואס זיין אויג זעהט און זיין הארץ געלוסט, קאנן אויך זיין אונגליקליך און אבלעבען א ביטערן לעבען ווי דער נידריגסטער מענש. ווייל אלץ איז פון גאט און ווען ער בענשט ניט העלפט קיין קעניגרייך אויך ניט.

זעהר טרויריג איז געווען הורדוס'ס סוף. פון אויגוסטוס'ן איז אנגעקומען א בעפעהל, אז ער מעג מיט אנטיפטר'ן טהון וואס ער וויל. ווי הורדוס איז שוין געווען שטארק קראנק האט ער פארט בעקומען חיות דערפון, וואס ער האט דערפיהלט, אז באלד וועט ווייטער פאלען א קרבן. אז ער האט זיך אבער דערמאנט ווער דער קרבן איז, האט איהם זעהר באנג געטהון, און ער האט אזוי געוויינט און געיאמערט, אז איבער'ן גאנצען פאלאץ האט מען געהערט זיינע קולות. אז אנטיפאטר איז דערפון געוואהר געווארען, האט ער געשיקט צום פאטער בעטען ער זאל איהם מוחל זיין, נאר דא האט זיך ווייטער ביי איהם אין הארצען אנגעצונדען דאס פייער פון אכזריות. איהם האט פערדראסען פאר וואס אנטיפאטר וויל איהם איבערלעבען, און ער האט איהם באלד געהייסען טוידטען. אין פיער טעג ארום נאך אנטיפאטר'ס טוידט איז הורדוס געשטארבען אויפ'ן זיבעציגסטען יאהר, פערהאסט פון זיין פאלק; און עהדער ער איז אויסגעגאנגען האט ער אנגעזאגט זיין שוועסטער סלמה און איהר דריטען מאן אלעקסאס: מען זאל איינזעצען אין תפיסה א סך בכבוד'ע בעלי בתים און אז ער וועט שטארבען זאל מען זיי טוידטען כדי עס זאל ווערען א יללה און מען זאל מיינען, אז מען קלאגט אזוי נאך איהם. דאס פאלק האט זיך אבער ניט געלאזט נארען און אז עס איז געווען זיין לויה און מען האט איהם בעגראבען ביי זיין פאלאץ הוראדיום איז אויף אלע געקומען א שמחה און מען האט דעם טאג געמאכט פאר א יום־טוב.

צווייטעס קאפיטעל.

ארכעלוים און די ערשטע ראמישע מנהיגים
(פראקוראטארען)

(4 יאהר פאר אונ 37 נאך קריסטוס געבורט. 33—74 פארן חרבן בית שני)

ווי שלעכט הורדוס'ס מלוכה איז געוועהן האט זיך עס אויפ'ן לאנד אליין ניט אזוי אנגעזעהן; פארקעהרט, יהודה האט דוקא געבליהט אונ האט שטארק צוריקט זיינע גרעניצען. רום האט טאקע געהאלטען דארויף זיין האנד, נאר די שארפע נאגעל האט מען ניט אזוי לייכט געקאנט בעמערקען. נאך הורדוס'ס טויט איז אבער געווארען ערגער. מיט זיינע צעהן ווייבער האט ער געהאט זעקס זיהן אונ עטליכע טאכטער; נאר אין דער צוואה, וואס ער האט פיעל מאל געביטען אונ איבערגעגעבען זיין יונ'ען פטאלאמעאוס, האט ער מעהר ניט פערזארגט פון דביי, אז דאס אויף אזא אופ'ן זיי זאלען זיך באלד דארפען שלאגען איבער דער ירושה אונ קיינער זאל ניט צופרידען זיין. דאס לאנד יהודה אונ שומרון האט ער איבערגעלאזט זיין זוהן ארכעלוים, וואס ער האט געהאט מיט זיין פרוי מלטהאקע, וואס איז ארויסגעקומען פון די שומרונים; די געגענד פון גאליליא אונ פעריא האט ער בעשטימט פאר דעם אנדערן זוהן אנטיפס; אונ אלע ערטער פון יענער זייט ירדן האט ער אוועקגעשענקט דעם דריטען זוהן פיליפ. דער שוועסטער סלמה האט ער איבערגעלאזט די הכנסות פון דביי שטאדט: יבנה אזאטוס אונ פהאזעליס. נאר אזוי ווי הורדוס האט אנגעזאגט אז זיין צוואה קאן נאר דערמעלט אויסגעפיהרט ווערען, ווען אויגוסטוס וועט געבען זיין הסכמה דארויף, האט יעדער פון די יורשים זיך געמיהט צו צושמייכלען זיך צום פאלק אונ דורך דעם ווערען מעהר חשוב ביי דער ראמישער מלוכה, אונ צו ליעב דעם האט אויך סלמה אונ איהר מאן

צולעקפאס ניט מקים געווען הורדוס'ס לעצטען בעפעהל אונ די בעלי בתים, וואס זייער טויט האט געדארפט שאפען פאלשע טרערען אויפ'ן קבר פונם פערהאסטען קאניג, זענען געבליבען לעבען.

ארכעלוים, וואס האט אייגענטליך געדארפט איבערנעהמען די מלוכה, האט זיך אויך צוגעלאזט צום פאלק אונ האט זיי צוגעזאגט גאלדענע בערג. די יודען זענען שוין אבער געווען אנגעלערנט, זיי האבען ניט געוואלט שטעלען אויף זיינע זיסע רייד אונ האבען איהם געשטעלט פינף פונקטען: ער זאל פארקלענערן די נתינות וואס מען מוז געבען אלע יאהר, ער זאל ניט נעהמען קיין מס פון סחורות וואס מען קויפט אונ פערקויפט אין לאנד, ער זאל ארויסלאזען די געפאנגענע, ער זאל בעשטראפען די דיינים וואס האבען פערמשפט צום פארברענען די וואס האבען אראבגעריסען דעם ראמישען אדלער, אונ ער זאל אויך אבזאגען דעם כהן יועזר אונ אבעסערן אנידערשטעלען אויף זיין ארט. ווי ווייניג ארכעלוים האט געהאלטען פונ'ם פאטער אונ האט טאקע באמת געגרעכענט צו מאכען קליינע פערענדערונגען, האט ער ניט געקאנט באשטעהען אויף די פינף פונקטען ווייל ער האט געזעהן, אז נאך דעם וועט שוין זיין מאכט זיין גאר קליין; גאר אבזאגען אין גאנצען האט ער מורא געהאט אונ דאריבער האט ער זיך ענטשלאסען אביסעל דעם עולם צו פיהרען ביז אויגוסטוס וועט גיט בעשטעטיגען די צואה. דאס פאלק האט זיך אבער גיט געקאנט בערוהיגען. עס איז געווארען נאהענט צו פסח אונ אלע יודען האבען זיך אנגעהויבען צונויפצופאהרען קיין ירושלים, דא האבען זיי נאך די פרושים אונטערגעהיצט אונ מען האט זיי איבערגעגעבען מיט וואס פאר א שרעקליכען טויט עס האבען געענדיגט יהודה אונ מתיה וואס האבען געוואלט בעפרייען דעם משכן פונ'ם ראמישען אדלער. אנבאי האבען זיך א סך ארויסגעשטעלט אונ האבען מיט געוואלד געפאדערט פרייהייט; ארכילוים האט באלד געוויזען ווער ער איז: פונקט ערב פסח, ווען יעדער איז געווען פערנומען מיט'ן קרבן, איז ער אנגעפאלען אויף די איינוואהנער מיט פיעל חיל. דריי טויזענד זענען געפאלען, די איבריגע זענען זיך צולאפען אונ דער נייער קאניג האט געלאזט אויסרופען, אז דאס יאהר זאל מען ניט מאכען קיין פסח. דאס איז געווען דער ערשטער שריט פון ארכעלוים: דאס אפעלע איז גאר ניט ווייט געפאלען פונ'ם ביימעלע.

די איבריגע יורשים האט קלאמערשט דאס הארץ וועה געטהון פאר

וואס ארכעלויס בעהאנדעלט אזוי שלעכט די יודען און זיי זענען אלע געלאפען קיין רוים מיט דער האפנונג טאמער וועט אויגוסטוס בעסער זיי אוועקגעבען די מלוכה. ארכעלויס האט אויך געמוזט אוועקפאהרען קיין רוים, און דער גאנצער בעל הבית אין לאנד איז דערווייל געבליבען דער רוימישער מושל קווינטיליוס וארוס, וואס איז אליין געזעסען אין אנטיאכיען און האט נאר אין ירושלים איבערגעלאזט זיין חיל. אלדינג וואלט געקאנט אבלויפען רוהיג, ווען עס יאגט זיך ניט פליצום אן איינער פון אויגוסטוס'ס הויפטלייט, סאבינוס, וואס איז געקומען איבערנעהמען אלע רייכטהימער פון יהודה און פונ'ם בית המקדש און האט דערמיט אנגעמאכט א גאנצע צרה. די יודען האט פערדראסען, וואס אויגוסטוס וויל זיי לעבעדיגערהייט ירש'ענען, און דערווייל איז געווארען שבועות, ווען פיל איינוואוהנער פון די קלענערע שטאדט זענען אריינגעקומען קיין ירושלים, און באלד איז ארויס א קריעג: סאבינוס מיט זיינע לייט זענען געווען אין הורדוס'ס פאלאץ, און פון דארט האט ער שטילערהייט אוועקגעשיקט שליחים צו וארוס'ן ער זאל גיך אונטערקומען מיט הילף. די יודען האבען זיך געשלאגען ווי גבורים און עס וואלט זיי געווים געראטהען, ווען די רוימער פאלען ניט אויף א שכל און ווארפען צו זיי ניט אריין ברענענדיגע האלאוועשקים. געגען פייער האבען די יודען גאר ניט געקאנט מאכען. שריפות האבען זיך אנגעהויבען פון אלע זייטען, פיעל פון זיי זענען געפאלען און דער שונא האט זיך צופיהרט די האנד. אז סאבינוס האט זיך אבער גענומען צושטערען דעם בית המקדש האבען די יודען צונויפגעשלעפט זייערע לעצטע כחות, און צו זיי איז אויך איבערגעגאנגען כמעט אין גאנצען הורדוס'ס חיל. אויסער דריי טויזענד מאן מיט זייערע הויפטלייט, גראטוס און רופוס. און די רוימער האבען זיך געמוזט דערווייל בעהאלטען אין די פעסטונגען און ווארטען ביז וארוס וועט צוקומען מיט פריש חיל. ביי אזא לאגע, ווען דאס יודישע לאנד איז געווען ווי א שיף אהן א רודער, האט זיך אנגעהויבען א מרידה ווער עס האט נעוואלט איז ארויס געשפרינגען מיט אנדערע טענות. און די רוימער האבען ניט געוואוסט צו וועמען זיך פריהער צו נעהמען. איינער פון הורדוס'ס שקלאפען, שמעון, האט זעהר געוואלט ווערען מלך און האט אנגעהויבען דערפון וואס ער האט פערברענט דעם קעניגליכען פאלאץ אין יריחו. אין אנדערער פון פערעא, וואס זיין נאהמען איז אפילו געבליבען אונבעקאנט, האט אויך דעם אייגענעם היזק געטהאן און האט אנגעצונדען דעם פאלאץ

אין ליוויאס. דער דריטער, א פראסטער פאסטוך אנטיגאנוס, האט זיך אנגעמאסטען דאס שטרייטעל פון א כהן גדול, אונ האט איינאיינעם מיט זיינע פיער ברידער שטארק דערקוטשעט די רוימער. דאס זענען אבער אלץ געוועהן קליינע מענשעלעך, וואס האבען געמיינט, אז אין א שלעכטער צייט ווען די מוחות זענען פערשלאגען, וועלען זיי זיך קאנען ארויפהאפען אויפ'ן באנקעל; א תכלית פארן פאלק האבען זיי ניט געזוכט, אונ דאריבער זענען זיי ניט געוועהן אזוי געפערליך. דערפאר האבען די רוימער שוין געהאט צו זינגען אונ צו זאגען מיט יהודה דעם גאליליער. א זוהן פון דעם חזקיה, וואס הורדוס האט איהם דערהרגעט. צו איהם איז בירושה איבערגעגאנגען פונ'ם פאטער א שרעקליכע שנאה צו די רוימער אונ צו הורדוס'ס משפחה; ער האט צונויפגענומען א גאנצע חברה אונ איז אנגעפאלען אויף דער גאלילעישער הויפטשטאדט סעפפאריס (צפורי), דארט האט ער צוגענומען א סך געלד מיט כלי זין אונ האט זיך שוין געקאנט שפּיעלען מיט די שונאים.

די רוימער האבען א קוק געטהון אז דאס איז א שלעכטע מעשה, האט וואראס געמוזט ארוים מיט צוואנציג טויזענד מאן. א חוץ דעם האט אויך ארעטאס, דער קעניג פון נבט, זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט. ער וואל זיך קאנען נוקם זיין אין די יודען, אונ מיט זיי אויסגעפיטערען דעם אלטען חשבון, אונ האט געהאלפען די רוימער. א טהייל פון זיין חיל האט וואראס געשיקט קיין גאלילעא, די הויפטשטאדט סעפפאריס האט ער פארברענט, אונ יהודה דער גאליליער איז קוים מיטן לעבען אנטלאפען. דאס איינענע האט ער אויך געטהון מיט דער שטאדט עמוס, וואו אטראנגעס איז געשטאנען. דערווייל איז שוין דאס פאלק אין ירושלים אויך געווארען שוואכער. אונ סאבינוס האט שוין געקאנט אויפהייבען א קאפ; נאר וואראס האט שוין ניט געהאט קיין צוטרויען צו די יודען אונ האט געהייסען צוויי טויזענד פון זיי אויפהענגען.

אין דער צייט, וואס אין יהודה זענען פארגעקומען אזעלכע הריגות, זענען הורדוס'ס יורשים געזעסען אין רוים, אונ האבען איינער ביי'ם אנדערן געוואלט ארויסרייסען די מלוכה. אויגוסטוס האט גוט ארויסגעזעהן, אז קיינער פון זיי טויג ניט צו פיהרען דאס לאנד, אונ האט זיך ניט געקאנט ענטשליסען וועמען צו געבען די בכורה, אונ דערצו זענען נאך געקומען פינף־ציג שאנסטע בעלי בתים פון ירושלים, וואס האבען זיך בעקלאגט אויפ'ן אכזריות פון הורדוס'ס גאנצער משפחה אונ געבעטען, ער זאל ארץ ישראל

צונויפבינדען מיט סיריען, אונ זאל זיי אין גאנצען בעפרייען פון א בעזונדער מלך. האטשע אכט טויזענד ראמישע יודען האבען אויך געבעטען פאר די שליחים פון ירושלים, פון דעסטוועגען האט אויגוסטוס געהייסען מען זאל מקיים זיין הורדוס'ס צוואה, אונ ארכעלוים זאל בלייבען דער פירער פונ'ם לאנד, נאר ער זאל ניט הייסען „קאניג".

ארכעלוים האט דאס אויך געמוזט אננעהמען פאר ליעב אונ אזוי האט ער געפירט די יודישע מלוכה ניין יאהר. די פרומע זענען באלד אויף איהם אין כעס געווארען, ווייל ער האט חתונה געהאט מיט גלאפירא, דער פרוי פון זיין געטוידטען ברודער אלכסנדר, אונ א חוץ דעם האט ער דעם פאלק מעהר ניט נאכגעגעבען נאר דערמיט, וואס ער האט אראבגעווארפען דעם ניט בעליבטען כהן יועזר, אויף זיין ארט בעשטימט זיין ברודער אליעזר, טאקע באלד איהם איבערגעביטען אויף איין אנדערן יהושע, אונ דערנאך צוריקגענומען דעם אלטען כהן יועזר. אין א קורצע צייט איז די כהונה איבערגעגאנגען אין עטליכע האנד. נאר דאס איז נאך נאר איין קליינינקייט געוועהן געגען דעם שלעכטיגקייט וואס ארכעלוים האט איבער-הויפט ארויסגעוויזען. עס איז שווער געוועהן פון איהם אויסצוהאלטען. דאס פאלק האט זיך געמוזט קלאגען פאר אויגוסטוס'ן, אונ פון רום איז אנגעקומען א בעפעהל: מען זאל ארכעלויס'ן פערטרייבען, אונ די לאנדער יהודה אונ שמרון שטעלען אונטער דער מאכט פון ראמישע מנהיגים. די שטאדט וואס סלמת האט געירשת האט זי פאר איהר טויט אוועקגעשענקט די קיי-זערין ליוויא, אונ דערפאר האבען זיי אלע שוין געהערט צו אויגוסטוס. נאר די לאנדער, וואס זענען איבערגעגאנגען צו אנטיפס אונ פיליפ, זענען געבליבען אין זייער מעמד ווי פריהער.

אזוי איז דאס יודישע לאנד צוגעבונדען געווארען צו סיריען, אונ איז ווי א טהייל פון דער מדינה, געבליבען אונטער דער השגחה פון א ראמישען הויפטמאן, וואס האט געהייסען פראקוראטאר, אונ איז געזעסען אין צעזארעא (קסריא). דער פראקוראטאר האט געהאט צו זאגען אונ צו שאפען איבער אלדינג, ער האט געהאט דאס רעכט צו פארמשפטן אפילו צום טויט, אונ די יודישע סנהדרין האבען געהאט נאר א קליינע דעה. וועמען דער פראקוראטאר האט געוואלט האט ער געקאנט מאכען פאר כהן גדול, אונ די הייליגע קליידער וואס דער כהן האט בעדארפט אנטהון צום גאטטעס-דינסט, פלעגט ער האלטען פערשלאסען ביי זיך, אונ זיי נאר ארויסגעבען

צו שלש רגלים און יום כפור. דער ערשטער פראקוראטאר איז געוועזן קאפאניוס, און מיט איהם אינאיינעם איז אויך אראבגעקומען דער מושל פון סיריען קווירינויס, און האט געהייסען צאהלען די יודען, כדי מען זאל קאנען ביי זיי פונקטליך נעהמען מס. דאס צאהלען האט אנגעמאכט צווישען די יודען א שטארקען כעס, ווייל זיי האבען גערעכענט, אז דאס מיינט מען נאר מען זאל זיי אוועקפיהרען אין גלות, אדער פערקויפען פאר קנעכט. דעמאלט האבען די לומדים, וואס האבען זיך געהאלטען אין שמאי'ס דרך, אויפגעהויבען דעם קאפ, און אינאיינעם מיט די תלמידים פון יהודה דעם גלילער געזוכט אלע מיטעל זיך ארויסצושטעלען געגען די רוימער. קווירוניוס האט אפילו זיך ענטשלאסען דעם עולם א ביסעל צו חנפנען, און האט איבערגעביטען דעם ניט-געליעבטען כהן גדול יועזר, און אויף זיין ארט געשטעלט ענן; נאר די שנאה איז צו גרויס געוועזן מען זאל זי קא-נען פארטרייבען מיט אזא קלייניגקייט. און דאס פאלק האט געקוקט אין מויל אריין צדוק'ן, איינעם פון די בית שמאי, וואס האט געהאלטען אין איין שרייען מען זאל זיך ניט לאזען בייגען. דער פארשטעהער פון די בית הלל, שמעון דער ערשטער, האט ניט געהאט אזוי פיעל כח ער זאל קאנען איבערשרייען די בעלי טובות, וואס האבען זיך צו שפעט געחאפט באטעווען א בנין וואס האלט ביים פאלען. און זיין שוואך קול פון שלום איז אונטערגעגליך געווען ארויסצוהערען צווישען דעם געטומעל און מרידה.

אז אויגוסטוס איז געשטארבען, און די רוימישע מלוכה איז איבערגע-גאנגען צו טיבעריוס'ן, איז אפילו צום אנהייב די יודען א ביסעל בעסער געווארען. מען האט דעם מס פערקלייגערט און אראבגעשיקט איין אנדער פראקוראטאר וואלעריוס גראטוס, וואס האט געפיהרט דאס לאנד עלף יאהר. נאר ניך איז געווארען נאך ערגער פון פריהער, ווייל די רוימער האבען אנגעהויבען קוקען קרום דארויף, וואס די יודישע אמונה שלעפט צו זיך צו פיעל גרים, וואס ברענגען זעהר גרויסע מתנות דעם בית המקדש. דערצו האט זיך נאך געמאכט וואס פיער יודען האבען אבגענארט נזלוויא די פרוי פונ'ם סענאטאר סאטורניוס, וואס איז איבערגעגאנגען צום יודישען גלויבען, און די שווינדלערס האבען זיך צוגענומען איהרע א רייכע נדבה אויפ'ן משכן. אז טיבעריוס איז דערפון געוואהר געווארען, איז ער אין כעס געווארען אויף אלע יודען, און זיין מיניסטער סעיאן האט איהם נאך אנגערייצט. ער האט געהייסען: אלע גרים ארויסטרייבען פון רום, און פיעל

יודישע יונגע לייט אװעקשיקען אויף דער אינזעל סארדיניען זיי זאלען מלחמה האלטען מיט רייבער , אונ דארט מן הסתם קיין האניג ניט לעקען . אין ארץ ישראל האט דער נייער פראקוראטאר, גראטוס אויך געפרעסט די יודען, אונ האט אין זיין צייט איבערגעביטען ניט װעניגער פון פינף כהנים גדולים אונ נאר איין יוסף חיפס (כפא), װאס איז געװעהן איינער פון די פארברענטע פרושים האט געקאנט זיך האלטען כמעט זיעבעצעהן יאהר.

די לאנדער , װאס זענען געבליעבען אין די האנד פון אנטיפס אונ פהיליפ, האבען זיך געפירט זעלבסטשטאנדיג . פריהר האט אנטיפס געמאכט ספפארים (צפורי) פאר זיין הויפטשטאדט. נאר אז טיבעריוס איז געװארען קאיזער פון רום , האט ער איהם צו ליעב אויסגעבויעט א נייע שטאדט מיט דעם נאהמען טיבעריאס (טבריה). נאר עס איז איהם שװער אנגעקומען ביז ער האט בעקומען אהין איינװאהנער , װייל די פרומע יודען האבען מורא געהאט זיך צו בעזעצען אויף א ניי ארט , טאמער געפינען זיך דארט ביינער פון מתים װאס זענען געפאלען אין א מלחמה אונ זיי קאנען דורך דעם טמא װערען . פהיליפ האט אויך אויסגעבויעט צװיי נייע שטאדט אין דער שאנסטער געגענד : איינע האט ער א נאהמען געגעבען צעזארעא פהיליפי (קיסריא), אונ די אנדערע האט ער גערופען יוליוס, צום זכר פון אויגוסטוס'ס טאכטער.

די װעלט זאגט א װערטעל. אז מען טאר קיין מאהל ניט בעטען אויף א נייעם מלך. מיט אונגעדולד האבען די יודען ערװארטעט עס זאל זיך אין ארץ ישראל איבערביטען דער פראקוראטאר , אונ האבען געהאפט , אז עס זאל קומען א בעסערער אויף גראטוס'ס ארט; צום סוף איז דער נייער פראקוראטאר פאנטיוס פילאטוס געװעהן א סך ערגער ער האט ניט נאר געװאלט בעפעסטיגען ביי די יודען די ראמישע מאכט , װאס איז אהן דעם אויך געװעהן געװעהן גרויס , נאר ער האט אויך געזוכט צו ערנידריגען די יודישע אמונה אונ אנטהון די יודען אזויגע צרות, װאס זענען פאר זיי געװעהן שרעקליכער פון אלע אונטערדריקונגען אונ געלד-רייסען. פילאטוס האט גוט געװאוסט אז די יודען קאנען קיין בילדער ניט ליידען אונ אז זייער געזעטץ, װאס האט זיי געװאלט אבהיטען פון עבודה זרה. האט זיי שטרענג פערבאטען זיי זאלען זיך ניט מאכען קיין שום געשטאלט , עס איז איהם אויך געװעהן בעקאנט, אז װי הורדוס אונ זיינע קינדער האבען דורך ארץ געהאט פאר רום אונ האבען געװאלט חנפנען די ראמישע מלכים, פון דעסט-

זָענען הָאבֶּען זֵיי מוֹרָא גֶעהַאט אויסצוּקְרִיצֶען אויף די מַטְבְּעוֹת דָאס פְּנִים פון אויגוּסְטוּס אָדֶער טִיבֶּעריוּס. דָאס אִיז אִיהם אָבֶּער גָאר נִיט אָנְגֶעגַאנְגֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען אוּמֶעדוּם שְׁטֶעלֶען בִּילְדֶער פוּן טִיבֶּעריוּס. אוּנ דֶער עוֹלָם זָאל זִיךְ צוּ זֵיי בּוּקֶען. אַזַא זַאךְ הָאט גֶעמוּזְט אָנְמַאכֶען אַ גְרוֹיסֶען רַעַשׁ אוּנ די יוּדֶען הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט שְׁלִיחִים קֵיין קֵיסַרְיָא. וואוּ דֶער פְּרָאקוּרַאטָאר הָאט גֶעוואוֹינְט: פִינְף טֶעג כְּסֵדֶר זָענֶען די שְׁלִיחִים גֶעשְׁטַאנֶען פַאר זַיין פַּאלַאץ אוּנ הָאבֶּען גָאר גֶעוויינְט אוּנ גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל מְבַטֵּל זַיין די גְזֵירָה. אוֹיפֶ'ן זֶעכְסְטֶען טָאג הָאט פִּילַאטוּס זִיךְ גֶעוואָלְט פְרֵייעֶן מִיט בָּאזֶען. נָאר די שְׁלִיחִים הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאלְטֶען אֵיינְס אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּ לִיעֶב טְהוּן. דָאס אַנְדֶערֶע מָאל הָאט עֶר שׁוֹין אָבֶּער מֶעהר אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען זַיין אַכְזָרִיּוּת: עֶר הָאט פַארְנוּמֶען דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד פוּנֶם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט דֶערְפַאר אַרֵיינְצִיהֶען וַואסֶער פוּן אַ קְוואַל אִין שְׁטָאדְט אַרֵיין. דָאס פָּאלְק אִיז דֶערְפוּן גֶעוואָהר גֶעוואָרֶען אוּנ אַזוֹי ווִי פִּילַאטוּס אִיז דֶעמָאלְט גְרָאד גֶעווֶעזֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם. אִיז מֶען אוֹיף אִיהם אָנְגֶעפַאלֶען; נָאר עֶר הָאט קֵיין לַאנְגֶע שִׂיחוֹת נִיט גֶעמַאכְט. עֶר הָאט זַיין חַיִל פַארְקְלֵיידְט פַאר יוּדֶען. כְּדֵי מֶען זָאל זֵיי נִיט דֶערְקֶענֶען. אוּנ עֶס זָענֶען אִין דֶעם טָאג גֶענוּג הֲרוּגִים גֶעפַאלֶען.

צֶעהן יָאהר הָאט דָאס יוּדִישֶׁע לַאנְד גֶעפִיהְלְט אִיבֶּער זִיךְ דִיא שְׁווֶערֶע הַאנְד פוּן פַּאנְטִיוּס פִּילַאטוּס, אוּנ זַיין נָאמֶען אִיז מִיט שְׁווַארְצֶע אוֹתִיּוֹת פֶערְשְׁרִיבֶּען אִין דֶער ווֶעלְט-גֶעשִׁיכְטֶע. דֶערְפַאר אִיז נָאךְ אִיהם גֶעוואָרֶען בֶּעסֶער, ווייל דֶער נֵייעֶר פְּרָאקוּרַאטָאר וִויטֶעלִיוּס הָאט גָאר אִין גַאנְצֶען נָאכְגֶעלָאזְט דָאס שְׁטְרִיקֶעל: עֶר הָאט בֶּעפְרֵייעֶט די אַיינְוואוֹהנֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם זֵיי זָאלֶען נִיט צָאהלֶען קֵיין מַס פוּן פֵּירוֹת, אוּנ דִיא קְלֵיידֶער פוּן דִיא כֹּהֲנִים הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט הַאלְטֶען פֶערְשְׁלָאסֶען. דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל יוֹסֵף הַיָּפֶה (כַּיָּפָא), וָואס דָאס פָּאלְק הָאט פוּן אִיהם נִיט גֶעהַאלְטֶען, הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען, חָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעהַאט זַיין שֵׂכֶל בַּיי זִיךְ אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעקְלוֹיבֶּען אַ זֶעלְכֶען, וָואס אִיז שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעבֶּען גֶעווֶען דֶער רָאמִישֶׁער מְלוּכָה.

ווִיטֶעלִיוּס אִיז גֶעווֶען אַזוֹי גוּט גֶעגֶען די יוּדֶען, ווייל מֶען הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַ ווִינְק פוּן רוֹים, אוּנ דָארְט הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט אַ בֶּעשִׁיצֶערִין דֶעם

קאיזערס א שוואגערין אנטאניא, די טאכטער פון מארק אנטאניוס: זי איז געוועהן זעהר בעפריינדעט מיט א יודישער פרינצעסין, ברניקה, די טאכטער פון סלמה, וואס האט געוואהנט אין רום, אונ אחוץ דעם איז זי זעהר צופרידען געוועהן פונ'ם יודישען נשיא אין אלכסנדריען, אלכסנדר ליזימאכוס, וואס האט אכטונג געגעבען אונ שטארק אבגעהיט איהר פערמעגען, וואס איז איהר געבליבען א ירושה אין מצרים, אונ דעריבער האט זי שטענדיג טיבעריוס'ן צוגערעדט ער זאל יודען טהון אלע טובות, אונ זאל אנדערן זיין מיינונג איבער זיי צום גוטען. טיבעריוס האט זיך אזוי איבערגעביטען אז ער האט געהייסען וויטעליוס'ן ער זאל מיט ראמיש חיל געהן צו הילף אנטיפס'ן, וואס האט אנגעהויבען א מלחמה מיט'ן מלך פון נבט, אונ איז דוקא ניט געערבט געוועהן. גענומען האט זיך עס דערפון וואס אנטיפס'ן איז נמאס געווארען צו לעבען מיט זיין ערשטער פרוי, ארעטאס'ס טאכטער, אונ עס האט זיך איהם פערגלוסט חתונה צו האבען מיט זיין אייגענעם ברודערס פרוי, הערבאדיאס, וואס האט מיט איהר שאנקייט פערשטאנען איהם אביינצוחאפען אין איהרע לאפקעלעך. איהר מאן הורדוס, וואס דער אלטער קאניג הורדוס האט איהם מעביר נחלה געוועהן, האט זיך געלעבט שטיל אונ פראסט אין צעזארעא. נאר דער טשאקענדיגער הערבאדיאס איז ניט געפאלען אזא איינפאך לעבען, אונ עס האט זי אלץ געצויגען צו ווערען א הערשערין. אז אנטיפס איז אמאל דורכגעפאהרען דורך צעזארעא, האט ער זיך באלד פערליעבט אין זיין שוואגערין הערבאדיאס, אונ עס האט ביי איהר גאר ניט אויסגעמאכט, ביים מאנ'ס לעבען, שטעלען א חופה מיט'ן שוואגער. מען קאן פארשטעהן ווי אזוי דאס האט פערדראסען זיין ערשטע פרוי וואס איז באלד אוועק צו איהר פאטער אונ האט ביי איהם געפועלט ער זאל זיך פאר איהר אננעהמען. דער מלך פון נבט איז מיט גרוים חיל אנגעפאלען אויף אנטיפס'ן אונ וואלט פון איהם געוועהן געמאכט א תל, ווען עס קומט ניט אן פון רום א בעפעהל מען זאל איהם העלפען. ליוויוס האט געמוזט זיך ארויסריקען מיט צוויי גרויסע מחנות, אונ ער איז געוועהן אזוי פריינדליך געגען די יודען, אז ער האט מורא געהאט טאמער וועלען זיי ניט וועלען ליידען וואס די ראמער טראגען פאהנען מיט בילדער, אונ דעריבער האט ער געהייסען דעם חיל זיי זאלען ניט דורכגעהן דורך ארץ ישראל אונ קעהער אנלעגען א שטיקעל וועג ארום דעם ירדן.

דריטער קאפיטעל.

אגריפא דער ערשטער.

(37 — 44 נאך קריסטוס געבורט, 33—26 פאר'ן חורבן בית שני)

אז מען האט טיבעריוס'ן דערהארגעט און די רוימישע מלוכה איז איבערגעגאנגען צו קאיוס קאליגולא גערמאניקוס, איז אין דער לאגע פון די יודען אויך געווארען א פעראנדערונג. אונ דעמאלט איז בעזאנדערס אויפגעוועקט געווארען איינער פון די יודישע פרינצען אגריפא (אגריפוס), וואס איז געוועהן דעם נייען קייזערס א גוטער פריינד. אגריפא איז געוועהן א זוהן פון אריסטובול, וואס דער פאטער הורדוס האט איהם געטויטעט, אונ א עניקעל פון דער אונגליקליכער קעניגין מרים: אין זיינע אדער'ן האט געפליסט צונויפגעמישט בלוט פון די חשמונאים אונ די אדומים. אונ ער האט געהאט אלע מעלות אונ חסרונות, וואס קאנען זיך נאר אנקלעבען אין א פרינץ, וואס איז שטענדיג נע ונד אונ מוז ארויסקוקען אויף פרעמדע טובות. אין רום איז ער אויפגעוואקסען געווארען אונ איז געוואהנט געוועהן גוט צו לעבען; אוודאי האט איהם ניט געקאנט קלעקען דאס פארמעגען וואס איז איהם געבליבען פון די עלטערן אונ ער איז שטארק אריין אין חובות. כל זמן זיין חבר דרוזוס, טיבעריוס'ס זוהן, האט געלעבט האט ער נאך ניט געוואוסט פון קיין נויט, נאר אז דריזוס איז פליצום געשטארבען, איז איהם אזוי שלעכט געווארען, אז ער האט געמוזט זיך בעזעצען ערגיץ אין א קליין ארט אין אדום, אונ האט דארט געלעבט אין אזא דחקות אז ער האט שוין פשוט זיך געוואלט דאס לעבען נעהמען. זיין פרוי קיפראס האט אפילו געפועלט ביי אנטיפסן ער זאל איהם געבען די שטעלע פון א מארק-אויפזעהער נאר ער האט זיך באלד צוקריגט מיט אנטיפסן אונ איז אוועק צום סירישען מושל פלאקוס. דארט האט ער זיך אויך ניט געקאנט

לאנג האלטען, ווייל זיין איינענער ברודער אריסתובול האט אויף איהם אנגערעדט; ער האט ווייטער געמוזט קומען קיין רום און זיינע בעלי חובות וואלטען איהם געוויס געוועהן איינגעשלונגען, ווען איהם וואלט ניט געהאלפען דער נשיא פון מצרים אלכסנדר לוזימאכוס. דער נשיא איז געוועזט א גרויסער נדבן, ער האט מנדר געוועזען אויפן בית המקדש פערגילדעטע טהירען און איז געוועזען אזוי געליעבט ביי דער קייזערליכער משפחה אין רום, אז מען האט איהם ערלויבט זיך צו רופען מיט דעם נאמען פון דעם ראמישען מלך „יוליוס אלכסנדר". און אזוי ווי ער האט פערשטאנען אז אין קייזערליכען הויף וועט מען הנאה האבען דערפון וואס ער לאזט ניט פאלען דעם יודישען פרינץ, האט ער אגריפאן געשטיצט און איז איהם געשטאנען אין אללע נויטען. צום אנהייב האט איהם טיבעריוס אויפגענומען זעהר פריינדליך ווייל ער האט געדענקט וואס פאר א חשוב אגריפא איז געוועזען ביי זיין געשטארבענעם זוהן דרוזוס; נאר אז ער איז שפעטער געוואהר געווארען אז ער קאסט שוין די מלוכה נאר א היבשע מטבע האט ער אויף איהם אנגעהויבען קוקען קרום. דא האט זיך אבער אריינגעמישט דעם קייזערס שוואגערין אנטאניא, וואס ביי איהר אין הארץ איז נאך פריש געוועזען דער זכר פון איהר טרייער פריינדין ברניקה אגריפא'ס מוטער; זי האט אזוי געמאכט אז דער יודישער פרינץ איז נאך אמאל בעליעבט געווארען אין הויף און איז געווארען א חבר פון טיבעריוס'ס יורש קאיוס קאליגולא. באלד האט מען איהם אבער געמסרט, אז ער האט גערעדט שלעכטס אויפן קאיזער און געזאגט, אז עס וואלט שוין צייט געוועזען איין אנדערער זאל איבער-נעהמען די מלוכה; מען האט נאר ניט געטראכט און איהם אריינגעווארפען אין תפיסה; דארט איז ער געזעסען זעכס חדשים ביז מען האט ניט געמאכט איין עק מיט טיבעריוס'ן. דער נייער קייזער האט זיך באלד דערמאנט אין זיין איבערגעבענעם פריינד ער האט איהם בעפרייעט און פאר די אייזערנע קייטען געשענקט א שווערע גאלדענע קייט און א חוץ דעם האט ער איהם בעשטימט פאר קאניג איבער דעם לאנד וואס רום האט בעקומען פון פיליפ'ן. דער קאיזער קאליגולא האט אבער אזוי ליעב געהאט אגריפאן אז א גאנץ יאהר כסדר האט ער איהם ניט געלאזט אוועקפאהרען און דער נאך האט אים נאך אגריפא געמוזט געבען דאס ווארט אז ער וועט זיך צוריקקומען.

אז אגריפא איז פלוצים צוראבגעקומען רייך און שטארק, נאך א זעלכע ביטערע צרות, וואס ער האט פריהער איבערטראגען, האט זיך באלד אנגעצונדען א פייער פון קנאה אין הארץ פון דער שוועגער הערָאדיאס, וואס די גאנצע וועלט איז איהר קארג געוועהן און זי האט אנגעהויבען צורעדע איהר מאן אנטיפא'ס, ער זאל זיך דורכפאהרען קיין רום און אויסבעטען ביי'ן נייעם מלך עפיס נאך א לאנד. איין בקשה פון אגריפא'ן איז אבער גענוג געוועהן אז אנטיפא'ס זאל ניט גאר ניט פועל'ן, נאר ער זאל נאך פערליערען דאס וואס ער האט שוין געהאט. עס איז טאקי אזוי געשעהן: אנטיפא'ס איז פערטריבען געווארען קיין ליאן אין פראנקרייך און אגריפא האט איהם לעבעדיגערהייט געירשט.

אז גאליליע און פעריע זענען אויך צוגעקומען צום לאנד וואס קאליגולא האט איבערגעגעבען אגריפא'ן, איז זיין מלוכה געווארען גאר ניט קיין קליינע, און דאס האט באלד אויפגעוועקט צווישען די פעלקער פון ארום, און בעזאנדערס צווישען די גריכען פון אלכסנדריען, די אלטע שנאה צו די יודען. די שונאים האבען אבער מיט כח גאר ניט געקאנט מאכען, האבען זיי אנגעהויבען ארבייטען מיט'ן מויל און מיט דער פען. זיי האבען אפילו קיין נייעס ניט געדארפט אויפטוהן: נאך מיט א סך דורות פריהער זענען ארויסגעשפרונגען געוויסע שרייבערס וואס האבען אויסגעטראכט ניט ווייניג בלבולים אויפ'ן יודישען פאלק: אין דער צייט פון אנטיוכוס עפיפאנעס האט זיך געפונען א געוויסער פאזידאניוס, וואס האט געשיט מיט שקרים; ניט בעסער פון איהם זענען אויך געוועהן אפאלאניוס מעלא, וואס האט זיך אנגענאשט מיט האס געגען יודען פון ציצערא, און חארעמאן, וואס האט געלעבט אין צע־זאר'ס צייט. אט די חברה־לייט האבען געדרונגען, אז ניט די יודען זענען אנטלאפען פון מצרים, נאר מען האט זיי פון דארט ארויסגעיאגט, ווייל זיי זענען געוועהן קראנק און אומריין און די מצרים האבען מורא געהאט זיי זאלען זיך פון זיי ניט אנגעהמען די צעהן מכות. עס האבען זיך אפילו עטליכע גריכישע געלעהרטע אנגענומען פאר די יודען, און בעזאנדערס האט זיך אויסגעצייכענט אין דעם ענין דער בערימטער שרייבער סטראבא, וואס האט דעמעלט געארבייט אין געאגראפיע און געשיכטע, נאר דעם אמת איז שווער געוועהן זיך דורכצושלאגען א וועג צווישען קנאה און שנאה, אלע אויערען זיינען פערשטאפט געוועהן ווען מען האט גערעדט עפעס גוטס אויף יודען, און ווער עס האט נאר געקאנט אויסטראכטען רכילות און לי־

גען — דער האט געשפיעלט די גרעסטע ראלע. דאריבער האט מען דערמעלט אזוי אויפגעהאפט א ספר, וואס א געוויסער אפיאן האט אנגעשריעבען, ווייל דארט זענען שוין געוועהן אזויגע זאכען וואס זענען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, און עס איז ניטא קיין שום שלעכטסקייט און מאוסקייט, וואס ער זאל ניט ארויפלעגען אויף יודען.

דאס יודישע מזל איז שוין אבער אזוי — אז פון קללות ביז קלאפ איז נאר א קליינער איבערגאנג: מען דארף נאר אנהייבען שטעכען מיט ווערטער און עהדער מען קוקט זיך אום קאן מען שוין שטעכען מיט שפיזען. אזוי איז אויך געוועהן אין אלכסנדריען: די התחלה האט מען געמאכט מיט לצנות איבער דעם יודישען אומגליק, און טאקע באלד האט מען זיך מישב געוועהן אז מען מעג זיי טאקי דערקוטשען מעהר ווי מיט ווארטער. צוויי שונאים, איזידארוס און לאמפא, האבען אונטערגעהיצט די אייגוואהנער פון אלכסנדריען. דער מושל פלאקוס איז אויך איבערגעגאנגען אויף זייער זייט, און פונקט ווען די יודען פון מצרים זענען ביי זיך שטאלץ געווארען וואס זייער נשיא'ס א גוטער פריינד איז געווארען קאניג, האבען זיך אנגעהויבען אונערווארטעטע פערפאלגונגען. אז אגריפא איז דורכגעפאהרען דורך אלכסנדריען האט דאס פאלק גענומען א משוגענעם, קאראבאס, און מען האט איהם אנגעטהון א פאפירענע קרוין און א מאנטעל פון שמאטעס און מען האט איהם געלאזט ארומלויפען אין גאס אלע זאלען חוזק מאכען און טייטען מיט די פינגער אויף דעם „נייעם קאניג“. דאס פאלק האט זיך אבער ניט בעגנוגט מיט אזא שפיעלעכען, מען איז באלד אנגעפאלען אויף אלע שולען, און מען האט דארט אריינגעשטעלט בילדער די יודען אויף צו להכעיס, און פלאקוס האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז די יודען פערליערען די רעכט וואס זיי האבען ביז אהער געהאט. באלד נאך דעם האט מען די יודען ארויסגעטריבען פון אלע פיער טהייל פון דער שטאדט, און מען האט זיי אנגעוויזען א בעזונדער ארט, וואו זיי האבען זיך געמוזט צונויפשטופען אין ענגעניש און דערשטיקעניש. זייערע פריהריגע וואהנונגען האט מען אבגעראבעוועט. פון זייער גאנץ פערמעגען איז געווארען א תל, און אפילו די דריי גרעסטע גבירים פון דארט, אייאדיוס, טריפאן און אנדראן, זענען שטארק פעראָרעמט געווארען. אויסער דעם האט מען קיין יודען ניט ארויסגעלאזט, און אז נויט און מאנגעל האבען איינעם געטריבען ער זאל זיך ארויסגנבענען, האט ער דערפאר מיט'ן לעבען בעצאהלט. אזוי איז

אװעקגעגאנגען א חודש און פליצום האט דער מושל פלאקוס געהייסען פענ־טען אין קייטען אכט און פירציג יודישע פארשטעהער. און זיי אפענטליך פאר'ן גאנצען עולם שלאגען און אנטהון ענוים קשים. װאס פיעל פון זיי זענען טאקע דערפון געשטארבען. דאס איז געשעהן אין א יום טוב. אין געבורטסטאג פונ'ם קאיזער, װען אפילו פערברעכער װערען בעפרייעט פון זייער עונש. אזוי האט זיך פלאקוס נאך איין חודש אבגעגעבענט מיט די יודען, געהרגעט, געגזלט, ניט פארשוינט קיין שװאכע װייבער. אונשולדיגע מעדלעך און קליינע קינדער, ביז פונקט אים סכות זענען זיי דערפרייעט געװארען מיט דער בשורה, אז פלאקוס'ן האט מען אראבגעװארפען, און זיי האבען זיך דערקװיקט מיט דער האפנונג אויף א בעסערע צייט.

זיי זענען אבער מעהר ניט געבליבען װי ביי דער האפנונג. דער נייער פראקוראטאר קאסוס האט אפילו געשיצט די יודען, דאס פאלק זאל זיי ניט שלאגען, נאר אומצוקעהרען זיי די צוגענומענע רעכטע האט איהם דאס הארץ ניט געטראגען און אויך ביי איהם איז אפיאו'ם ספר געװעהן א גאנצע תורה, און דער שונא ישראל האט ניט אויפגעהערט צו שיטען שװעבעל און פעך אויף דעם יודישען פאלק און בעװיזען אז עס קומט זיי גאר קיין בעסערס ניט, װייל מען האט זיי װי געפאנגענע געבראכט קיין אלעכסאנדריען. דער קאיזער קאליגולא האט זיך אין די זאכען ניט געמישט; ער איז געװעהן פערטראגען מיט זיינע מלחמות אין גאליען און גערמאניען, און אז ער איז צוריקגעקומען, האט ער געװאלט מען זאל איהם האלטען פאר א גאט. דא האבען װייטער די שונאים בעקומען א נייע געלעגענהייט זיך אבצורעכענען מיט די יודען. װאס האבען בשום אופן ניט געװאלט ארייג־שטעלען אין זייערע שולען דעם קאיזער'ס בילדער, און זיי בעטראכטען װי א הייליגטהום. פון איין זייט איז דאס צורייצטע פאלק ניט איין מאהל אנ־געפאלען אויף די יודען און אויף זייערע בתי תפלה, און מיט געװאלד אהין אריינגעשטעלט קאליגולא'ס בילדער, און פון דער אנדערער זייט האט קאסוס זיי געשטערט אבצוהיטען די אמונה, און בעזאנדערס האט ער גע־פאדערט פון זיי ניט הייליג צו האלטען דעם שבת. פריהר פלעגט ער זיי זאגען פאר א װארטעל, אז אזוי װי ביי א סכנה מעגען זיי מחלל שבת זיין, װעט ער פאר זיי זיין די גרעסטע סכנה און דערנאך האט זיך טאק־פון דעם װארטעל אויסגעלאזט איין אמת, און פאר די יודען האט זיך אנ־געהויבען אזא שרעקליכע צייט, אז פיעל פון זיי האבען געמוזט אבטרעטען

פון יודישקייט און דעם נשיא אלכסנדרס א ברודער, טיבעריוס, איז איבערגעגאנגען צום נאטצעריענסט און האט דערנאך דערגרייכט זעהר איין גרויסע מדרגה.

זעהר טרויעריג איז דעמעלט געוועהן דער מעמד פון די אלכסנדרינישע יודען, און כדי צו טראסטען דעם עולם, מען זאל ביי זיך נאר אין גאנ־צען ניט ארבפאלען, האט א יודישער שרייבער, וואס זיין נאהמען איז געבליעבען אונבעקאנט, דעמעלט ארויסגעלאזט אין דער גריכישער שפראכע א ספר, וואס האט א ביסעל געשטארקט די געשלאגענע און געפאלענע. אין דעם ספר, וואס הייסט „דאס דריטע בוך פון די מאקאוועער" ווערדט דערצעהלט איין אלטע מעשה, וואס איז האלב אמת און האלב אויסגעטראכט, ווי דער מלך פון מצרים פהיליפאטאר האט געוואלט א מאהל אריינגעהן אין בית המקדש, האט ער דערפאר בעקומען א שטארק חולשת. ווי ער האט זיך נוקם געוועהן אין די יודען, זיי געפייניגט און גענאט צו דיענען עבודה־זרה, ווי פיעל פון זיי האבען זיך געלאזט פערפיהרען, ווי גאט האט זיך אנגענומען פאר זיין פאלק און די עלעפאנטען, וואס מען האט אנגערייצט אויף די יודען, האבען זיך ארויפגעווארפען אויף זייערע שונאים, ווי אזא נס האט אין גאנצען איבערגעמאכט דעם מלך, וואס האט חרטה געקריגען אויף אלע רעות, און האט אנגעהויבען יודען טהון טובות.

דאס בוך האט שטארק מחזק געוועהן די יודען פון אלכסנדריען, און זיי האבען זיך ענטשלאסען צו שיקען שליחים קיין רום בעטען דעם קאיזער ער זאל זיך פאר זיי אננעהמען. דערצו האבען זיי אויסגעקלויבען די שאנסטע און געלערנטע בעלי בתים און בעזאנדערס דעם בערידמטען יודישען פילזוף פהילא (פילון היהודי), דעם ברודער פונ'ם נשיא, וואס האט געשעמ'ט אויף דער וועלט מיט זיין חכמה. די איבריגע איינוואהנער וואס האבען מורא געהאט טאמער פועל'ן די יודען, האבען אויך ארויסגעשיקט שליחים פון זייער זייט און האבען אויסגעקלויבען דעם גוטען אפיאן, וואס מען האט געוואוסט אז אויף ליגענס זאגען איז ער דער ערשטער בריה. אזוי זענען זיך צונויפגע־קומען די שליחים פון ביידע זייטען, און קאליגולא האט בעדארפט אויסהא־רען זייערע טענות און פסקנ'ן ווער עס האט רעכט. קאליגולא איז אבער אין כעס געוועהן אויף די יודען דערפאר וואס זיי זענען מסופק געוועהן אין זיין גאטליכקייט, און ער איז אויף זייערע שליחים אנגעפאלען מיט זידלערייען און קללות און האט זיי גאר ניט געוואלט פאר די אויגען לאזען. אומזיסט

האבען זיי נאך געהאפט. אז דער צארן פונ'ם קייזער זאל שטילער ווערען, אונ ער זאל זיי קאנען אויסהארען. עס האט זיך אויסגעלאזט דערמיט, וואס מען האט דעם נשיא אלכסנדר איינגעזעצט אין תפיסה אונ פון ירושלים איז אנגעקומען א פינסטערע בשורה איז קאליגולא האט מטמא געווען דעם בית המקדש אונ ניט פערשוינט דאס וואס איז ביי זיי דאס הייליגסטע.

קאליגולא האט זיך טאקע באמת אריינגענומען אין מוח, אז ער מוז די יודען ארויפברענגען בארויף זיי זאלען זיינע בילדער אריינשטעלען ניט אין די שולען, נאר אויך אינ'ם בית המקדש, אונ האט גערעכענט, אז מיט כח וועט ער אלדינג אויספיהרען. דעריבער האט ער געהייסען דעם מושל פון סיריען פעטראניוס ער זאל זיך פריווען מיט'ן חיל דערטייטען די עקשנים פון וואס פאר א טהייערע גאט זיי זאגען זיך אב. פונקט ערב סכות איז אנגעקומען די ידיעה. אז פעטראניוס איז צוגעקומען מיט איין גרויסע מחנה ביז עכו אונ די יודען האבען געהאט א פארשטערטען יום טוב, נאר אזוי ווי עס האבען זיך שוין אנגעהויבען רעגענס אונ א קאלט וועטער האט פעטראניוס זיך ענטשלאסען צו ווארטען ביז נאך פסח אונ דערווייל האט ער זיך צוגעהערט צו די געשרייען פון טויזענדער יודען, אונ האט ארויסגעזעהן, אז זיי וועלען געהן ביז צום לעצטען טראפען בלוט אונ ניט דערלאזען קיין חלול השם. ביי פעטראניוס'ן איז געבליבען, ער זאל דערפון מודיע זיין דעם קייזער, אונ איהם בעטען ער זאל די יודען לאזען צו רוה. אין דער צייט אז ביי קאליגולא'ן געוועהן צו גאסט אגריפא, אונ חאטשע ער האט געהארט וואס עס טהוט זיך אין ארץ ישראל, אונ עס האט איהם גוט געהארט, פון דעסטוועגען האט ער זיך געמאכט ניט וויסענדיג; נאר איין מאהל האט ער געמאכט פאר קאליגולא'ן זעהר א ברייטע סעודה, אונ אז דער קייזער איז שטארק פרעהליך געווארען אונ האט פארגעלעגט אגריפא'ן ער זאל ביי איהם בעטען וואס ער וויל, האט ער פון איהם נאר פערלאנגט ער זאל אויפהערען האבען צו טהון מיט די יודען. קאליגולא'ן האט ניט געפאסט ער זאל קיין ווארט ניט האלטען, אונ ער האט געשיקט זאגען פעטראניוס'ן אז אויב ער האט נאך ניט אויסגעפיהרט זיין פריהערדיגען בעפעהל, זאל ער שוין מעהר גאר ניט טהון. דערווייל איז אבער אנגעקומען פון פעטראניוס'ן דער בריעף אין וועלכען ער ערלויבט זיך דעם קייזער אליין איין עצה צו געבען אונ פארויסזאגען, אז עס וועט איהם גאר ניט געראטהען; דאס האט קאליגולא'ן אריינגעבראכט אין אזא

בעם , אז ער האט בעפאהלען פעטראניוסן ער זאל זיך צליין אנטהון דערפאר א מיתה משונה . נאר עהדער נאך זיין בעפעהל איז אנגעקומען צו פעטראניוסן אין די האנד . האט מען דערהרג'ט קאליגולא'ן און אויף די יודען איז שוין געקומען א שטיקעל ישועה.

אינאיינעם מיט די יודען פון ארץ ישראל איז אויך די ישועה געקומען אויף זייערע ברידער אין אלכסנדריען, ווייל דער נייער קאיזער קלודיוס, וואס אגריפא האט איהם צוגערעדט און געארבייטעט אויף אלע כלים ער זאל איבערנעהמען די מלוכה , האט פון איין זייט אגריפא'ן געמאכט פאר קאניג איבער גאנץ פאלעסטינא. און האט אונטער זיין מאכט געשטעלט אלע לאנדער פון יהודה , שמרון , גלילא און פערעא , און זיין ברודער הורדוס בעשטימט פאר א מושל פון חאלקיס ביים לבנון. און פון דער אנדערער זייט האט ער די אלכסנדרינישע יודען אומגעקעהרט אלע רעכטע , דעם נשיא אלכסנדר בעפרייעט פון דער תפיסה און זיין ברודער פֿילא אבגעגעבען אזא כבוד , אז ער האט איהם געבעטען אפענטליך אין סענאט דערצאהלען די צרות וואס די יודען האבען זיך אנגעליטען פון פלאקוס און קאליגולא.

אין אגריפא'ס צייט איז דאס יודישע לאנד ווייטער אויפגעלעבט געוואָרען, ווייל איהם האט געטריבען צו דער מלוכה נית נאר דער חשק גרויס צו ווערען און הערשען איבער א פאלק , נאר אויך א פונק פון אמת'ר ליעבע צו יודען און צום יודישקייט וואס איז צו איהם איבערגעגאנגען בירושה פון די חשמונאים . אז עס איז געקומען די צייט , וואס מען האט בעדארפט די ערשטע פירות ברענגען אין בית המקדש . האט דער קאניג גלייך מיט אלע מקיים געוועהן די מצוה , און אלע האבען מיט גרויס איבערגעבענהייט בעגריסט זייער פרומען פירער . אויפ'ן אנדערען יאהר סכות האט אגריפא , ווי דער אלטער מנהג איז געוועהן , פארגעלייענט די סדרה . און אז ער איז געקומען צום פסוק , וואו עס שטעהט , אז דער יודישער מלך דארף ארויסשטאמען טאקי נאר פון יודען, האבען זיך איהם טרערען געקאטשעט פון די אויגען, ווייל ער האט זיך דערמאנט, אז ער קומט אויך ארויס פון אדומים , און אז ער איז אפשר נית ווערטה צו טראגען אויף זיין קאפ די קאניגליכע קרוין . דער עולם האט זיך באלד געשטויסען וואס ער מיינט , און אלע האבען מיט גרויס שמחה אויסגעשריגען : אחינו אתה ! דו ביסט אונזער ברודער !

אגריפא האט גענומען אלע מיטעל צו בעפעסטיגען די אמונה: אויפ'ן ארט פון טהעאפילאס, וואס דער פראקוראטאר וויטעליוס האט בעשטימט, האט ער געשטעלט פאר כהן גדול שמעון קאנטהעראס. וואס די וועלט האט איהם וועגען זיין פרומקייט פערגלייכט מיט שמעון הצדיק. אונ פאר'ן ראש פון די סנהדרין האט ער געמאכט הלל'ס איין ענקעל, גמליאל דעם אלטערן, וואס האט זיך אין גאנצען געהאלטען אין זיידענס גאנג. איהם האבען פיעל איינוואהנער פון פאלעסטינא, וואס זענען קיין יודען ניט געוועהן, צו פערדאנקען, וואס מען האט זיי בעהאנדעלט מיט רחמנות אונ מענשענליעבע. אונ וואס די ארעמע פון זיי האבען בעקומען שטיצע פון דער איינענער צדקה וואס אלע, אונ האבען געמאגט אין פעלד צונויפקלויבען די איבערגעלאזטע זאנגען (לקט); ווייל ער האט איינגעפיהרט. אז יעדער וואס היט אב די זיבען הויפט-מצות וואס שטאמען ארויס נאך פון נח'ס קינדער, אונ האט אין זיך ניט קיין פערדארבענע מדות וואס פלעגען צום מענשען איבערגעהן פון עבודה-זרה, דארף זיך שוין ניט רעכנען פאר קיין נאטצענדיענער אונ קאן האבען אלע רעכטע גלייך מיט די איבריגע קינדער פונ'ם לאנד.

צווישען די ראמער אונ די יודען איז דעמעלט געוועהן א פריינדשאפט. אז עטליכע יונגע לייט האבען זיך ערלויבט אין דער שטאדט דארא אריינשטעלען דעם קאיזער'ס בילדער אין די שולען, האבען זיי דערפאר בעקומען א פסק פון דער ראמישער מלוכה. אגריפא ווידער פון זיין זייט איז ניט געוועהן קארג אויף מתנות, אונ ניט אומזיסט האבען איהם די איינוואהנער פון די שטאדט סעבאסטאס, אנטהעדאן אונ גזה בעוויזען אזא כבוד, אז זיי האבען געלאזט מאכען בעזונדערע מטבעות אונ אויפשרייבען: "דער גרויסער קאניג אגריפא, דער פריינד פונ'ם קאיזער". ווי נאהענט אגריפא איז אבער געוועהן צום ראמישען קאיזערליכען הויז האט ער פארט זיך ניט געוואלט משדך זיין מיט נאטצענדיענער. זיין אלטסטע טאכטער ברעניצה האט ער פארקנסט פאר'ן נשיא אלכסנדר'ס א זוהן, מארקוס; נאר אזוי ווי דער חתן איז געשטארבען פאר דער חתונה האט זי גענומען זיין איינענער ברודער הורדס, דער מושל פון חאלקים; די צווייטע טאכטער מרים איז א כלה געווארען פאר יוליוס ארכעלויס, א זוהן פון חלקיהו, איינעם פון די שאנסטע בעלי בתים אין ארץ ישראל; די יונגסטע טאכטער דרוזילא האט אפילו געוואלט נעהמען א פרינץ ניט פון קיין יודי-

שער משפחה, עפיפאנעס, א זוהן פון אגריפאס בעסטען פריינד, אנטיאכוס דעם קאניג פון קאמאזשען, נאר דער חתן האט געמוזט געבען דאס ווארט אז ער וועט אננעהמען די יודישע אמונה.

אין אגריפאס יאהרען איז די לאגע פון די יודען אין פאלעסטינא אונ אלכסנדריען געווען זעהר גלאנצענד, אונ עס איז דעמלט געבאהרען געווארען א גאנץ רייכע יודישע גריכישע ליטעראטור, אין וועלכער די הויפטראלע האבען געשפילט דער בעריהמטער פהילא, א שרייבער עזעקיעלאס, וואס האט בעשריבען אין שירים די גאנצע מעשה פון משה רבינו אונ יציאת מצרים, אונ נאך א אונבעקאנטער מחבר וואס האט געמאכט א ספר "חכמת שלמה".

ווי ווייט אגריפא איז געווען איבערגעגעבען די רוימער, האט ער פארט ניט געוואלט אז זיין לאנד זאל עביג זיין אבהענגיג פון אנדערע אונ האט שטארק אנגעהויבען טראכטען ארץ ישראל מעהר צו בעווארנען. ער האט זיך ענטשלאסען די שטאדט ירושלים א ביסעל פערגרעסערן אונ האט זיך גענומען בויען גרויסע בנינים אויפען בארגעל בזתה, וואס איז ניך געווארען א גרויסע פארשטאדט, אונ דארט פלעגען זיך שטעלען אלע ירידים פון בהמות, וואל, קליידער אונ אייזען. דערנאך האט ער געבעטען ביי קלודיוסן ערלויבניש צו בעפעסטיגען די נייע פארשטאדט, אונ ער האט איהם ניט געקאנט אבזאגען. נאר אז אגריפא האט שוין געהאלטען אין מיטען בויען האט דער מושל פון סיריען וויביוס מארזוס אנגעשמעקט אז דאס טויג ניט פאר רום. ער האט עס באלד מודיע געווען קלודיוסן. אונ פליצום איז אנגעקומען אגריפאן א בעפעהל ער זאל אויפהערען צו ארביטען. אגריפא האט געמוזט אנבייגען דעם קאפ; נאר דעם געדאנק אז דאס יודישע לאנד דארף פון זיך ארויסווארפען דעם עול פון די רוימער איז בא איהם געבליבען, אונ ער האט זיך א ווארף געטהון נאר אויף איין אנדער זייט — צו מאכען יד אחת מיט אנדערע קאניגע וואס וואלטען אויך צופרידען געווען ווען די מאכט פון רוים ווערט א ביסעל קלענער. ער האט פארבעטען צו זיך קיין טיבעריאס זיין מחותן אנטיוכוס. דעם קאניג פון קאמאזשען, דעם קאניג פון עמזא, וואס זיין טאכטער יאטאפא האט חתונה געהאט מיט אגריפאס ברודער אריסטובול דעם קאניג פון קליין ארמעניען קאטיס. דעם מושל פון ציליציען פאלעמאן. אונ אויך זיין אייגענעם ברודער הורדוס דעם מושל פון חאלקים. געהייסען האט עס

אז די אלע מלכים זענען זיך צונויפגעקומען צו אגריפאן א ביסעל די צייט פערברענגען; נאר דער מושל פון סיריען מארזוס האט צושלאגען די גאנצע חתונה: ער האט זיך געשטויסען וואס אגריפא מיינט, אונ האט דער גאנ-צער חברה געגעבען אנצוהארען, אויב זיי זוכען טאקי באמת תענוגים איז ניט דא דער פלאץ דערפון. די מורא פון רום איז נאך דעמאלט אזוי גרויס געוועהן, אז אפילו נאר בא א ווינק פון א ראמישען דינער זענען זיך די גאסט צו פאהרען, אונ אגריפאס פלאן איז ניט אויסגעפיהרט געווארען. אגריפא האט פון דעסטוועגען ניט אויפגעהערט צו טראכטען ווי אזוי זיין לאנד אנידערצושטעלען אויף א פעסטען פוס, אונ ער וואלט געוויס א סך זאכען געוועהן אויסגעפיהרט, נאר פליצום איז ער געשטארבען, אונ מיט איהם איז פערשוואונדען געווארען דער לעצטער שטערן וואס האט נאך גע-גלאנצט אין יהודה, אהדער עס האט דארט זיך אין גאנצען אנגעריקט די פינסטערע נאכט.

נאך אגריפאס טויט האבען ערשט די גריכען אין פאלעסטינא אונ סיריען געקאנט ארויסווייזען זייער באהאלטענע שנאה צו די יודען. זיי האבען נאר פארגעסען, אז ביים לעבען האבען זיי דעם יודישען קעניג דעם גראס-טען כבוד אפגעגעבען. אונ מיט די מארמאר בילדער פון זיינע דריי שאנע טאכטער געציערט די גאסען אין דיא שטאדט; קוים האט אגריפא צוגע-מאכט איין אויג, האבען די אינוועניגסטע שונאים געטאנצט פאר פרייד אונ די בילדער פון זיינע קינדער האבען זיי ארויסגעשלעפט ניט אין קיין ריינע ארטער. אז קלודיוס איז געוואהר געווארען וואס פאר א אום כבוד די גריכען האבען אנגעטהון דעם זכר פון זיין געליעבטען פריינד איז ער בארויף שטארק ברוגז געוועהן אונ האט פריהר, אויף צו להכעיס די שונאים געוואלט אגריפאס יונגסטען זוהן, וואס האט דעמעלט געלערנט אין רום אונ האט אויך געהייסען אגריפא, מאכען פאר קעניג; נאר עס האבען זיך געפונען בעלי טובה, וואס האבען איהם אבגעהאלטען דערפון, אונ ער-קלערט אז דעם זיבעצעהן-יאהריגען אגריפא וועט שווער זיין צו פיהרען אזא מדינה ווי פאלעסטינא. אזוי איז ארץ ישראל ווידער געווארען א טהייל פון דער ראמישער מלוכה, אונ די ממשלה איז איבערגעגאנגען צום פראקוראטאר קוספיוס פאדוס, וואס האט געפאדערט ביים קייזער ער זאל מוחל זיין די סאלבאטען וואס ער האט פריהר געהייסען פערשיקען פאר זייער זינד געגען כבוד פונם געשטארבענעם אגריפא. דאס האט פאדוס געטהון בכיון;

כדי די שונאים זאלען בלייבען אין לאנד און זאלען זיך אללע מאל קריגען מיט די יודען און ער זאל האבען פאר וואס צו זיי זיך טשעפען. אזוי איז עס טאקי געשעהן, ניך האבען זיך אנגעהויבען אונצופרידענהייטען פון ביידע זייטען און פאדוס האט זיך אנגעהויבען גוט אבצורעכנען מיט די יודען. ער האט געוואלט ווי אמאל זיך נעהמען דאס רעכט אויסצוקלויבען א כהן גדול און האלטען ביי זיך פערשלאסען די בגדי כהונה, נאר דא האט ער שוין איבערגעצויגען דעם בויגען: עס האט זיך אין ירושלים אזיינס געטהון אז דער מושל פון סיריען קאיוס קאסיוס לאנגינוס האט גע-מוזט צוקומען מיט גרויס חיל. נאר אזוי ווי עס האבען זיך אין דעם אריינגעמישט אגריפאס ברודער, הורדוס און אריסתובול, איז געבלי-בען מען זאל אוועקשיקען שליחים קיין רום און הארען וואס קלודיוס וועט דארויף זאגען. אין רום האט דער יונגער אגריפא פארגעשטעלט די יודישע שליחים פארן קאיזער, ער האט זיי פריינדליך אויפגענומען און האט זיי אלדינג צו ליעב געטהון. אזוי האט דער פראקוראטאר שוין ניט געטארט זאגען קיין דעה אין אמונה זאכען און דער גאנצער בעל הבית איז גע-ווארען הורדוס. וואס האט אויך איבערגעביטען דעם כהן גדול אליאני, אויף זיין ארט געשטעלט איינעם יוסף, פון דער משפחה קמית, און טאקי באלד איהם אויך אראבגעווארפען און אויסגעקליבען איין אנדערן, חנניה בן נבדי, וואס איז אין דער אכילה מעהר אריינגעטהון געוועהן ווי אין דער כהונה.

אין דער צייט פון פאדוס האט זיך פליצום ארויסגעוויזען א געוויסער תהעאודאס, וואס איז מעהר געוועהן א פארדרעהטער קאפ ווי א שווינד-לער, ער האט זיך איינגערעדט אז ער איז משיח און האט געפונען פיער הונדערט נארנים וואס האבען איהם געגלויבט און האבען זיך מיט איהם געלאזט געהן צום ירדן, וואו ער האט צוגעזאגט צו ווייזען א נס, שפאל-טען דעם טייך און זיי טריקען אריבערפיהרען. פאדוס האט זיי נאכגע-יאגט מיט חיל און תהעאודאס און נאך אנדערע זענען געפאלען טויט. באלד דער נאך האט קלודיוס אראבגעשיקט קיין ארץ ישראל א נייעם פראקוראטאר, א געוועזענעם יודען טיבעריוס יוליוס אלכסנדר, דעם זוהן פונם נשיא אלכסנדר, וואס איז איבערגעגאנגען צום נאטצענדיענסט. קלודיוס האט גערעכענט אז ער טהוט דער מיט די יודען א טובה און אז נייער א ברודער וועט פארט מיט זיי זיך בעסער בעגעהן; נאר ער האט

פארגעסען, אז א געטאכטע מכשפה איז אסך ערגער: עס האט זיך באלד אנגעהויבען א שטארקע מרידה, דאס פאלק האט ניט געוואלט וויסען פון טיבעריוס'ן, די פרומע זענען ארויסגעשפרינגען געגען איהם, און געגען צוויי פון זיי, יעקב און שמעון, די זיהן פון יהודה דעם גאלילער, האט ער געמוזט ארויסווייזען זיין אכזריות און זיי האבען אויף דער תליה זייער לעבען געענדיגט.

פירטעס קאפיטעל.

דאס פארשפרייט־ווערען פון די יודען אויף דער וועלט.

(48 — 44 נאך קריסטוס געבורט. 26—22 פארן חרבן בית שני)

די השגחה האט אזוי געפיהרט אז צווישען די גראסטע אומות עולם זאל דאס קליינע יודיש פאלק שפיעלען א ראללע דער מיט וואס אויף איהם איז געפאלען דער גורל צו פארשפרייטען די הייליגע אמונה אין א איינציגען גאטט אין אללע עקען פון דער וועלט. און צו ליעב דעם האבען די יודען, נאך דעמעלט ווען זיי האבען געהאט א אייגענע היים און דאס לאנד איז נאך כמעט אין גאנצען איינגעשטאנען ביי זיי אין די האנד זיך צוווארפען אין זעהר פיעל ערטער און אומעדום האבען זיי אנגעצונדען דאס ליכט פון ידיעת הבורא, וואס וועט שוין קיין מאל ניט פערלאשען ווערען ביז דאס מענשליכע הארץ וועט נאך ציהען צו אמת און צו יושר ביז דער מענשליכער קאפ וועט ניט אויפהערן, ארבייטען פאר שכל און חכמה.

דער בית המקדש אין ירושלים איז געוועהן דער מיטעל פונקט,

וואהין די אויגען פון די יודען זענען געוועהן געווענדעט אין יעדער צייט אונ פון יעדען ארט; נאר שולען האבען זיי געעפענט איבעראל וואו זיי פלעגען זיך בעזעצען. זעהר פיעל יודען האבען געוואהנט אין קירענאיקא אונ בעזאנדערס אין דער הויפטשטאדט אנטיאכיען. די מלכים פון סיריען האבען זיי צוריקגעגעבען אלע רעכטע, וועלכע דער משוגענער אנטיאכוס עפיפאנעס האט פריהער ביי זיי צוגענומען. איינער פון די סירישע קאניגע האט זיי אפילו אבגעגעבען פיעל כלים, וואס מען האט אמאל צו- גענומען אין משכן, אונ זיי האבען געהאלטען פאר א זכר ביי זיך אין שול. אין דמשק האבען זיך געפונען מעהר פון צעהן טויזענד יודען. אונ דער מלך פון נבט, ארעטאס פהילאדעמאס האט זיי ערלויבט אויסצוקלויבען פון זיך א נשיא פונקט ווי אין אלכסנדריען. אין רום זע- נען די יודען מיט דער צייט אויך נתרבה געווארען, אונ חאטש קלודיוס האט זיי געהייסען פון דארט ארויסטרייבען, ווייל ער איז אין כעס געוועהן אויף איינעם פון זיי, כרעסטוס, וואס האט זיך בעמיהט צו בעקעגען די ראמער מיט דער קריסטליכער רעליגיאן, פון דעסטוועגען איז די יודישע קהלה פון רום געוועהן גאר ניט קיין קליינע אונ זיי האבען דארט געהאט א סך שולען אונ א בעזונדער בית עולם.

נאך גרעסער איז געוועהן די צאהל פון די יודען אין די פארטהישע לאנדער. צוויי יונגע לייט פון נהרדעא ביים טייך פרת, אסיני אונ אנילי, האבען געגרינדעט ניט וויט פון דארט א נייע שטאדט. אונ האבען געהאלטען אין דער מורא אלע שכנים פון ארום. זיי זענען געוועהן נאר פראסטע לערנייונגלעך ביי א בעל מלאכה, אונ אז זיי האבען זיך צוקריעגט מיטן בעל הבית זענען זיי געפאלען אויף איין שכל צו טהון די אייגענע וואס אלטערע: מאכען א גאנצע קאמפאניע, זיך בעזעצען אויף א בעשטימט ארט אונ אנפאלען אויף די וואס פאהרען גראד דורך נעבען זייער גבול. די פארטהישע מלוכה האט זיך ניט געפיהלט אין כח עפעס צו מאכען מיט זיי. אונ דער קאניג ארטאבאן דער צוויי- טער האט געמוזט איינבויגען דעם קאפ. אונ אזוי איז געווארען א קליינע יודישע קהלה, וואס האט זיך אפילו מיט יעדען טאג פארגרעסערט. אבער ניט מיט קיין פיינע מענשען. דאס וואס איז אבער געגרינדעט אויף גזילה קאן קיין קיום ניט האבען: פינפצעהן יאהר האט עס אין גאנצען געדויערט ביז אסיני איז פערגיפטעט געווארען טאקע דורך זיין אייגענע פרוי, וואס איז געוועהן א גאטצענדיענערין. אז אנילי איז געבליעבען אליין, האט ער

שוין ניט געקאנט בעשטעהן געגען טיטריבאטעס. ארטאבאנ'ס איידעם, וואס האט איהם גובר געווען און געמאכט פון די יודען א תל. פון דארט איז די שנאה איבערגעגאנגען אויך אויף די יודען פון בבל, און אין דער שטאדט סעלעיציא, ביים טייך טיגריס, זענען אומגעקומען פינף טויזענד יודען דורך די גריכען און סירער, וועלכע האבען געמאכט יד אחת זיי זאלען זיך נוקם זיין אין די יודען, וואס האבען געמוזט זוכען א מקום מנוחה אין די צוויי בעפעסטיגטע שטאדט נהרדעא און ניזיבים.

אויך אין די לאנדער פון פרס און מדי האבען געוואהנט פיעל יודען, און פון דארט האבען זיי זיך פארשפרייט איבער ארמעניען, קליין אזיען און נאך א סך ערטער ביים שווארצען ים. נאך דעם חורבן איז קיין זכר ניט געבליעבען פון פיעל יודישע קהלות; נאר אז די שטאדט אתונא, קארינטה, טהעסאלאניען און פהיליפי זענען געוועהן פול מיט יודען — דאס ווייסט מען געוויס.

ניט גרינג איז אנגעקומען די יודען אויסצופילען דאס גרויסע שליחות פונ'ם רבונו של עולם, און בעקאנט מאכען זיין הייליגען נאהמען צווישען די בלינדע און פערנארישטע נאטצענדיענער, וואס האבען זיך ניט אומזיסט געשראקען, דער ריינער גלויבען זאל ניט אין גאנצען אומווארפען דעם פוילען בנין פון עבודה־זרה, און האבען דערפאר ניט געזשאלעוועט קיין קלאפ פאר די, וואס האבען זיי געוואלט עפענען די אויגען און ווייך מאכען די הארצער. דאס יודישע פאלק איז אבער ניט געגאנגען מיט כח און האט זיך בעמיהט מעהר מיט גוטע מדות אויסצוצייכענען זיך צווישען אנדערע פעלקער, און מיט דער הילף פון ספרים פארשטעהן געבען דעם ווערטה פון זיין אמונה. א סך האבען דערצו געהאלפען די ביכער, וואס די יודישע געלעהרטע האבען דעמעלט געשריעבען אין דער גריכישע שפראכע, ווי דער בריעף פון אריסטעאס צו זיין ברודער פהילאקראטעס, וואס רעדט וועגען הייליגקייט פון דער תורה, און פון דער גריכישער איבערזעצונג, ווי דאס בוך „חכמת שלמה", וואס ווייזט אויס, אז א מלך איז אויך מעהר ניט ווי א בשר ודם און אז די קאניגע וואס מאכען פון זיך נאטטער, זענען ניט ווערטה זיך צו רעכנען אפילו פאר מענשען, און ווי איבערהויפט אלע ביכער פון פהילא, וואס שטעלט הויך דאס נוצליכקייט פון די יודישע געזעצע און דאס ריינקייט פונ'ם יודישען לעבען. א ברבאי האבען זיך פיעל נאטצענדיענער בילעבנווייס אנגעהויבען ווענדען צו דער יו־

יודישער אמונה אונ איין פונק פון דעם נר תמיד האט זיך פערטראגען גאנץ ווייט, אונ געהייליגט דעם נאהמען פון גאט אונ זיין פאלק ביי אזא אומה, וואס איז ביז דעמעלט אויך געוועהן פערזינקט אין פינסטערניש פונ'ם נאטצענדיענסט.

ביים טייך טיגרים האט זיך געפונען א קליין לאנד אדיאבענע, אונ דארט האבען געקאניגט מאנאבאז (מונבוז) אונ זיין פרוי העלענא (הילני), דער קאניג האט געהאט פיעל קינדער פון אנדערע פרויען, נאר מעהר פון אלע האט ער ליעב געהאט דעם יונגסטען זוהן איזאטעס, וואס העלענא האט איהם געבאהרען. איהם האט ער גערעכענט פאר'ן יורש פון דער מלוכה אונ כדי די איבריגע ברידער זאלען איהם, וועגען קנאה קיין שלעכטס ניט טהון, האט ער איהם אוועקגעשיקט אין א ווייטער מדינה מעסענע, וואס איז דעמעלט געוועהן א מיטעלפונקט פאר סוחרים פון דער גאנצער וועלט. דער פרינץ איזאטעס איז אזוי געפאלען דעם מלך פון דארט אבינרגלז, אז ער האט איהם חתונה געמאכט מיט זיין טאכטער סמך. אין דעם קאניגליכען הויף פלעגט זיך דרעהען א יודישער סוחר חנניה, וואס האט די פרינצעסין צוגעשלעפט צום יודישקייט, אונ פון איהר האט עס שוין גענאשט איהר מאן אויך. אין דער אייגענער צייט האט אויך די קאניגין העלענא אנגעשמעקט פון דעם יודישען גלויבען, אונ איז גאר געווארען איין אנדער מענש. אז דער קאניג מאנאבאז איז געשטארבען אונ מען האט מורא געהאט זיינע אנדערע קינדער זאלען זיך ניט פריוען מיט געוואלד א האפ צו טהון די מלוכה, האט מען איהר געראטהען זי זאל הייסען טייטען אלע פרינצען; נאר העלענא האט זיך שוין געהאלטען אין די יודישע דינים: בלוט פארגיעסען איז שוין ביי איהר געוועהן די גראסטע עבירה, אונ זי האט נאר זיך בעוואהרענט דערמיט וואס זי האט זיי איינגעזעצט אין תפיסה. אז איזאטעס איז צוריקגעקומען אונ האט איבערגענומען די מלוכה האט ער באלד בעפרייעט אלע יורשים אונ האט אנגעהויבען ביי זיך אין לאנד איינפיהרען די יודישע אמונה. דעמעלט האט די אלטע קאניגין געקאנט אויספיהרען איהר שטענדיגען געדאנק — אליין צו זיין אין ארץ ישראל. אונ איזאטעס האט איהר מיטגעגעבען זיינע פינף זיהן, זיי זאלען זיך אויפ'ן פלאץ מעהר בעקענען מיט'ן יודענטהום, אונ זיך גוט אויסלערנען לשון קודש. מיט גרויס כבוד האט מען העלענע אונ די פרינצען אויפגענומען אין ירושלים, אונ אזוי ווי דאס יאהר איז גראד געוועהן א הונגער, האט די קאניגין

געהאט א מאגליכקייט צו עפנען איהר מילדע האנד: זי האט געלאזט שיפען גאנצע שיפען מיט תבואות און פירות, און צוטהיילט די נויטבעדארפטיגע; א חוץ דעם האט זי געגעבען גענוג צדקה פאר די כהנים און לוים, און האט דעם בית המקדש פערציערט מיט טייערע מתנות פון גאלד און זילבער. העלענע האט זיך אויך אויסגעבויעט א פאלאץ אין ירושלים, און אז איזאטעס איז געשטארבען און אויף זיין ארט איז געווארען קאניג זיין ברודער מאנאבאז דער צווייטער, איז דער נייער מלך אויך שטארק צוגעבונדען געוועהן צו דער יודישער אמונה: ער האט זיך אויך געלאזט בויען א פאלאץ אין ירושלים און האט געשאנקט אויפ'ן בית המקדש אלע גאלדענע כלים צו דער עבודה אים יום כפור. די ליעבע צום יודענטהום איז אין דער משפחה פון די אדיאבענעשע מלכים איבערגעגאנגען פון איין דור צום אנדערען, און אפילו העלענע'ס ענינקעל, די פרינצעסין גראפטע, האט געהאלטען פאר'ן גרעסטען פערגעניגען צו וואהנען אין דער יודישער הויפטשטאדט, און האט זיך אויסגעבויעט א בעזונדער פאלאץ. דערפאר איז דער זכר פון דער קאניגין העלענע געבליעבען צווישען די יודען אויף לאנגע יאהרען, און אז זי איז געשטארבען, האט מאנאבאז געהייסען זי און די ביינער פון איזאטעס איבערפיהרען קיין ארץ ישראל, און דארט בעגראבען אויף א בעזונדער שטיק ערד ניט ווייט פון ירושלים. נאך עד היום קאן מען זעהן די חרבות פון די מארמארנע זיילען מצבות וואס האבען זיך געפונען אויף די קברים פון די, וואס נאר די אמת'ע ליעבע צום געדאנק, וואס ליגט אין יודישקייט, האט זיי ביי'ם לעבען און ביי'ם טויט צוגעבונדען צום יודישען פאלק דוקא אין אזא צייט, ווען עס האט שוין פערלארען דעם גלאנץ און האט שוין געהאלטען ביי'ם פאלען.

פינפטעס קאפיטעל.

אגריפא דער צווייטער.

(49—66 נאך קריסטוס געבורט. 21—4 פאר׳ן חרבן בית שני)

האטשע דאס יודישע פאלק האט זיך שטארק צושפרייט אויף דער וועלט און בעפעסטיגט זיין גלויבען צווישען פרעמדע פאלקער, פון דעסטוועגען איז זיין לאגע אין אייגענעם לאנד געווארען פון יאהר צו יאהר אלע מאהל טרויעריגער. פון איין זייט האט דער יאך פון דער ראמישער מלוכה זיך געלאזט שטארק פיהלען, און ווען די ראמער האבען זיך אפילו ניט מתכון געוועהן צו בערירען די יודישע רעליגיאן, האבען פארט די יודען ניט געקאנט האבען די פרייהייט וואס א מאהל; פון דער אנדערער זייט זענען די יודען געווארען צו נאהענטע מחותנים מיט די ראמער, גענאשט ביי זיי א סך מנהגים, און אזוי זענען זייערע מדות גאר אין גאנצען פערדארבען געווארען. עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט וואס דעם עדלען קאניג אגריפא'ס זוהן, **אגריפא דער צווייטער**, איז שוין ניט גע־גאנגען אין זיינ פוס'ס פאטער: ער איז אויפגעצויגען געווארען אין רום, אין קאיזערליכען הויף, און האט זיך געפיהרט פונקט ווי אלע אנדערע רא־מישע פרינצען. אז דער מושל פון חאלקיס, **הורדוס**, איז געשטארבען, האט קלודיוס דעם יונגען אגריפא איבערגעגעבען די קליינע מלוכה און אויך דאס רעכט אויסצוקלויבען א כהן גדול. די וועלט האט דעמעלט גערעדט אז אגריפא וואהנט מיט הורדוס'ס אלמנה ברניצה, וואס איז טאקע גע־וועזען זיין שוועסטער, און כדי לייט די מיילער צו פערשליסען האט ער זי חתונה געמאכט מיט'ן קאניג פון צילעציען, **פאלעמאן**, וואס האט צו ליעב איהר אנגענומען דעם יודישען גלויבען נאר זי איז געווען אזוי גוט

און פרום, אז נאר ניך האט זיך דאס פאר פאלג געמוזט צוגעהן. ניט בעסער פון איהר איז געוועהן די יונגערע שוועסטער דרוזילא, וואס דער פאטער האט זי פריהר פארקנסט פאר'ן פרינץ עפיפאנעס, נאר מיט דעם תנאי ער זאל ווערען א יוד; נאר אזוי ווי דער חתן האט קיין ווארט ניט געהאלטען איז געווארען אוים שדוך. דער יונגער אגריפא האט זי אויסגעגעבען פאר'ן קאניג פון עמסא עזיז, וואס איז יא בעשטאנען דארויף ער זאל איבערגעהן צום יודענטהום. נאר זי איז פון איהם אנטלאפען מיט איינעם פון די ראמישע שררות פעליקס, און זי איז געווארען א גאטצענדיענערין. דער פאלשער נביא שמעון פון ציפערן איז דא געוועהן דער גאנצער שדכן. ביסלעכווייס האט אגריפא אנגעהויבען זיך רופען „יודישער קאניג“, חאטשע קלודיוס האט איהם מעהר ניט ערלויבט ווי אכטונג צו געבען אויפ'ן בית המקדש און בעשטימען כהנים. אודאי איז אין אזא זאך אגריפא'ס מבינות נאר קארג געוועהן. אין א צייט פון צוואנציג יאהר האט ער איבערגעביטען זיבען כהנים, און די הויכע שטעלע פלעגט ער איבערגעבען נידריגע מענשען, וואס האבען פערשטאנען זיך ביי איהם איינצושמייכלען; ניט איין מאהל פלעגט ארויס א געשלאג צווישען די פינף משפחות באעטהאס, קאנטהעראס, פתיאבי, קמיט און ענן, וואס פון זיי האט אגריפא שטענדיג אויסגעקליבען א כהן, און דער נאמען „כהן“ האט אויפגעהערט צו האבען זיין פריהריגען ווערטה. נאכן ראש קאן מען שוין פארשטעהן ווי דאס פראסטע פאלק האט אויסגעזעהן: די איינוואהנער פון ירושלים און בעזאנדערס די פרויען, זענען געווארען אזוי אויסגעלאסען, אז דער פרומער רבי יוחנן בן זכאי האט געמוזט הייסען פארבויגען די דינים פון פרה אדומה...

די אמת פרומע האט מן הסתם גוט דאס הארץ וועה געטהון צוצוזעהן וואס עס איז געווארען פונ'ם פאלק; נאר מעהר ווי מיט א קרעכץ האבען זיי ניט געקאנט העלפען. דערפאר האבען זיך באלד אבער געפונען א סך „הייסע“ יודען, וואס א קליינער טהייל פון זיי, און בעזאנדערס זייערע פיהרער, אליעזר בן דיני און אלכסנדר, האבען זיך טאקע איינגערעדט, אז דער רבונו של עולם רייסט זיי ביי די פאלעס זיי זאלען זיך אננעהמען זיין קריוודע, און די איבריגע האבען דווקא ניט געמיינט אזוי לשם שמים. נאר זיי האבען פשוט געפונען א שעת הכשר זיך נוקם צו זיין אין די שונאים. און אזוי איז ארויס א גאנצע מחנה וואס האט שטענדיג

נאר געטראכט זיך אבצורעכענען מיט די רוימער, אונ מיט די רייכע יודען וואס האבען געהאלטען מיט דער רוימישער מלוכה. בעזאנדערס געפאהרליך זענען דעמעלט געוועהן די סיקאריער, וואס מען האט זיי אזוי גערופען, ווייל זיי פלעגען טראגען בעהאלטען א שארף מעסער (סיקא), אונ אומגערעכט אנפאלען אויף מענשען אונ הרגע'ן אין די גאסען. די מלוכה האט געמוזט בעטראכטען אזעלכע יודען ווי מארדער, אונ ווי באלד זיי פלעגען נאר אריינפאלען צו איהר אין די האנד אריין, האבען זיי שוין געהאט זייער עהרליך אויסקומעניש. דערצו האבען די רוימער אין דער לעצטער צייט אנגעהויבען מעהר מורא האבען די יודען זאלען אין גאנצען ניט אראבווארפען פון זיך זייער יאך; ווייל פלוצים האבען זיך אנגעהויבען ארויסצווייזען פאלשע משיחים, ווי שמעון פון ציפערן אונ אנדערע, וואס האבען זיך טאקע איינגעבילדעט, אז זיי זענען שליחים פון גאט. אונ דערפאר אז עס פלעגט זיך עפעס מאכען, האט מען ארויסגעגעבען דעם שווערסטען משפט. אין רום האט מען דוקא געקוקט מיט אנדערע אויגען אויף די יודען, נאר די קאפ זענען ביי אלע געוועהן פארשלאגען. קיינער האט זיך ניט געקלאגט, אונ די מושלים, וואס די רוימישע מלוכה האט געשטעלט, האבען ארויסגעוויזען זייער אכזריות ווי ווייט זיי האבען נאר געקאנט.

פון די פינף רוימישע פראקוראטארען וואס האבען פערביטערט דאס לעבען פון די יודען, איז דער ערשטער געוועהן איימאנוס, וואס האט געהערשט פיער יאהר אונ האט אנגעהויבען דערפון, וואס ער האט חושד געוועהן די יודען אז זיי זאמלען זיך צונויף אין בית המקדש אונ האלטען עצות ווי אזוי פטור צו ווערען פון רום. דערפאר פלעגט ער שטענדיג, ווען דאס פאלק האט נאר געדארפט קומען צום גאטעסדיענסט, צושטעלען סאלדאטען אין אלע ווינקעלעך פונ'ם בית המקדש, כדי דער עולם זאל זיך היטען רעדען איבריגע ווערטער. דערווייל איז איין מאהל אום פסח ארויס א געשלאג, ווייל איין רוימישער סאלדאט האט זיך ערלויבט חוזק צו מאכען פונ'ם יודישען הייליגטהום, אונ איימאנוס האט טאקע נאר דארויף ארויסגעקוקט: ער איז באלד צוגעקומען מיט גרויס חיל, עס איז געווארען א גרויס לויפעניש אונ דערווייל זענען איבער צעהן טויזענד מענשען דערשטיקט אונ צוטרעטען געווארען. באלד נאך דעם האט איימאנוס אנגעצונדען דאס אלטע פייער פון שנאה צווישען די יודען אונ די שמרונים. אונטער א יום טוב האבען די יודען פון גאליליא עולה רגל געוועהן קיין

ירושלים. און אז זיי זענען דורכגעגאנגען דורך שמרון איז מען אויף זיי אנ-
געפאלען און מען האט פיעל פון זיי געטויידט. די יודען האבען געפאדערט
פון איימאנוס'ן ער זאל זיך אננעהמען, נאר ער האט זיך ניט וויסענדיג גע-
מאכט, און דערפאר זענען זיי געצווינגען געוועהן אליין זיך צופיהרען די
האנד; דערצו האט זיי נאך אונטערגעהיצט דער פראקוראטאר פון גאלילעא,
פ ע ל י ק ס, וואס איז געוועהן איימאנוס'ן א שונא אויפ'ן לעבען און האט איהם
זעהר געוואלט אנארבייטען א גאנצע התונה. בעזאנדערס אז ער האט געקאנט
מיט פרעמדע האנד צושארען דאס פייער. אזוי זענען די יודען אנגעפאלען
אויף די שמרונים און עס איז ארויס א גרויסע שחיטה, ווייל איימאנוס האט
ניט געוואלט שטילען ביידע צדדים. נאר ער האט ערלויבט די שמרונים זיך
צו בעוואפענען און האט זיי נאך צוגעזאגט אליין אויך זיי געהן צו הילף.
ווער ווייסט צו וואס איימאנוס וואלט עס געוועהן געבראכט, ווען צווישען די
יודען אליין וואלטען זיך ניט געפונען רוהיגע און קלוגע מענשען, וואס האבען
א ביסעל איינגעהאלטען דעם עולם. ביידע זייטען האבען זיך אבער געהאלטען
פאר גערעכט, און האבען אוועקגעשיקט שליחים צום סירישען מושל
א ו מ י ד י ו ס ק ו א ד ר א ט ו ס זיי זאלען זיך פאר איהם אויסטענ'ן. קוואדראטוס
איז געוועהן אזא בעל יושר אז קודם כל האט ער געהייסען די יודישע שליחים
אויפהענגען. דערנאך האט ער לפנים אנידערגעזעצט א בית דין מען זאל
משפטן די שולדיגע; נאר צום סוף האט ער געגעבען א בעפעהל אז אלע
זאלען פאהרען קיין רום און איימאנוס זאל זיך דארט אויך פארענטפער'ן. אין
רום האט איימאנוס געהאט גענוג נוטע פריינד. וואס האבען געוואלט נייגען
דעם קאיזער אויף זיין זייט, נאר דער יודישע קעניג אגריפא, וואס איז נאך
אלץ געוועהן דער גרעסטער חשוב ביי קלודיוס'ן און איז גראד דערמעלט ביי
איהם געוועהן צו נאסט האט אויף איהם געהאט א גרעסערע ווירקונג, און
אויסער דעם האט די קאיזערין א ג ר י פ י נ א מעהר געצויגען צו יודען ווייל
איהר געליעבטער איז געוועהן פאללאס, א ברודער פון פעליקס'ן, וואס האט
געזוכט אלע מיטעל צו בעגראבען איימאנוס'ן. אודאי זענען די יודען גע-
בליבען גערעכט און איימאנוס'ן האט מען פערשיקט; פון דעסטוועגען האט
מען אין רום פערשטאנען אז אויפ'ן יודישען לאנד מוז מען גוט אכטונג
געבען, און דארט נאך מעהר בעפעסטיגען די רוימישע מאכט, און כדי
אגריפא'ס כבוד זאל בלייבען ניט בערירט האט מען איהם אבגעגעבען
א בעזונדערע קעניגרייך, און דאס איז שוין געוועהן א שטארקער ווינק אז

אין די זאבען פונ'ם יודישען פאלק דארפען זיך אנדערע ווענינער מישען.

אז די שמרונים האבען דא פערשפיעלט האבען זיי זיך גענומען אבי־טהון די יודען אנדערע שפיצליך. כדי מען זאל וויסען ווען ראש חדש איז אונ אקוראט אויסרעכענען ווען די ימים טובים פאלען, פלעג מען צום מולד אנצינדען אויף די הויכע בארג פייער אונ אלע יודען האבען שוין געוואוסט וואס דאס בעטייט. די שמרונים האבען אימיסטען אנגעהויבען אנצינדען פייער נאר אין פראסטע טאג אונ דערמיט האבען זיי אין נאנ־צען פערפלוטעט די יודען אין חשבון. דעמעלט האבען די סנהדרין געמאכט אז ווענען קדוש החדש זאל מען צושיקען שליחים אין אלע ערטער וואו יודען וואהנען.

אויף אייטאנוס'ס ארט איז ארויף פעליקס. וואס די יודען האבען אויף איהם גערעכענט אז ער וועט זיי טהון אלע טובות. אונ איינער פון די יודישע שליחים יונתן האט איהם פשוט אויסגעבעטען ביים קאיזער. צום סוף האט זיך אויסגעלאזט אז פעליקס איז נאך געווען ערגער פון אייטאנוס'ן, ווייל ער האט זעהר ליעב געהאט די מטבע צו ליעב געלד האט ער געטהון אלע פסלנות אונ איז געווען זיכער אז עס וועט איהם גוט אבלויפען, ווייל ער האט געהאט ברייטע פלייצעס אין רום. דער קאניג אגריפא האט דא נאר ניט געקאנט העלפען, ווייל חאטשי נאך קלודיוס'ס טויט האט איהם דער יונגער קאיזער גירון (נערא) אויך ליעב געהאט אונ אפילו פארגראסערט זיין קאניגרייך מיט פיער גרויסע שטאדט. פון דעסטוועגען איז איהם שווער געווען צו געהן געגען פעליקס'ן, וואס האט אלע זיינע רציחות איינגעוויקעלט אין רעכטע סבות. אונ געוויזען אז ער פארשטארקט דערמיט די ראמישע מלוכה. אזוי האט ער אויסגעהרג'ט פיעל יודען, אונ אפילו אויף דעם איינענעם יונתן וואס האט זיך אזוי בעמיהט אונ גע־ארבייט פון זיינעטוועגען האט ער אנגעשיקט די סיקאריער, אונ מען האט איהם גע־טאכען. אויף פעליקס'ן קוקענדיג האבען די גריכען, סירער אונ ראמער וואס האבען געוואהנט אין פאלעסטינא, אויפגעהערט צו בעהאלטען זייער שנאה צו די יודען אונ פלעגען אפענטליך זיך מיט זיי רייצען אונ חוזק מאכען. איין מאל איז ארוים א קריעג צווישען די יודען אונ די סירער וואס האבען געשלאגען אויף פעליקס'ס תקיפות. די יודען האבען זיך גע־וואלט ווערען, נאר פעליקס האט זיי ניט ערלויבט אונ אז זיי זענען ניט בעשטאנען מען זאל זיי שלאגען אונ זיי זאלען שווייגען, האט זיך פעליקס

ארויסגעריקט מיט חיל אונ האט זיי געהייסען באהעווען. די יודען האבען באלד אוועקגעשיקט שליחים קיין רום אונ האבען זיך געקלאגט אויף פעליקס'ן, נאר דארט האט מען געפונען אז זיי זענען ניט גערעכט, ווייל די סירער האבען איבערגעקויפט איינעם פון נירון'ס מקורבים, בורדוס, אונ עס האט זיך נאר געענדיגט דערמיט וואס מען האט פעליקס'ן צוגענומען, נאך ביטערע זעקס יאהר, וואס די יודען האבען אזוי גיך ניט געקאנט פארגעסען.

פון דעמאלט אן האט זיך אין די הארצער פון די יודען אריינגעחאפט א האס געגען רום, וואס האט זיך עטליכע יאהר שפעטער נאך מעהר צוברענט אונ געפיהרט דערצו אז דאס לעצט ביסעל יודיש זעלבסטשטאנדיגקייט זאל פאלען פאר א קרבן. דער נייער פראקוראטאר פעסטוס האט אין גאנצען געהערשט צוויי יאהר אונ דער מצב פונ'ם פאלק איז ניט בעסער געווארען. דער קאניג אגריפא האט זיך בעזעצט אין ירושלים אונ צום אומגליק איז צווישען איהם אונ די יודען אויך ארויס א מחלוקת; ווייל ער האט זיך אויסגעבויעט אזא הויכען פאלאץ, ער זאל קאנען פון דארטען זעהן וואס עס טהוט זיך אין בית המקדש, אונ דער עולם תאט ניט געוואלט ליידען מען זאל זיי אומזיסט חושד זיין. דאריבער האבען די יודען האבער געמאכט די וואנד פונ'ם בית המקדש, אונ אז אגריפא אונ פעסטוס האבען געהייסען די וואנד צווארפען איז דערפון קיין גרויסער שלום ניט ארויס. די יודען האבען נאך א מאל געשיקט שליחים קיין רום אונ דאס מאל איז עס זיי געראטהען, ווייל דעם קייזער נירון'ס ליעבהאבערין פאפעא סאבינא האט געהאלטען מיט זיי: זי האט איבערהויפט געשאצט די יודישע אמונה אונ האט דער נאך אויך געבעטען דעם קייזער ער זאל בעפרייען צוויי פרומע יודען, וואס פעליקס האט זיי צוריק מיט עטליכע יאהר אוועקגעשיקט קיין רום, אונ וואס האבען די גאנצע צייט, וואס זיי זענען געזעסען דארט אין תפיסה, ניט פערזוכט קיין געקאכטס אונ האבען נאר געגעסען פירות.

אז פעסטוס איז געשטארבען, האט מען פון רום אראבגעשיקט א נייעם פראקוראטאר, אלבינוס. אין דער צייט האט דער כהן גדול ענן זיך גענומען מיט אלע כחות צו בעפעסטיגען די לאגע פון די צדוקים אונ האט אזוי געדרעהט, אז ער האט געקאנט פון זיינע לייט אנידערזעצען סנהדרין אונ מען האט פארמשפט פיעל אומשולדיגע מענשען. די פרושים, אונ בעזאנדערס זייער געשאצטער פארשטעהער ר' יוחנן בן זכאי, האבען געגעבען א קוק אז דא טאר מען ניט שווייגען, האבען זיי געפועלט ביי אגריפא'ן מען

זאל אראבטארפען ענוץ, אונ כהן גדול איז געווארען אין אנדערער, יהושע בן דמאי, וואס האט אויך ניט לאנג געדויערט אונ האט געמוזט איבער־געבען די כהונה יהושע בן גמליאל, וואס האט חתונה געהאט מיט זעהר א רייכער אלמנה מרתא, אונ דורך איהר געלד איז איהם געראטהען צו בעקומען די שטעלע. יהושע בן גמליאל האט געעפענט פיעל שולען פאר קליינע קינדער אונ האט זיך דערמיט א גרויסען נאהמען געקויפט; גאר האלטען זיך לאנג האט ער ניט געקאנט, אונ נאך איהם איז געווארען כהן מתיא בן טעאפיל, דער לעצטער פון די זיבען אונ צוואנציג כהנים וואס די רוימישע מלוכה האט בעשטימט. דאס פאלק איז דעמעלט אזוי געוועהן אונצופרידען פון די צדוקים, אז יעדער כהן האט געמוזט יום כפור שווערען, אז ער איז א געגנער פון דער כתה. אין דער לעצטער צייט איז אויך ארויס א מחלוקת צווישען די כהנים, ווייל די לוים האבען געפאדערט מען זאל זיי אויך רעכענען גלייך מיט די כהנים, זיי זאלען טראגען די אייגענע קליידער אונ האבען דעם אייגענעם חלק אין דער הכנסה. אגריפא איז אין כעס געוועהן אויף די כהנים דערפאר וואס זיי האבען איהם א מאהל ניט גע־לאזט אכטונג געבען אויפן בית המקדש אונ האבען פארשטעלט זיין פאלאץ מיט א הויכער וואנד, אונ ער האט צו ליעב געטהון די לוים, אונ דערפון איז ארויס א אינווענינסטער קריעג צווישען די, וואס אויף זיי איז געלעגען דער הויב אפצוהיטען די אמונה אונ בעפעסטיגען דאס אחדות אין פאלק.

אלבינוס האט געהערשט דריי יאהר. ער האט געריסען דעם מס פון טויט אונ פון לעבעדיג, נאר זיך אליין האט ער אויך ניט פערגעסען אונ האט זיך געמאכט א גרויס פערמעגען. עהער די מלוכה האט איהם איבער־געביטען האט ער פיעל פון די סיקאריער, וואס זענען געזעסען אין תפיסה, בעפרייעט אונ האט דערפאר געהאפט ניט קיין קליינע מטבע. איבערהויפט איז אלבינוס נאך געוועהן צו דערליידען, ווייל מיט געלד האט מען ביי איהם אלדינג געקאנט פועלן אונ דארויף האבען די צרות שוין לאנג גע־מאכט דעם יודען פארן גראסטען בריה.

ארגער פון אלע איז געוועהן דער לעצטער פראקוראטאר, געסיוס פלארוס, א מענש אהן בושה אונ אהן רחמנות. אין די צוויי יאהר וואס ער האט געפיהרט דאס לאנד האט ער דערפון אין גאנצען תל געמאכט: זיין אכזריות האט ניט געהאט קיין גרעניץ, אונ דערצו האט ער נאך געלאזט די סיקאריער צופידרען די האנד אונ די מדינה איז געווארען פול מיט גזלת

און רציחה. פיעל רייכע יודען, וואס האבען געציטערט פאר זייער פערמעגען, האבען זיך געטונזט צופאהרען און ווער עס איז געבליבען איז מיט'ן לעבען ניט זיכער געוועהן. מען האט שוין אנגעהויבען מורא האבען, אז פלארוס זאל זיך ניט צוחאפען צו דער קאסע פונ'ם בית המקדש, נאר העלפען האט קיינער ניט געקאנט, ווייל עס איז זיך ניט געוועהן פאר וועמען צו קלאגען:

דער סירישער מושל, צעסטיוס גאללוס איז געוועהן ניט קיין בעסערער בעל יושר פון פלארוסן, דער קאיזער נירון איז געוועהן פערנומען מיט זיינע תאוות, און עס איז שווער געוועהן צו איהם צוצוקומען, און דער קעניג אגריפא האט זיך געפיהלט אזוי שוואך געגען די רומער אז ער פלעגט שטענדיג נאר טראכטען זיי כבוד אבצוגעבען. די שטאדט קיסריא האט ער צו ליעב דעם רומישען קאיזער אנאהמען געגעבען נעראניאס (נירוניא), און אחוץ דעם האט זיך זיין גאנץ פריינדשאפט מיט דער רומישער מלוכה געהאלטען נאר אויף מתנות וואס ער פלעגט אללע מאל שיקען קיין רום. אין אזא לאגע האט דאס פאלק פערשטאנען אז עס איז ניטא צו וועמען זיך צו ווענדען און מען מוז זיך אליין העלפען. צעסטיוס גאללוס האט אפילו אנגעשמעקט וואס עס געהט פאר און האט צו וויסען געטהון קיין רום; נאר נירון האט זיך גאר ניט געוואלט אומקוקען. די קאיזערין פאפעא, וואס האט זיך יוא אינטערעסירט וועגען די יודען, איז שוין געוועהן טויט און ביים קאיזער אליין האבען זיי געשפיעלט נאר א קליינע ראלע, ווייל ער האט גערעכענט אז זייער צאהל איז זעהר קליין. גאלוס האט פערשטאנען אז מען מוז דער מלוכה אויפקלעהרען אז די יודען זענען ניט אזא קליין פאלק ווי מען מיינט: ער איז געפאלען אויף א שכל און מיט דער הילף פון אגריפא און דעם כהן גדול מתיא האט ער געמאכט מען זאל אקוראט געוואהר ווערען די צאהל פון די יודען. מען האט צושיקט בריעף אז אלע יודען זאלען אריינקומען אויף פסח קיין ירושלים, און די יודען האבען זיך א לאז געטהון פון ווייט און פון נאהענט אז עס איז פשוט ניט געוועהן אין שטאדט וואו אויסצודרעהן זיך. גאלוס האט געהייסען, אז פון יעדען קרבן זאלען די כהנים אבשניידען א ניר און נאך דעם האט ער געמאכט א חשבון, אז מיט א קרבן פסח זענען יוצא געוועהן יודען, און עס איז אויסגעקומען אז אויף יום טוב האבען עולה רגל געוועהן דריי מיליאן. גאללוס איז דעמעלט אויך אריינגעקומען קיין ירושלים און פאר פלארוסן אין די אויגען האט זיך דאס פאלק געקלאגט און געבעטען מען זאל צונעהמען

„די מגפה" פונ'ם לאנד. ער האט זיי קלאמערשט צוגעזאגט אז פלארוס וועט זיי בעסער בעהאנדלען, נאר איהם איז געלעגען זיינ'ם אין זינען: ער האט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן ווי גרויס די צאהל פון די יודען איז, אונ האט באלד אנטקעגענגעשריבען קיין רום: מען זאל די זאך ניט האלטען פאר גרינג. ווי עס ווייזט אבער אויס, האט גירון גאר ווייניג געשטעלט דארויף אונ האט זיך געהאלטען פאר צו גרויס אז ער זאל נאר דארפען איבערטראכטען וועגען עטליכע יודען, וואס זייער קאניג חנפ'ט איהם אונ איז אין גאנצען פון איהם אבהענגיג.

דערווייל האט זיך אין ארץ ישראל מעהר צוברענט דאס פייער. אין צעזארעא האט א גאטצענדיענער זיך געשטעלט בויען קלייטען פונקט פאר דער יודישער שול, אונ עס איז ארויס א קריעג דערפון, אונ די יודען זענען געפאלען אויף א שכל צו געבען פלארוס'ן א היבשע סומע ער זאל עס ניט דערלאזען. באלד דערנאך האט זיך א גריכע ערלויבט אפענטליך אויף דער גאס חוזק מאכען פון דער יודישער אמונה. עס איז אזוי אויסגעקומען אז די יודען האבען געמוזט אים שבת האפען די ספרי תורות אונ אנטלויפען אין א נאהענט שטאדטעל נרבתא, אונ פון דארט שיקען שלוחים צו פלארוס'ן קיין שומרון ער זאל זיי העלפען. נאר פלארוס האט געהאט א קורצען זכרון, דאס געלד האט ער דאך פריהער אבגענומען, נייעם שחד האט מען איהם ניט צוגעשיקט, האט ער זיך גאר ניט געוואלט אומקוקען אויף די צעזארער יודען אונ האט בעפאהלען קיין ירושלים מען זאל איהם איין גרויסע סומע געבען פון דער קאסע פונ'ם בית המקדש. אז עס איז אנגעקומען קיין ירושלים אזא פארדערונג איז געווארען א שטארקער רעש: דאס פאלק איז שטארק צורייצט געווען, אונ מען איז אומיסטען ארומגעגאנגען מיט פושקעס אין די גאסען, קלאמערשט צו ווייזען אויף חוזק, אז מען נעמט צונויף א נדבה פון פלארוס וועגען. אז פלארוס איז אליין אריינגעקומען אין שטאדט אריין אונ איז געוואהר געווארען פון דעם בזיון, וואס מען האט איהם אנגעטהון, האט ער געשיקט רופען די שאנסטע בעלי בתים אונ האט געהייסען מען זאל איהם ארויסגעבען די שולדיגע; נאר אין דער צייט וואס ער האט מיט זיי געטענה'ט האט ער א ווינק געטהון דעם חיל אונ אזוי ווי ווילדע חיות זענען די רוימישע סאלדאטען אנגעפאלען אויף אלע וואהנונגען פון די עשירים אויפ'ן אויבערשטען מארק, אונ מען האט געבראכען הייזער, געראבעוועט פערמעגענס אונ געהרג'ט ווייבער אונ קינדער.

אומזיסט איז די פרינצעסין בעניצה אליין געקומען בעטען פלארוסן ער זאל נים פערגיעסען קיין אומשולדיג בלוט: ער האט געהייסען אויפהענגען א סך יודען, און אין דעם טאג, דעם זעכצעהנטען איר, זענען אומגעקומען מעהר פון דריי טויזענד מאן.

מען קאן פארשטעהן וואס עס האט זיך אויפ'ן אנדערן טאג געטהון אין ירושלים. פון דעסטוועגען האבען זיך נאך געפונען גענוג יודען וואס האבען געוואלט עס זאל ווערען רוהיג, און אז פלארוס האט צוגעזאגט, אז עס וועט ווערען שטיל ווען די יודען וועלען אפגעבען כבוד דעם רוימישען חיל, וואס האט בעדארפט צו קומען, און וועלען זיי ארויסגעהן בעגריסען. האבען זיך די כהנים אפגעגעבען גענוג מיה און האבען עס געפועלט. ווי שווער עס איז געוועהן די געשלאגענע ארויסצווייזען פריינדשאפט די שונאים, האבען זיי זיך פארט געמאכט הארץ און זענען זיי ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין. דאס חיל האט אבער געקוקט מיט רציחה אויף די יודען, און האבען זיך גלייך געלאזט געהן צום בית המקדש. דא האט זיך דאס פאלק באלד געשטויסען, אז פלארוס מיינט מיט געוואלד צוגעהמען פון דארט דאס געלד, און מען האט באלד אנגעהויבען ווארפען שטיינער אויף די רוימישע סאלדאטען, כדי עהדער זיי וועלען זיך רידערן זאל מען קאנען בעוואהרענען דעם בית המקדש. עס איז אויך טאקע געראטהען צו צוברעכען דעם גאנג, וואס האט געפיהרט פון דער פעסטונג אנטאניא אין בית המקדש אריין, כדי די רוימער זאלען נים קאנען צוקומען; און אז פלארוס האט געזעהן אז זיין פלאן איז נים אויסגעפיהרט געווארען. האט ער אנגעהויבען געהן מיט גוטען, און האט צוגעזאגט, אז ער וועט די יודען לאזען צו רוה, נאר זיי זאלען זיך אליין אויסקלויבען די סאלדאטען וואס זיי ווילען איבערלאזען אין ירושלים. דער גורל איז געפאלען אויף א קליינער מחנה, וואס זייער הויפט-מאן איז געוועהן מעטיליוס, און פלארוס איז אוועקגעפאהרען. אזא מין שלום האט שוין אבער נים געקאנט פארלעשען דאס פייער פון מרידה, וואס האט אנגעצונדען דאס לאנד פון אלע זייטען. עס זענען געווארען צוויי קלאסען: איינע וואס דער ראש זייער איז געוועהן אליעזר בן חנניה, האט געהאלטען פון מלחמה און געדרינגען, אז נאר מיט כח קאן מען זיך בעפרייען פון די רוימער; און די אנדערע, און צווישען זיי אויך די תלמידים פון הלל, האבען נאר געשריגען מען זאל מאכען שלום. ווייל מיט געוואלד וועט מען גאר נים אויספיהרען. ביידע קלאסען האבען נים גערוהט: דער

צד פון מלחמה האט אבגעהאלטען דאס פאלק, מען זאל קיין מס ניט צאהלען די רוימער, און דער צד פון שלום האט געשיקט בעטען גאלוס'ן ער זאל אליין קומען קיין ירושלים און זעהן, אז פאר די יודען איז נאר נאטהיג מען זאל זיי בעפרייען פון פלארוס'ס רשעות. דערווייל איז דער קאניג אגריפא, וואס איהם האט א ודאי ניט געטויגט קיין מלחמה אריינגע־פאהרען קיין ירושלים, און האט אין א גרויסע רעדע פארשטעהן געגעבען דעם עולם וואס פאר א סכנה עס איז צו פיהרען קריעג מיט די רוימער. זיינע רייד האבען געהאט א פעולה, און דאס פאלק האט זיך שוין אפילו ענטשלאסען צורעכטמאכען דעם גאנג פונ'ם בית המקדש, וואס מען האט פריהער צוברָאכען; נאר אגריפא האט איבערגעצויגען דעם בויגען, און אז ער האט נאך פארלאנגט מען זאל בלייבען אונטער פלארוס'ס ממשלה ביז מען וועט ניט פון רום צושיקען איין אנדערן, זענען אלע אין כעס געווא־רען, מען האט איהם פערווארפען מיט שטיינער, און ער איז קוים מיט חרפה און בושה אנטלאפען פון ירושלים.

אזוי האט זיך דער צד פון מלחמה פערשטארקט, און צו זיי זענען אויך צוגעשטאנען די סיקאריער און די כהנים, וואס האבען אויפגעהערט מקריב צו זיין יעדען טאג, ווי דער מנהג איז געוועזען, א קרבן פאר'ן קאיזער נירון, און דערמיט אפענטליך איבערגעריסען דעם בונד פון ארץ ישראל מיט רום. דער צד פון שלום האט נאך אבער גערעכענט, אז מיט כח וואלט מען נאך געקאנט דערשטיקען די מרידה, און דערמיט אבראטע־ווען די יודען פון א גרויס אומגליק; דאריבער האבען זיי געשיקט בעטען פלארוס'ן און אגריפא'ן זיי זאלען צושיקען חיל קיין ירושלים. פלארוס האט שוין מורא געהאט ארויסצוטרעטען. נאר אגריפא האט יא צוגעשיקט דעם הויפטמאן פיליפ מיט דריי טויזענד מאן און עס איז ארויס א בלוטיגע מלחמה וואס האט געדויערט זיבען טאג, ביז דער צד פון מלחמה האט נובר געוועזען, און האט זיך בעפעסטיגט אין דער אויבערשטער טהייל פון שטאדט — ציון. גענוג בלוט איז דעמאלט פערגאסען געווארען און מען האט פארברענט די פאלאצען פונ'ם קאניג אגריפא און פון דער פרינצעסין ברניצה און אויך דאס הויז פונ'ם כהן חנניה.

די רוימער, און אויך אגריפא'ס חיל, האבען זיך געמוזט פערשליסען אין הורדוס'ס פאלאץ, נאר דער צד פון מלחמה האט בעלאגערט דעם פא־לאץ אכטצעהן טאג כסדר, ביז זיי האבען ניט איינגענומען די שונאים.

פיליפ'ן מיט'ן ביסעל חיל האבען זיי באלד אבגעלאזט; נאר די ראמער וואס עס איז זיי ניט אנגעשטאנען צו בעטען רחמים ביי די יודען. האבען נאך געהאפט גוטע קלאפ ביז זיי זענען ניט אנטלאפען.

דער נצחון האט נאר פארדרעהט די קאפ פון די סיקאריער אונ זייער ראש מנחם, האט זיך איינגערעדט אז ער איז משיח, אונ האט געוואלט אנטהון בגדי מלכות, מיט פאראד געהן אין בית המקדש אריין; צו ליעב דעם האט זיך אנגעהויבען א מחלוקת צווישען איהם אונ אליעזר בן חנניה, אונ עס האט זיך געענדיגט דערמיט וואס מנחם'ן האט מען געטוידט. אונ די סיקאריער מיט זייער נייעם ראש, אליעזר בן יאיר, האבען געמוזט אנטלויפען אין דער פעסטונג מסדה.

אזוי איז געבליעבען די גאנצע מאכט איבער ירושלים אין די האנד פונ'ם צד פון מלחמה. דער הויפטמאן מעטיליוס האט זיך באלד אונטערגעגעבען, אונ פון זיין קליינער מחנה איז קיין שריד ופליט ניט געבליעבען. אין גאנץ ארץ ישראל, אויסער דער הויפטשטאדט, איז נאך געוועהן שטיל, ביז פלארוס אליין האט ניט אונטערגעהיצט די גריכען אונ סיריער פון צעזארעא, אונ זיי האבען אויסגעהרג'ט אלע יודען פון דארט, מעהר פון צוואנציג טויזענד מענשען. דאס האט אנגעמאכט אין לאנד א שטארקען כעס, אונ די יודען האבען זיך גענומען פון זייער זייט אויסצוהרג'ן אנדערע פעלקער וואס האבען געוואהנט אינאיינעם מיט זיי. עס איז געווארען א שרעקליכע שחיטה אין גאנץ פאלעסטינא אונ סיריען, אונ בלוט האט זיך געגאסען אין אלע שטאדט אונ דערפער. אין דער שטאדט בית-שאן האבען די סיריער געמאכט יד אחת מיט די יודען זיי זאלען זיי שיצען ווען אנדערע יודען וועלען אויף זיי אנפאלען. די יודען האבען געהאלטען ווארט, אונ האבען זיך מיט גרויס גבורה געשלאגען פאר די סיריער מיט זייערע אייגענע ברידער; נאר אז די סכנה איז אוועק, האבען די סיריער זיי ארויסגעוויזען זייער דאנק דערמיט וואס זיי האבען זיך טאקי אין דער הייסער שעה גענומען באבעווען זייערע בעשיצער אונ אויסקוילען ווייבער אונ קינדער. די אונדאנקבארקייט אונ דאס אכזריות, מיט וועלכער מען האט אומגעבראכט כמעט דרייצעהן טויזענד יודען, האט אזוי געווירקט אויף איינעם פון די יודישע העלדען, שמעון בן שאול, וואס האט פריהר אלע זיינע כוחות אוועקגעלעגט אונ האט זיך אנגענומען פאר די שונאים, אז פאר חרטה אונ בושה, זיין משפחה זאל אויך ניט געהרג'ט ווערען דורך סירישע

האַנד. האָט ער זײַנע אײגענע עלטערן, װײַב און קינדער געטױדט און דערנאָך זיך אַלײן געשטאָכען. פון פּאַלעסטינאַ האָט זיך דאָס פײַער ניך אַריבערגעכאַפּט קײן אַלעקסאַנדריען, און עס איז געבליעבען בײַ די אײַנװאוינער זײ זאָלען מאַכען אַ גרױסע אֲסִיפָה, אױסקלױבען שְׁלִיחִים און שיקען בעטען בײַם קײזער נירון ער זאָל בײַ די יודען צונעהמען די רעכטע, װאָס קלודיוס האָט זײ געגעבען. בײַ דער אֲסִיפָה האָט מען בעמערקט דרײַ יודען, װאָס האָבען זיך אַהין אַרײַנגעגנבֿ'ט, און מען האָט זײ באַלד געשלעפּט איבער די גאַסען צו פאַרברענען. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ גרױס געריעדער צװישען די יודען, און זײ האָבען זיך אַרױסגעשטעלט געגען די שׂוֹנְאִים און געװאָלט פאַרברענען דעם אַמפיטעאַטער, װאו די אֲסִיפָה איז געװעהן; נאָר טִיבֶּערִיוּס אַלֶכְּסַנְדֶר האָט זיך געװאָלט אױספײַנען אַז ער לענט ניט קײן כָּבוֹד אויף זײַנע פריהעריגע ברידער, ער האָט אַרױסגעשיקט דאָס גאַנצע חַיִל, װאָס איז דעמעלט געװעהן אין אַלעקסאַנדריען, און פינפציג טױזענד יודען האָבען פערלאָהרען דאָס לעבען. בײַ אַזעלכע שרעקליכע יְדִיעוֹת האָבען די יודען אין יְרוּשָׁלַיִם געמוזט נאָך מעהר זאָרגען צו בעפעסטיגען די מְרִידָה; בעזאָנדערס נאָך דעם װאָס עס איז זײ צוגעקומען הילף פון בָּבֶל און אַדִיאַבענע, װאו עס האָט נאָך געהערשט אַ קאָניג מֻנְבַּז קֶנֶדִי, װאָס איז פּונקט װי די פריהעריגע מְלָכִים, שטאַרק צוגעבונדען געװעהן צו יודען. אין דער צײַט איז דאָס יודיש חַיִל אין יְרוּשָׁלַיִם געשטאַנען אונטער דער הַשְׁגָּחָה פון דרײַ העלדען: נִיגֶער פון יענער זײַט יַרְדֵּן, סִילַס פון בָּבֶל און שִׁמְעוֹן בַּר גִּיוֹרָא װאָס פלעגט בעװײַזען גְבוּרוֹת אין אַ מִלְחָמָה.

דער נִצָּחוֹן פון די יודען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האָט געפיהרט דערצו װאָס אַלע רעמער זענען זיך פון דאָרט צולאָפען און די יודען האָבען גערעכענט אַז זײ האָבען שוין אין גאַנצען צוריקבעקומען זײַער פרײַהײט און זעלבסטשטענדיגקײט פון אַ מאָהל. דאָס איז געװעהן פאַר סֻכּוֹת, און דערפאַר האָבען זײ שוין אַפילו אַרױסגעלאָזט אײגענע מַטְבְּעוֹת, װאָס אויף זײ זענען געװעהן אױסגעמאָלט אַ לוּלָב מיט אַיין אֶתְרוֹג און אויך אַ סוּכָּה, און אַחוץ דעם איז געװעהן אױסגעקריצט, דאָס ערשטע יאָהר װאָס די יודען זענען אױסגעלאָזט געװאָרען. אין דער צײַט האָט אָבער צעסטיוס גאַלוס אויך ניט געדרימעלט; אינאײנעם מיט אַגריפּאַ, װאָס האָט זיך אונטערגענומען צו זײַן דער פיהרער, האָט ער צונױפגעזאַמעלט דרײַסיג טױזענד מאַן. און האָט

זיך געלאזט געהן קיין פאלעסטינא. אין גבעות, א מייל פון ירושלים, איז ער געבליעבען שטעהן אונ האט געווארט אז די יודען וועלען געוויס פאר מורא זיך אונטערגעבען אונ קומען בעטען מען זאל זיי מוחל זיין. עס האט טאקי ניט לאנג געדויערט אונ די יודען זענען געקומען: זיי זענען אבער ניט געקומען זיך בעטען, נאר ווי שטארקע העלדען זענען זיי אנגעפאלען אויפ'ן שונא, וואס האט פערלאהרען איבער פינף הונדערט מאן א חוץ פיעל כלי זיין. פון די יודען זענען מעהר ניט געפאלען ווי דריי אונ צוואנציג מענשען, אונ דאס האט אנגעמאכט אזא מהומה אין דער מחנה פון גאלוס, אז גאנצע דריי טאג האבען זיי ניט געוואוסט וואס צו טהון, אונ ערשט אויפ'ן פירטען טאג האבען זיי זיך ענטשלאסען צוצוטרעטען צו ירושלים. די שטאדט איז אבער געוועהן אזוי גוט בעפעסטיגט, אז פינף טאג כסדר האבען די רוימער ניט געקאנט איינברעכען די מויערען אונ אז אויפ'ן זעכסטען טאג איז זיי יא געראטהען מאכען א לאך אין איינעם פון די מויערען האט גאלוס פערשטאנען, אז עס איז שוין צו שפעט, אז דער ווינטער ריקט זיך אן, לעבענסמיטעל וועט שווער זיין צוצוברענגען אונ פיהרען ווייטער די מלחמה איז אונמעגליך. דערפאר איז גאלוס מיט'ן חיל באלד אבגעטרעטען, נאר די יודען האבען איהם נאכגעיאגט אונ פיעל פון זיינע לייט אויסגעהרג'ט. אין בית־חרן האבען די רוימער געמוזט דורכגעהן א שמאלען וועג צווישען צוויי הויכע בערג, אונ דארט האבען זיך די יודען מיט זיי אבגערעכענט גאר אויף איין אנדער אופן. אז גאלוס האט געזעהן אז עס איז שלעכט, איז ער געפאלען אויף א שכל, אונ איז קלאמערשט געבליעבען שטעהן. נאר ביי נאכט האט ער איבערגעלאזט פיער הונדערט מאן, כדי די יודען זאלען ניט בעמערקען אז זיי ריהרען זיך פונ'ם פלאץ, אונ אליין מיט'ן איבריגען חיל איז ער אנטלאפען. אין דער פריה האבען זיך די יודען געשטויסען וואס גאלוס האט אויפגעטהון, די פיער הונדערט סאלדאטען, וואס ער האט אליין מפקיר געוועהן, האבען זיי אויסגעהרג'ט אונ האבען זיך נאך גענומען איהם נאכלויפען. נאר די דערשראקענע רוימער האבען איבערגעלאזט אלע זאכען, וואס זיי האבען מיט זיך געפיהרט, אונ זענען קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען. אין דער ערשטער מלחמה זענען געפאלען ביז זעכס טויזענד רוימער, אונ אויסער דעם האבען די יודען בעקומען פיעל כלי זיין פון זיי, וואס איז זיי שפעטער צו נוטץ געקומען.

מִיט שִׂמְחָה הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדִישֶׁע קְרִיגֶער אוּמְגֶעקֶעהרְט קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנ הָאבֶּען נָאךְ מִיט מֶעהר רֶעכְט גֶעקָאנְט רֶעכְנֶען, אַז זֵיי הָאבֶּען פֶערְזָארְגְט דָאס לַאנְד; וַוייל אִינְוֶוענִיג הָאט מֶען שׁוֹין קֵיין שׂוֹנֵא נִיט גֶעזֶעהן, אוּנ אֲפִילוּ דִי שֹׁמְרוֹנִים זֶענֶען דֶערְמֶעלְט מִיט זֵיי אוֹיךְ שָׁלוֹם גֶעוָוארֶען. דָאס פָאלְק הָאט זִיךְ גֶעחַאפְּט גֶעשְׁמַאק צוּ דֶער אַרְבֵּייט: פוּן אֵיין זַייט הָאבֶּען דִי יוּנְגֶע לַייט גֶעלֶערְנְט אַלְדִינְג וָואס עֶס אִיז גֶעטֶהִיג צוּ אַ מִלְחָמָה, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען קָאנֶען בֶּעשִׁיצֶען זֵייעֶר פָאטֶערלַאנְד, אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶער זַייט הָאבֶּען דִי סַנְהֶדְרִין, וָואס זֵייעֶר רֹאשׁ אִיז דֶערְמֶעלְט גֶעוָוארֶען שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל, גֶעזֶעהן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירֶען אִין אָרְדְנוּנְג. נָאךְ גֶעזֶעצֶע, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ מְלוּכָה. נָאר דֶער הַאס גֶעגֶען דִי נָאטְצֶעגְדִיעֶנֶער אִיז יֶעדֶער טָאג גְרֶעסֶער גֶעוָוארֶען, חָאטְשֵׁי דָאס פָאלְק אִיז אִין דֶעם נִיט אַזוֹי שׁוּלְדִיג גֶעוֶועהן וִוי דִי וָואס הָאבֶּען צוּבְּלָאזֶען דָאס פַייעֶר. דִי תַּלְמִידִים פוּן הִלֵּל, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט, מֶען זָאל אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער שְׁלֶעכְט בֶּעהַאנְדְלֶען, הָאבֶּען גֶעמוּזְט אַיינְבּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ, אוּנ דִי תַּלְמִידִים פוּן שַׁמַּאי הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַ תַּקָנָה, אַז קֵיין יוּד זָאל נִיט לֶערְנֶען דִי לְשׁוֹנוֹת פוּן נָאטְצֶעגְדִיעֶנֶער, נִיט נֶעהמֶען בַּיי זֵיי קֵיין נְדָבוֹת אוֹיפְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ בַּיי זֵיי גָאר נִיט קוֹיפֶען. פוּן דֶערְמֶעטְוֶוגֶען אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצוּ דָאס פָאלְק זָאל זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבֶּען פָארְשְׁטֶעהֶער הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען, אַז נָאר דִי פַארְבְּרֶענְטֶע רוֹדְפִים פוּן דִי רָאמֶער זֶענֶען בַּיי זֵיי דַוְקָא נִיט קֵיין גְרוֹיסֶע חֲשׁוּבִים: דֶעם עֶרְשְׁטֶען אָנְהֵייבֶּער פוּן דֶער מְרִידָה, אֶלְעָזָר בֶּן חֲנַנְיָה הָאט מֶען אָבְּגֶעגֶעבֶּען נָאר אַ קְלֵיין אָרְט אִין אֱדוֹם, וָואס הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם בֶּעדַייטוּנְג, זַיין מִיטְהֶעלְפֶער אֱלִיעֶזֶר בֶּן שִׁמְעוֹן אִיז אִין גַאנְצֶען גֶעבְּלִיבֶּען אִין דְרוֹיסֶען אוּנ דִי בְּחִירָה אִיז גְרָאד גֶעפַאלֶען אוֹיף שְׁטִילֶע אוּנ רוּהִיגֶע מֶענְשֶׁען, וִוי עָנָן. דֶער זוּהן פוּנ׳ם גֶעוֶועזֶענֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל עָנָן, יוֹסֵף בֶּן גוֹרְיוֹן אוּנ יוֹסֵף בֶּן מַתִּתְיָהוּ, וָואס הָאבֶּען פְרִיהֶער גוּט גֶעלֶעבְּט מִיט דִי רָאמֶער אוּנ דָאךְ הָאט דָאס פָאלְק גֶעהַאט צוּטְרוֹיעֶן צוּ זֵייעֶר עֶהרְלִיכְקֵייט. אוּנ הָאט אִין זֵייעֶרֶע הַאנְד אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דָאס גַאנְצֶע לַאנְד.

זעבסטעס קאפיטעל.

די גאלילעאישע מלחמה.

(66 — 67 נאך קריסטוס געבורט. 3—4 פארן חרבן בית שני)

אזוי איז אין ירושלים געווארען א שריפה, און אז די יודען האבען דערזעהן ווי ליכטיג עס איז, האבען זיי פארגעסען אז עס ברענט נאר אין א פינסטערער נאכט, און האבען געמיינט אז עס איז שוין טאג. דערווייל זענען די פונקען געפלויגען איבער גאנץ ארץ ישראל און אנגעצונדען יעדעס הארץ וואס האט נאר געקאנט פיהלען די צרות וואס די יודען זענען אויסגעשטאנען פון די רוימער. בעזאנדערס האט זיך דאס פייער צופלאקערט אין דריי גאלילעאישע שטאדט גיזחלה (היסקאלא), טבריא און גמלא. אז עס איז אנגעקומען די ידיעה ווי גרויזאם די סירער בעהאנדלען יודען, האט זיך באלד אין גיזחלה אנגעהויבען א מרידה. און אלע אונצופריעדענע האבען זיך פערזאמעלט אונטער יוחנן בן לוי, א מענש דוקא ניט פון קיין געהויבענער משפחה און אהן געלד נאר מיט א פעסטען כאראקטער און מיט גרויסע ליעבע צו זיין פאלק. ער האט זיך איינאיינעם מיט שמעון בר גיורא דערנאך בערירהמט געמאכט אין דער מלחמה געגען די רוימער.

דאס איינענע האט זיך אויך געטהון אין גמלא, דארט האבען זיך אויך געפונען געגוג יודען וואס צרות רבים איז ביי זיי ניט געוועהן קיין חצי נחמה, און אויפגעמונטערט צו א גאנצער נקמה; נאר אין טבריא איז די זאך צוגעגאנגען א ביסעל שווערער, ווייל דארט האט געוואהנט אגריפא, און אלע רייכע יודען האבען זיך ניט געוואלט מישען אין פרעמדע עסקים, דערפאר האט עס געקאכט געגוג מיט יוסטוס בן פיסטוס און יהושע בן ספפיא ביז זיי האבען צרויפגעבראכט דאס פאלק, אז עס זאל ארויס-

שפּרינגען געגען די רֹאמער : יוסטוס, וואס איז געוועהן א גרויסער רעדנער אין דער גריכישען שפּראכע, אונ האט שפּעטער אויף גריכיש אנגעשריבען די יודישע געשיכטע, האט געהאלטען פייערינע דרשות פאר'ן עדלערן עולם, אונ יהושע, וואס איז געוועהן זעהר בעליעבט צווישען די גראבערע קלאסען, האט געארבייט אויף אלע כלים, אונ אזוי האט זיך די מרידה פארשפּרייט איבער גאנץ גאליליא, אויסער דער הויפּטשטאדט סעפּפאריס (צפורי).

אין אזא מעמד האט זיך געפונען גליל, ווען יוסף בן מתתיהו, וואס איז מעהר בעקאנט אין דער געשיכטע מיט'ן נאהמען יאזעפוס פלאוויוס, איז אראבגעשיקט געווארען פון ירושלים צו פיהרען דאס לאנד. יאזעפוס איז געוועהן א כהן, אונ פון דער מוטערס זייט האט ער זיך אנגעקעהרט מיט די חשמונאים; אינאיינעם מיט זיין ברודער מתתיהו האט ער פון יוגענד אן געלערנט תורה, אונ דערנאך איז ער דריי יאהר כסדר געוועהן א תלמיד ביי א געוויסען נזיר באנוס. יאזעפוס האט אבער א חוץ דעם געלערנט גריכיש, אונ אז ער איז אויפ'ן זיבען אונ צוואנציגסטען יאהר געפאהרען קיין רום בעטען מען זאל בעפרייען עטליכע געפאנגענע פרושים, איז ער שוין געוועהן אזוי געבילדעט, אז ער האט געקאנט אויפגענומען ווערען אין קייזערליכען הויף. דורך א יודישען שוישפּילער אליטיראס, איז איהם געראטהען בעקאנט צו ווערען מיט דער קייזערין פאפּעא, וואס האט ליעב געהאט יודען, אונ האט איהם אויך אבגעשיט מיט אירע חסדים. די עטליכע יאהר, וואס יאזעפוס האט פערבראכט אין רום, האבען איהם אין גאנצען איבערגעארבייט: דאס גרויסקייט אונ דער גלאנץ פון דער רֹאמישער מלוכה האבען איהם פארבלענדעט די אויגען, קיין האפערס, שאנערס אונ בעסערס פונ'ם רֹאמישען פאלק איז ביי איהם ניט געוועהן. אין רום האט ער זיך אויך צווישען די גרויסע שררות אויסגעלערנט די קונץ צו בעהאלטען די געדאנקען, רעדען האלבע ווערטער, טהון אזוי אונ טראכטען נאר עפּעס אנדערש. אז ער איז צוריקגעקומען קיין ירושלים אונ האט געזעהן, אז זיינע ברידער האלטען ניט אזוי שטארק מיט די רֹאמער, האבען זיי ביי איהם א פּנים געהאט ווי משוגעים אונ ער האט זיך אפּט געפריוט דעם עולם פארשטעהן געבען ווי נוטצליך אונ נאטהיג עס וואלט געוועהן די יודען זאלען זיך צונויפשמעלצען מיט די רֹאמער. אז אליעזר בן חנניה איז אפענטליך ארויסגעשפּרונגען געגען די רֹאמער, אונ עס האט זיך

אנגעהויבען א מרידה. איז יאזעפוס מיט נאך אזוינע ראמישע נוטע פריינד געשטאנען פון ווייטענס און האבען ארויסגעקוקט, אז צעסטיוס גאלוס זאל זיך א ביסעל צופיהרען די האנד און ווייזען די יודעלעך זיי זאלען קיין עזות-פנים'ער ניט זיין. אז גאלוס האט אבער געמוזט אנטלויפען, און יאזעפוס האט פערשטאנען, אז דא איז ניט קיין שפיעלעכען, און מען קאן אפשר אויסארבייטען אגריפא זאל ווערען א אונאבהענגיגער קאניג, האט ער איבערגעביטען די דעה, און אזוי ווי א בריה אויף אזעלכע זאכען איז ער געוועהן, האט ער זיך אזוי אריינגעדרעהט און צוגעשמייכעלט צום צד פון שלום, אז מען האט נאר געמוזט פארגעסען זיינע פריהריגע דרכים, און מען האט איהם אויסגעקליבען פאר א פארשטעהער פון גאליליא.

יאזעפוס האט ליעב געהאט צו זיין אליין א בעל הבית, און אז מען האט פון ירושלים מיט איהם מיטגעשיקט צוויי גרויסע לומדים, יועזר און יהודה, זיי זאלען איהם העלפען פיהרען דאס לאנד, האט עס איהם ניט געטויגט. און ער האט אזוי געמאכט אז זיי האבען זיך באלד געמוזט אומקעהרען אהיים. צום אנהייב האט יאזעפוס זיך געשטעלט ווי א פיינד פון די ראמער, און האט קלאמערשט גענומען אלע מיטלען צו בעפעסטיגען דאס לאנד: ער האט איינגעפיהרט א בית-דין פון זיבציג סנהדרין, אין יעדער שטאדט האט ער בעשטימט זיבען מנהיגים; אין א קורצער צייט האט ער שוין געהאט הונדערט טויזענד סאלדאטען, און זיין אייגענע וואך איז בעשטאנען פון פינף הונדערט מענשען. ער האט זיך דערצו געוויזען אזוי פרום, אז ער האט געהייסען צוברעכען דעם פאלאץ אין טבריה, וויל דארט זענען געוועהן בילדער פון חיות, וואס איז געגען דעם געזעץ פון דער תורה; פון דעסטוועגען, אז איהם האט מקדים געוועהן יהושע בן ספיא, און האט פארברענט דעם פאלאץ, און צוטהיילט דאס פארמעגען צווישען זיין חברה, האט יאזעפוס באלד געזעהן, אז דאס פארמעגען זאל מען איבערגעבען אגריפאן. דאריבער האט מען אויף איהם שוין אנגעהויבען קוקען קרום, און ער איז נאך מעהר אריינגעפאלען אין חשד, ווען מען האט בעמערקט ווי ער לאזט ניט יוחנן פון גיזחלה אויפהייבען א קאפ, און אז ער האט געבעטען ביי יאזעפוס'ן ער זאל איהם ערלויבען פערקויפען די תבואה פון דער קרוין, און פון דעם געלד פארבעטען די פעסטונג אין גיזחלה, האט ער איהם אבגעזאגט. דערוויל האט זיך געמאכט נאך א זאך: עטליכע יונגע לייט פון א שטאדטעל דברטה האבען צוגענומען

בײ אגריפא׳ס שליחים געלד, אונ האבען עס געבראכט צו יאזעפוס׳ן. יאזעפוס האט זיך געמאכט ניט װיסענדיג, די יונגע לײט האט ער צוגעזאגט, אז דאס געלד װעט ער אבשיקען קײן ירושלים, אונ אונטען ארום האט ער עס איבערגעגעבען אגריפא׳ן. דער אמת האט אבער זיך געמוזט ארויס, אונ אז דער עולם איז דערפון געװאהר געװארען, בעזאנדערס נאך דעם װאס יהושע בן ספיא איז ארויסגעגאנגען מיט א רײניגקײט אונ האט בעשװארען די יודען זײ זאלען זיך אננעהמען פארן כבוד פון דער תורה, איז ער מיט׳ן לעבען ניט זיכער געװעזן: דאס צורײצטע פאלק האט זיך געװארפען צו יאזעפוס׳ס הויז, אונ האט עס געװאלט אנצינדען; מיט גרויס מיה האט ער זיך אויסגעדרעהט פון דער סכנה; נאר דער סוד איז שוין ארויס, אלע האבען געװאוסט אז עס איז ניטא אויף װעמען זיך צו פערלאזען, אונ אין גאליליא זענען געװארען צװײ פארטײען: אײנע, די גרעסטע, האט געקוקט אויף יאזעפוס׳ן װי אויף א שונא, אונ האט גערעכענט פאר זײער אמת׳ן פארשטעהער יוחנן בן לוי פון גיזחלת; אונ די אנדערע, נאר א קלײנע, האט געהאלטען מיט יאזעפוס׳ן, אונ האבען געדרונגען, אז ער װינשט זײ נוטס דערמיט װאס ער װיל זיך ניט פארקריגען מיט די רױמער. יוחנן איז דאריבער געצװינגען געװעזן אװעקצושיקען זײן ברודער שמעון קײן ירושלים, אונ דארט דערצעהלען װאס פאר א מעשים יאזעפוס האט אנגעארבײט. דער ראש פון די סנהדרין, שמעון בן גמליאל, האט פריהער אויך ניט געהאט קײן גרויס צוטרויען צו יאזעפוס, אונ דערפאר, אז עס איז אנגעקומען אזא ידיעה, האט ער באלד אװעקגעשיקט פיער שליחים קײן גאליליא זײ זאלען איהם צװינגען זיך אבזאגען. א חוץ דעם האט מען צושיקט בריעף אין די שטאדט טבריה, ספפארים אונ גברה, אונ מען האט מודיע געװעזן דעם פאלק, אז עס זאל זיך דערװײטערן פון יאזעפוס׳ן, װײל ער איז א שונא דעם פאטערלאנד. אודאי איז דעמאלט יאזעפוס׳ס לאגע געװעזן זעהר טרויעריג, נאר ער האט זיך פארט אויסגעדרעהט: דער בעפעהל פון ירושלים איז געבליעבען טאקע נאר אויפ׳ן פאפיער, אונ יאזעפוס האט זיך געטהון זײנס. װאס די יודען האבען געװינען אין די ערשטע פיער חדשים פון דער מרידה, דאס האבען זײ פערלאהרען אין די אנדערע פינף חדשים װאס יאזעפוס האט פערבראכט אין גאליליא.

אזױ זענען אװעק נײן חדשים. אונ די רױמישע מלוכה האט זיך ניט

געריהרט. דער קאיזער נירון האט זיך אבגעגעבען מיט זיינע נארישקייטען, וואס האבען דעמעלט געגאלטען מעהר פון די גראסטע חכמות, אונ עס איז איהם גאר ווענינ אנגעגאנגען וואס איינס פון זיינע פעלקער האט זיך א ביסעל צובונטעוועט. אז עס איז אבער אנגעקומען די ידיעה פון צעסטיוס גאלוס'ס מפלה, אונ אז ער איז טאקע באלד דערנאך געשטארבען, האט ער שוין געמוזט ארויסשיקען קיין פאלעסטינא איינעם פון זיינע הויפטלייט פלאוויוס וועספאסיאן (אספיסינוס) מיט גרויס חיל, אונ אחוץ דעם האט ער געמאכט אין סיריען פאר א מושל ליציניוס מוציאנוס. אים ווינטער איז וועספאסיאן מיט זיין זוהן טיטוס אנגעקומען קיין ארץ ישראל, אונ נאך אין עכו האט איהם בעגריסט דער קאניג אגריפא מיט זיין שוועסטער ברניצה. אגריפא האט געמוזט ארויסווייזען, אז ער האלט ניט מיט די מורדים אונ איז איבערגעבען די ראמער. דעמעלט האט טיטוס ליעב בעקומען די פרינצעסין ברניצה פאר איהר גרויס שאנקייט, האטשי זי איז געוועהן א סך עלטער פון איהם.

מיט פינפציג טויזענד מאן איז וועספאסיאן צוגעקומען קיין פאלעסטינא; נאר ער האט זיך ניט געיאגט באלד אנצוהויבען די מלחמה ווי צעסטיוס גאלוס: ער האט זיך פריהר גוט בערעכענט, אלדינג אנגעגרייט, אונ ערשט צו פסח־צייט האט ער זיך ענטשלאסען קודם כל איינצונעהמען גאליליא, אונ דערנאך שוין ביסלעכווייס צוריקען קיין ירושלים. אין גאליליא איז איהם גאר געוועהן גרינג דארט וואו יאזעפוס איז געוועהן מיט זיין חיל: די יודען זענען געפאלען ווי שטרוי, אדער זיי האבען באלד ביי'ם אנהויב איינבויגען דעם קאפ. דארט וואו ער האט אבער אנגעטראפען אויף שמעון בן לוי'ס לייט — איז איהם שוין אנגעקומען שווער, אונ זיי האט ער שוין ניט געקאנט אזוי לייכט בעקומען. דערפאר איז איהם אזוי געראטהען באלד איינצונעהמען די פעסטונג גבבה, ווייל יאזעפוס איז נאך פריהר אנטלאפען קיין טבריה, אונ האט ניט געוואלט זיין אין מיטען דעם פייער, אונ די איינוואוהנער האט וועספאסיאן א טהייל אומגעבראכט אונ א טהייל פארקויפט פאר שקלאווען. נאך אזא התחלה האט וועספאסיאן גערעכענט, אז אזוי וועט עס שוין געהן כסדר; נאר אז ער איז צוגעקומען צו דער פעסטונג יותפתא, האט ער באלד ארויסגעזעהן אז ער האט א טעות געהאט. פירציג טאג האט געדויערט די בעלאגערונג, די יודען האבען זיך געשלאגען ווי גבורים חאטשי זיי האבען שטארק געליטען פון דורשט; ווייל

דער שונא האט ניט געלאזט אריינפירען וואסער, אונ ווען עס געפינט זיך ניט איין פאלשער וואס האט אנגעוויזען די ראמער א וועג צו דער פעס־טונג, וואלט זי זיך נאך לאנג געקאנט האלטען. דערפאר האט זיך אויך וועספאסיאן מעהר נוקם געוועזען אין די איינוואהנער פון יותפתא: פירציג טויזענד מענשען האט ער אויסגעהרג׳ט, אונ טויזענד ווייבער מיט קינדער האט ער אוועקגעפיהרט געפאנגען. פריהר מיט עטליכע טאג איז אויך גע־פאלען די שטאדט יאפה״א.

יאזעפוס איז גראד געוועזען אין יותפתא ערהער וועספאסיאן איז צו־געקומען, אונ ווייטער אנטלויפען האט איהם שוין ניט געפאסט. אז די סכנה איז געווארען צו גרויס, האט ער זיך בעהאלטען אין א ברונען אינאיינעם מיט נאך פירציג קריעגער; נאר אז די ראמער האבען איבערגענומען די פעסטונג, האבען זיי ענטדעקט וואו יאזעפוס געפינט זיך, אונ האבען געפאדערט ער זאל זיך אונטערגעבען. יאזעפוס פון זיין זייט איז שוין געוועזען פערטיג זיך איבערצוגעהן צום שונא, נאר די חברה וואס איז מיט איהם אינאיינעם גע־ווען בעהאלטען, האבען איהם געוואלט שטאכען, אונ עס איז ביי זיי אלע געבליעבען זיי זאלען זיך בעסער אליין דאס לעבען גענומען ערהער איבער־קומען אויף די ראמערס ישר. יאזעפוס האט געשוואוירען, אז ער וועט שטארבען אינאיינעם מיט זיינע אומגליקליכע חברים; נאר ער האט אזוי געדרעהט אז ער זאל בלייבען דער לעצטער. אונ קוים זענען אלע געוועהן טויט האט ער זיך פון דער שבועה גאר ווענינ געמאכט, אונ האט באלד געבעטען מחילה ביי די שונאים. וועספאסיאן האט געוואוסט אז יאזעפוס קאן זיך ניט רעכנען צווישען די ראמישע פיינד: ער האט איהם ערלויבט חתונה צו האבען מיט איינע פון די געפאנגענע יודישע פרויען. אין געלד האט ער אויך ניט געהאט קיין מאנגעל, אונ א חוץ דעם איז ער געווארען א חבר אונ א יועץ פונ׳ם יונגען טיטוס.

דערנאך האט וועספאסיאן געשיקט דעם הויפטמאן צערעאלים מיט דריי טויזענד סאלדאטען אונ זעכס הונדערט רייטער, ער זאל זיך אברעכנען מיט די שמרונים, וואס האבען זיך אלע פערזאמעלט אויפ׳ן בארג גרזים, אונ עס איז שווער געוועהן צוצוקומען צו זיי. די שמרונים האבען אויך זעהר פיעל געליטען פון וואסער־מאנגעל, נאר פון דעסטוועגען האבען זיי זיך געהאלטען ביז צו דער לעצטער מינוט, אונ עלף טויזענד זעקס הונדערט מענשען זענען אומגעקומען. אזוי זענען אויך אויסגעהרג׳ט געווארען א סך

יודען אין יפו: אז די רוימער זענען ביי נאכט אריין אין דער שטאדט, האבען זיך די יודען געפרובט ראטעווען אויף די שיפען, נאר עס איז געווארען אויפ'ן ים אזא שטורמווינד, אז פיעל זענען דערטרונקען געווארען, פיעל זענען צוריק אריינגעפאלען דעם שונא אין די האנד אריין, און פיעל האבען זיך אליין דאס לעבען גענומען. באלד נאך דעם האט זיך אויך איבערגעגעבען די שטאדט טבריה; נאר א גרויסע צאהל פון יודען, אינאיינעם מיט זייער ראש יהושע בן שפט, האט זיך אריבערגעכאפט קיין טאריכעא (טרכיניא), און האבען פון דארט נאך גענוג צרות אנגעטהון די רוימער. נאר פליצום איז ארויס טאקי צווישען זיי א מחלוקת, און דער שונא האט ווייטער בעקומען פרישע צעהן טויזענד קרבנות. אין איין יאהר איז געווארען א תל כמעט פון גאנץ גאליליא. וואס האט געגעבען די רוימער ניט קיין קליינע צאהל געפאנגענע: פירציג טויזענד זענען פארקויפט געווארען פאר שקלאווען, זעקס טויזענד קרעפטיגע יונגע לייט זענען אוועקגעשיקט געווארען אויף שווערע ארבייטען קיין גריכענלאנד, און די איבריגע וואס די רוימישע מלוכה האט זיי איבערגעגעבען אויף אגריפאס האנד, זענען אויך געווארען קנעכט, — הורדוס'ס אייניקעל האט ניט געהאט קיין גרעסערן יושר ווי צוצוזעהען די פרייהייט ביי זיינע אייגענע ברידער.

דריי ערטער זענען נאך געבליבען אין גאליליא, וואס עס איז שווער געוועהן די רוימער איינצונעהמען: די שטאדט גמלה און גיזחלה און דער בארג תבור. גלייך פון טאריכעא איז וועספאסיאנ'ס חיל צוגעקומען צו גמלה, נאר חאטשי דארט האבען זיך אין גאנצען געפונען ניין טויזענד יודישע קריעגער, פון דעסטוועגען האבען זייערע פארשטעהער, יוסף און חארעס א לאנגע צייט געשיצט די שטאדט, און אויפגעמונטערט דאס פאלק עס זאל זיך פעסט האלטען. אז אגריפא האט זיך געפרובט צוקומען צו דער פעסטונג און באטהען מען זאל זיך אונטערגעבען, האט מען איהם געאנטפערט מיט שטיינער, און ער איז אוועק פון דארט מיט א צובראכענער האנד. סוף כל סוף האט אבער פארט גמלה געמוזט פאלען, און עס איז פון די איינוואהנער קיינער ניט געבליבען לעבען. דאס אייגענע איז אויך געשעהן מיט'ן בארג תבור, וואו די יודען האבען אויך זיך ניט אזוי גיך אונטערגעגעבען, און מיט גיזחלה, וואו יוחנן איז שוין געבליבען מיט זעהר ווייניג מענשען. אז טיטוס איז צוגעקומען קיין גיזחלה איז גראד געוועהן שבת, און צו ליעב דעם איז ער מרוצה געוועהן צו ווארטען א טאג טאמער

וועלען די יודען מיט גוטען אפנען די טויערען פון דער שטאדט. מיט דער צייט האט זיך דערווייל יוחנן בענוצט און איז כמעט מיט אלע איינוואה־נער אוועק קיין ירושלים. אז טיטוס איז אויפן אנדערן טאג אריין אין שטאדט, האט ער כמעט קיינעם ניט געפונען אין וועמען זיך נוקם צו זיין; נאכיאגען די אנטלאפענע איז איהם שוין שווער געווען.

אזוי איז געפאלען גאלילעא און עס האט אבגעקאסט ביידע זייטען אזוי פיעל בלוט אז אפילו די ראמער האבען עס געמוזט פיהלען, און וועספאסיאן האט זיך אויך בעדארפט אברוהען א ביסעל און אנגעהמען פרישע כוחות צו פיהרען ווייטער די מלחמה.

זיבעטעס קאפיטעל.

דער חורבן פון ירושלים.

(70 — 67 נאך קריסטוס געבורט. 1—8 פארן חורבן בית שני)

די יודישע הויפטשטאדט ירושלים האט אין דער צייט ארויסגעוויזען די לעצטע לעבענסצייכענס: דאס הארץ פון ארץ ישראל האט געקלאפט מיט אלע כוחות עהדער עס האט בעדארפט אנשווייגען ווערען. פון גאנץ גאלי־לעא זענען אלע אנטלאפענע אהין געקומען, און נאר איין יוחנן בן לוי פון גיזחלת האט מיט זיך מיטגעבראכט מעהר פון צוויי טויזענד מענשען. מען האט געוואוסט ווי פיעל יודען האבען מקריב געווען זייער לעבען ווי פיעל יודיש בלוט איז פערגאסען געווארען און דאס האט נאך מעהר גע־שטארקט דער צד פון מלחמה, און עס איז געבליבען ביי אלע, אז מען זאל ירושלים אבהיטען ווי איין אויג אין קאפ. דער עיקר איז ביי אלע גע־

געוועהן נאר די הויפטשטאדט, אונ צו ליעב דעם האט מען ניט אזוי שטארק אכטונג געגעבען אויף אלע אנדערע ערטער פונם לאנד, וואס זענען געבלי־בען ניט בעפעסטיגט, אונ דער שונא האט גרינג געקאנט אהין צוקומען. אין דער פעסטונג מסדה האבען זיך געפונען די סיקאריער (סיקרין סקריקון) מיט אליעזר בן יאיר, אונ דערנאך האט זיך דארט אויך בע־זעצט שמעון בר גיורא, וואס פלעגט אפט אנפאלען מיט די סיקארישע אויף די אדומים אונ זייו באפעוען, אונ דערפאר פלעגט אפט פארקומען א געשלעג צווישען זיין חברה אונ די אדומים, וואס זענען אויך ניט גע־וועהן שלימזלניקעס.

דעם צד פון שלום, האטשי ער איז געוועהן װעדר קליין, האט װעתר געקראנקט וואס עס איז אזוי ווייט געקומען אז מען האט שוין בעדארפט מורא האבען פאר ירושלים אליין, אונ מען פלעגט אפט הארען א דעה אז מען וואלט זיך בעדארפט אויסגלייכען מיט די ראמער. אז עס איז אבער אנגעקומען א ידיעה, אז יאזעפוס פלאוויוס געפינט זיך אין ראמישען לאגער אונ איז נאר א גוטער ברודער מיט די שונאים, האט דער צד מעהר קיין דבורים ניט געהאט. אונ דער צד פון מלחמה האט נאר אין גאנצען אויפ־געהויבען דעם קאפ אונ האט געהאט מיט וואס צו שטאכען די אויגען אונ נייען צו וואס עס פיהרט דאס פריינדשאפט מיט די ראמער. דעמעלט איז אליעזר בן שמעון געווארען דער גאנצער פארשטעהער פונם פאלק, וואס איז שטארק אויפגעבראכט געווארען געגען די סנהדרין אונ די רייכע יודען, אונ האט זיך ענטשלאסען אלע שטעלען ביים בית המקדש, וואס זענען ביז אהער געוועהן אין די האנד פון מיוחסים אונ בכבודע משפחות, איבערגעבען פראסטע מענשען. דאס איז נאך אבער וועניג געוועהן: זיי האבען אראבגעווארפען אויף דעם כהן גדול מתתיה בן תהאופיל, וואס אגריפא האט איהם געשטעלט, אונ האבען אויף זיין ארט געשטעלט א אונבעקאנטען כהן פון א קליין שטאטעל אפטהא פנחס בן שמואל, וואס מען האט געזאגט אויף איהם, אז ער האט פריהר פשוט געהאקט שטיינער. אזא חלוף האט אנגעמאכט אין ירושלים א שטארקען רעש, אונ אפילו דער ראש פון די סנהדרין ר' שמעון בן גמליאל, איז געוועהן ברוגז בארויף. דערנייל האט זיך דערמיט בענוצט דער א מאהליגער כהן ענן, אונ האט אזוי אונטערגעהיצט ביידע צדדים אז עס איז ארוים א איגענענטער קריעג צווישען די איינוואהנער פון ירושלים.

דער צד פון מלחמה האט זיך געהאלטען אויפ'ן הר הבית, אונ זייערע פירער האבען זיי בעלאגערט. דערווייל האט מען ארויסגעלאזט א קלאנג אז צגן מיט זיין חברה ווילען די שטאדט איבערגעבען די רוימער. דאס האט אנגעהאפט יוחנן בן לוי ביים הארץ, אונ ער האט זיך ענטשלאסען אבצומאכען מיט די אדומים זיי זאלען איהם געהען צו הילף. די אדומים האט גלאט הנאה געטהון אז זיי וועלען האבען וואו צו באבעווען, אונ זיי האבען צוגעשטעלט צוואנציג טויזענד מאן, אונטער דער השגחה פון פיער יודישע הויפטלייט יוחנן, שמעון, פנחס אונ יעקב. ווען זיי זענען אבער צוגעקומען צו ירושלים האבען זיי געפונען די טויערען פערשלאסען, אונ יהושע בן גמלה האט זיי פון דער פעסטונג אראבגעשריגען זיי זאלען בעסער אבטרעטען אונ ניט גיסען בומעל אויפ'ן פייער, וואס האט זיך שוין גענוג צוברענט אהן זיי. די אדומים האבען אבער ניט געוואלט הארען אונ זענען געבליעבען שטעהן ביי דער שטאדט, ביז אין א פינסטערער נאכט, ווען עס האט געגאסען א שלאגס-רעגען, אונ די וואכען האבען ניט געקאנט אזוי שטארק אכטונג געבען, האט מען אבגעשלאגען די שלאסער, אונ מען האט זיי אריינגעלאזט. דא איז געווארען א שחיטה, מען האט זיך געהרג'ט אונ געשלאגען אין די גאסען מען האט ניט געקוקט ווער מיט וועמען, אונ אז די זון איז אויפגעגאנגען האט מען געפונען מעהר פון אכט טויזענד הרוגים. דערנאך האט דער צד פון מלחמה אנגעהויבען משפטן זייערע געגנער, אונ פיעל פון זיי האט מען אומגעבראכט; די ערשטע זענען געוועהן צגן אונ יהושע בן גמלה, אויף זיי איז דאס פאלק אזוי אין כעס געוועהן, אז מען האט זיי ניט געלאזט בעגראבען, אונ זייערע טויטע קערפער ארויסגעווארפען פאר די הינד. פון דעסטוועגען האבען די יודען שכל געהאט, אונ האבען באלד די אדומים ארויסגעפטרט פון ירושלים, אונ דער גאנצער מנהיג איז געווארען יוחנן בן לוי פון גיזחלה, וואס האט אין זיך געהאט אלע מעלות וואס פאסען א מושל, אונ האט געקאנט האלטען אין די האנד אפילו די צורייצטע איינוואהנער פון ירושלים. אודאי האבען זיך געמוזט צולויפען די וועניגע וואס האבען נאך געקעהרט צום צד פון שלום; עטליכע פון זיי זענען געקומען אויך אין רוימ'שען לאגער אונ האבען דערצעהלט וואס עס טהוט זיך אין דער יודישער הויפטשטאדט.

די רוימער האבען זיך די גאנצע צייט בעהאלטען ווייט פון ירושלים. דעם גאנצען ווינטער האבען זיי זיך אבגערוהט אונ ערשט צום זומער צו

האבען זיי זיך גענומען געהן קיין פּאלעסטינא, און פּערעא איז צום ערשטען געפאלען. דארט זענען צוויי טויזענד יודען געפאנגען געווארען, און מעהר פון פינפצעהן טויזענד האט מען אויסגעהרגעט. אז עס איז אָנגעקומען א ידיעה פון רום, אז דאס גאַלישע און שפּאַנישע חיל האבען אַראָבגעוואָרפען דעם קייזער נירון און אַנידערגעזעצט גאַלבּא אויף זיין אָרט האט זיך וועספּאַסיאַן אָנגעהויבען מעהר יאָגען איין עק צו מאַכען פון פּאַלעסטינא, כּדי ער זאָל גיכער פריי ווערען און זיך קאָנען אַריינמישען אין די עסקים פון דער מלוכה; נאָר אַפילו אז ער איז שוין געווען פערטיג מיט'ן אונבעשיצטען לאַנד, האָט ער אויך ניט געוואָלט צוטרעטען צו ירושלים איבער צוויי טעמים: ערשטענס, האָט ער פריהער געוואָלט וויסען ווי אַזוי וועט עס בלייבען מיט דער רוימישער מלוכה, ווייל טאַקי תיכף איז נירון געשטאָרבען, און ביי וועספּאַסיאַן איז שוין געבאָרען געוואָרען דער געדאַנק אז טאַקי איהם אַליין שטעהט אָן צו בלייבען זיין יורש, און צווייטענס, האָט ער געוואָלט אויסוואַרטען און זעהן מיט וואָס עס וועט זיך ענדיגען אין ירושלים דער אינווענייניגסטער קריעג צווישען די איינוואוינער. דאָרט האָט זיך טאַקי דער קריעג פערשטאַרקט איבער שמעון בר גיורא, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט איינהאַלטען אין מסבּה, און האָט געוואָלט נאָר אַריין קיין ירושלים. ער האָט צונויפגענומען כּמעט צוואַנציג טויזענד שקלאַווען, און האָט זיך מיט זיי אַרומגעדרעהט נעבען ירושלים; נאָר מען האָט איהם אַהין ניט אַריינגעלאָזט, ווייל אַפילו דער צד פון מלחמה האָט אויך מורא געהאַט פאַר זיין ווילדקייט. עס פלעגט אָפט קומען צו געשלאַגען צווישען זיין חברה און די איינוואוינער פון ירושלים. איין מאָהל האָט מען ביי איהם צוגענומען זיין ווייב און מען האָט זי געהאַלטען געפאַנגען אין ירושלים; נאָר אַז מען האָט זי דערנאָך בעפרייעט, האָט ער נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט זיך צו טשעפּען. דאַ האָט איהם נאָך צוגעשפּיעלט דאָס, וואָס אין ירושלים זענען נאָך געבליעבען עטליכע "מיוחסים" פונ'ם צד פון שלום, און מיט זיי איז אויך געווען דער פריהעריגער כּהן מתיה; זיי האָבען איבערגערעדט א טהייל פונ'ם פאָלק, און האָבען עס אַזוי ווייט געבראַכט, אז עס איז ווייטער אַרויס א געשלאַג צווישען ביידע צדדים, און מתיה האָט זיך געוואָרפען צו שמעון בר גיורא, און האָט איהם מיט אַלע זיינע לייט אַריינגעבראַכט קיין ירושלים. וועספּאַסיאַן האָט געוואוסט וואָס דאָרט מהוט זיך, און האָט געקענט רעכענען אז נאָר גיך וועט אַרויס צוא הריגה צווישען די איינוואוינער

אַז אײנער פון די צדדים װעט איהם קומען בעטען ער זאָל אָננעהמען די יודישע הױפּטשטאָדט. דאַריבער איז ער געבליעבען שטעהן און האָט אַװעקגעשיקט דערװײל זײן זוהן טיטוס און דעם קעניג אגריפּא קײן רום צו בעגריסען דעם נײעם קײזער גאלבא; נאָר אין מיטען װעג זענען זײ געװאָהר געװאָרען אַז גאַלבא איז שױן טױט, און אַז די רױמישע מלוכה איז איבערגעגאַנגען צו אָטהאָ און װיטעליוס, און האָבען זיך אומגעקעהרט. טיטוס'ן האָט עס געצױגען צו זײן געליעבטער פּרינצעסין בערניצה, און אַ חוץ דעם האָט ער געװאָלט צורעדען דעם פאָטער ער זאָל בעסער זיך נעהמען די רױמישע קרױן. װעספּאַסיאַן האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, נאָר ער האָט מורא געהאַט אַז דער מושל פון סיריען, ליציניוס מוציאַנוס און דער הערשער פון מצרים, אלכסנדר טיבעריוס, זאָלען ניט זײן קײן געגנער. מיט ליציניוס'ן האָט איבער געאַרבײט טיטוס, און בײ אַלכּסנדר'ן האָט בערניצה געפּועלט, און גאָר גיך האָט דאָס חיל אין מצרים געשװאָהרען צו דיענען טרײ דעם קײזער װעספּאַסיאַן, און אין עטליכע טאָג אַרום האָט געשװאָהרען דאָס חיל אין סיריען. בײ אַזאַ גדולה האָט שױן װעספּאַסיאַן פאַרגעסען אין די יודען; ער איז מיט טיטוס אַװעקגעפאָהרען קײן מצרים און איז דאָרט געבליעבען ביז עס איז אָנגעקומען די ידיעה פון װיטעליוס'ס טױט.

אַזױ זענען איבערגעגאַנגען צװײ יאָהר, און די שװערד פון'ם שונא האָט אַלץ געשװעבט אין דער לופט. אין ירושלים זענען שױן דערמעלט געװען פיער כּתות אפילו פון די װאָס האָבען נאָר געהאַלטען פון מלחמה: צװײ טױזענד מענשען זענען געשטאַנען אונטער דער מאַכט פון אליעזר בן שמעון, זעקס טױזענד אַנטלאָפענע פון גאַלילעא האָבען געהאַט זײער בעזונדער פאַרשטעהער יוחנן בן לוי, צװאַנציג טױזענד סיקאַריער האָבען געקוקט אין מױל אַרײן שמעון בר גיורא, און אױסער דעם האָבען זיך דאָרט געפונען פינף טױזענד אדומים אונטער דער השגחה פון יעקב בר שושא און שמעון בר קטלא. דאָס זענען געװעהן לױטער גבורים און װען אַלע זאָלען זיך געװעהן אָבגעגעבען מיט אײן זאַך און זעהן נאָר צו בעשיצען דאָס לאַנד, װאָלטען זײ געװיס מצליח געװעהן; זײ האָבען אָבער זײערע כּוחות אַװעקגעגעבען אױף קאַליע צו מאַכען אײנער דעם אַנדערן. און עהדער מאַכען אחדות צװישען זיך און זײן פערטיג צו בעגעגנען דעם שונא האָבען זײ זיך געהאַלטען אין אײן רודפ'ן, האָבען אונטערגעצונדען

הייזער אונ האבען אפילו אויף צו להכעיס פארברענט די תבואות וואס זיי־
נען געוועהן אנגעגרייט אויף א נויט.

אין אזא לאגע האט זיך געפונען ירושלים, ווען טיטוס, וואס איז שוין דערמאנט געוועהן דער קרוינפּרינץ פון רום, איז צוגעקומען צו דער יודישער הויפּטשטאדט מיט א פעסטען ווילען גאר גיך זי איינצונעהמען; ווייל עס איז איהם ניט אנגעשטאנען אז ער זאל ניט קאנען בייקומען א שטאדט וואס האט אין זיך אליין געהאט גענוג שונאים אונ האט שוין בעדארפט לאנג פאלען. ער האט מיטגעבראכט זעהר פיעל חיל, אונ א חוץ דעם הא־בען איהם געהאלפען אזוינע יודען ווי דער קעניג אגריפא, יאזעפוס פלאוויוס, אונ בעזאנדערס אלכסנדר טיבעריוס, וואס איז געווארען דער ערשטער גענעראל אונ הויפּטפיהרער פון דער מלחמה. פון דעסטוועגען אז מען האט אין ירושלים א קוק געטהון, אז דער שונא הייבט זיך אן נאהנטער צוצוריקען, האבען זיך באלד עטליכע כתות אויסגעגלייכט, מען האט צו וויסען געגעבען די יודען אין אלע אנדערע ערטער זיי זאלען קומען בעשיצען זייער הויפּטשטאדט. אונ גיך איז ירושלים פול געווארען מיט מענ־שען, וואס האבען טאג אונ נאכט געארבייט צו בעפעסטיגען די שטאדט. זי זאל קאנען אויסהאלטען די בעלאגערונג פון די רוימער. טיטוס איז דער־ווייל געבליבען שטעהן אין סקאפּוס, אונ האט צוגעשיקט זיינע לייט בעטען ביי די איינוואהנער פון ירושלים זיי זאלען זיך אונטערגעבען. אונ האט זיי צוגעזאגט, אז די מלוכה וועט זיי מוחל זיין, אונ אלעריינג וועט זיך פיהרען ווי פריהער. ער האט עס געטהון איבער צוויי טעמים: ערשטענס, האט ער געוואלט יוצא זיין פאר זיין געליעבטער פּרינצעסין ברניצה, וואס איז פארט געוועהן א יודיש קינד אונ האט ניט געקאנט ליידען מען זאל חרוב מאכען די יודישע הויפּטשטאדט, אונ צווייטענס, האט זיך איהם ווידער געגלוסט אומקעהרען זיך קיין רום אונ שעפּען דארט כבוד מיט לעפעל. ווי עס שטעהט אן א בן מלך. אין ירושלים האט מען אבער טיטוס'ן ניט גע־וואלט הערען, אונ ער איז געצוואונגען געוועהן זיך נעהמען צו דער ארבייט. צום אנהויב איז איהם גאר ניט געראטהען: אז ער איז צוגעקומען צו איי־נעם פון די טויערען, זענען ארויסגעלאפען פיעל יודישע קריעגער, אונ ער איז קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען, אונ אזוי האבען די יודען אויך צוטרי־בען דאס רוימישע חיל וואס האט געוואלט מאכען זייער לאגער אויף דעם הר הזיתים. טיטוס האט דערווייל געהייסען ארבייטען אין דער בעלאגערונג.

ווייל ער האט געוואוסט אז עס איז פסח, אונ האט גערעכענט אז די יודען וועלען אים יום טוב נאר ניט טהון. קוים אבער האבען די רוימער אנגע־הויבען עפעס טהון, זענען באלד די יודען ארויס אונ האבען זיי צוטריבען, א חוץ דעם וואס ווייבער אונ קינדער פלעגען זיך שטעלען אויף דער הויכער וואנד פון דער פעסטונג אונ ווארפען שטיינער אדער גיסען זידיגען אהל אויף די קאפ פון די רוימער. אזוי זענען אוועקגעגאנגען פינפצעהן טאג ביז טיטוס איז פערטיג געווארען מיט דער ערשטער וואנד פון דער פעסטונג; נאר דא האט זיך ערשט אנגעהויבען די רעכטע מלחמה, ווייל די יודען האבען זיך געשלאגען ווי די לייבען, אונ האבען בעשיצט די צווייטע וואנד, אונ עס האט איהם געקאסט גענוג מיה ביז ער האט ערשט אין עטליכע טאג ארום צושטערט אויך די צווייטע וואנד. אונ איז אריין אין דער פארשטאדט בזתה.

וואס די סכנה איז גרעסער געווארען, זענען די יודען ביי זיך דוקא שטארקער געווארען אונ האבען זיך געווערט גענוג שונא ווי אמת׳ע גבורים וואס האבען פאר קיין זאך קיין מורא ניט. טיטוס האט זיך גענומען צו דער פעסטונג אנטאניא, אונ האט פערבראכט דארויף גאנצע זיבצעהן טאג; נאר אז ער איז שוין געווען נאר פערטיג, איז ארוים יוחנן מיט זיינע לייט דורך א בעהאלטענעם גאנג אונטער דער ערד, אונ האט אנגע־צונדען אלדינג וואס די רוימער האבען געבויעט. דאס אייגענע האבען שפעטער מיט צוויי טאג געטהון דריי גבורים פון שמעון בר גיורא׳ס חברה: תפתי, מגסר אונ חגיבא פון אדיאבענע, וואס האבען ניט געקוקט דא־רויף וואס פיילען זענען געפלויגען פון אלע זייטען, אונ האבען אויך אנגע־מאכט א שריפה אין רוימישען לאגער. טיטוס האט געפרובט צושיקען צו די יודען יאזעפוס׳ן, ער זאל זיי נאך א מאהל בעטען זיי זאלען ניט זיין קיין עקשנים, נאר ער האט אויסגעקלויבען ניט קיין נוטען שליח, אונ א חוץ דעם האבען זיי טאקי שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט: זיי האבען פון דערווייטענס געזעהן ווי טיטוס איז זיך נוהג מיט די יודען וואס זענען אומגערן, אדער איטיסטען אריינגעפאלען צו איהם אין די האנד ווי ער לאזט זיי כמעט פינף הונדערט א טאג אויפהאנגען. אדער ער שיקט זיי צוריק קיין ירושלים מיט אפגעהאקטע האנד, אונ עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען זיך ניט לאזען איבערעדען. טיטוס האט געזעהן אז די מלחמת וועט זיך ציהען א לאנגע צייט, אונ האט פערשטאנען, אז ער קאן די

ידען גובר זיין גאר מיט הונגער, ווען ער וועט ביי זיי צונעהמען יעדע מאגליכקייט אריינצופיהרען שפייז אונ לעבענסמיטעל. דאריבער האט ער גע-הייסען ארומגראבען גאנץ ירושלים, כדי מען זאל זיך אפילו בסתר אויך ניט קאנען ארויסגנבענען פון דער שטאדט, אונ גאר גיך איז דארט געווארען אזא הונגער, אז מענשען זענען געפאלען אין די גאסען, וייל פאר געלד האט מען אויך ניט געקאנט בעקומען וואס צו עסען. עס איז געקומען דערצו, אז מתים האבען זיך געוואלגערט אויף יעדען שריט, אונ אומגליקליכע על-טערן האבען גענעסען דאס פלייש פון זייערע טויטע קינדער. פיעל האבען ניט געקאנט אויסהאלטען אונ האבען זיך ארויסגעגנב'ט צו די רוימער, נאר דארט האט זיי ערווארטעט נאך א שרעקליכער טויט: די רוימער פלע-גען זיי לעבעדיגערהייט אויפשניידען די בייכער, וייל זיי האבען גערעכענט אז די יודען האבען איינגעשלונגען גאלדענע מטבעות עהדער זיי זענען אנטלא-פען פון ירושלים כדי זיי זאלען זיך קאנען אין רוימישען לאגער קויפען עסענווארג.

אז די נויט האט געצווינגען פיעל יודען איבערצוגעהן צום שונא, האבען די פארשטעהער אונ פיהרער פון דער מלחמה זיך ענטשלאסען מעהר ניט צו דערלאזען אזא זאך, וואס קאן שלאבעריג מאכען די איבריגע, אונ האבען אנגעהויבען צו בעשטראפען מיט'ן טויט אזעלכע וואס אויף זיי איז געפאלען א חשד אז זיי האלטען מיט די רוימער. דעמאלט האט שמעון בר גיורא געהייסען אפענטליך דערהרגענען די קאפ פונ'ם כהן מתיה אונ זיינע דריי זיהן, אונ די רוימער האבען פון ווייטענס געקאנט זעהן ווי זייערע פארבארגענע גוטע פריינד בעצאהלען מיט'ן לעבען פאר זייער פאלשי-קייט געגען איינענע ברידער. פון דעסטוועגען האבען זיך נאך געפונען געגנוג יודען, וואס האבען שטילערהייט געארבייט פאר די רוימער: זיי פלעגען קלאמערשט שיסען אויפ'ן שונא, נאר אין זייערע פיילען זענען געלעגען קליי-נע קוויטעלעך, אונ דארט האבען זיי מודיע געוועהן אלדינג וואס עס קומט פאר אין ירושלים.

טיטוס האט זיך גענומען נאך מיט מעהר חשק צושטערן די פעסטונג אנטאניא, אונ נאך א שווערע ארבייט פון איין אונ צוואנציג טאג איז עס איהם געראטהען. ווי ערשטוינט זענען אבער די רוימער געווארען ווען זיי האבען דערזעהן, אז צווישען די אומגעפאלענע וואנד איז דא א שפיגעל נייע פעסטונג. אונ עס האט זיי געקאסט גענוג מיה און בלוט ביז די אנ-

דערע פעסטונג איז געפאלען. דערווייל איז דער גאטטעסדיענסט אין בית המקדש רעגעלמעסיג געגאנגען יעדען טאג, און ווי דער הונגער איז גרויס געוועהן האט מען געזוכט אלע מיטעל מקריב צו זיין די קרבנות ווי פריהער; נאר דעם זיבצעהנטען תמוז (שבעה עשר בתמוז) איז שוין אונמעגליך געוועהן צו בעקומען ערגעץ א בהמה, און מען האט געמוזט אויפהערען קרבנות צו ברענגען. טיטוס האט ווייטער געשיקט יאזעפוס'ן זאגען, אז ער וועט ניט בעריהרען דעם בית המקדש ווען די איינוואהנער וועלען זיך נאך איצט אונטערגעבען, נאר יוחנן בן לוי האט געענטפערט אז ירושלים איז גאטטעס שטאדט, און קאן נאר חרוב ווערען ווען זיין רצון וועט זיין דארויף.

די קראפט פון די יודישע גבורים האט זיך פערדאפעלט: האטשי דער שרעקליכער הונגער האט געווארפען מענשען פון די פיס, האטשי מען פלעגט זיך שלאגען אין גאס איבער א ביסעל שטרוי אדער א שטיקעל לעדער, וואס מען האט עס גענוצט צו עסען און דערהאלטען די נשמה, האטשי עס איז אזוי ווייט דערגאנגען, אז א פרוי מרים האט געקוילעט איהר אייגען קינד און געגעסען דאס פלייש; פון דעסטוועגען האבען די יודישע קריגער אזוי פיעל כח בעוויזען, אז עטליכע ראמער, וואס זענען נאך פון פריהער געבליבען אין ירושלים, האבען זיי מקנא געוועהן, און האבען דווקא אין אזא נויט, אנגענומען די יודישע אמונה, און זייערע נייע ברידער האבען זיך מיט זיי געטהיילט מיט'ן לעצטען ביסען. טיטוס האט געגעבען א קוק אז עס איז קיין תכלית ניט, האט ער זיך ענטשלאסען אנצוצינדען אלע בנינים וואס האבען געשיצט דעם בית המקדש. אז עס האט זיך אבער צוגעהויבען די שריפה האט ער אליין געהייסען לעשען, און האט זיך געהאלטען איין עצה מיט זיינע הויפטלייט ווי אזוי זאל ער זיך בעגעהן מיט'ן יודישען היילינגטהום. ווי עס שיינט, האט טיטוס אליין, צו ליעב דער פרינצעסין ברניצה, ניט געוואלט אנריהרען דעם בית המקדש; אויסער דעם האט איהם אויך אבגעראטהען דערפון אלכסנדר טיבעריוס, האטשי ער האט שוין לאנג אוועקגעווארפען דעם יודישען גלויבען. דערווייל זענען אבער, דעם צעהנטען אב, די יודען אנגעפאלען אויף די ראמער, און ווען עס איז געווארען א גרויס געטומעל, האט געכאפט איינער פון די ראמישע סאלדאטען א ברענענדיג שטיק האלץ און האט אריינגעווארפען אין הויף פונ'ם בית המקדש, און דאס פייער האט פון אלע זייטען ארומגעכאפט דעם האלצערנעם משכן. א שרעקליכע מלחמה האט זיך אנגעהויבען אויפ'ן פלאץ פון דער שריפה, טויזענדער יודען האבען זיך געווארפען אין פייער. דאס געשריי איז געגאנגען ביז דעם זיבעטען הימעל. מען האט אפילו ניט געקאנט הערען טיטוס'ס בעפעהל, ווען

ער האט געהייסען לעשען: דאס ראמישע חיל איז שוין געוועהן אזוי צוברייצט, אז עס האט ניט געקוקט אויף קיינעם און האט נאר אהן בהמות אויסגעהרגעט אומשולדיגע ווייבער און קינדער, וואס האבען זיך ניט געמישט אין קיין זאך, און האבען נאר געהאפט אז פונקט אין דר לעצטער מינוט וועט געשעהן עפיס א נס און די ישועה וועט קומען.

אזוי איז דער בית שני חרב געווארען פונקט אין דעם איינענעם טאג וואס דער בית ראשון. די כהנים האט טיטוס געהייסען אומברענגען, עס זאל ניט בלייבען קיין זכר פון דעם יודישען נאטעסדיענסט. נאר פון דעסטוועגען האבען זיך נאך א קליינע טהייל געהאלטען אין דער אייבערשטער שטאדט „ציון", וואס איז נאך געוועהן גוט בעפעסטיגט. טיטוס האט פארגעלעגט די יודען זיי זאלען זיך אונטערגעבען, נאר די פארשטעהער יוחנן און שמעון האבען געאנטפערט, אז זיי האבען געשווארען די כלי זיין ניט ארויסצולאזען פון די האנד, און דאריבער קאנען זיי איבערגעבען די אייבערשטע שטאדט נאר מיט דעם תנאי מען זאל זיי לאזען פריי און בעוואפענט אוועקגעהן. דארויף האט טיטוס ניט געוואלט בעשטעהן, און די יודען האבען זיך אויף זיין יושר ניט געקאנט פערלאזען: עס האט זיך ווייטער אנגעהויבען א מלחמה וואס האט זיך געצויגען צוואנציג טאג, די יודען זענען שוין געוועהן שטארק אבגעשוואכט דערצו האבען זיי נאך געמוזט האבען צו טהון מיט די אדומים, וואס האבען מעהר געצויגען צו די רוימער. עס איז געקומען דערצו, אז די יודען האבען זיך נאר געמוזט אינוועניג בעווארענען געגען זייערע פריהעריגע נוטע פריינד און בעשיצער. פיעל פון די אדומים האבען זיי געטויטעט, און די איבריגע פערשלאסען אין תפיסה, און אזוי האבען זיי זיך געשלאגען ביז דער לעצטער רגע, ביז טיטוס האט דעם אכטען אלול, איינגענומען אויך די אייבערשטע שטאדט.

טיטוס האט געהייסען צושטערן כמעט גאנץ ירושלים, וואס האט איהם געקאסט אזוי פיעל מיה און צוגענומען דאס לעבען ביי מעהר פון א מיליאן מענשען. קיין גאנץ שטיינדעל האט דער שונא ניט איבערגעלאזט. און איינציגע מיט'ן לעצטען הייזעל וואס די ראמישע סאלדאטען האבען צובראכען, איז אומגעפאלען דער גרויסער בנין פון דער יודישער זעלבסטשטאנדיגקייט... אש איז געווארען פון דער הייליגער שטאדט. ציון איז געבליבען א ביטערע אלמנה... מיט א צובראכען הארץ האט זי געזעהן ווי איהרע עלענדע קינדער ווערען צוואיעט און צושפרייט אויף דער וועלט. און זי האט זיי מעהר ניט געקאנט העלפען ווי מיט טרעהרען; ווייל קיין איינציגער שיין פון האפנונג האט זיך ניט ארויסגעוויזען, און עס איז שוין מעהר קיין נביא ניט געוועהן וואס זאל היילען די וואונדען מיט א זיס ווארט פון נחמה

רעגיסטער

פערצייכניש פון אלע נאהמען וועלכע קומען פאר אין דעם ערשטען באנד.

א

אבדן . 123
אבטליון . 176 , 183
אבים . 46
אבימלך בן ירבעל . 45
אבינדב . 28
אבי־נרגל . 223
אבישי . 27 , 37 , 39
אביתר 27 , 31 , 33 , 34 , 37 , 41 , 63
אבל . 39
אבלי ציון . 83 , 92
אבנר . 24 , 30 , 31
אברהם . 8
אבשלום 36 , 37 , 38
אבשלום אריסתובולס פעטער . 175
אבשלום בן יוחנן . 161
אגג . 25
אגריפא בן אגריפא (דער צווייטער)
. 218 , 225 , 244 , 251
אגריפא (דער ערשטער) . 208 , 214 , 215
אגריפינא . 223
אדאנים . 15 , 249 , 251 , 256

אדום . 43 , 51 , 52 , 55 , 79
אדומים . 15 , 56 , 57 , 62 , 82 , 92
95 . 117 . 133 . 156
אדוניהו . 39 . 40 . 41
אדונירם . 41 . 45
אדיאבענע . 223
אדירא . 145
אדרא 157
אדרמלך . 68
אדרסא .138
אהרימאן .107
אהרן .8 .17
אויגוסטוס .192
אוילוס גאביניוס .176
אויל־מרודך .87
אומידיוס קוואדראטוס .223
אולם הגדול .42
אופיר .43
אוריאל (מלאך) .107
אוריה בן שמעיה .75
אוריה החתי .35
אזאטעס (עטארט) .190

אָזִירִים 8.
אַחְאָב 47. 48. 49. 50.
אָחָב 79.
אָחָז בֶּן יוֹתָם 61. 62.
אָחוּם, אָדֶער אַרְטַרְקְסַרְקְס דֶער דְרִיטֶער 108.
אֲחַזְיָה 50. 52.
אֲחִיָּה הַשִּׁלוֹנִי 43.
אֲחִיטוּב 22.
אֲחִיקָם בֶּן שָׁפָן הַסּוֹפֵר 75. 78.
אֲחִיתוֹפֶל הַגִּלוֹנִי 33. 36. 37. 38.
אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ 94.
אַטַאלוּם 120. 142.
אַטַאלְיָען 116.
אֶטְהָא 251.
אַטְרַבַּאנְגֶעם 202.
אִיּוֹב 90.
אִיזַאטֶעם בֶּן מוֹנְבּוּז 223.
אִיזֶבֶל 47. 48. 52. 53.
אִיזִידָארוּס 211.
אִיזִים 8.
אֵייאַדָאם 211.
אֵילַת 57.
אֵילַת 62.
אֵיימַאנוּם 227. 228.
אֵיימֶענָם 120.
אִינְדְיָען 43. 57
אֵייֶערְגֶעטֶעם דֶער צְוֵוייטֶער, אָדֶער פְּטַאלְאֶמֶעאוּם פִּיסְקָאן דֶער זִיבֶּענְטֶער 147. 149. 150.
אֵייפָּאלֶעמוּס בֶּן יוֹחָנָן 139.
אִישׁ־בֹּשֶׁת 30. 31.
אָכִישׁ 28. 29.
אַלְבִּינוּם 230.
אֵלָה 46.
אַלוּלֵי 63.
אַלִיאַטֶעם 73.
אֶלְיָאנִי כֹּהֵן 219
אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי 48. 49. 50. 51.
אַלִיטִירַאם 241.
אֱלִיעֶזֶר 127. 177.
אֱלִיעֶזֶר בֶּן דִּינַי 726.
אֱלִיעֶזֶר בֶּן חֲנַנְיָה 234. 239. 241
אֱלִיעֶזֶר בֶּן יָאִיר 236. 248.
אֱלִיעֶזֶר בֶּן מַתִּתְיָהוּ 129.
אֱלִיעֶזֶר בֶּן פּארַה 161.
אֱלִיעֶזֶר בֶּן שִׁמְעוֹן 239. 248. 251
אֱלִיעֶזֶר כֹּהֵן 203.
אֶלְיָקִים 66.
אֶלְיָקִים בֶּן יֹאשִׁיָּהוּ אָדֶער יְהוֹיָקִים 74.
אֶלְיָשִׁב 94.
אֱלִישָׁע בֶּן שָׁפָט 50. 51. 52. 53. 55.
אַלֶכְּסַנְדֶר 226.
אַלֶכְּסַנְדֶר בֶּן אַרִיסְטוֹבוּל 171. 175.
אַלֶכְּסַנְדֶר בֶּן הוֹרְדוּס 195.
אַלֶכְּסַנְדֶר בֶּן יוֹחָנָן 157. 162.
אַלֶכְּסַנְדְרָא בַּת הוֹרְקָנוּס 171. 186. 187. 191.
אַלֶכְּסַנְדֶר וֶעבִּינַא 156.
אַלֶכְּסַנְדֶר לִיזִימַאכוּס 207. 209.
אַלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדוֹן, אָדֶער דֶער גְרוֹיסֶער 109.
אַלֶכְּסַנְדְרִיאָן 165. 170. 188.
אַלֶכְּסַנְדְרִיָען 111. 125. 146.
אַלְעָזָר 82.
אַלֶעקְסַאם 193.

אֱלִישָׁע 139.
אֶלְקִימוֹ 137. 139.
אֶלְקָנָה 21.
אָמוֹן בֶּן מְנַשֶּׁה 69.
אָמוֹס 132.
אֱמוֹרִים 12. 41.
אַמְנוֹן 36.
אֲמָסִים 85.
אֲמַצְיָה 54. 55.
אֲמַצְיָה (כֹּהֵן פוּן בַּעַל) 57. 58.
אַנְדְרָאמַאכוּס 110. 192.
אַנְדְרַאן 211.
אַנְדְרָאנִיקוּס 123.
אַנְדְרָאנִיקוּס בֶּן מְשֻׁלָּם 149.
אַנְטְאנַאס 182.
אַנְטָאנְיָא 192. 253.
אַנְטָאנְיָא 207. 209.
אַנְטְהֶעדְרָאן (שְׁטָאדְט) 216.
אַנְטְיָאכוּס 114.
אַנְטְיָאכוּס אֶיפִּאטָאר דֶער פִינְפְטֶער 135.
אַנְטְיָאכוּס דֶער פִינְפְטֶער 144.
אַנְטְיָאכוּס סִידֶעטֶעס 152. 154. 155.
אַנְטְיָאכוּס עֶפִּיפַאנֶעס 117. 120. 121.
אַנְטְיָאכוּס קֶאנִיג פוּן קַאמַאזִשֶׁען 217.
אַנְטְיָאכְיֶען 111. 221.
אַנְטִיגְנוּס 110.
אַנְטִיגְנוּס בֶּן אַרִיסְטוֹבוּל 175.
אַנְטִיגְנוּס בֶּן יוֹחָנָן 157. 159. 162.
אַנְטִיגְנוּס (תַּנָּא) 111.
אַנְטִיפַּאטָאר (הוֹרְדוֹס פָאטֶער) 171.
אַנְטִיפַּאטָאר בֶּן הוֹרְדוֹס 195.
אַנְטִיפַּאטָאר בֶּן יַאזָאן 152.
אַנְטִיפַּס בֶּן הוֹרְדוֹס 197. 199. 203. 205.
אַנְיָאן 147.
אַנְיָאס 172.
אַנְיָאס בֶּן שִׁמְעוֹן 112.
אַנְיָאס דֶער דְרִיטֶער (כֹּהֵן גָּדוֹל) 118 121 147
אַנְיָאס דֶער עֶרְשְׁטֶער (כֹּהֵן גָּדוֹל) 111.
אַנְיָאס־טֶעמְפֶּעל 147.
אַנִילַי 221.
אַנְשֵׁי גִּבְעוֹן 9.
אָסָא 46.
אַסְטְיַאגֶעס 89.
אִסִּיִים (אֶסֶעער) 158. 160.
אַסִינַי 221.
אָסָף 22.
אֵסַר־חַדּוֹן 69.
אַפָּאלָאנִיוּס 119. 126. 130.
אַפָּאלָאנִיוּס מֶעלָא 210.
אִפְתַּטָא 248.
אַפְּיַאן 211.
אַפֶּעלְלֶעס 129.
אֶפְרַיִם (שֵׁבֶט) 10. 12. 13. 14. 20.
אָקְטַאוְויֶען 182.
אַקְרַא 116. 125. 126. 135. 141. 143.
151 .152
אַקְרַאבַּאטִינֶע 1.3
אַרַאבְּיֶען 57.
אַרַאדוּס 130.
אַרְזַאצֶעס 130.
אַרְטַאבָאן דֶער צְווַייטֶער 221.
אַרְטַאקְסַאס 130.
אַרְטַחְקְסֶרְקְס 96. 103.
אַרְטַחְקְסֶרְקְס דֶר דְרִיטֶער אָדֶער אָחוֹס 108.

אַרְטַחְשַׁסְתְּא דֶער צְווייטֶער, אָדֶער מְנֶעמאָן 108.
אַרִיסְתּוֹבּוּל בֶּן אַלֶכְּסַנְדֶר־יַנַּאי 169. 170.
אַרִיסְתּוֹבּוּל בֶּן אַרִיסְתּוֹבּוּל 209. 219.
אַרִיסְתּוֹבּוּל בֶּן הוֹרְדוֹס 195.
אַרִיסְתּוֹבּוּל בֶּן יוֹחָנָן 157. 162.
אֶרֶךְ 95.
אַרְכֶּעלוֹס בֶּן הוֹרְדוֹס 199. 203.
אַרְכֶּעלוֹס קַאפַּאדִיצִישֶׁער קֶענִיג 195.
אֲרָם 47. 50. 54. 55. 57. 59. 61. 62. 74. 76. 81.
אַרְמוּזַר 107.
אֲרַמִים 84.
אַרְמֶענִיֶען 130. 134. 170.
אַרְנוֹן 54.
אַרְטֶעמַאס 172. 202. 221.
אֶרֶץ הַגָּלִיל 41.
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל 13.
אַשְׁדּוֹד 18. 65. 143.
אַשּׁוּר 59. 60. 61. 62. 63. 65. 70. 73.
אַשְׁטַארְטֶע (אַשְׁתּוֹרֶת) 15.
אַשְׁמְדָאַי (שֵׁד) 107.
אָשֵׁר (שֵׁבֶט) 10. 11. 62.
אַתּוּנָא (שְׁטָאדְט) 222.
אֶתְבַּעַל 47.
אֶתְבַּעַל דֶער צְווייטֶער 76
אִתַּי הַגִּתִּי 37.
אַתְנָיָאן 112.

ב

בַּאלַאס אַלֶכְּסַנְדֶר 142. 143.
בַּאנוּס 241.
בַּאסוּס 212.
בַּאקְכָאַרִים 61.
בַּאקְכִידֶעס 137. 140. 141. 142.
בַּארְדוּס 230.
בַּארְזַאפְּהַארְקֶעס 182.
בְּאֵר־שֶׁבַע 34.
בָּבֶל 67. 73. 7›. 78. 79. 83. 88. 87. 89.
בַּגוֹעַס 108.
בְּתֶעאָבַאטוּס 138.
בּוֹעַז 97.
בֶּזֶתָה 217. 253.
בַּתְּרִים 38.
בִּידָה 99. 159. 192.
בֵּית אַנְלָא 149.
בֵּית אֵל 46. 57. 69. 72.
בֵּית דָּוִד 30.
בֵּית הַגִּבּוֹרִים 31.
בֵּית הוּמָה 165.
בֵּית הִלֵּל 189. 201.
בֵּית זְכַרְיָה 185.
בֵּית חָרָן 130. 138.
בֵּית יְהוּדָה 45.
בֵּית יִשְׂרָאֵל 45.
בֵּית לֶחֶם 26. 32.
בֵּית סוּר 132. 135. 143. 151.
בֵּית שָׁאוּל 30.
בֵּית שַׁמַּאי 190. 201.
בֵּית שֶׁמֶשׁ 55.
בֵּית שְׁאָן 28. 144. 153. 175. 230.
בֵּיתוּס 159.
בֶּן הֲדַד 47.
בֶּן הֲדַד דֶער דְרִיטֶער 54.

בֶּן הֲדַד דֶער צְווייטֶער 50. 52.
בֶּן־טָבְאֵל 62.
בְּנֵי בָּבָא 191.
בְּנֵי בְּתֵירָא 185.
בְּנָיָהוּ בֶּן יְהוֹיָדָע 33. 37. 41
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל 7. 8. 9.
בִּנְיָמִין 11. 12. 13. 20. 23. 30. 43.
45. 64. 92.
בְּנֵי עָמְרִי 141.
בֹּעַז (אַ נָייל) 42.
בַּעַל 15. 47. 85.
בַּעַל זְבוּב 51.
בְּעָלִים 82.
בֶּערִיטְהוּס (שְׁטָאדְט) 106.
בֶּערֶענִיצֶע 195.
בֶּערֶענִיצֶע בַּת אַגְרִיפַּא 216. 22
בֶּערֶענִיצֶע בַּת סַלְמָה 207. 209
בַּעְשָׁא 46.
בַּקְבִידְעם 137. 140. 141. 142.
בָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּה 76. 77, 84. 83.
בָּרָק 16.
בָּשָׁן 16. 15. 133.
בַּת שֶׁבַע 35. 36. 40.
בַּת שֶׁבַע (שְׁטָאדְט) 49.

ג

גַאלַאיסְטֶעס 170.
גַאלְבָּא 150.
גַאלִילֶעא (גָלִיל) 41. 134. 144. 199. 210.
227.
גַארְנִיאַס 131.
גֶבַע 24. 25.
גִּבְעָה 23.
גִּבְעוֹן 39. 81.
גִּבְעוֹנִים 11. 26. 34. 66.
גְּבָעוֹת 239.
גִּבְעַת שָׁאוּל 34.
גַּבָּרָה 243. 246
גַּבְרִיאֵל (מַלְאָךְ) 207.
גַּבְּתָה 170.
גָּד 27. 81.
גָּד (נָבִיא) 37.
גָּד (שֵׁבֶט) 12. 13. 17. 23.
גְּדַלְיָהוּ 87.
גְּדַלְיָהוּ בֶּן אֲחִיקָם 83. 84.
גִּדְעוֹן 16.
גַּדָרָה 175. 191.
גוּמֶענִיוּס בֶּן אַנְטִיאָבוּם 152.
גַּזָה (שְׁטָאדְט) 226.
גַּזְבַת 151. 176.
גִּיזְחַלָה (הִיסְקַאלַא) 240. 246.
גִּיחוֹן 40.
גְלַאפְהִירַא 195. 203.
גִּלְבּוֹעַ 28. 80.
גִּלְגָל 12. 13. 24. 30. 57.
גָלְיָת 26.
גִּלְעָד 38. 133.
גַּמָלָה 240. 246.
גַּמְלִיאֵל דֶער אֶלְטֶערֶער 216.
גֶעמֶעללוּם 192.
גֶעסִיוּס פְלָארוּס 231.
גֶערְמַאנִיקוּס קַאיוּס קַאלִיגוּלַא 208. 213
214. 215.
גְרַאטוּס 201. 205

גְראפְּטא .224

גְרִזִים .10 .103

גְרִיכֶען .111 117 .156

גְרִיכֶענְלַאנְד .117

גְרִיפּוּס דֶער אַכְטֶער .156

גְשׁוּר .36

גִשָׁן .8

גַת .23 .28 .32

ד

דַאזִיטְהֶעאוּם .146

דַאזִיטְהֶעאַם .179

דָאן .70

דַארַא (שְׁטָאדְט) .153 .216

דַארִים .195

דְבוֹרָה .16

דַבְּרִיטַה (שְׁטָאדְט) .242

דָגוֹן 153

דָוִד הַמֶלֶךְ .26 .27 .29 .30 .31 32 .33 .34
.35 .36 .37 .38 .39 .40

דְיָאגֶענֶעס .165 .169

דְיָאדַאט טְרִיפוֹן .144 .151 .153

דִיאָן .175

דְיוּגְנוּס .164

דְמִיטְרִיוּס אֵייקֶערוּס .165

דְמִיטְרִיוּס בֶּן אַנְטִיגְנוּס .110

דְמִיטְרִיוּס בֶּן צַנְטְיָאכוּס .120 .137

דְמִיטְרִיוּס נִיקַאטָאר דֶער צְווייטֶער .143
.151 .152

דַמֶשֶׂק .34 .44 .57 .62 .144 .173

דָן (שֵׁבֶט) .12

דָן (שְׁטָאדְט) .34 .46

דָנִיֵאל .131

דָנִיֵאל (סֵפֶר) .131

דֶער בְּרִיף פוּן אַרִיסְטֶעאַס .222

דְרוּזוּס .208

דְרוּזִילַא בַּת אַגְרִיפַּא .216 .225

דָרְיָוֶשׁ .93

ה

הַאנִיבַּאל .117

הֲדַד .43

הֲדַדְעֶזֶר .43

הוּרַאדְיוּס .192 .198

הוּרְדוּס בֶּן אַנְטִיפַּאטָאר .180 .181 .182 .198

הוּרְדוּס בֶּן הוּרְדוּס .197 .215 .217 .219

הוּרְקַאנְיָאן .153 .170 .187

הוּרְקָנוּס .115 .121

הוּרְקָנוּס בֶּן אַלֶכְּסַנְדֶר יַנַאי .166 .170 .181
.182

הוֹשֵׁעַ בֶּן אֵלָה .63

הוֹשֵׁעַ בֶּן בְּאֵרִי .58

הוֹשֵׁעַ דֶער צְווייטֶער .60 .63

הוֹשֵׁעַ (סֵפֶר) 106

הֵיכַל .42

הִילְנִי (הֶעלֶענַא) .223

הֵימָן .22

הִיפָּאס .175 .191

הִלֵל .188

הֶעלַיאדָאר .119 .120

הֶעלִיפָּאלִים .147

הֶעלֶענַא (הִילְנִי) .223

הֶעלֶענִיסְטֶען .118 .122 .136 .140 .142
.143 .151

העבראדיאם 207. 210.
העבראקלעס 132.
הר אפרים 10.
הר גרזים 103.
הר הזיתים 64.

וואלגא 70.
וואלעריוס גראטוס 204.
ווארוס (קווינטילוס) 197. 231.
וויביוס מארזוס 217.
וויטעליוס (קאיזער) 251.
וויטעליוס 206. 207. 216.
וועספאזיאן 244.

זבולון (שבט) 10. 11. 52.
זכריה בן יברכיהו 60. 61.
זכריה הנביא 93.
זכריה (ספר) 106.
זכריהו בן יהוידע 54.
זכריהו בן ירבעם השני 53.
זמרי 46. 56.
זרבבל בן שאלתיאל 91. 93. 94.

ח

חאלדעאישע שפראכע 68.
חארעמאן 210.
חארעס 246.
חבקוק 75. 76.
חבקוק (ספר) 106
חברון 22. 29. 30. 31. 37. 95.
חגי הנביא 93.
חגי (ספר) 106
חגירא 253.
חולדה הנביאה 70. 72.
חורב 49.
חושי הארכי 38.
חזאל 52. 54.
חזקיה 180.
חזקיהו בן אחז 64. 66. 67.
חירם 32. 41. 89.
חכמת שלמה 217. 222.
חלקיהו בן אניאם 157. 163.
חלקיהו בן משולם 71. 72.
חלקים 215.
חמת 57.
חנה 20.
חנכה 138.
חננאל 185.
חנניה 98. 131.
חנניה 223.
חנניה בן אניאם 157.
חנניה בן נבדי כהן 219. 235.
חסידים 118.
חספה (שטאדט) 181.
חפני 18,
חפרע 80. 85.
חצור 11.
חרן 130.
חשבון 118. 121.
חשמונאים 129. 140. 142.
חתים 41. 54.

ט

טאריכעא 246.
טבריה (שטאדט) 160. 205. 240. 243. 246.
טהעאדאזיוס 149.
טהעאודאס 219.
טהעאופיליוס כהן 216.
טהעסאלאניען (שטאדט) 222.
טוביה 95. 97. 101.
טוביה 112.
טיבעריוס 204.
טיבעריוס אלכסנדר 213. 219. 236 251 252
טיגראנעס 170.
טיגרים (טייך) 222.
טיטוס 244. 251. 252. 253. 256.
טיטוס אמפיוס באלבוס 179.
טימאטעאוס 133.
טריפון 211.

י

יאיר הגלעדי 16.
יאזאן בן אליעזר 139.
יאטאפא 217.
יאפתא 245.
יאשיה בן אמון 70. 71. 73. 74.
יבוסים 11. 14. 21. 31. 37 41.
יבין 11.
יביש גלעד 25. 28.
ידוע הכהן 109.
ידותון 22.
יהוא 52. 54.
יהואחז 64.
יהואחז אדער שלם בן יאשיהו 74.
יהודה 200.
יהודה 142.
יהודה (שבט) 11. 14. 21. 26. 31. 30. 3.
45. 63. 92. 95.
יהודה (מלוכה) 29. 47. 49. 50. 54. 55. 6.
61. 63. 64. 65. 199.
יהודה בן מתתיהו 129. 139.
יהודה בן טבאי 161. 169.
יהודה אריסתובול 156.
יהודה בן חזקיהו דער גאלילעער 202.
יהודה בן שריפי 197.
יהודה בן שמעון 151.
יהוידע 53. 54.
יהוידע הכהן 101. 103.
יהויכין אדער יכניהו – כניהו 77. 78. 7.
יהויקים אדער אליקים בן יאשיהו 74. 6.
יהויקים בן יהושע 94.
יהונדב 53.
יהונתן 24. 34.
יהונתן הסופר 80.
יהורם 50. 51. 52.
יהושבע 53.
יהושע (ספר) 88. 106.
יהושע בן גמלה 249.
יהושע בן גמליאל כהן 231.
יהושע בן דמאי כהן 231.
יהושע בן יהוידע 103.
יהושע בן ספפיא 240. 241. 242. 243.
יהושע בן יהוצדק 89. 91. 93. 94.
יהושע בן נון 9. 10. 11. 13. 14. 15. 16.

יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה 159.
יְהוֹשֻׁעַ בֶּן שֶׁטַח 169.
יְהוֹשֻׁעַ בֶּן שָׁפָט 246.
יְהוֹשֻׁעַ הַכֹּהֵן, אָדֶער יַאזָאן 118. 121. 122.
יְהוֹשֻׁעַ, כֹּהֵן 193. 203.
יְהוֹשֻׁעַ סִירֶת 119.
יְהוֹשָׁפָט 47. 49. 50. 51. 52.
יוֹאָב 27. 29. 30. 31. 33. 35. 36. 37. 38. 39. 41.
יוֹאֵל בֶּן פְּתוּאֵל 57. 58.
יוֹאֵל (סֵפֶר) 106.
יוֹאָשׁ בֶּן אֲחַזְיָה 53. 54.
יוֹאָשׁ בֶּן יְהוֹאָחָז 54. 55.
יוֹחָנָן 249. 256.
יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי 226. 230.
יוֹחָנָן בֶּן יְהוֹיָדָע 108.
יוֹחָנָן בֶּן לֵוִי 240. 242. 247. 249. 251. 255.
יוֹחָנָן בֶּן מַתִּתְיָהוּ 129. 141.
יוֹחָנָן בֶּן קָרֵחַ 82. 83. 84.
יוֹחָנָן הוֹרְקָנוֹס 150. 151. 152. 154. 155. 158.
יוֹכֶבֶד 8.
יוּלְיוּס (שְׁטָאדְט) 205.
יוּלְיוּס אַלֶכְּסַנְדֶר 209.
יוּלְיוּס אַנְטָאנְיוּס 194.
יוּלְיוּס אַרְכֶעלוּס בֶּן חִלְקִיָּהוּ 216.
יוּלְיוּס צֶעזַאר 177.
יוֹנָה בֶּן אֲמִתַּי 55.
יוֹנָה (סֵפֶר) 106.
יוֹנָתָן 161.
יוֹנָתָן 229.
יוֹנָתָן בֶּן מַתִּתְיָהוּ 129. 134. 140. 141. 142. 143. 145.
יוּסְטוּס בֶּן פִּיסְטוּס 240. 241.
יוֹסֵי בֶּן יוֹחָנָן 118. 137.
יוֹסֵי בֶּן יוֹעֶזֶר 118.
יוֹסֵף 8. 10.
יוֹסֵף (שֵׁבֶט) 10.
יוֹסֵף בֶּן גוֹרְיוֹן 239.
יוֹסֵף פוּן גַּמְלָה 246.
יוֹסֵף בֶּן טוֹבִיָּה 112.
יוֹסֵף חִיפַס (כֵּיפָא) 205. 208.
יוֹסֵף קַמִּית (כֹּהֵן) 219.
יוֹסֵף בֶּן מַתִּתְיָהוּ (יָאזֶעפוּס פְלַאוִויוּס) 239. 241. 242. 245. 252.
יוֹעֶזֶר 242.
יוֹעֶזֶר בֶּן שִׁמְעוֹן כֹּהֵן 197. 203. 204.
יוֹתָם 59. 61.
יוֹתַפָּתָא 244. 245.
יִזְרְעֶאל 11. 48. 52. 73.
יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא 75. 79. 87.
יְחֶזְקֵאל (סֵפֶר) 106.
יָבִין (אַ זַייל) 42.
יַם הַנְּחֹשֶׁת 42.
יַם סוּף 9. 57.
יַעֲקֹב 8. 249.
יַעֲקֹב בֶּן יְהוּדָה 219.
יַעֲקֹב בַּר שׁוּשָׁא 251.
יָפוֹ 110. 152. 246.
יִפְתָּח 16. 17. 23.
יִצְחָק 8.
יָרָבְעָם בֶּן נְבָט 43. 44. 45. 46. 47.
יָרָבְעָם דֶער צְווייטֶער 55. 57.

יבנה 9. 12. 13. 16. 8..
ירושלים 22. 31. 32. 33. 35. 37. 38. 42. 45. 46. 51. 55. 57. 65. 73. 78. 82. 110. 125. 143. 176. 247.
יריחו 12. 38. 57. 176.
ירמיהו בן חלקיהו הכהן 71. 72. 74. 75. 76. 78. 79. 82. 83. 84. 85.
ירמיה (ספר) 106.
ישבעם 82.
ישי 26.
ישמעאל בן נתניה 82. 83. 84.
ישעיהו בן אמוץ 60. 61. 64. 65. 66. 67.
ישעיה (ספר) 106.
ישראל 3. 17.
ישראל (מלוכה) 46. 47 50. 63.
יששכר (שבט) 10. 11.

כ

כהנים 13. 15. 86.
כורש 89. 91.
כוש 61.
כותים 69. 82.
כזיב 182.
כמוש 52.
כמכיים 93.
כנסת הגדולה 100.
כנען 7. 9. 10. 13. 14.
כנענים 11. 15. 86.
כרכמיש 76.
כרמל 48. 49. 51.
כרעסטוס 221.
כרתי 34. 37.
כתב אשור 105.

ל

לאאדריצעא 187.
לאמפא 112.
לאנגינוס (קאיוס קאסיוס) 218.
לבנון 11. 73.
לוד 73. 89.
לוי (שבט) 8. 12. 46. 64.
לוים 12. 13. 15. 17. 19. 20.
לוציאוס אנטאניוס 179.
לחם הפנים 42.
לידה (שטאדט) 179. 181.
לידיען (לוד) 73. 89.
ליוויא 203.
ליזיאס 130. 135. 136.
ליזימאכוס 110.
ליזימאכוס בן יוסף 118. 123.
ליציניוס מוציאנוס 244. 251.
לכיש 56. 57.
לענטולוס 178.
לעניים 124.
לעפידוס 182.
לשון ארמי 58.

מאכערוס 165. 170.
מאנאבאז (מונבז) 223.
מאנאבאז דער צווייטער 224. 236.
מאקאוועער (מכבים) 228.
מאקאוועער דריטעס בוך 213.
מארק אנטאניוס 207.

מַארְקוּס אַגְרִיפַּא 194.
מַארְקוּס בֶּן אַלֶכְּסַנְדֶר הַנָּשִׂיא 216.
מַארְקוּס טִיטִיוּס 194.
מְגַבִּיזוּס 97.
מְגִדּוֹ 52. 78.
מְגִלַּת אֶסְתֵּר 131.
מְגַסֵּר 253.
מֶדְבָה 118. 141. 156.
מִדְבָּר 9.
מָדַי 70. 89. 136.
מִדְיָן 128.
מִדְרָשׁ 105.
מוֹאָב 51. 54. 55. 79. 93.
מוֹאָבִים 15. 24. 47.
מוֹרִיָּה 31. 37. 41. 103.
מִזְבַּח הַקְּטוֹרֶת 42.
מַחֲנַיִם 30. 38.
מִיטֶעל־לֶאנְדִישֶׁער יָם 7.
מִיטְרִידַאטֶעס 222.
מִיכָאֵל (מַלְאָךְ) 107.
מִיכָה (סֵפֶר) 106.
מִיכָה הַמּוֹרַשְׁתִּי 60. 69.
מִיכָיְהוּ בֶּן גְמַרְיָהוּ 77.
מִיכָיְהוּ בֶּן יִמְלָא 50.
מִיכַל 27. 30. 32.
מִילִיטַא 68.
מִישָׁאֵל 131.
מֵישַׁע 51. 54.
מַכַּבִּים (מַאקַאוֶועֶר) 123.
מִכְמָשׂ 24. 25. 142.
מַלְאָכִי הַנָּבִיא 101.
מַלְאָכִי (סֵפֶר) 106.
מַלְטְהַאקֶע 199.
מֵלִיךְ 182.
מוֹלֶךְ 68. 75.
מַלְכוּת מוּקְדוֹן 109.
מַלְכֵי אַשּׁוּרִי 9.
מְלָכִים (סֵפֶר) 88. 106.
מַלְכִּי שׁוּעַ 28.
מְנַחֵם 190.
מְנַחֵם 236.
מְנַחֵם בֶּן גָּדִי 59.
מֶנֶעמָאן (אָדֶער אַרְתַּרְקְסֶרְקְס דֶער צְוֵויי־טֶער 108.
מְנַשֶּׁה 101. 103.
מְנַשֶּׁה בֶּן חִזְקִיָּהוּ 68. 69.
מְנַשֶּׁה (שֵׁבֶט) 10. 13. 17. 23.
מְסָדָה 183. 236. 248.
מֶעטִילְיוּס 234. 236.
מַעֲכָה 53.
מֶענֶעלַאוּס בֶּן יוֹסֵף 118. 122. 123. 136.
מֶעסַאפָּאטַאמְיֶען 168.
מֶעסֶענָא 223.
מִצְפָּה 22. 83. 131.
מִצְרַיִם 8. 9. 10. 41. 43. 54. 59. 61. 63.
65. 70. 73. 74. 75. 77. 78. 82.
83. 85. 89. 146.
מְפִיבֹשֶׁת 28. 34.
מֵרַב 182. 186.
מְרִיבַּעַל 69.
מְרוֹדַךְ בַּלְאֲדָן 67.
מֵרוֹם 11.
מִרְיָם 182. 186. 187. 191.
מִרְיָם 255.

מִרְיָם בַּת אַגְרִיפַּא [illegible]
מִרְיָם בַּת שִׁמְעוֹן הַכֹּהֵן [illegible]
מַרִיסָא 157.
מַרְתָּא 231.
מֹשֶׁה (רַבֵּינוּ) 8. 9. 12. 13.
מְשׁוּלָּם בֶּן בֶּרֶכְיָה 95.
מִשְׁנֵה תּוֹרָה 71.
מַתְיָה 200.
מַתְיָה בֶּן טְהֶעאָפִיל 197. 231. 248. 250.
154.
מַתְיָה בֶּן מַרְגָּלֶת 179.
מַתָּן 53.
מַתַּנְיָהוּ, אָדֶער צִדְקִיָּהוּ בֶּן יֹאשִׁיָּהוּ 74. 78.
מַתִּתְיָהוּ 138.
מַתִּתְיָהוּ 241.
מַתִּתְיָהוּ בֶּן יוֹחָנָן 129.
מַתִּתְיָהוּ בֶּן שִׁמְעוֹן 151.

נ

נַארְבַּאנוּס פְלַאקוּס 194.
נֹב 22. 27.
נְבוּזַרְאֲדָן 82. 85.
נְבוּכַדְנֶצַּר 76. 77. 80. 81. 83. 85.
נְבוֹנֵד 89. 91.
נְבוּפּוֹלַאסָר 73. 75. 76.
נָבוֹת 48. 49.
נְבָט 141.
נְבִיאִים רִאשׁוֹנִים 105.
נְבִיאִים אַחֲרוֹנִים 105.
נָדָב 46.
נְהַרְדֵּעַ 221. 222.
נְהַרְדְּעָא (שְׁטָאדְט) 168.
נוֹף 85.
נָחוּם הַנָּבִיא 75.
נָחוּם (סֵפֶר) 106.
נְחוּשְׁתָּא 77.
נַחַל מִצְרַיִם 14. 34.
נְחֶמְיָה 98. 99. 100. 102.
נִיגֶער 237.
נִיזִיבִּים 222.
נִיי-הֶעבְּרָאִישׁ 158.
נִינְוֵה 63. 70. 75.
נִיקָאלוֹים 192.
נִיקַאנָאר (נִקָנוֹר) הוֹיפְּטמַאן 138.
נִיקַאנָאר פוּן אַלֶכְּסַנְדְּרִיָּען 190. 193.
נִירוֹן 229. 232. 244.
נְכֹה 73. 74. 75. 76.
נַכְסָה 101.
נֶעִיט 75.
נַעֲמָה 41.
נֶערָא (נִירוֹן) 229. 232. 244.
נֶערָאנְיַאס 232.
נַפְתָּלִי (שֵׁבֶט) 10. 11. 62.
נְצִיבִין 168.
נַרְבַּתָּא 232.
נֵרְגַּלְאֶסָר 87. 89.
נְתִינִים 86.
נָתָן הַנָּבִיא 31. 35. 39. 40.

ס

סַאדוּקֶעֶר (צְדוּקִים) 158. 159. 230.
סַאדִינוּס 201. 202.
סַאזִיוּס 183.
סַאטוּרְנִיוּם 204.

סַאִיס 61.
סַאַרְדִינִיֶען 205.
סַאַרְדֶעס 117. 178.
סַבַּי 149.
סַבַּקְת 61.
סוֹאַי 63.
סוֹפְרִים 103. 104.
סְטְרַאבָּא 210.
סִיחוֹן 9.
סִילַם 237.
סִינַי 9.
סִיקַארְיֶער 227. 231. 235. 243. 251.
סִירְיֶען 62. 74. 110.
סְלִימְיוּם 114.
סַלְמָה אַלֶכְּסַנְדְרַא 163. 166. 170.
סַלְמָה הוֹרְדוּס'ס שְׁוֶועסְטֶער 187. 195.
סֶלַע 95. 172.
סַמָאֶל (שֵׁד) 107.
סַמֶגַא 156.
סְמִירְנַא 14?.
סֶמֶךְ 223.
סַנְבַּלַט 95. 97. 103.
סַנְהֶדְרִין 176.
סַנְחֵרִיב 65. 66. 67. 68.
סֶעבַּאסְטַאם (שְׁטָאדְט) 316.
סֶעבַּאסְטֶע 192.
סֶעזְשַׁאן 204.
סֶעלֶעִיצַא (שְׁטָאדְט) 222.
סֶעלִיקוּם 110.
סֶעלִיקוּם דֶער פִּיערְטֶער 117. 120.
סֶעלִיקוּם קַאלִינִיקוּם דֶער צְווייטֶער 112.
סֶעלֶעִיקִידֶען 111. 116.
סֶעפְּטוּאַגִינְטַא 143.
סֶעקְסְטוּס צֶעזַאר 180. 181.
סְפַּפָארִים 176. 202. 243.
סְקָאפַּאס 116.
סְקָארוּס 252.
סְקוֹירוּס 173.
סְקִיפְּעוּ 70.
סַרְמַלַה 183.

ע

עֶבֶד מֶלֶךְ 81.
עֲדוּלָם 32.
עוֹבַדְיָה 48, 49.
עוֹבַדְיָה (סֵפֶר) 106.
עוֹג 9.
עַזָה 14. 34.
עֶזָה 69. 73. 110.
עֻזִיז 225.
עֶזֶעקִיֶעלַאם 217.
עֶזְרָא הַסוֹפֵר 95. 96. 100.
עֲזָרַת גְדוֹלָה 42.
עֲזַרְיָה 131.
עֲזַרְיָה בֶּן צָדוֹק הַכֹּהֵן 42.
עֲזַרְיָה כֹּהֵן גָדוֹל 59.
עֲזַרְיָהוּ עֻזִיָהוּ 56. 57. 59.
עֵיבָל 10.
עִיר דָוִד 31.
עִיר הַסֶלַע 55.
עַכּוֹ 14. 63. 110. 145. 163. 183. 214.
עֵלִי הַכֹּהֵן 17. 18. 20. 27.
עַמּוֹן 41. 79. 82. 84. 94.
עַמּוֹנִים 15. 17. 23. 25. 34. 35. 133.

עָמוֹס הַנָּבִיא 57. 59.

עָמוֹס (סֵפֶר) 106

עָמוֹס (שְׁטָאדְט) 176. 181. 202.

עֲמָלֵקִים 25. 29.

עָמְרִי 46. 47. 51. 52.

עַמְרָם 8.

עֲמָשָׂא 37. 39.

עֲנָוִים 61. 86.

עָנָן 226.

עָנָן בֶּן עָנָן 239.

עָנָן כֹּהֵן 204. 230. 248:

עֲנָתוֹת 71. 80.

עֶפִּיפַאנֶעס בֶּן אַנְטִיָאכוּס 217. 225.

עֶפֶּעזוּס 117. 178. 194.

עֶפִּיקְרַאטֶעס 158.

עֶקְרוֹן 51. 143.

עֲשָׂהאֵל 27.

עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת 88.

עֲתַלְיָה 50. 52. 53.

פ

פַּאדוּס (קוּסְפִּיוּס) 218.

פָּאוִידָאנְיוּס 210.

פַּאלַאס 228.

פָּאלֶעסְמָאן 217. 225.

פַּאלֶעסְטִינַא 7.

פָּאמְפֶּעיוּס 173. 177.

פָּאנְטִיוּס פִּילַאטוּס 205. 206.

פָּאסִידָאנְיוּס 138.

פַּאפֶּעאַ סַאבִּינַא 230. 241.

פַּאקַארוּס 182.

פַּארְזַאלוּס 179.

פַּארְטִיֶען 130. 134. 155. 182.

פְּהַאזֶעלִים (שְׁטָאדְט) 199.

פְּהַארַאם 148.

פְּהַארִיסֶעֶר (פְּרוּשִׁים) 158.

פְּהִילָא (פִּילוֹן הַיְּהוּדִי) 213. 215. 217. 222.

פְּהִילִיפּ בֶּן הוֹרְדוּס 199. 203.

פְּהִיסְקָאן 124.

פְּהְרַארֶעס 195. 196.

פּוּל 59.

פּוּלְוַוא 204.

פַּזָאֵל בֶּן אַנְטִיפַּטֶר 180. 182.

פְּזוּיְנֶעס 41.

פְּטָאלָאמַאיָאס (שְׁטָאדְט) 142.

פְּטָאלָאמַאיָאס מַאקְרָאן 134.

פְּטָאלָאמֶעאוּס 110.

פְּטָאלָאמֶעאוּס בֶּן הַבּוּב 153. 154.

פְּטָאלָאמֶעאוּס אֵייֶערְגֶעטֶעס דֶער דְרִיטֶער 112.

פְּטָאלָאמֶעאוּס לַאטוּרַאס דֶער אַכְטֶער 157. 163.

פְּטָאלָאמֶעאוּס מוֹשֵׁל פוּן הָאֱלֹקִים 178.

פְּטָאלָאמֶעאוּס סָאטֶער דֶער עֶרְסְטֶער אָדֶער לָאגִי 110.

פְּטָאלָאמֶעאוּס עֶפִּיפַאנֶעס דֶער פִינְפְטֶער 115. 124.

פְּטָאלָאמֶעאוּס פִילָאמֶעטֶר דֶער זֶעכְסְטֶער 143.

פְּטָאלָאמֶעאוּס פִילַאפַּאטָאר דֶער פִיעֶר־טֶער 113.

פְּטָאלָאמֶעיר 1'1. 116.

פְּטְרוּם 85.

פִּיאָבִי 193. 226.

פִּיתְהָאלֶעאָס 177.

פִּילָאסְעטָר 124. 147. 149.

פִּילִיפ 116.

פִילִיפוּס 127.

פִילִיפוּס 135. 136.

פִּילִיפִּי (שְׁטָאדְט) 222.

פִּילִיפְּיָאן 178.

פַּלְטִי בֶּן לַיִשׁ 80.

פְּלַאווִיוּס וֶועסְפַּאסִיַאן 244.

פְּלַאקוּס 208. 211.

פְּלִשְׁתִּים 14. 15. 18. 19. 20. 21. 22. 23. 24. 26. 28. 29. 30. 31. 32. 117. 131. 133.

פְּלֶתִי 34. 37.

פְּנוּאֵל 46.

פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר 13. 17.

פִּנְחָס בֶּן עֵלִי 18.

פִּנְחָס בֶּן שְׁמוּאֵל כֹּהֵן 248.

פִּנְחָס 249.

פִּסְמֶטִיךְ 70.

פִּסְמֶטִיךְ דֶער צְווייטֶער 78.

פֶּעלְלַא 175.

פֶּעטְרַאנִיוּס 214. 215.

פֶּעלוּזִיוּם 179.

פֶּעלִיקְס 226. 228. 229.

פֶּעלְלַאדִיַאן 175.

פֶּענִיקִיֶען 7. 14. 15. 23.

פֶּעסְטוּם 230.

פֶּערְנַאמוּס 117. 142. 178.

פֶּערְנָאמוּס 168.

פֶּערְזֶעאוּס 124. 126.

פֶּערֶעאַ 199. 210.

פֶּערֶעאַ 250.

פֶּקַח בֶּן רְמַלְיָהוּ 59. 61. 62.

פְּקַחְיָה 59.

פְּרָאקוּרַאטָאר 203.

פְּרַאָרְטֶעס 70.

פְּרוֹזְבּוּל 189.

פְּרוּשִׁים (פַּהַארִיסֶעֶר) 158.

פְּרָזִים 41.

פְּרִינְיֶען 117. 168.

פְּרָם 89. 136.

פַּרְעֹה 8.

פְּרָת 34. 221.

צ

צָדוֹק 33. 37. 41. 69. 86.

צָדוֹק 159.

צָדוֹק פוּן דִי בֵּית שַׁמַאי 204.

צְדוּקִים (סַאדוּקֶעֶר) 158. 159. 230.

צִדְקִיָהוּ, אָדֶער מַתַּנְיָהוּ 78. 79. 80. 81.

צִדְקִיָהוּ 79.

צוֹבָה 43.

צוֹם גְּדַלְיָה 84. 88.

צוֹר 14. 28. 32. 41. 47. 56. 59. 63. 76. 78, 80, 82.

צִידוֹן 14. 23. 47. 56. 59. 76. 78.

צִיּוֹן 11. 31. 256.

צִיפֶּערְן 158.

צִיצֶערָא 175.

צֶעזַארֶעאַ 192. 203.

צֶעזַארֶעאַ פִילִיפִּי (קֵסָרִיָה) 205. 232.

צֶעסְטִיוּס גַאלוּס 232. 242.

צֶערֶעאַלִיס 245.

צפניה בן מעשיה הכהן 79. 80. 82.
צפניה הנביא 70. 72. 75.
צפניה (ספר) 106
צקלג 28. 29.

ק

קאונקאו 70.
קאטוס קאניג פון קליין ארמעניען 217.
קאיוס קאליגולא גערמאניקוס 208. 213. 214. 215.
קאיוס קאסיוס לאנגינוס 218.
קאלימאנדרוס 158.
קאנטהעראס 226.
קאסטראטעם 122.
קאסיוס לאנגינוס 178. 181.
קאספישער ים 70.
קאפאניוס 204.
קארינטה (שטאדט) 222.
קהלת (ספר) 198.
קווינטילוס וארוס 197. 201.
קוירעניוס 204.
קוליים 124.
קוספיוס פאדוס 218.
קיאקסרים 70. 73. 75.
קיזיקינוס דער ניינטער 156.
קיפראס 208.
קיר חרשת 52.
קירענאיקע 194. 221.
קירעני 85.
קיש 23.
קישון 49.
קלודיוס 215.
קלעאפאטרא 124.
קלעאפאטרא 156. 158. 163. 183.
קמיט 226.
קנבי 236.
קסנדר 110.
קענדעבאיאס 153.
קראסוס 177.
קרחים 22.
קריסטענטוםתוס 206.
קרית יערים 19. 33. 75.
קרתגא 117.

ר

ראדאקאס 135.
ראובן (שבט) 12. 13. 17.
ראמער 117. 120
רבלה 74. 81.
רב חיים 66.
רבשקה 66.
רבת-עמון (שטאדט) 154.
רגבה 165.
רגש 138.
רום 120. 173.
רופוס 201.
רות 97.
רזון בן אלידע 43.
רחבעם 44. 45.
רמה 11. 20. 21. 82. 83.
רמות גלעד 50. 52.
רפיא 114.

רָצִין 61. 62.

רִצְפָּה 30. 34.

ש

שָׁאוּל 23. 24. 25. 26. 27. 28. 29. 33. 34. 35.

שְׁאַלְתִּיאֵל 89.

שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל 63.

שְׁבָא, (מַלְכָּה), 42.

שֶׁבְנָא 56. 66.

שֶׁבְנָא הַלֵּל'ס בְּרוּדֶערס 188.

שֶׁבַע בֶּן בִּכְרִי 39.

שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז 88. 255.

שׁוֹמְרוֹן 46. 53. 54. 56. 57. 59. 61. 62. 63. 84. 110. 158. 175. 191. 199.

שׁוֹמְרוֹנִים 92. 94. 95. 98. 103. 117. 131. 149. 156. 227. 239. 245.

שׁוֹפְטִים 16. 17.

שׁוֹפְטִים (סֵפֶר) 88. 103.

שׁוּשַׁן 98.

שׁוֹשַׁנָּה (סֵפֶר) 167.

שִׁילֹה 13. 17. 18. 20. 21. 33. 84.

שִׁיר הַשִּׁירִים (סֵפֶר) 115.

שִׁישַׁק 43.

שְׁכֶם 10. 31. 44. 45. 46. 84. 104. 156. 165.

שְׁכַנְיָה 96.

שַׁלּוּם בֶּן יָבֵישׁ 53.

שַׁלּוּם בֶּן תִּקְוָה 70.

שַׁלֻּם בֶּן יֹאשִׁיָּהוּ, אָדֶער יְהוֹאָחָז 74.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ 36. 39. 40. 41. 42. 43. 44.

שַׁלְמַנְאֶסֶר 63.

שַׁמַּאי 190.

שַׁמָּה 32.

שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא 19. 20. 21. 22. 24. 25. 26.

שְׁמוּאֵל (סֵפֶר) 88.

שִׁמְעוֹן 201.

שִׁמְעוֹן 249. 256.

שִׁמְעוֹן בֶּן אָנִיאס הַכֹּהֵן, אָדֶער שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק 111.

שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל 239. 243. 248.

שִׁמְעוֹן בֶּן יְהוּדָה 219.

שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹסֵף 118.

שִׁמְעוֹן בֶּן לֵוִי 243.

שִׁמְעוֹן בֶּן מַתִּתְיָהוּ 129. 134. 142. 145. 150. 151.

שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁאוּל 236.

שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח 163.

שִׁמְעוֹן בַּר גִּיוֹרָא 237. 248.

שִׁמְעוֹן בַּר קַטְלָא 251.

שִׁמְעוֹן דֶער עֶרְשְׁטֶער 204.

שִׁמְעוֹן הַכֹּהֵן דֶער צְווייטֶער 116.

שִׁמְעוֹן הַנָּשִׂיא 150

שִׁמְעוֹן פוּן צִיפֶּערְן 226. 227.

שִׁמְעוֹן קַאנְטְהֶערַאס כֹּהֵן 216.

שִׁמְעוֹן (שֵׁבֶט) 11. 12. 14. 21. 45. 64. 95.

שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא 38. 41.

שְׁמַעְיָה 45.

שְׁמַעְיָה 176. 181. 183.

שְׁמַעְיָה הַנֶּחֱלָמִי 79.

שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר 17.

שֵׂעִיר (בַּארְג) 55.

שְׁפָן הַסּוֹפֵר 71.
שַׂרְאֶצֶר 60.
שָׁרוֹן 12.
שְׂרָיָה 82.

ת

תָּבוֹר 10. 11. 246.
תִּבְנִי בֶּן גִּינַת 46.
תִּגְלַת פִּלְאֶסֶר 62.
תּוּדוּם 175.
תַּחְפַּנְחֵס 85.
תֵּל אָבִיב 79.
תַּלְמַי 36.
תַּלְמִידֵי חֲכָמִים 105.
תָּמְנָה 181.
תָּמָר 36.
תִּפְסַח 59.
תָּפְתִּי 253.
תְּקוֹעַ (שְׁטָאדְט) 36. 58.
תַּקָּנַת הַסּוֹפְרִים 105.
תִּרְהָקָה 65.
תְּרֵי עָשָׂר 106.
תְּרָפִים 15.
תִּרְצָה 46. 59.
תַּרְתָּן 66.
תִּשְׁעָה בְּאָב 88.